STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04475

HELDN

H. M. Fligelman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04475-X

D:\YIDDISH\TITLES\9780657044756T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ח. מ. פליגעלמאַן

העלדן

היסטאָרישער ראָמאַן

פון דער חשמונאים-עפּאָכע

CH. M. FLIGIELMAN

BOHATEROWIE

Powieść historyczna epoki Makabeuszów

הקדמה

האָרט ביים ברעג פון ים-הגדול (מיטלענדישער מעער), פערשפרייט זיך אַ שמאָלער פאַס זאַמדיגע בערג, וועלכער ציהט זיך ווייט, ווייט, ביז צום געגענד פון צור, נאָר די שווימענדע כוואַליעס פון ים שפּילען זיך אויפ'ן זאַמד, און פון צייט צו צייט ווען דאָס וואַסער טרעט אָב (עבבע) ווערט ענטבלויזט אַ גרעסערער פאַס זאַמד, נור אַ פייכטער, מיט פערשיעדענע מושלען, די שפּורען וואָס דער ים לאָזט איבער.

דאָס גאַנצע געגענד ביים ברעג איז כמעט וויסט, נור מאַנכע מאָל שווימט אַדורך אויפ'ן ים אַ שיפעל פון אַ פישער, אָדער אַ קליינע גרופּע פישער בעזעצען זיך אויף אַ ווייל‍ע אויפ'ן ברעג צו פעררייכטען זייערע נעטצען, אָדער צוצוגרייטען זייער אָרימע מאָלצייט און נאָכהער ווערט ווידער שטיל. נור עס הערט זיך אויפ'ן ברעג דאָס גערויש פון די כוואַליעס, אָדער די געשרייען פון די וואַסער־פויגעל וועלכע נישטערען מיט די שנאָבלען און נאָרען אין נאַסען זאַמד.

אָבער באַלד נאָכ'ן זאַמד צו כּזרח זייט, ענטפּלעקט זיך אַ פּראַכט־שענע געגענד, פרוכטבאַרע פעלדער מיט שענע גערט־נער, פלייסיג בעאַרבייט; נאָך אַביסעל ווייטער, צו צפון־זייט, ווייזען זיך שוין די בערג פון נפתלי בעדעקט מיט אַ גרינקייט פון וועלדער, מיט כל־ערליי בלעטער-בוימער, אָנהויבענדיג פון די ווייסע ברושאזעס מיט דעמבעס פון די צפון בעגענד, ביז

די פרעכטיגע פאַלמען־בוימער פון דרום; אַלעס האַרמאָנירט מיט פערשידענאַרטיגע גרינקייט. טונקעל גרין, העל גרין, נאָך העלער, און די גליהענדע שטראַהלען פון דער ארץ־ישראל זון, שפּילען זיך אין דער פּאַנאָראַמע פון גרינס, וואו די קאָלירען בייטען זיך וואונדערליך מיט זייער גרינקייט, נאָכ׳ן בלאָזען פון לייכטען פרילינגס ווינטעל.

אָט ערשיינט אויפ׳ן ערשטען פּלאַן באַלד נישט ווייט פון ברעג ים דער לעגענדאַרישער באַרג כרמל, בעוואַקסען מיט גרינס פון אונטען ביז אַרויף צום העכסטען שפּיץ; אַ פערשידען גריגקייט שלאָגט אָב אויפ׳ן האָריזאָנט מיט אַ מילדען קאָנטראַסט פון טונקעל־בלויען ים, מיט׳ן העל־בלויען שאַפּירענעם הימעל, מיט די ווייסע וואָלקענדלעך וועלכע שווימען ווי מעוועו אויפ׳ן אויסגעלייטערטען האָריזאָנט.

פון דרום־זייט באַרג כרמל אין טהאָל, פערשפּרייטען זיך ווי ווייט דאָס אויג קאָן דערזעהען, פערזייעטע פעלדער מיט תבואות. האַרט נעבען באַרג כרמל זעהט מען גרופּעס בוימער, פון צווישען וועלכע שיסען אַרויס אין דער הויך שלאַנקע טייטעל פּאַלמען, אָדער הויכע ציפּרעסען; און קליינע געמויערטע הייזלעך וויסען זיך אַרויס פון צווישען די גערטנער מיט די גרינע פעלדער, ווי ווייסע פלעקען אויף אַ גרין געוועבטען דיוואַן. דאָס איז דאָס דאָרף גפנים, וועלכעס שמ׳ט אין לאַנד יהודה מיט זיינע גוטע וויינען, און שענע, שטאַרקע העלדישע זוהן מיט רייצענדע טעכטער.

הינטערן דאָרף נעבען באַרג, ציהען זיך פרוכטענגערטנער מיט וויינגערטנער, ווייטער באַרג־אַרויף ביים שפּיץ, אַ וואַלד מיט אַ פערשידענע קאָלעקציע בוימער מיט גרינס, וועלכעס שלאָגט אָב וואונדערליך אויפ׳ן בלויען פּאָן פון ים, און דעם לויטערען האָריזאָנט פון לאַנד יהודה.

מען בעדאַרף וויסען, אַז דאָס לאַנד יהודה, ווי אויך גאַנץ ארץ־ישראל פון יענע צייטען, שוין העכער צוויי טויזענד יאָהר, איז גאָרנישט געוועזען דאָס זעלבע איצטיגע פּאַלעסטינע; מען בעדאַרף נישט פערגעסען וואָס דאָס לאַנד האָט איבער־

געלעבט פון יעגע צייטען אָן, וויפיעל מאָל ס'איז אַדורכגעגאַנגען אין פערשיעדענע פעריאָדען פון האַנד צו האַנד, באַלד פון נירון, אַספּסינוס און טיטוס; און די פערשיעדענע בירגער-קריגערייען צווישען די יודישע כּתות זעלבסט, און אַנדערע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אַרומרייסענישען. יעדער האָט אַלץ געזוכט דעם פּראָטעקטאָראַט פון מעכטיגען רוים, און די רוימישע לעגיאָנען וועלכע פלעגען קומען מיט'ן אויסרייד צו מאַכען אָרדנונג צווישען די „באַרבאַרישע" העברעער, האָבען נור פערניכטעט דאָס בליענדע לאַנד, צערשטערט און געראויבט וואָס ס'האָט ויך נאָר געלאָזט. ווייטער די גרויסע בלוטיגע מלחמות אין דער צייט פון חורבן ירושלים, אין וועלכע די העברעאישע העלדען האָבען זיך מוטהיג פערטיידיגט מיט עכט מסירת־נפש, וועלכעס האָט כּמעט נישט קיין גלייכען אין דער היסטאָריע; זיי האָבען געקעמפּפט מיט די אייזערנע רוימישע לעגיאָנען ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט, און ווי צערייצטע לייבען האָבען זיי פערטיידיגט זייער פרעכטיג געליעבט פאָטערלאַנד, „ארץ זבת חלב ודבש", דאָס לאַנד וואָס פלעגט פליסען מילך מיט האָניג, ווי אויך זייער פרייהייט און זייער נאַציאָנאַלע עטיק און קולטור.

אָבער דאָס מעכטיגע רוים, דער „צערשטערענדער האַמער פון דער וועלט" האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצע טיראַנישע מאַכט, מיט זיינע טייוולאָנישע צערשטערענדע טעכניק, ביז דער ברוטאַלער כּח האָט גובר געווען דעם גייסטיגען העלדענמוטה, און נאָכ'ן פאַלען ירושלים מיט'ן בעליבטען בית־המקדש, נאָכ'ן חורבן פון יודישען גייסטיגען און פּאָליטישען צענטער האָבען די טיראַנישע רוימער גענומען נקמה פון די „באַרבאַרען" פאַר זייערע גרויסע קרבנות אין די בלוטיגע שלאַכטען, און האָבען וואָס נור ס'איז מעגליך געווען צערשטערט, פערניכטעט און בערויבט. די פרעכטיגע פּרדסים מיט די ווייגגערטנער צערשטערט, די פרוכטבאַרע פעלדער פערוויסט, די וועלדער אויסגעהאַקט, די שטעדט מיט די דערפער פערברענט, די פרומע צניעות'דיגע איינוואוינער, זייערע הייליגקייטען פערשוועכט, זייער כּבוד

געשענדט: און די וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו געפֿונען זייערע קברים אוגטער די חורבות פֿון דער הייס־געליבטער היים, האָט מען שענדליך פֿערטריבן און פֿערקויפֿט אין קנעכטשאַפֿט; מאַנכע וועלכע האַבען געהאַט די מעגליכקייט, זענען אַנטלאָפֿען וואו איינער האָט געקענט פֿון דעם פֿערשאָלטענעם לאַנד, אויף וועלכען גאָט׳ס צאָרן איז אויסגעגאָסען געוואָרען!

דער קליינער טייל איינוואוינער וואָס איז פֿערבליבען צווישען די בערג און אין די וויסטענישען, האָבען שוין נישט געהאַט דעם מוטה צוריק עפּעס אויפֿצובויען אָדער צו פֿלאַנצען, וואָרום אַלע כחות־הנפֿש זענען געוואָרען קאָנצענטרירט נור אין גייסטיג־רעליגיעזען זין, אַרום יבנה מיט איהרע איבערגעבליבענע תלמודי־חכמים. שפּעטער וואָס עס האָט נאָך עפּעס צוריקגעוואָקסען אויף דער פֿרוכטבאַרער ערד, איז געוואָרען פֿערניכטעט אין די פֿערשידענע אויפֿשטאַנדען, ווי אין די צייטען פֿון בר־כּוכבא א, ד. ג,

ווידער אין די שפּעטערע יאָהרען, די מאַהאָמעדאַנישע מלחמות זענען אויך אַריבער איבערן לאַנר ווי אַ צערשטערענדער הוראַגאַן, מיט פֿייער און שווערד האָט מען דווקא געוואָלט איינפֿלאַנצען דעם מאַהאָמעד׳ס הויכע הימלישע אידעען אין די הערצער פֿון די „אונגלויביגע”; נאַכהער ווידער די אייראָפּעאישע קרייץ־צוגען. יעדער פֿון די הייליגע קעמפֿער לשם־מצוה, האָבען נישט איינגעזעהן עפּעס צו בויען, צו פֿלאַנצען, וואָרום ווער קען האָבען אין זינען גראָבע מגושמ׳דיגע אַרבייט, ביי הימלישע אידעען פֿון תיקון־הנשמות.,. מ׳האָט נור אַלץ געברענט, געהאַקט און פֿערניכטעט. אויך די טטיכישע קראַפֿט, פֿערשידענע ערד־ציטערנישען וועלכע דאָס לאַנד האָט איבערגעטראָגען אין פֿערשידענע עפּאָכען, האָט איבערגעדרעהט די ערד, צערשמעטערט די בערגער, און האָט שוין צו דער רעשט געלעגט איהר שטעמפּעל פֿון פֿערניכטונג אויף דער פֿון גאָט פֿערשאָלטענער ערד.

דער האַלב־ווילדער בעדואינער פֿון די נאָהנטע זאַמדיגע וויסטעס פֿון אַראַביען, געפֿינענדיג צווישען די פּוסטע בערג

אַ גינסטיגען פלאַץ פאַר זיין ווילד אַרט לעבען, האָט זיך פון אור־אַלטע צייטען ביסלעכווייז פערקליבען אַהער מיט זיינע סטאַדעס קעמלען, און געצעלטען, און דורך פיעל דורות זיך אַרומגעבלאָנקעט מיט די סטאַדעס פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען; און אין איין־וועגס אויסגעהאַקט די בוימער, צונומען די איבערגעבליבענע מויערען פון די אַלטע חורבות פאַר זיין געברויך. מאַנכע האָבען זיך זאָגאַר בעזעצט, צוזאַמענגעקליבען פון די חורבות שטיינער מיט ציגעל און מיט ליים צוזאַמענגעקלעבט אָרימע הייזלעך אין די זייטען פון די בערג ווי שוואַלבען־נעסטען; און אַזוי האָבען זיך געבילדעט די אַראַבישע דערפלעך, מען פערנעמט זיך אויך כלומר׳שט מיט פעלד־אַרבייט, אָבער אַלעס אויפ׳ן פרימיטיווען אופן, אָהן פלייס, אָהן איבערגעבענהייט, אַזוי ווי ס׳האָבען געלעבט זייערע זיידעס אין די אַראַבישע וויסטעס, און ווי ס׳לעבען דער רוב אונקולטורעלע וואַנדער־פעלקער אין אַזיע.

די צייט האָט פערענדיגט די רעשט וויסטקייט. די רעגענס האָבען אָבגעשווענקט און די ווינדען האָבען צערשפרייט די רעשט פלאַנצען מיט געוויקסען פון די בערג; נור די ווינדען בּרויזען און הוליען אַרום אין די פוסטע געגענד אין די צייטען פון די טריבע רעגען־טעג.

אַזוי אַרום איז געוואָרען פערוואַנדעלט דאָס אַמאָל בליהענדע ארץ-ישראל אין איצטיגען צושטאַנד; פערוויסט זענען געוואָרען די פרוכטבאַרע פעלדער און גערטנער פון גליל, אויסגעהאַקט זענען געוואָרען די קאָלאָסאַלע צעדער פון לבנון, פערניכטעט זענען די מעכטיגע דעמבעס פון בשן, צערשטערט זענען געוואָרען די מויערן פון די אַמאָליגע פעסטונגען, שטעדט, און דערפער, נור ערגעץ וואו אַנ׳איבערגעבליבענע אַלטע מויער שטעהט פער׳חושכ׳ט—אַ שטומער עדות פון אַמאָליגער גרויסקייט און פראַכט.

און דער ירדן מיט זיין ריין וואַסער, שלענגעלט זיך צווישען די בערג און די זומפען ווי אַ בלוי׳ליכע סטענגע, און זיינע חוואַליעס רוישען מאָנאָטאָן און טרויריג, גלייך זיי וואָל־

טען זיך גע׳סוד׳עט און דערצעהלט די אַלע געשעהענישען וואָס איבערן לאַנד זענען אַדורכגעגאנגען !..

די צייט פון אונזער ערצעהלונג איז צוויי הונדערט אַכט-אונדרייסיג יאָהר פאַר חורבן ירושלים דורך טיטוס ן אָדער 168 יאָהר פאַר דער איצטיגער צייט-רעכנונג, — די צייט פון אָנהויב אויפשטאַנד פון די העלדישע חשמונאים קעגען די יונים, — ביז צוויי הונדערט פינפאונדרייסיג יאָהר פאַרן חורבן, ווען דאָס פעראומ־רייניגטע בית־המקדש דורך די גריכען, און דעם פאַלשען כהן־גדול מענעלאַאוס, איז געוואָרען צוריק געבראַכט אין אָרדנונג, וועלכעס מען רופט נס־חנוכה. ווען אלעקסאַנדער פון מוקדון אָדער ווי די וועלט האָט אים גערופען אלעקסאנדער דער גרויסער, איז עדשינען אין אַזיען אָן דער שפּיץ פון זיין זיעגעריישען מיליטער האָט אויך דאָס פאָלק יהודה איהם אויפגענומען מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס, מען האָט זאָגאַר אַלע קינדער אין יהודה, וועלכע זענען געבוירען געוואָרען אין דעמזועלבען יאָהר גערופען מיט׳ן נאָמען אלעקסנדער, אַלס עהרענצייכען און דאַנקבאַרקייט פאַר דעם גרויסען זיגער; און ווירקליך האָבען די העברעער פון אַלעקסאנדערן קיין גרויסען שאָדען נישט געהאַט. נאָכמעהר: ער האָט בעשאָנקען דאָס בית־המקדש מיט די כהנים און געלעהרטע פון יענע צייטען מיט גרויסע מתנות. דאַס זיגערישע מיליטער האָט ווייטער אַדורכמאַרשירט קיין פּרס, דער פאַקטישער הערשער אין יהודה איז ווייטער געבליבען דער כהן־גדול, און די העברעער האָבען נאָך פון די גריכען פיעל גענאָסען. זיי האָבען זיך בעקענט מיט דער אַלט-גריכישער פילאָזאָפיע און קולטור, דאָס אַקערבוי האָט זיך אין לאַנד פיעל פערבעסערט אַ דאַנק די גריכישע לעהרע וועגען אַגראָנאָמיע; די העברעער האָבען אויך פיעל געגאָסען, פון קונסט מוזיק און אַרכיטעקטור; אויסער מאַלעריי מיט סקולפּטור, וועלכעס איז געוועזען ביי זיי אבשייליך פון רעליגיעזען שטאַנד־פונקט.

נאָך אלעקסאַנדער׳ס טויט, ווען זיין גרויס קעניגרייך איז

געוואָרען צוטיילט צווישען זיינע פעלד-הערען. האָבען זיך געבילדעט אין אַזיע צוויי גריכישע מלוכות, די סעלעווקידישע מיט דער הויפּט-שטאָדט אַנטיוכיה. און די עגיפּטישע (מצרים) מיט דער הופט-שטאָדט אַלעקסאַנדריע; אַ לאַנגע צייט זענען געפיהרט געוואָרען בלוטיגע מלחמות צווישען די ביידע מלוכות איבער צעלעסיריען, דאָס הייסט סיריען מיט ארץ־ישראל. פון וועלכע ארץ-ישראַל האָט פיעל געליטען; ביז צעלעסיריען איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דער אויבערהאַנד פון עגיפּטען. אונטער דער הערשאַפט פון די עגיפּטישע קעניגען האָט זיך יודען נישט שלעכט געלעבט, זאָגאַר אין די צייטען פון קעניג פטאלאמעאוס (תלמי) דעם פינפטען האָט זיך שוין געפינען אין אַלעקסאַנדריע ווי אויך אין אַנדערע עגיפּטישע שטעדט, בעדייטענדע יודישע ישובים, וועלכע האָבען זיך פון צייט צו צייט אַלץ מעהר ענטוויקעלט.

איבער דער גאַנצער צייט פון כהן־גדול שמעון הצדיק, ווי אויך נאָכהער אין די צייטען פון קעניג׳ס אַרענדאַטאָר יוסף בר טוביה, האָט דאָס לאַנד יהודה אויפגעבליהט, דער אַקערבוי האָט זיך פיעל פערבעסערט, דער האַנדעל האָט זיך אויך פערשטאַרקט מיט די שכנ׳ישע לענדער; נור שפּעטער, אין די צייטען פון סעלעווקידישען קעניג אַנטיוכוס דעם גרויסען, אַז צעלעסיריען איז איבערגעגאַנגען אונטערן הערשאַפט פון די סעלעווקידישע מלכים, איז די אינערליכע לאַגע אין לאַנד יהודה געוואָרען פיעל פערערגערט, די גריכישע גובערנאַטאָרען האָבען אָנגעפאַנגען מיט געוואַלד אָנצעוואַרפען אין יהודה די גריכישע רעליגיע מיט די גריכישע זיטען, ווי מען האָט עס און יענע צייטען גערופען מיט׳ן נאָמען „העלעניזם״. אונטער די מאַסקע פון „העלעניזם״ און די גריכישע ציוויליזאַציע, איז געוואָרען אָבגעטהון אין יהודה כלערליי מעשי־תעתועים, וואַקכאַנאַליעס מיט אויסגעלאַסענהייטען, צו וועלכע די גייסטיגע און זיטליכע העברעער זענען גאָרנישט געוואוינט געוועזען פון דור דורות; און אַגב האָבען די גריכישע גובערנאַטאָרען מיט זייערע בעאַמטע געצויגען פון לאַנד מאַטעריעלע נוצען, אויסער וואָס

מ׳האָט אַרויפגעלעגט אויפ׳ן לאַנד אונגעהויערע שטייערן מיט פערשידענע קאָנפיסקאַציעס, מען האָט פשוט געפּלינדערט און גערויבט אונטער פערשידענע אויסריידען. אַזוי ווי עס פיהרט זיך ביי אַלע אָקופּאַציעס צו יעדער צייט.

ביסלעכווייז איז דער „העלעניזם" אַריינגעדרינגען אין לעבען, און האָט געבילדעט אַ בעזונדערע כתה מיט׳ן נאָמען „העלעניסטען", צו וועלכער ס׳זענען צוגעשטאַנען די אַריסטאָקראַטישע און די רייכע יוגענד. מ׳האָט אַוועקגעוואָרפען די יודישע תורה מיט׳ן פלאַמענדיגען מוסר פון די נביאים, און מ׳האָט נור עוסק געווען אין די גריכישע שירים פון האָמער, און אין די פילאָזאָפיעס פון סאָקראַטעס. עפיקורוס, א. ד. ג. אָנשטאָט עולה רגל זיין קיין ירושלים און ברענגען קרבנות מיט בכורים אין הייליגען בית-המקדש האָט מען פערברענגט גאַנצע נעכט אין די ימים-טובים פון באַקכוס, אין די טעמפּלען פון די אָפּגעטער דיאַניזאַס און אַפראָדיטא, צוזאַמען מיט די אויסגעלאַסענע וועסטאַלקעס. און אויף די פערווײלונגען האָבען די העברעאישע מאַגנאַטען אויסגעברענגט גאַנצע פערמעגענס.

שפּעטער אין די צייטען פון דעם האַלב-משוגע׳נעם קעניג אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט מען שוין אָנגעפאַנגען דעם „העלעניזם" אָנצוואַרפען דעם גאַנצען פאָלק, און די אכזריות פון די גריכען איז געוואָרען אונערטרעגליך. דער פערוואַלטער אין ירושלים אַפּאָלָניוס הרשע, אויסער וואָס ער האָט פונקטליך ערפולט די אינסטרוקציעס פון אַנטיוכיה, האָט נאָך ער זעלבסט מיט אַ שרעקליך אכזריות געפייניגט און פערפּלאָגט דאָס אויסגעמאַטערטע פאָלק יהודה; ס׳זענען געוואָרען בערויבט די אוצרות פון בית-המקדש, מ׳האָט עפענטליך געשטערט די רעליגיעזע יודישע מנהגים, מ׳האָט אָנגעפאַנגען צו שטעלען אין גאַנצען לאַנד יהודה טעמפּלען מיט מזבחות פאַר די גריכישע געטער צעאוס און אַפראָדיטא, געשאָכטען פאַר זיי קרבנות, געדעמפט מירהע מיט אַנדערע שמעקענדיקע בשמים, און מיט געוואַלד האָט מען גענויט דאָס פאָלק זיך בוקען צו די גריכישע אָפּגעטער.

אויך די ציווילע רעכט אין לאַנד איז געוואָרען ברוטאַל פערגוואַלדיגט, און ס׳זענען געוואָרען אָבגעטהוען פערשידענע רויבערייען מיט רציחות; עס פלעגט טרעפען, אַז מ׳האָט אַוועקגערויבט כלות פון דער חופה, און צוגענומען ווייבער אין די וי[illegible]ען פון די מענער, און ווער ס׳האָט זיך אַנטקעגען געשט ל[illegible] צו שיצען זיין עהרע, איז געוואָרען טיראַניש ערמאָרדעט. אויסער וואָס מ׳האָט גערויבט נאָך אַנדערע זאַכען, ווי צירונג, חפצים, מיט פעלד־פראָדוקטען. מיט איין וואָרט, קיינער איז נישט געווען זיכער מיט זיין אייגענטום,

נאָך אָנפאַנגס האָבען די יודישע חכמים מיט די כהנים געקוקט מיט פעראַכטונג אויף די אַלע גריכישע מנהגים, וועלכע זענען געגען די מצוות פון דער הייליגער תורה; און מיט האַרצווערטאָג און גרויל האָבען זיי צוגעזעהען ווי די יוגענד פערלאָזט די אַלטע הייליגע טראַדיציעס, און מאַלפירען זיך העסליך מיט דער גריכישער קליידונג און זיטען, ווי די יוגענד טרעט אַרויס עפענטליך נאַקעטערהייד אויף די אלימפישע קאַמפפען און פערברענגען מיט די וועסטאַלקעס אין די טעמפלען. ס׳האָט אויפגעהערט דאָס יודישע צניעות און די אמונה, און געוואָרען פערוואַנדעלט אין פריצות מיט אויסגעלאַסענהייט.

די חכמים און די כהנים האָבען זיך נאָך מעהר פערבונדען אין ענגען קרייז געזעצען פון תורת משה, גאָך מיט פיעל מעהר סייגים און גדרים, וועלכע האָבען זיך גערופען „פרושים״ דאָס הייסט זייטליך איינגעהאַלטענע; און מיט אַלע מעגליכקייטען האָבען זיי ענערגיש געקעמפפט מיט׳ן „העלעניזם״. אויף אַלע פערזאַמלונגען און רגלים, פלעגען זיי אַרויסטרעטען מיט פלאַם־פייערדיגע דרשות, וועלכע האָבען געוועקט דאָס פאָלק צו נאַציאָנאַלע איינהייט, צו היטען שטרענג די געזעצען פון תורת משה, און צו האָפען אויף אַ בעסערע פרייע צוקונפט.

דער מיטעלשטאַנד מיט׳ן המון, אַממעהרסטען פון אַלטען דור, האָבען אויך געקוקט אויף די נייע דרכים און די פרעמדע התנהגות מיט אַ וועהטאָג אין האַרץ; אָבער מ׳האָט אַלץ געשוויגען מפני דרכי שלום, זיי האָבען מיט געדולד געטראָגען

דעם שווערען לאַסט פון די שטייערען אַלץ צוליעב שלום. שפּעטער אָבער, אַז ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען רויבערייען, רציחות, מיט די רעליגיעזע רדיפות אויף יעדען טריט, האָט שוין געפּלאַצט דאָס געדולד אפילו פון דעם פריעדליכען פאָלק ישראל, וואָס שלום איז זייער אידעאַל, און ביי יעדע תפלה איז דער הויפּט־מאָטיוו ברכה מיט שלום. מ׳האָט שוין אויך אָנגעהויבען צו רעדען פון אַ אויפשטאַנד, און נאָך יעדע גרעסערע עולה מצד די גריכען, האָבען זיך שוין געהערט צווישען פאָלק קולות: נקמה־ נקמה! מות ליונים; (אַ טויט אויף די גריכען) און דער קריגערישער גייסט פון פאָלק האָט זיך צעוואַקסען, און געוואָרען וואָס אַמאָל שטאַרקער; ס׳האָט נור געפעהלט דער דרייסטער אָנפיהרער, דער ערשטער העלד וואָס זאָל זיך דערוועגען אַראָבוואַרפען דעם טיראַנישען יאָך, דער ערשטער וואָס זאָל איבעררייסען די קייטען פון קנעכטשאַפט, אַז אין גאַנצען פאָלק זאָל אויסברעכען ווי אַ סטיכישע קראַפט, דער פערצייטישער העלדענגייסט פון שמשון-הגבור, שאול המלך, דוד בן ישי, יואב בן צריה!...

אין אַזאַ צושטאַנד געפינט זיך דאָס לאַנד יהודה, אין דער צייט פון דער דאָזיגער ערצעהלונג.

ערשטער טייל

דאָרט, וואו עס ענדיגען זיך די בערג נפתלי אין גליל־
זתחתון, נישט ווייט פון טייך קישון צו מעריב זייט; די זון
איז ערשט נישט לאַנג וואָס אויפגעגאַנגען אויפ׳ן ראָזע־בלויען
אויסגעלייטערטען האָריזאָנט און מיט גאַנצע סנאָפּעס גאָלדענע
שטראַהלען האָט זי בעשיט די גאַנצע אומגעגענד, וועלכעס איז
נור מעגליך צו זעהען מיט׳ן גאַנצען רייץ אין די דרום לענ־
דער. פון די בערג, ווייט, ווייט, הויבען זיך לייכטע נעפּלען
און מאַנכע פון זיי זענען נאָך פערהילט ווי מיט אַ לייכטען דורכ־
זיכטיגען שלייער. אויף די געוויקסען און די פעלד־בלומען ליגט
נאָך דער טוי פון ביינאַכט, וועלכער פינקעלט אויף די פעלדער
אַנטקעגען דער לויטערער זון מיט כלערליי קאָלירען, ווי אויס־
געזעצט מיט מיליאָנען טייערע שטיינער; אויך פון די בוימער
שיטען זיך די דיקע טראָפּען טוי, וועלכע פאַלען אויפ׳ן פייל־
טען גראָז ווי די גרויסע פּערעל פון הודו.

די לופט איז קיהל, שמעקט מחיה׳דיג, און אַ פער׳כשופ־
טע שטילקייט הערשט אַרום און אַרום, נור די פויגעל שפּרינ־
גען אַרום אויף די בוימער און די פעלדער, און פולען אָן די
לופט מיט פערשידענע זיסע קולות און מעלאָדיען. פון צווישען
די בוימער פון די דערבייאיגע וועלדלעך הערען זיך די וואונ־
דערליכע טענער פון די טערקעלטויב, וועלכע פערבעהאַלטענדיג
זיך ערגיץ צווישען די צווייגען, גאָרגעלט מיט איהרע שענע
טרעלען אופ׳ן גאַנצען קול, גלייך זי וואָלט דווקא געוואָלט
פערכאַפּען דעם ערשטען פּריז אויפ׳ן קאָנקורס פון די וואַלד
זינגער.

אויף דעם שטעגעל וואָס דרעהט זיך אין די טאָלען צווישען די בערג צו מעריב זייט, שוין נענטער צום באַרג כרמל בעווייזען זיך צוויי רייטער וועלכע רייטען לאַנגזאַם און מיט מיה האַלטען זיי איין יעדעס מאָל די שענע אויסגערוהטע פערד, וועלכע רייסען זיך צום לויפען אונטערטאַנצענדיג גראַציעז; נור ווען זיי דערשפירען די מעכטיגע הענד פון זייערע בעלי־בתים, בויגען זיי אויס די בע׳חנ׳טע העלזער ווי אַ בויגען, הויבען די געטאָקטע פיסלעך אין דער הויך און קלאַפּען מיט די קאָפּיטעס אויפ׳ן פייכטען גראָז. הינטער זיי איילט נאָך אַ קעמעל בעלאָדענט מיט פערשידענע פעקלעך, שטעלט האַסטיג די קרומע פוס און סאַפּעט משונהדיג, ס׳איז אים, ווייזט אויס, שווער נאָכצולויפען די לייכטע טאַנצענדיגע פערד. אויפ׳ן גאָרב פון קעמעל הוידעט זיך אין זאָטעל אַ שוואַרצער בעדואינער פון אַ יאָהר צוואָנציג, מיט אַפּאָר שוואַרצע ווילדע אויגען, איינגעהילט אין אַ דערע מיט שוואַרצע פּאַסען, וועלכע יאָגט אונטער יעדעס מאָל דאָס קעמעל מיט אַ לאַנגען דינעם שטעקען.

די רייטער געהען געקליידעט ווי וועגס־מענשען, איינגעהילט אין לייווענטענע מאַנטלען, אויף די קעפּ ווייסע קאַפּעס צו שיצען זיך פון דער ברענענדיגער זון, אַלץ אויף זיי איז פערשטויבט פון וועג. פון ערשטען בליק שיינט, אַז דאָס זענען וואַנדערנדע סוחרים מיט די פּעק סחורות אויף דעם קעמעל. אָבער אַז מען קוקט זיך גוט צו זעהט מען, אַז דאָס זענען מיליטער לייט, ווייל זיי טראָגען געוועהר. ביי די זייטען קורצע שווערדלעך, אויף די פּלייצעס בויגענס מיט לעדערנע טאָרבעס פיילען, וועלכעס פלעגט זיך רופען ביי די העברעער „אַשפּה“. דער ערשטער זעהט אויס אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג אַ הויכער, פעסטגעבויט, מיט אַנ׳עדעל שען אַריסטאָקראַטיש פּנים, שוואַרצע לאָקען ווי סאַמעט ווייזען זיך אַפּער פון אונטער דער פערשטויבטער קאַפּע, זיינע פייערדיגע שוואַרצע אויגען וואַרפען מורא׳דיגע בליקען אויף דער אומגעגענד, און דאָס שוואַרצע פערד ווי טינט מיט די לאַנגע שוואַרצע גרזשיווע, האַרמאָנירען פּאָלקאָם מיטן רייטער. אָבער עס וואַרפט עפּעס אַנ׳אימה אויפ׳ן צושויער.

דער צווייטער אַביסעל נידריגער, שוין אַ מענש פון אַ יאָהר עטליכע פערציג, מיט אַ ברייטע מאַיסטעטישע שוואַרצע באָרד, אין וועלכער עס ווייזען זיך שוין זילבערנע פעדעס, אויך מיט ברייטע פלייצעס און פעסטע הענד, אָבער זיין ברייטער ווייסער געקנייטשטער שטערן, מיטן עדעלען שיינענדיגען פנים, זענען אין געגענזאַץ צו זיין סוחרישע פראָפעסיע. ער זיצט ברייט צוזעצט אויפ'ן זאָטעל, די רעכטע האַנד אונטערגעלעהנט די זייט, און מיט דער לינקער האַלט ער פעסט די לייטשעס, איינהאַלטענדיג דאָס גניאַדע הויכע פערד ווי אַ געניטער רייטער.

און אַזוי רייטען זיי שטילשווייגענדיג אין דעם פרעכטיגען פרימאָרגען צו דער זייט פון ים, וואָס אַמאָל נענטער צום באַרג כרמל. נור פון צייט צו צייט וואַרפען זיי נייגיריקע בליקען אויף דער אומגעגענד, ווי זיי וואָלטען עפעס געזוכט, אָדער זיך געהיטען פון אַנ'אָנפאַל; יעדענפאַלס זעהט מען, אַז זיי וויילען אויסמיידען דאָס טרעפען זיך מיט פרעמדע מענשען.

אַ ווײַלע רייטען זיי שווייגעדיג, נאָכדעם רופט זיך אָן דער יונגערער צום עלטערען:

—אַנטיגנוס בן עזרי', וואָס ביזטו עפעס היינט אַזוי שווייגענדיג? ס'איז דאָך נישט דיין טבע; דו האָסט זיך געוויס פערגאַפט אויף דער שענער געגענד, ביזט געוואָרען פער'כשפ'ט פון רייצענדען פריילינגס-פרימאָרגען? איך רעכען, אַז דו האָסט זיך זיכער דערמאָנט אָן די פאָעטישע שטעלען פון האָמער'ס איליאַדא, וועלכע האָסט געלערנט אין אַטהען.

—אָבער כ'בעט דיך, יהודה בן מתתיהו, זאָלסט מיך נישט קאָמפראָמיטירען מיט אַטהען, דו זעלבסט האָסט אויך געלערנט גריכיש, און רעדסט זאָגאַר גוט אין דער שפראַך; דאַגעגען איך, פערשטיי אַז ווען מען וויל דעם שונא בעזיגען, בעדאַרף מען דעמאָלט קענען גוט זיין שפראַך, זיינע זיטען...

—אַ שפאַס אָן אַ זייט — ענטפערט יהודה מיט אַ ליבליכען שמייכעל – ס'איז מיר שוין לאַנגווייליג צו רייטען אַזוי פערמאַסקירט ווי די שרעקענדיגע גנבים, איך וואָלס שוין גערן עפעס געטהון...

—געדולד, מיין זוהן — ענטפערט אנטיגנוס, און דערלאנגט זיין קאמעראד א קלאפ איבער דער פלייצע — דו פערמאגסט צו פיעל הייס בלוט; דו אליין וועסט גארנישט מאכען, אפילו נאך צעהן, נאך הונדערט אזעלכע ווי דו, הייסע מענשעלעך. מען מוז צוגרייטען א באדען אונטער די פיס, דאס גאנצע פאלק דארף זיין צוגעגרייט.

—ווי אזוי־זשע וועט קומען די געוואונשענע צייט?

—די צייט איז שוין נאהנט — ציהט אנטיגנוס ווייטער מיט זיין קלינגענדיגע שטימע — אנטיוכוס הרשע, וועלכער קען זיך אלץ נישט אנזעטען מיט מענשען־בלוט, פירט איצט ווידער א מלחמה מיטן קעניג פילאמעטער פון אלעקסאנדריען. און ווי עס שיינט וועט רוים זיכער נישט לאזען וואקסען אזוי גרויס דעם ווילדען טיגער, און וועט קומען צו הילף עגיפטען; אז אנטיוכוס וועט דארט האבען די מפלה, דאמאלס בעדארפען מיר זיך צו־נויפנעמען מיט אלע קרעפטען און אראבווארפען דעם טיראנישען יאך פון האלז. בעדארפסט וויסען, יהודה, אז דער „ועד הראשי" (הויפט־ראט) אין ירושלים, מיט דעם גרויסען חכם אן דער שפיץ יוסי בן יועזר פון צרידה, טהוען אלע מעגליכקייטען צו ראטעווען דאס אונטערדריקטע פאלק; איצט ווידער דיין געער־טער פאטער מיט דער גאנצער משפחה חשמונאים זיצען אויך נישט מיט פערלעגטע הענד אין דעם שטעדטעל מודעים. אויף דעם טאקי האבען זיי אונז ארויסגעשיקט מ'זאל וועקען די פערשלאפענע, פער'יאוש'טע הערצער. ווען דאס גאנצע פאלק זאל נור מיט אונז מיטהאלטען, וועט מ,ט דער הילף פון דעם גאט צבאות זיכער בעפרייט ווערען אונזער געליבט לאנד, און גאט'ס היכל וועט ווערען צוריקגעשטעלט צו זיין אמאליגער גרויסקייט און פראכט!

—ווען וועט שוין דאס זיין?

—זיי געדולדיג, מיין זוהן, דער אלמעכטיגער וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, און בבל, וועט אונז דא אויך זיין בייהילפיג מיט זיין שטארקער האנד; אבער מיר מוזען זיך צו־

גרייטען על פּי דרך הטבע, וואָרום דער שונא איז גענוג מעכטיג און כּיטרע.

זיי רייטען אַזוי אַ ווײַלע ווידער פערטיעפט אין די געדאַנקען, אָבער דער עלטערער, אַנטיגנוס, קוקט זיך אַרום אויף דער געגענד מיט זיינע גרויסע קלוגע אויגען, און רופט זיך ווייטער אָן:

—ווייסט, יהודה, אַז דאָ, נעענטער פון ים דאַרף מען זיין מעהר פאָרזיכטיג, וואָרום אויף דער צווייטער זייט כּרמל ביים פּאָרט, שטעהן זיי אָפּט, די שאַקאַלען מיט זייערע שיפען, אויף וועלכע מען פירט אַרויס די אָנגערויבטע חפצים מיט געפאַנגענע מענשען קיין אַנטיוכיה, דאָ קען מען זיך לייכט אָנשטויסען אויף אַ גרופּע פון די רשעים. יעדענפאַלס וואָלט איך גערן זיך נישט טרעפען מיט די כּיטרע פוקסען, איך קען זיי גוט...

—אַך. דאָס האַרץ פּלאַצט פון פערדרוס! — רופט אויס יהודה מיט היץ — אַז מען דערמאָנט זיך די רויבערייען מיט די רציחות וואָס ווערען בעגאַנגען דורך די רשעים אויף דעם אויסגעמאַטערטען פאָלק. ווי אויך די שענדליכע מעשים פון אונזערע אייגענע פעררעטער די העלעניסטען, און עס נעמט אַזש אָן אַ גרויל; דער פאַלשער כּהן־גדול מענעלעאוס מיט זיין סוויטע, פערשוועכען און בערויבען אונזער נאַציאָנאַל הייליגטום, און העלפען צו די טיראַנען אין זייער שענדליכען אונטערדריקונג. אַך גאָט! שטראָף אונז נישט אַזוי שרעקליך מיט דיין גרימצאָרן!

ביי די דאָזיגע ווערטער האָבען זיינע שוואַרצע אויגען אַ בליץ געטהוען מיט אַ מורא׳דיג פייער.

—דיינע גערעכטע ווערטער, יהודה, פיהלט יעדער עהרליכער זוהן פון אונזער לאַנד. אָבער איך זאָג דיר דאָס צווייטע מאָל: געדולד, מ׳קאָן נישט כאַפּען פאַר דער צייט.

אַנטיגנוס האָט זיך אַ דרעה געטהון אויפ׳ן זאָטעל, ווי־ער זיך אַרומגעקוקט אויף דער געגענד און האָט זיך ווייטער אָנגערופען:

—איצט הויבט שוין אָן די זון צו ברענען. עס שיינט צו זיין אַ הייסער טאָג, מ׳דאַרף קלערען ווי זיך ערגעץ אָברו-

הען און פרישטיקען; נישט ווייט פון דאַנען אין טהאָל ביים באַרג כרמל געפינט זיך דאָס דאָרף גפנים, דאָרט וואוינט מיינעד אַ ידיד פון די יונגע יאָהרען אַ געוויסער ינאי בן אלעקסאַנדער, וועלען מיר זיך ביי אים אָברוהען, און מיטאָגס-צייט וועלען מיר זיך אַריבערכאַפען צום ברעג ים; וואָרום זאָגאַר ווען די יונים געפינען זיך ערגעץ נאָהנט, וועלען זיי אויך איבער דער מיטאָגדיגער היץ רוהען אין די געצעלטען, דער אַלטער ים-פישער אלעזר וועט געוויס אונז דאָרט אָבוואַרטען, ער בעדאַרף אונז ברענגען ידיעות פון גאַנצען ברעג ים, אויב די יונגע פישערס זענען שוין צוגעגרייט; מ'דאַרף וויסען אַז די פישערס זענען אַ גרויסע קראַפט; בראַווע יונגען, די שטורמדיגע כוואַליעס פון ים האָבע זיי אויסגעלערנט נישט זיך צו שרעקען. אגב וועט אונז אלעזר אינפאָרמירען אין וואָסערע פאָזיציעס די יונים געפינען זיך אין דעם געגענד פון ים, ס'איז אַלץ וויכטיג צו וויסען.

—נו, טהו אנטיגנוס ווי דו פערשטעהסט. האָסט פיעל געלערנט, פיעל געררייזט; נישט "בחנם האָט מיין פאָטער מיר אָנגעזאָגט איך זאָל דיר זיין געהאָרכזאַם אויף יעדען טריט. ער קען ווירקליך דיין חכמה.

זיי זענען אַזוי געריטען אויף דעם געדרעהטען שטעגעל צווישען די בערג. עס בעווייזט זיך שוין דער גריגער באַרג כרמל; די זון איז אויפגעגאַנגען העכר אויפ'ן הימעל און וואַרימט מיט איהרע גליהענדע שטראַהלען. זאָגאַר די טענער פון די פויגעל זענען שוין געוואָרען זעלטענער, נור אַלץ איז איינגעטונקען אין אַ ים פון ליכטיגקייט; די פעלדער, די בוימער, די ווייטע שפיצען בערג. און אַ טונקעל-בלויער הימעל אָהן אַ וואָלקענדיל איז אויסגעשפרייט איבער דער גאַנצער נאַטור.

—בעל-הבית, בעל-הבית! — דערהערט זיך פון אונטען דאָס קול פון דעם בעדואינער פון קעמעל אַראָב — ווען וועלען מיר עסען פרישטיק?

—שווייג, דו נאַדישער פרעסער, — ענטפערט יהודה מיט

אַ געלעכטער. — שוין נישט לאַנג צו וואַרטען וועסטו דיך אָבפרעסען ווי אַנ'אָקס.

—יאָ, אַ נאַרישער פרעסער, כ'בין אַ גוטער נאַר, אַז מיין בויך רוישט עפּעס און צוואָגט ווי די שטורמען אויף די בערג; און מיין גאַרבאַטער חבר האָט זיך אויך שוין גוט פערשוויצט. איר הערט ווי ער סאַפּעט?

—שאַ, שאַ, ליבער שרק, באַלד רייטען מיר צו, צו אַ דאָרף, וועסט דו געזעגענען ווערען.

דער בעדואינער האָט זיך אַ פרעהליכער אַ דרעה געטהוען אויפ'ן קעמעל און אַרויסגעלאָזט אַ הויכען פייף, פון וועלכען דאָס עכאָ האָט נור אָבגעקלונגען צווישען די בערג.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט פון דער זייט פון גפנים, אַ פערצווייפעלט געשריי וואָס רופט נאָך הילף, עפּעס אַ קול פון אַ יונגען מאַן אָדער פרויענצימער, וועלכעס האָט שוידערליך אַדורכגעשניטען די שטילע לופט. יהודה האָט נישט לאַנג געקלערט, אין איין אויגענבליק האָט ער אָבגעדרעהט מיטן פערד צו דער זייט פון געשריי, דאָס שוואַרצע אַראַבישע פערד דערשפירענדיג די לויזע ציגעל מיט די פעסטע שפּאָרען פון זיין בעל־הבית, האָט זיך אינגאַנצען אויסגעצויגען, אויסגעשטרעקט דעם האַלז מיט'ן קאָפּ פאָראויס, אויף וועלכען יהודה האָט זיך אויך אָנגעבויגען און האָט זיך אַ לאָז געטהוען איבער בערג, איבער טאָהלען ווי אַ הוראַגאַן, דער רייטער מיטן פערד האָבען אויסגעזעהען, נישט זיי לויפען, נור זיי שווימען אין דער לופט מיט אַ שנעלקייט פון אַ ווינד; אין עטליכע מינוטען רייטענדיג איבער שטיינער, איבער קושאַקעס, זענען זיי צוגעקומען צו אַ יונג וועלדעל פון איילבירטען מיט פּאַלמען, און פאַר יהודה'ס אויגען האָט זיך בעוויזען פאָלגענדעס בילד; אַ רייך געקליידעטער מאַן מיט אַ זילבערנעם העלם אויפ'ן קאָפּ, אַ צייכען פון אַ העכערען גריכישען מיליטער־מאַן, ראַנגעלט זיך מיט אַ יונג מעדעל, וועלכע האָט זיך אָנגעהאַלטען פעסט ביי זיינע הענד און געשריען מיטן גאַנצען כח אויף הילף. יהודה האָט מיט איין ציה די ציעגעל אָבגעשטעלט דאָס צוקאָכטע פערד, אַז נור אַלע פיער קאָפּיטעס

הבען זיך איינגעגרובען אין דער ערד ביז צו די קנעכלען, און די ברייט געעפענטע נאָזלעכער פון פערד האָבען האַסטיג געאָטעמט, און אַרויסגעלאָזט צוויי קוילען פּאַרע.

אין איין אויגענבליק איז יהודה אַראָבגעשפּרונגען פון פערד, און מיטן ענטבלויזטען צוויישאַרפיגען שווערדעל איז ער ווי אַ טיגער צוגעשפרונגען צום אונבעקאַנטען מאַן; דער מאַן מיט דעם מעדעל זענען ביידע געוואָרען צומישט. דער אונבעקאַנ־טער רייטער איז אויף זיי ראַפּטעם אָנגעלאָפּען ווי ער וואָלט אַראָבגעפאַלען פון הימעל. יהודה האָט אַ דונער געטהון מיט צאָרן:

—שוץ דיך חזיר-קאָפּ, וואָרום איך שטעך אַריין די שווערד אין דיין פרעך האַרץ. ווי וואַגסט דו דיך צו וואַרפען אויף אַן אונשולדיג קינד?!

איבער דער צייט איז אַנטיגנוס אויך אָנגעלאָפען אויף זיין פערד, מיט איין אויגענבליק האָט ער אַרומגענומען די גאַנצע סצענע; דאָס ערשטע האָט ער אָנגעכאַפּט יהודה׳ן ביי דער האַנד:

—אָבער געלאַסען, ס׳איז נישט ערלויבט צו טויטען אַ מענש, וועלכער קען זיך נישט שיצען!

אין די עטליכע סעקונדען האָט שוין דער איבערגעשפּיצ־טער יון אויך בעקומען דאָס בעוואוסטזיין, און כלומר׳שט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל רופט ער זיך אָן אויף גריכיש:

—איך פערשטעה נישט דיין שפּראַך, ווי אויך דיינע זיד־לערייען, עדעלער ריטער, כ׳האָב די עהר׳ע זיך זעלבסט פּאָרצו־שטעלען: דעמעטעאוס, דער טראַנספּאָרט-קאָמענדאַנט פון גרוי־סען קעניג אַנטיוכוס. — ער האָט ריטערליך צוגעלעגט זיין רעכטע האַנד צום האַרץ און לייכט זיך פערנויגט. — די פריי־לין תמר, ינאַי׳ס טאָכטער פון גפנים, זי איז מיינע אַ גוטע בע־קאַנטע, נור אַז איך האָב פּרובירט מיט איהר פערפירען אַ פּליכט, האָט זי אָנגעמאַכט אַזאַ רעש. איך פערהאָף אַז מיט דער צייט, ווען זי וועט זיך בעסער בעקענען מיט דער גריכישער ציוויל־יזאַציע, וועט זי ווערען מעהר קאָרעקט...

—אָבער, — האָט יהודה אויסגערופען אויך אויף גריכיש, נאָך אַלץ צוהיצט, האַלטענדיג דאָס שווערדעל אין האַנד און דערמימ מורא׳דיג געפּאַכעט דעם יון פאַרן פּנים. — מעגסט זיין זאָגאַר דער קעניג זעלבסט, דיין גליק איז וואָס ביזט אָהן געווער, און אַ מענש אָהן געווער איז ביי אונז, העברעער, נישט ערלויבט צו טויטען. זאָנסט וואָלט איך דיר געוויזען!...

—אָבער נישט אַזוי שטורמדיג, עדעלער ריטער. — האָט דעמעטעאוס געענטפערט קאַלטבלוטיג. — זיי וויסען, אַז ווען ס׳וואָלטען זיך נור דערוואוסט מיינע קאַמעראַדען וועלכע לאַגערן אויף יענער זייט וואַלד, וואָלט פון אייך אַלע קיין שפּור נישט געבליבען. נור איך שענק דיר ריטער דיין חוצפּה, ווייל איך שעץ דיין טאַפּפערקייט. מיר גריכען זענען ציוויליזירט און גרויסמוטהיג.

—אָבער, הויכער קאָמענדאַנט. — מישט זיך אַריין אַנטיגנוס מיט אַ געמאַכטע העפליכקייט, — וואָסערע ריטער? מיר זענען נישט קיין ריטער, מיר זענען פריעדליכע סוחרים פון יריחו, אַט קומט שוין אָן אונזער קעמעל מיט בשמים און קאָלירטע מאַטעריעס פון דמשק, פון אַלעקסאַנדריען, אפשר וואָלט מען ביי אייך אין לאַגער עפּעס געלייזט? פּרעכטיגע זאַכען, זיידענס און וועב.

—אַדיעו! — מיר קויפען נישט, — האָט קורץ געענטפערט דעמעטעאוס, און מיט האַסטיגע טריט איז ער פערשוואונדען געוואָרען צווישען די בוימער.

דאָס מעדעל איז נאָך אַלץ געוועז איבערראַשט און צעמישט, זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און געשטאַנען ווי אַנ׳אויסגעהאַקטע סטאַטוע. די אויגען שעמעוודיג אַראָבגעלאָזט, מיט איין האַנד צוגעהאַלטען די צעריסענע טוניקע אויף דער אַלבאַסטער-ברוסט, נור זי האָט נאָך אַלץ שווער געאָטעמט מיט איהרע פולע ברוסט, נאָכ׳ן אָנשטרענגען זיך און איבערראָשונג.

נאָכ׳ן פערשוואונדען פון יון, האָט זיך ערשט יהודה געקענט גוט צוקוקען צום געראַטעוועטען מעדעל! אָבער ער איז געוואָרען אויפסנייע איבעראַשט און ערשטוינט, ווייל אויף זיין גאַנץ

דעבען האָט ער נאָך נישט געזעהען אַזאַ בילד שענהייט. זי האָט אויסגעזעהן פון אַ יאָהר זיבעצען, דער שלאַנקער קערפּער פרעכטיג ענטוויקעלט, די בלאָנדע לאָקען צעלאָזט אָהן אָרדנונג אויף דעם געטאָקטען האַלז און נאַקען, דאָס פנים גאָר יונג, בע׳חנ׳ט; נור עטוואָס אָבגעברענט פון דער זון; דער עטוואָט הויכער און ברייטער שטערן, אַ צייכען פון געבוירענע אינטעליגענץ, און דאָס עטוואָס אויסגעבויגענע נעזעל, וועלכעס וויזט אויפ׳ן ריינקייט פון דער העבּרעאישער גזע, גיט איהר צו עפּעס אַ אינדיווידועלע גראַציע; די קליידונג אייגפאַכע, דאָר פישע, מיט געוועהנליכע סאַנדאַלקעס אויף די קליינע פיסלעך; און די ברוגז-שעמעוודיגע מינע האָט איהר צוגעגעבען נאָך פיעל מעהר חן.

אַ ווײַלע איז זי אַזוי געשטאַנען אָנגעלענט אָן אַ בוים, און פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפען בליקען, דאָ אויף איהר רעטער יהודה׳ן, און דאָ אויף אַנטיגנוס׳ן; עפּעס ווי זי וואָלט זיך גאָרנישט געקענט אָריענטירען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, פון וואַנען די פרעמדע רייטער זענען אָנגעקומען. ביי איהרע פיס איז נאָך געלעגען אַנ׳איבערגעדרעהט קויבערעל מיט פיעל שאַרבענס פון צעבראָכענע ערדענע כלים.

יעדעס מאָל ווען זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, איז יהודה געוואָרען ווי פערהיפּנאָטיזירט, אויף זיין לעבען האָט ער נאָך נישט געזעהען אַזעלכע שענע אויגען. אַך, אַזעלכע אויגען, און אַזוי פיעל פייער אין זיי!

דאָס ערשטע האָט זי שעמעוודיג אַרויסגערעדט:

—מיט וואָס וועל איך אייך זיין דאַנקבאַר העלדישער בחור*) וואָס איהר האָט מיר געראַטעוועט מיין עהרע.

—איך האַלט מיר דאָס פאַר אַ גליק. — האָט יהודה געענטפערט מיט עניוות, — דאָס איז אַ חוב פון יעדען אַנשטענדיגען מענש, אָבער איך קען מיר גאָרנישט שענקען וואָס כ׳האָב

*) דאָס וואָרט „בחור" איז געווען אין יענע צייטען ביי די העברעער אַן ערענטיטול, ווי ריטער, קאַוואַליער, אין מיטעלאַלטער.

-נישט אָנגעלערנט דעם הונד, אַ גרויסע שאָד וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין געווער!...

—איך בעדויער אויך.—זאָגט דאָס מעדעל און האָט לייכט זיך פערדרויטעלט — פאַרוואָס איך האָב נישט מיטגענומען אַ שטילעט, איך זעלבסט וואָלט אים געוויזען אָנגעלערנט דעם אומפערשעמטען ...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זי אַ בליק געטוהען מיט אַ פייער פון איהרע בלויע אויגען. וואָס האָט יהודה'ן מעהר געשטאָכען ווי איהר שטילעט.

זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען איבערראַשט; מיט איין האַנד האָט זי זיך צוגעהאַלטען די צעריסענע טוניקע און מיט דער אַנדערער האָט זי זיך ביסלעכווייז פערגלייכט די צושויבערטע לאָקען, וועלכע זענען אָבער איהר געוועזען ווינציג געהאָרכזאַם, נור ווי געדרעהטע גאָלדענע שלענגלעך האָבען זיי זיך אַפער געגליטשט פון אונטער איהרע הענד.

איבער דער צייט איז אויך אָנגעקומען שרק מיט זיין גאַרבאַטען חבר, נאָך פון דערווייטענס האָט ער געפייפט און געוואָרטשעט ווי צו זיך זעלבסט:

—זעהט־נור, אַנ'אָנשיקעניש ווידער, מיך הונגערט ווי אַ וואָלף, און דאָ האָסטו גאָר אַ יאָגעניש מיט אַ לויפעניש, מיט אַזאַ געפילדער! אָבער זעהט-נור, ס'זענען דאָך פאַרהאַן גאָר־נישט קשה'דיגע סאַרנעס אין דעם וועלדעל...

—שטיל, דו עזעל-קאָפּ! — האָט זיך יהודה צו אים געווענדט — בינד אָב דאָס פעקעל פון דער רעכטער זייט מיט די טיכער פון דמשק, נור געשווינד!

—שוין שוין, בעל־הבית'שי, נור אָהן געבייזער. כ'מעג דאָך חאָטש אַ וואָרט ריידען...

אין אויגענבליק איז אַראָבגעפאַלען דאָס געוואונשענע פעקעל, יהודה האָט אַ־ויסגענומען אַ גרויס געקעסטעלט טוך און האָט עס דערלאַנגט דעם מעדעל, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טהוען.

— נעם דאָס, און היל דערמיט איין דיינע פרעכטיגע

גלידער, די שענע בלום פון כרמל.

זי האָט עס געשווינד צוגענומען פון זיין האַנד שוו־ גענדיג, נור איהרע אויגען האָבען גערעדט צו יהודה מעהר דאַנקבאַרקייט ווי הונדערטער ווערטער; און ווי אַנ׳אמת׳ע לייכ־ טע סאַרנע איז זי מיטן טוך פערשוואונדען צווישען די געדיכ־ טע קושאַקעס. אין אַ ווייל ע אַרום איז זי אַרויסגעקומען פער־ הילט און פערבונדען מיטן טוך ווי מען טראָגט עס אין רעגען צייט, און מיט צונויפגעבונדענע צווייגליך פון מירטען האָט זי זיך צוזאַמענגענומען די גאָלדענע לאָקען אויפ׳ן קאָפּ; אַזוי מיט דער גירלאַנדע האָט זי אויסגעזעהען ווי עפּעס אַ וואונדערליכע וואַלד־נימפע, פאַנטאַסטיש געקליידעט. פון וועלכע די גריכען שרייבען אַזוי פיעל אין זייערע שירים,

זי איז צוגעקומען מיט דראָבנע לייכטע טריט צו די קליינע קאַראַוואַנע וואַנדערער, וועלכע האָבען אין שאָטען אונגעדולדיג אויף איהר געוואַרט; פון איהר פּנים איז שוין געווען פערשוואונדען דער פריהערדיגער שטרענגער בליק, און מיט אַ מילדען שמייכעל אויף איהרע קאָראַלענע ליפען האָט זי זיך צו זיי געווענדט:

—ווער איהר זענט, גנעדיגע הערען, בעט איך אייך אויף מיטאָג זיך אָבצורוהען צו מיין פאָטער אויף דער פערמע, נישט וויים פון דאַנען; ס׳וועט זיך געפינען אַנ׳אָרט פאַר אייך און פאַר אייערע פערד.

—אָבער זאָג מיר, שענע טאָכטער, — פרעגט אַנטיגנוס.— צי איז אמת וואָס דער נידערטרעכטיגער יון האָט געזאָגט. אַז דו ביזט ינאי׳ס טאָכטער פון גפנים?

—יאָ, ס׳איז וואָהר.

—אַך. וואָס פאַר אַ צופאַל, דיין פאָטער אַיז מיינס אַנ־ צלטער גוטער פריינד, וואָס מאַכט ער?

—דאַנק אייך בעסטענס פאַר אייער פריינדשאַפט צו מיין פאָטער. אָבער, גנעדיגע הערען, מיר דאַרפען צואיילען, די זון איז שוין הויך, מיינע עלטערען וועלען זיין זעהר בעאונרוהיגט,

ווייל די דינסט וועלכע איז מיט מיר געגאַנגען איז אַ היים געלאָפען.

—אָ, צו מיין פריינד ינאי, מיר געהען מיט פערגעניגען, — האָט אַנטיגנוס מיט פרייד אויסגערופען.

יהודה איז אויך געוועזען צופרידען פון דער איינלאַדונג. ער האָט זאָגאַר געבעטען תמר'ן זי זאָל אויפזיצען אויף זיין פערד, אָבער זי האָט זיך קאַטעגאָריש ענטזאַגט; האָט ער איבערגעגעבען זיין „עורב", — ווי ער האָט גערופען זיין שוואַרץ אַראַביש פערד. — שרק'ן, ער זאָל איהם פיהרען, און מיט אַ אינערליכער צופרידענהייט איז ער געגאַנגען מיט זיין שענע פיהרערין.

אַנטיגנוס מיט שרק'ן זענען פאַמעליך געריטען ביי דער זייט, און אַזוי האָט מאַרשירט די קליינע גרופּע איבערן שמעקענדיגען וועלדעל צו דער זייט פון באַרג כרמל. יהודה האָט זיך געשפּירט פריי און גליקליך. די חנ'עוודיגע בעגלייטערין האָט אים דערצעהלט איבער'ן וועג אַ גאַנצע געשיכטע פון דעם יון דעמעטעאוס; אַז צו זיי אויף דער פערמע קומט אָפט צו גאַסט אַ געוויסער יונגערמאַן יוחנן־הגלילי, אַ רייכען סוחרס אַ זוהן פון טבריה; אַ פערברענטער העלעניסט; און דער זעלבער יוחנן האָט מיטגעבראַכט צו זיי אין הויז אַריין דעם קאָמענדאַנט פון יונישען לאַגער, זיין ידיד דעמעטעאוס. מ'האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען די גריכישע חכמות, און מ'האָט זי אויך, תמר'ן הייסט עס, מיט איהרען אַנ'עלטערן ברודער געלערנט גריכיש, מוזיק, פילאָזאָפיע און אַנדערע זייערע קענטענישען. דער פאַטער האָט אויף דעם אַלעמען געקוקט מיט פערדרוס, אָבער אַלץ מפני דרכי שלום, בעזונדער עפּעס צוליב יוחנן... דאָ האָט זי זיך לייכט פעררויטעלט. אָבער זי האָט שטענדיג פיינד געהאַט דעם יון דעמעטעאוס מיט זיין העפליכקייט, און זיינע צינישע קאָמפּלימענטען.

און היינט אינדערפריה, ווען זי מיט דער דינסט האָבען געטראָגען עסען פאַר זייערע פאַסטוכער צווישען די בערג. האָט זיי צוריקוועגס נעטראָפען דאָס בעגעגניש... ביי די דאָזיגע

וערטער איז זי רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען.

אויך האָט תמר איהם דערצעהלט, אַז אויף דער צווי־
טער זייט כרמל שטעהט אַ גאַנצער לאַגער געצעלטען מיט גרי־
כיש מיליטער. וועלכע טראַנספּאָרטירען מיטן ים די אַלע אָנגע־
רויבטע זאַכען פון לאַנד, מענשען, בהמות, און כלערליי פּראָ־
דוקטען. און צו דעם אַלעמען ווערען נאָך אָפּגעטהוען פערשיע־
דענע רציחות, און עס קומען פאָר הימעלשרייענדע טיראַנישע
סצענעס.

אַון ווי בעגייסטערט פון איהרע אייגענע ווערטער, האָט
זי ווידער אַ בליץ געטהוען מיט פייער פון איהרע שענע אויגען,
און אויסגעשריהען:

—גרויסער גאָט פון ישראל, שיק דיינע שרעקליכע דונע־
רען אויף די בעדריקער.

יהודה האָט אַרוסגעלאָזט אַ שווערען זיפץ פון זיין מעכ־
טיגער ברוסט און געענטפערט:

—די צייט איז שוין נישט ווייט. דער גאָט פון נקמה וועט
ערשיינען!

און זיי זענען וויטער געגאַנגען צוזאַמען, שוין עפּעס
פרעהליכער צווישען זיך געפּלאַפּעלט. יעדעס מאָל זיך געקוקט ליב־
ליך אין די אויגען אַריין, און שטילערהייט האָט זיך צווישען
די צוויי יונגע וועזענס, עפּעס געהיימעס געוועבט און פערבונ־
דען, פון וועלכען זיי זעלבסט האָבען זיך נישט געקענט אָפּגעבען
ערפון אַ גענויען חשבון.

אָ, ווער קאָן בעגרייפען די יונגע הערצער מיט זייערע
שטורמישע פאַנטאַזיעס!...

II

אין אַ פּרעכטיגען טהאָל אונטערן באַרג כּרמל נעבען דאָרף זכרון-יעקב...

אין אַ פּרעכטיגען טהאָל אונטערן באַרג כּרמל נעבען דאָרף צפּנים, ציהט זיך אַ גרויסאַרטיגער פּרדס, פון פערשידענע אָריענטאַלישע פרוכטענבוימער; בעזונדערע אַלעען פון פּאָמעראַנצען, ציטרינען, מילגרוימען, עפּעל, אתרוגים און אַנדערע פרוכטען. ביי די זייטען שיסט אַרויס ערטערווייז אַ הויכע טייטעל־פּאַלמע. יוידער זעהט מען אַ מעכטיגען ציפּרעס, וועלכער צולעגט מאַיעסטעטיש זיינע שטאַרקע צווייגען; ערטערווייז ווידער קלאָמבעס מיט נידריגע פייגען און מאַנדעל־בוימלעך, אָדער געוועהנליכע קושאַקעס מיט פערשידענפאַרביגע בלומען: רויזען, מירטען און יאַשמינען. ווייטער, באַרג-אַרויף ציהט זיך אַ וויינגאָרטען, פון וועלכען די געדרעהטע צווייגען וויקלען זיך אַרום ווי שלאַנגען אויף די ספּעציעל־איינגעאָרדענטע דרענגער און בעדעקען אַלעס מיט זייערע טונקעלגרינע בלעטער; און צווישען יעדע שורה בוימער געפינען זיך בייטען מיט פערשידענע ירקות. אַלעס, זעהט מען, איז איינגעאָרדענט, און פלייסיג בעאַרבייט דורך אַ געניטע פעסטע האַנד.

אָן אַ זייט צווישען דעם גאַנצען ים גרינס, שטעהט אַ וויס־געמויערט הויז, איינפאַך, בעקוועם, געבויט אין מזרח-סטיל; ווייטער ביי דער זייט הויז, ציהען זיך כּל׳ערליי ווירטשאַפטליכע הילצערנע געביידעס, שייערן, שטאַלען, שפּייכלער, שאָפּעס און קעמערלעך.

די גאַנצע רייכע, גוט־איינגעאָרדענטע פערמע, מיט נאָך ווייטע פעלדער און וועלדער, מיט ברייטע לאָנקעס אויף וועלכע עס פּאַשען זיך גרויסע סטאַדעס שעפּסען, רינדער, פערד

און ציגען, דאָס אַלץ געהער צום רייכען בכבודיגען און עהרליכען ינאַי בן-אלעקסאַנדער; יעדער נויטבעדערפטיגער פון דער גאַנצער געגענד קומט אַלץ צו ינאַי. אַן׳אָרימאַן בעקומט עסען און טרונקען, און אויך אַ נדבה. ווען מען אין דאָרף ס׳פעהלט אויס פראָדוקטען בעקומט ער ביי ינאַי, ווער ס׳בעדאַרף אַן׳עצה פרעגען קומט צו ינאַי; וואָרום אַ חוץ זיין רייכקייט און עהרליכקייט, שמ׳ט ער אין דער גאַנצער געגענד פאַר אַ געלעהרטען און קלוגען מענש. מיט איין וואָרט, זיין הויז שטעהט אָפען פאַר יעדען; זאָגאַר די גריכען, וועלכע קומען נאָך שטייערן, האָבען אויך פאַר ינאַי רעספעקט, און בעגעהען זיך מיט איהם מיט אַ בעזונדערע עהרענפורכט.

ביי אַ זייטיגע טיר פון דעם הויז, אויף אַ גרינע טעראַסע אונטערן שאָטען פון אַ קאָלאָסאַלען ציפרעס מיט אַקאַציעס, שטעהט געדעקט אַ לאַנגער טיש מיט נידריגע איינפאַכע שטוהלען; אויבען אָן אויף אַ געשניצטע לעהנשטוהל זיצט דער בעל-הבית פון דער פערמע אין אַ לייכטען זיידענעם חאַלאַט, און אַ לייכטען זיידענעם טורבאַן אויפ׳ן קאָפּ. ער איז שוין אַ מענש אין די יאָהרען, אַ לאַנגע גרויע באָרד פאַלט מאַיסטעטיש אויף דער ברוסט, און אויף זיין שען עדעל פנים איז אויסגעגאָסען אַ ליבליכער שמייכעל פון צופרידענהייט, זיין גאַנץ וועזען דריקט אויס, ווי עפּעס בעפעהלענדעס, פאַטריאַרכלישעס, ווי אויך ענוות מיט וואַרימע פאָטערליכע ליבשאַפט.

ביים טיש זיצען אויך אונזערע בעקאַנטע רייזענדע סוחרים אַנטיגנוס מיט יהודה׳ן. אויך דער אַלטער ים-פישער אלעזר, נאָך וועלכען ינאַי האָט געשיקט. אלעזר דער פישער איז שוין אַן׳אַלטער גרויער מאַן, אָבער ער האַלט זיך נאָך פעסט, ער איז גאָר איינפאַך געקליידעט, דאָס פנים אָבגעברענט. מען זעהט אַרויס די מוסקולען אויף זיין דיקען האַלז און אויף די הענט, וועלכע זענען אויך בעדעקט מיט מאָזאלעס פון שווערע אַרבייט.

אויפ׳ן טיש שטעהט אַנ״איינפאַכע קריג מיט וויין, אויך

ילבערנע פּוסות אין וועלכע ינאַי זעלבסט גיסט אָן פון צייט צו צייט ווייך פאַר די געסט. מיט אַ ליבליכע פריינדשאַפט. ס׳איז מיטאָג-צייט, די זון ברענט אונגעהויער, די לופט איז אָנגעפילט מיט אַ שווערע שטיקענדע היץ, נור דאָ אין געדיכטען שאָטען פון די ביימער איז פריש, אַנגענעהם. עס צערטראָגען זיך אין דער הייסער לופט מחיה׳דיגע ריחות פון דערבייאיגען פרדס, און אַזוי זיצט די גאַנצע חברותא, און זענען פערטיעפט אין אַ אינטערעסאַנטען געשפרעך. דער אַלטער אלעזר האָט זיי דערצעהלט גוטע נאַכריכטען, ווי ביים גאַנצען ברעג ים ביז גליל איז דאָס יונגוואַרג גוט אָרגאַניזירט, זיי לערנען זיך אין די פרייע צייטען צו פעכטען מיט געווער, צו שיסען מיט בויגענס צום ציעל, צו מאַרשירען מיליטעריש אין אָרדנונג, צו קענען די סיגנאַלען, פון טראָמפּייט; מיט איין וואָרט ביים ערשטען רוף, זענען גרייט עטליכע הונדערט יונגע פישערס מיט געווער אין האַנד צו געהן אין פייער און אין וואַסער, פאַרן פאָלק, הייליגען בית-המקדש, און פאַרן גאָט פון אברהם, יצחק, ויעקב!

ינאַי האָט דערצעהלט, אַז ביי זיי אין דאָרף געפינען זיך אויך עטליכע צעהנדליג אָרגאַניזירטע יונגע לייט. זיי איבען זיך ביי יעדער געלעגענהייט מיט פערשידען געוועהר. און אַנטיגנוס האָט ווידער דערצעהלט, אַז שוין צוויי חדשים ווי ער מיט יהודה׳ן וואַנדערן אַרום אונטער די מאַסקע פון סוחרים אין גאַנץ ארץ־ישראל, זיי האָט אַרויסגעשיקט יהודה׳ס פאָטער דער אַלטער מתתיהו הכהן פון מודעים. זעלבסט־פערשטענדליך, אַז מיטן הסכם פון די אַלטע כהנים און די סנהדרין פון ירושלים. זיי האָבען שוין אַדורכגערייזט דאָס גאַנצע לאַנד פון מודעים ביז חברון, גאַנץ עבר-הירדן, אומעטום האָבען זיי אַגיטירט דאָס פאָלק צו פרייהייט, אַראָבצעוואַרפען דעם יאָך פון די פיינדליכע רשעים די יונים. און איצט קלויבען זיי זיך צו פאָהרען קיין גליל, אין די בערג לבנון, דאָרט רעכענען זיי צו האָבען דעם רעכטען ערפאָלג ביי די העלדישע בערג־לייט.

—און איך פערהאָף,—האָט אַנטיגנוס פערענדיגט מיט בעגייסטערונג, — אַז אַנטיוכוס הרשע וועט איצט האָבען די מפלה

אין עגיפּטען, ווייל רוים וועט די עגיפּטער קומען צו הילף; און דאַמאָלס בעדאַרף מען זיך אַלע צונויפגעמען אַראָבצעוואַרפען דעם טיראַנישען יאָך פון האַלז. וואָרום דאָס געשריי פון דעם רשעות מיט די רציחות שפּאַלטען די הימלען. אונזער גאָט פון נקמה וועט ערוואַכען און זיך נוקם זיין פאַר זיין פערשוועכטער תורה, פאַר דעם פערגאָסענעם בלוט פון זיינע דינער!

—אמן! — האָבען אַלע הייס געענטפערט, און דער אַלטער פישער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל, און אויף דעם פּראָסטען אָבגעברענטען פערהאָרעוועטען פּנים האָבען זיך אַראָבגעקייקעלט צוויי גרויסע טרערען, מעגליך צום ערשטען מאָל אין זיין האַרטען לעבען.

—איצט, ליבע געסט, — האָט זיך אָנגערופען מיט זיין ליבליכען שמייכעל ינאַי, — וועלען מיר טרינקען לחיים אויף דער הצלחה פון אונזער געווער.

ער האָט ווידער אָנגעגאָסען די כּוסות, און אויפהויבענדיג זיין כּוס אין דערהויך, האָט ער אויסגערופען:

—פריעדען אויפ'ן פאָלק ישראל, עס זאָל קומען די בעפרייאונג!

—אמן, מות ליונים! (אַ טויט אויף די גריכען) — האָבען אַלע אויסגערופען אין איין קול.

די זייטיגע טיר פון הויז האָט זיך געעפענט, און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען תּמר מיט אַ זילבערנע טאַץ געטרוקענטע פרוכטען; זי האָט ווי צוגעשוועבט מיט איהרע לייכטע טריט, און אַנידערגעשטעלט די טאַץ אויפ'ן טיש; זי האָט אויסגעזעהן רייצענד אין די איינפאַכע דאָרפישע קליידער, אין די העל-בלויע טוניקע וואָס איז געווען פערשלייפט מיט אַ רויטען זיידענעם באַנד. אויפ'ן געטאָקטען האַלז-שנירען גרויסע קאָראַלען, אין דער זייט פון איהרע בלאָנדע לאָקען איז געווען פערשפּילעט אַ גרויסע פאָמסינע רויז. דאָס פּנים האָט געשיינט מיט אַ קינדיש-צניעות'דיגען שמייכעל, און אַזוי האָט זי זיך אָנגעלעהנט בראַציעז הינטערן פאָטערס שטוהל און געשטאַנען מיט אַ פערטרוימטען בליק. אין דיזע פּאָזע האָט זי אויסגעזעהן ווי עפּעס נישט ער-

דישעס, נור פשוט אַ מלאך פון הימעל איז שטיל צו זיי אַראָבגעפלויגען.

פון יהודה׳ס פנים איז ווי דורך אַ כשוף פערשוואונדען געוואָרען דער פריהערדיגער שטרענגער מיליטערישער אויסדרוק און מיט אַ ליבליכען שמייכעל האָט ער זיך אָנגערופען:

—אפשר וואָלט אונז תמר אויך בעערט מיט איהר אַנוועזענהייט ביים טיש?

—איך רעכען, אַז ס׳געהט צווישען אייך אַנ׳ערנסטער געשפרעך, וואָס דאַרף זיין אַ געהיימניש פאַר יונגע מענשען ווי איך. — האָט זי געענטפערט מיט עניוות.

—פונקט פערקעהרט. — היינט פריה האָב איך מיך איבערציינגט, אַז וואָס אַנבעלאַנגט דאָס פעראַכטונג צו די יונים, שפירט תמר דאָס זעלבע וואָס מיר אַלע.

ינאַי האָט זיך מיט אַ שמייכעל אויסגעדרעהט צו דער טאָכטער, און ליבליך אויסגערופען:

— ברענג אַרויס, תמר, די האַרפע, וועסט דו פערווילען די טייערע געסט מיט עפּעס אַ ליעד פון דיינע ליעדער.

תמר איז געהאָרכזאַם אַריינגעלאָפען אין הויז, און האָט אַרויסגעבראַכט אַ גרויסע האַרפע. אַנטיגנוס האָט איהר צוגעשטעלט אַ שטוהל נעבען זיך. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, אָנגעשפאַרט די האַרפע אויף דער ערד, און מיט איהרע דינע ראָזע פינגער איז זי אַדורכגעלאָפען שנעל איבער די סטרונעס, וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען שטילינקע איינגעהאַלטענע אַקאָרדען, ווי עפּעס אַ זשומעריי פון פליגען, פון ביהנען, פון זומערפויגעלעך, וואָס קלאַפּען מיט די פליגעלעך אויף די בלומען און גאָרטען; נאָכהער האָט זי זיך געווענדעט צום פאָטער:

— וואָס זאָל איך זינגען טאַטעשי? אפשר שולמית׳עס ליעד פון שיר השירים?

— ניין מיין קינד, זינג דאָס הונדער פיר אונפערציגסטע קאַפּיטעל תהלים, דאָס איז מיין געליבסטע ליעד; דאָס דערמאָנט אונזער אַלטען שטאָלץ, די פערגאַנגענע פראַכט...

תמר האָט אויפגעהויבען איהרע ריינע פער׳חלומטע אויגען

זוי צום הימעל, און פון אונטער איהרע לייכטע פינגער אַפּער, האָבּען זיך אַ שיט געטהון ריינע, זיסע טענער, וועלכע האָבּען זיך געגאָסען ווי בּוימאייל; לאַנגזאַם, שטיל, ווי עפּעס אַ לויב־געזאַנג פון מלאכים אין הימעל; ווי אַ געבּעט פון אַ צופיעשטשעט קינד; און מיט איהרע קלינגענדע סאָפּראַן־שטימע האָט זי אָנגעהויבּען צו זינגען:

„איך לויב דיך, דו גרויסער שטאַרקער גאָט,
„וואָס האָסט געלערנט מיינע הענד צום שטרייט,
„מיינע פינגער צוגעוואוינט צו מלחמה;
„דו בּיזט מיין וואָלטהאַט, מיין פעסטונג, מיין שוצער!"

די שטימע פון די זינגערין איז געוואָרען יעדעס מאָל שטאַרקער, קלינגענדער, און די טענער פון די סטרונעס האָבּען זיך געקויקעלט וואָס אַמאָל העכער, שטורמישער; און ווען זי איז צוגעקומען צו דער סטראָפּע:

„... ריר אָן די בּערג ס'זאָל געהן פון זיי אַ רויך,
„שיק דיין בּליץ ער זאָל זיי צערשפּרייטען,
„שיק דייגע מורא'דיגע דונערן, ז'זאָלען זיי פּערטומלען!"

איהרע אויגען האָבּען געבּליצט, און איהר שטימע האָט געקלינגען שטורמיש. די טענער פון דער האַרפע וואַרפען זיך אָבגעהאַקט ווי די שליידער־ווארפער אין קריעג; דאָ רוישען זיי ווי די וואַסער־פאַלען אין די הויכע בּערג. ווידער שטורמען זיי ווי די כוואַליעס פון בּרויזענדען ים, מיט אָבּגעריסענע אַקאָרדען.

אַלע בּיים טיש זענען געוואָרען ווי פּערהיפּנאָטיזירט דורך דער וואונדערליכער מעלאָדיע. יהודה האָט צוריק בּעקומען דאָס שטרענגע אויסזעהען, זיינע אויגען האָבּען געוואָרפען פייערדיגע בּליקען; און נישט־ווילענדיג האָט ער אָנגעכאַפּט די שטוהל פון זיין שווערדל, און שטאַרק געדרוקט זי מיט זיין פעסטער האַנד, דער אַלטער פישער, וואָס איז קיינמאָל נישט געוואָרען איבּער־ראַשט פון שטורמדיגען ים, האָט דאָס מאָל ניט אויסגעהאַלטען און אונטער דער ווירקונג פון די אַקאָרדען האָבּען זיך איהם די לאַנגע גרויסע בּרעמען אַראָבּגעלאָזט איבּער די אויגען און

די אָדערן אויפ׳ן דיקען האַלז זענען געוואָרען ווי אָנגעדראָלען.

די בעצויבערנדע זינגערין האָט ווייטער געזינגען. די טענער האָבען זיך יעדעס מאָל געביטען, מאַנכע מאָל זענען זיי אַראָבגעפאַלען ווי אַ פליסענדער שטילער טייך, ווידער זיך הע־כער צושטורעמט ווי די ווייטע דונערן; מאַנכע מאָל האָט זיך געהערט פון די סטרונעס ווי אַ געוויין פון אַ קליין קינד. און ווידער ווי דאָס מילדע צוויטשערען פון די פויגעלעך אין אַ פריהלינגס פרימאָרגען. און ווען זי איז צוגעקומען צו די פאָל־גענדע סטראָפען, האָט זי געוואָרפען איהר פער׳ח׳ומ׳טען בליק אין דער זייט פון יהודה׳ן:

„... וואָס אונזערע זיהן זענען ווי געפלאַנצטע בוימער,
„אונזערע טעכטער ווי אויסגעהאַקטע פרעסקען
„אין די שענע פרעכטיגע פאַלאַצען;
„אונזערע שפייכלער זענען איבערפולט
„מיט פערשידענאַרטיגע שפייזען,
„אונזערע שעפסען זענען אין די צעהנטויזענדער,
„די אָקסען בעלאַסטעט מיט שווערע משאות;
„עס טרעפט נישט קיין רואינע, קיין שאָדען
„מען הערט נישט קיין וועה-געשריי אין אונזערע גאַסען;
„גליקליך איז דאָס פאָלק, וועלכעס דאָס אַלעס האָט,
„גליקליך איז דאָס פאָלק, אַז דער הער איז זיין גאָט!"

אַ דונער פון אַפלאדיסמענטען האָט זיך אַ שיט געטהון פון די אָנוועזענדע. מ׳האָט געפאַטשט פיל מאָל חן, חן! (בראַוואָ)

יהודה האָט זיך אויפגעכאַפט פון זיין אָרט און הייס בע־דאַנקט די זינגערין, נאַכהער האָט ער זיך געווענדעט צו אַלע:

—אך, אַלעס ווערט נאָך ביי אונז מקוים פון משורר׳ס ווערטער. נור דער איינער פערז קלינגט איצט ווי אַנ׳איראָניע: „מען הערט נישט אַ וועה-געשריי אין אונזערע גאַסען", צום בעדויערען, עס הערען זיך אָפט וועה־געשרייען, וועלכע שפאַל־טען די הימלען. מיר מוזען זיך נעמען דאָס בעזייטיגען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל. מיר מוזען מקריב זיין אונזער אייגען בלוט אויפ׳ן מזבח פון פאָלקס־ליבע...

אַלע האָבען טרויעריג אָבגעזיפצט, ינאַי האָט זיך אָנגע־דופען:

—מיר זענען גרייט אַלץ מקריב צו זיין: אונזער גאַנץ פערמעגען, אצילו דאָס אייגענע לעבען אויך.

תּמר האָט זיך העפליך פערנויגט, און איז מיט די האַר־פע צוריק אַריין אין איהר חדר, אַלעמס פנימ׳ער זענען געוואָ־רען ערנסט און שטרענג, ס׳האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג.

דער ערשטער האָט זיך אַנטיגנוס צוגערופען צו ינאַי:

— געליבטער פריינד, די טאָכטער דיינע בעדאַרפסט דו ערגעץ אַוועקשיטען אין אַ זיכער אָרט, און אויך דיינע קאָסט־באַרע חפצים, וואָרום מיר בעדאַרפען זיך רעכטען אויף שטור־מישע צייטען.

—איך האָב שוין וועגען דעם לאַנג געקלערט, איך האָב אין ירושלים מיינער אַ פעטער, שמעי הכרמלי, וועל איך זי צו אים אַהינשיקען.

— אָבער דאָס מוז געשעהען באַלד. — האָט יהודה צוגע־געבען, — די צייט פון שטורם איז שוין נאָהנט, און איר קענט נישט איבערלאָזען אַזאַ טייערע פערל ביי די נעסט פון רויבער...

אַזוי ווי זיי האָבען צווישען זיך גערעדט, האָט זיך דער־הערט אַ האַרצרייסענדער יאָמער־געשריי און אויפ׳ן הויף איז אַרויפגעלאָפען אַנ׳אַלטער פויער. די הענד פערבראָכען, די גרויע באָרד צושויבערט, די קליידער צעריסען און מיט אַ בי־טער געוויין האָט ער געכליפעט:

—אוי, אַנ׳אומגליק, אַ בראָך! מיין ליבער ברודער, מיין האַרציגער אַבטליון! וואָס טהוט מען?!

אַלע האָבען זיך אויפגעכאַפט מיט שרעק, דער ערשטער איז צו אים צוגעלאָפען ינאַי.

— אָבער בערוהיגט אייך, אבנר. וואָס איז געשעהען? אפשר וועל איך אייך קענען העלפען...

— אוי, אַנ׳אומגליק איז געשעהען! — האָט ער ווייטער געכליפעט מיט אַ פאַרגעהאַקטען אָטעם, — איר קענט דאָך, ינאַי, מיין ברודער אַבטליון, וואָס וואוינט מיט מיר שכנות אין דאָרף;

האָבען זיי, די רשעים אויסגעשפיאָנירט, אַז ביי איהם אין קעלער איז בעהאַלטען געווער מיט וועלכען דאָס יונגווארג פלעגט זיך לערנען. אוי, און היינט פריה זענען געקומען אַ גאַנצע באַנדע רוצחים, האָבען דאָס געווער אַוועקגערויבט, און מיין אבטליונ׳ען מיט זיינע דריי זיהן, יונגען ווי די דעמבעס, געבונדען און אַלע אַוועקגעפיהרט אין לאַגער אַריין; אוי, גוואַלד! כ׳וועל דאָס נישט איבערהאַלטען!

—און וואָס קען מען דערצו טהון?

—כ׳בין געקומען צו אייך ינאי, מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט גוט בעקאַנט מיט זייער קאָמענדאַנט דעמעטעאוס, ער קומט זאָגאַר צו גייך צוגאַסט; אפשר וואָלט מעגליך געוועזען זיי אַרויסצוראַטעווען?

דער אַלטער אבנר האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און ווייטער געבעטען:

—האָט רחמנות, האַרציגער ינאַי. פדיון שבויים, די רשעים וועלען דאָך זיי אַוועקשיקען אויף די שיפען!...

אַלע זענען געוואָרען זעהר איבערראַש. קוקענדיג אויף דעם פערצווייפעלטען מענש האָט דאָס רחמנות נעריסען ביים האַרץ; אַלע האָבען געקענט די יונים מיט זייער אַכזריות, אַז ס׳איז לייכטער אַרויסצורייסען אַ קרבן פון אַ לייבס נעגעל, איידער אַ געפאַנגענעם פון זייערע הענד.

ינאַי׳ס עדעל אַריסטאָקראַטיש פנים איז געוואָרען פערצויגען מיט אַ שווערען וואָלקען, מ׳האָט געזעהען, אַז ינאַי פיהרט אין האַרץ אַ שווערען קאַמפף; דעמעטעאוס. דער פיינדליכער טיראַן, און דערצו נאָך די היינטיגע געשיכטע... פון דער צווייטער זייט, פדיון-שבוים, פיער היימישע מענשען; און ווער ווייסט צו ס׳ועט עפעס פועל׳ן — אַזוי האָבען ביי דעם גוטען און קלוגען ינאַי די געדאַנקען געווירבעלט אין קאָפּ ווי אַ מילשטיין,

נור ס׳האָט זיך דערהערט די דונערענדע שטימע פון יהודה׳ן:

—איר זאָלט אייך נישט וואַגען צו געהן צו דעם הזיר-קאָפּ, דעמעטעאוס!

נאַכהער האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו דעם פערצוויי- פעלטען אבנר, וועלכער האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן שטאַם פון ציפּריס, און די טרערען זענען גערינען אין זיין גרויע צושוי- בערטע באָרד.

—און איהר, געערטער גרייז, בערוהיגט אייך. אייער ברי- דער מיט זיינע זיהן וועלען זיין פריי, מיר וועלן זיי אַרויס- רייסען פון די יונימ׳ס נעגעל.

דער אַלטער האָט אויסגעגלאָצט אַפּאָר פערוואונדערטע אויגען און געפרעגט:

—אוי, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? די שאַקאַלען זענען דאָרט אין לאַגער פיעל הונדערטער, רעגולער מיליטער מיט פערשידען געווער. אַך, נור דער שטאַרקער גאָט וואָלט געקענט העלפען!...

—טאַקי מיט זיין הילף וועלען זיי נאָך היינט בעפרייט ווערען, — האָט געזאָגט יהודה, און אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַ שרעקליך פייער, די נאָזלעכער זיינע האָבען זיך צושפּרייט פון אויפרעגונג און ער האָט שווער געאָטעמט.

אַנטיגנוס איז געשטאַנען פערקלערט. זיין הויכער, ברייטער שטערען איז געוואָרען נאָך מעהר געקנייטשט, נאָך אַ ווײלע קלערען האָט ער זיך אָנגערופען צו אבנר׳ן:

—צי איהר וואָלט נישט געקענט געוואָר ווערן, ווען מען שיקט אַוועק די געפאַנגענע פון לאַגער?

—אוי, אויף מיין אומגליק ווייס איך, הלוואַי וואָלט איך נישט געוואוסט. איינער אַ בעקאַנטער פון די רשעים האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך היינט ביינאַכט; ווייל זיי ווילען נישט אַוועק- פירען זייער רויב בייטאָג, ס׳זאָל נישט אַזוי אויפרייצען דאָס פאָלק, די צייט איז קורץ, וואָס וועט זיין?...

—גוט, זיי וועלען זיין פריי, — האָט אַנטיגנוס געזאָגט, און זיין פּנים האָט בעקומען די פריהערדיגע פרייהייט; נאַכהער האָט ער זיך געווענדעט צו ינאַי:

—כ׳בעט דיך, ינאַי, צי ס׳וואָלט זיך נישט געפונען דאָ

אין דאָרף נאָך אַ צוויי העלדישע יונגעלייט, ווי זאָלען זיין גרייט אויף דער נאַכט מיט געווער?...

—ס׳וואָלט זיך געפונען צעהן אויך, אָבער...

—מעהר איז אַ חסרון, איך בעדאַרף נור צוויי, אָבער מענשען מיט האַרץ און הענט.

—איינעם קאָן איך אַזעלכען, דעם שמיעד פון דאָרף, ער ברעכט אייזערנע פאָדקאָווען מיט די הענד ווי שטרויען; אָבער דער צווייטער, אפשר זיין זוהן?...

—מען בעדאַרף שוין נישט קיין צווייטען, — האָט זיך יהודה אַריינגעמישט – איך נעם מיט מיין בעדואינער.

—אָבער פערגעס נישט יהודה, אַז דאָס איז נישט קיין לייכטע אונטערנעהמונג. — האָט פרובירט אַנטיגנוס צו פראָטעסטירען.

—איך קען איהם גוט, מיין ווילדען בעדואינער, ער איז פלינק ווי אַ קאַץ, און טאַפּפער ווי דער טייוועל. בייגאַכט אין דער פינסטערניש האָט ער אויגען ווי אַנ׳עכטע קאַץ און בעזונדער אויף מיין בעפעל וואָלט ער געשפרונגען אין פייער אַריין, ער איז מיר איבערגעגעבען ווי אַ געטרייער הונד, און מיט אַ לאַנגען שפיז אַרבייט ער אויסגעצייכענט.

אויף דעם גערודער איז תּמר אויך אַרויסגעקומען. זי איז געבליבען שטעהן אַ דערשראָקענע, פון די אָבגעריסענע ווערטער וועלכע זי האָט אויפגעכאַפּט, האָט זי גלייך פערשטאַנען וואָס דאָ איז געשעהען. זי האָט אויפגעהויבען איהרע שענע אויגען צו יהודה מיט אַנטיגנוס׳ן ווי מיט אַ געבעט, איהר שטימע האָט געציטערט. די טרערען האָבען געשטיקט אין האַלז, נור איהרע אויגען האָבען פיעל, פיעל גערעדט:

—אַך, ווער ס׳וואָלט געקענט בעפרייען די ערליכע מענשען פון די טיגערס, איך וואָלט... איך וואָלט נישט פערגעסען אויף מיין גאַנץ לעבען.

—זיי וועלען היינט אָבענד זיין פריי. — האָט יהודה געענטפערט. — נור עס בעדאַרף זיין שטיל.

תּמר האָט זיך גלייך אומגעקעהרט אין די שטוב אַריין.

נור זי האָט נאָך געוואָרפֿען אַ בליק מיט שעצונג און דאַנקבאַרקייט צו יהודה'ן, וועמענס האַרץ האָט האַסטיגער אָנגעפֿאַנגען צו שלאָגען, ער וואָלט געוועזען גרייט זיך צו וואַרפֿען אויף אַ גאַנצע אָבטיילונג יונים פֿאַר דעם איינעם בליק.

אַנטיגנוס האָט זיך געווענדעט צום אַלטען אבנר מיט אַ קורצען בעפֿעל:

--איר גייט גלייך אַהיים און קיינער זאָל נישט וויסען, אַז איהר זענט דאָ געוועזען, זאָגאַר אייערע אייגענע, פֿערשטאַנען?... שיקט באַלד אַהער דעם שמיעד פֿון וועלכען מ'האָט גערעדט, נור פֿאַר קיינעם קיין פּיפּעס!

דער אַלטער איז אַוועקגעגאַנגען מיט שווערע טריט, טרויריג, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, און צווייפֿעלהאַפֿט געהויבען מיט די אַקסלען.

די היץ איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, אַ שטיקענדע שטילקייט האָט געהערשט אין דער לופֿט. קיין בלאַט אויף די ביימער האָט זיך נישט גערירט; די זון האָט שוין אָבגעדרעהט צו דער זייט פֿון ים, נור זי האָט געלויכטען מאַט ווי דורך אַ רויך, אויפ'ן הימעל האָבען זיך בעוויזען וואָלקענעס פֿון אַשקאָליר, דאָס אַלץ האָט געוויזען אויף אַ רעגען מיט אַ שטורם.

אַלע פֿיער זענען אַריינגעגאַנגען אין גאָרטען, און זיי האָבען אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פֿון אַנ'אָנפֿאַל אויף די גריכען: דעם פּלאַן האָט שוין געהאַט אַנטיגנוס געקאָמבינירט אין זיין קלוגען קאָפּ, אַזוי ווי די גריכען וועלען פֿיהרען ביינאַכט די געפֿאַנגענע צום פּאָרט, זאָל מען אויפ'ן וועג אָבוואַרטען די עסקאָרטע און ראַפּטעם זיי בעפֿאַלען, אַזוי, אַז קיין איינציגער זאָל נישט אַנטרינען, וואָרום אַז מ'וועט זיך אין לאַגער דערוויסען, וועט נישט זיין קיין צייט די געפֿאַנגענע די קייטען אַראָבצונעהמען און ס'קען זיין געפֿעהרליך פֿאַר דער גאַנצער עקספּעדיציע; אויך פֿאַר ינאַי'ס גאָרטען זאָלען שטעהן אָנגעזאָטעלט זייערע פֿערד מיט די נויטיגע זאַכען גרייט אין וועג אַריין. אויך אַ פֿערד פֿאַר יהודה'ס בעדואינער, און נאָך איידער ס'וועט ווערען טאָג מוזען זיי אַנטלויפֿען אין די בערג. באַלד אויף דערנאָכט,

אַז נור די יונגע לבנה וועט אונטערגעהן, ס'וועט ווערן פינסטער, זאָלען אַנטיגנוס, יהודה, מיט שרק'ן קומען אין עק דאָרף ביים שייער אויפ'ן פעלד. דאָרט וועלען אויף זיי וואַרטען אלעזר דער פישער און דן דער שמיעד, מיט געווער און מיט כלים אויפצוהאַקען די קייטען פון די געפאַנגענע. אלעזר, אַזוי ווי ער איז גוט בעקאַנט מיט דער געגענד ביים ברעג ים, וועט ער זיי פיהרען אין דער פינסטערניש, וואו די יונים האָבען דעם וועג צום פאָרט. אַ גרעסערע צאָל מענשען קען מען נישט מיט נעמען, ווייל דאָס בעדאַרף ווערען געמאַכט שטיל, שנעל, מיט גבורה און מיט מסירת־נפש.

באַלד איז אַריינגעקומען אין גאָרטען אַ קליין יונגעל און געמאָלדען ינאַי, אַז דן דער שמיעד וואַרט פאַרן הויז. ינאַי האָט בעפוילען איהם גלייך אַריינצורופען אין גאָרטען.

נישט לאַנג האָט געדויערט און דן איז אַריינגעקומען; דאָס איז געווען אַ הויכער ברייטביינער יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַ ברייט פעררוסט פנים, נור די ווייסעל פון די אויגען מיט די ווייסע געזונטע ציין האָבען אַרויסגעגלאַצט ווי ביי אַ נעגער, אַ קליין שוואַרץ בערדיל האָט ביי אים אַרומגענומען נור די אונטערשטע טייל פון זיין ברייטע גאָמבע, אויף דעם נאַאיווען פנים איז געווען אויסגעגאָסען אַ גוטמוטיגער, כמעט קינדישער שמייכעל; ער איז געגאַנגען מיט שווערע האַסטיגע טריט, אויף זיינע דיקע פיס זענען געווען שווערע הילצערנע סאַנדאַלען. אין זיין גאַנצע פיגור, ווי אויך אין זיינע בעוועגונגען, איז געווען עפּעס עהנליכעס צו אַ העלפאַנט; און אויב וואויל די היץ איז געוועזען אונערטרעגליך, איז ער געגאַנגען איינגעהילט אין אַ מאַנטעל אונטער וועלכען ער האָט עפּעס געטראָגען בעהאַלטען.

ער איז צוגעגאַנגען און אַ שמייכעל איז געוועזען אויסגעגאָסען אויף זיין ברייטען פעררוסטען פנים, און מיט אַ געזונטע באַס־שטימע האָט ער זיך בעגריסט:

—פריעדען אויף אייך אַלעז

—פריעדען אויף דיר און אויף אַלע קינדער ישראל!

—כ׳געה גלייך פון דער אַרבייט אין קושניע, דער אַל־טער אבנר האָט מיך אַהער געשיקט... ס׳איז אַ גרויס רחמנות אויף די מענשען; מ׳וואָלט טאַקי געקענט עפּעס טהון, נור מען בעדאַרף האָבען עטליכע רעכטע חברים...

—ס׳וועלען זיך געפינען חברים אויך. — האָט זיך יהודה אָנגערופען מיט אַ שמייכעל, אָבסערווירענדיג דעם פאַרשוין פון אויבען ביז אַראָב, נאָכדעם האָט ער אַרויסגערעדט ווי צו זיך זעלבסט:

—אָבער מיט וואָס וועל איך געהן?..- אָט דאָס שווערדעל מיינס איז גוט פאַר קינדער זיך צו שפּיעלען; מיין פאָטער האָט מיר פערבאָטען מיטצונעמען מיין „כלי" ס׳זאָל נישט זיין פער־דעכטיג.

—איך וואָלט דיר געליהען מיין „פיילעכען", — האָט גע־זאָגט דן מיט זיין באַסאָווע געלעכטער; — נור כ׳וייס... ס׳וועט אפשר זיין פאַר דיר צו שווער?...

—וויין נור אָקאַרשט אַהער דיין „פיילעכען".

דן האָט אַפערגענומען מיט דעם זעלבען געלעכטער, פון אונטערן מאַנטעל אַ ברייטע לאַנגע אַלטפרענקישע שווערד, אָנגעבונדען אויף אַ דיקען רימען, און האָט דאָס דערלאַנגט יהודה׳ן.

—מילא, פּרוביר חבר. ביי אונז אין דאָרף געפינט זיך קיינער נישט וואָס זאָל קענען דאָס „פיילעכען" רעכט האַלטען אין דער האַנד. דאָס האָט נאָך מיין זעליגער פאָטער אויסגע־גראָבען אין גאָרטען, איך האָב עס גע׳ירש׳נט און היט דאָס ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ. דאָס איז גוט שטאָהל, ס׳האָט נישט קיין פגם.

—ס׳איזווירקליך גוט, אָבער מיט וואָס וועסטו געהן?..-

—איך האָב נאָך אין דערהיים אַ „טייטהעלצעל" וואָס כ׳האָב מיר זעלבסט אויסגעקאָוועט, וועט מען אויך דערמיט לערנען די יונים אלף בית...

—אַ וואָס פאַר אַ „טייטהעלצעל"?--האָט יהודה געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

—אַ דיקער שפּיז אויף אַ לאַנגע צעדער־שטוהל. איך זעלבסט האָב איהם אויסגעקאָוועט, פון האַרט שטאָהל.

יהודה האָט גוט בעקוקט די שווערד, ס'איז געוועזען ווירקליך אַ זעהר שווערע צוויישאַרפיגע לאַנגע קלינג, וועלכע האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגעל; יהודה האָט אָבגעטרעטען עטליכע טריט און האָט פּרובירט צו מאַכען איבונגען אין דער לופט מיט דער שווערד. ווי אַ געניטער פעכטער האָט ער גאַנץ לייכט מייסטערהאַפט אויסגעפיהרט פערשידענע פעכטונגען אין דער הויך, אין דער זייט, אַ גלייכען שטאָך, פערשטעלט איבערן קאָפּ צו שיצען, ווידער אַרויף, ארויסצוהאַקען דעם שונא דאָס געווער, דאָס אַלץ האָט ער געמאַכט מיט לייכטע בעוועגונגען מיט אַ שנעלקייט פון אַ בליץ.

ינאַי און אלעזר האָבען געשטוינט אויף דעם העברעאישען העלד, און זייערע הערצער האָבען אָנגעקוואָלען פון פערגניגען.

דן, ווי ער האָט דערזעהען, אַז יהודה מאַכט אַזעלכע לייכטע פעכטונגען מיט זיין „פיילעכען", איז ער געבליבען שטעהן פערגאַפּט, ער האָט ברייט געעפענט זיינע קינדערישע נאַאיווע אויגען, זיין ברייט פנים האָט אויסגעדריקט, אַ פערוואונדערונג, אַ שעצונג און ליבע צום אונבעקאַנטען העלד; און מיט אַ ליבליכען שמייכעל איז ער צוגעלאָפען צו יהודה'ן, אויסגעשטרעקט צו איהם זיין דיקע פערסמאַלעטע האַנד און אויסגעשריהען בעגייסטערט:

—ביזט ווערט, חבר, זאָלסט אַרבייטען מיטן „פיילעכען"!

און גלייך איז ער אַרויפגעפאַלען יהודה'ן אויפ'ן האַלז און אָנגעפאַנגען איהם הייס צו קושען.

ס'איז געוועזען אַ פּרעכטיג בילד צו זעהען, ווי ביידע גבורים, דער פּראָסטער, מגושמ'דיגער און פערקאָפּטשעטער שמיעד, האַלזט מיט רעכטע הייסע פריינדשאַפט, דעם געבילדעטען אַריסטאָקראַטישען כהן...

אָט, דערפאַר ציטערט, איהר שטאָלצע גריכען;

III

אין אָבענד איז אַדורכגעגאַנגען אַ רעגען מיט אַ שטורם. די ערד, די בוימער, אַלע געוויקסען זענען אַדורכגעזאַפּט מיט וואַסער; אַ שטאַרקער צפון־ווינד טרייבט שווערע וואָלקענס אויפ'ן הימעל, וועלכע פערשטאַרקען די פינסטערניש, אַז מען זעהט נישט עטליכע טריט פאַר זיך.

פון הינטער אַ לעדיגען שייער, וועלכער שטעהט אין פעלד נעבען אַ ווייגאָרטען, גנב'נען זיך אַפּער פינף מענשען בע־וואָפענטע מיט געווער; דאָס זענען אונזערע בעקאַנטע העל־דען, וועלכע געהען שטיל אויף אַ שטעגעל, וואָס פיהרט דורכ'ן ווייגאָרטען, איינגאַנצען אַדורכגעווייקט פון רעגען, די נאַסע בלעטער פון די ווייגשטאָקען פערנעצען זיי נאָך מעהר די קליידער.

דער ערשטער שפאַנט דורך דער פינסטערניש דער אַלטער אלעזר. ער האַלט אין דער האַנד אַ שפּיעז מיט וועלכען ער טאַפּט אָן יעדעס מאָל דאָס שטעגעל, מאַנכע מאָל בויגט ער זיך אַראָב צו זעהען אויב ער דרעהט נישט אָב פון וועג; נאָך איהם געהען שטיל און שווייגענד, אַנטיגנוס מיט זיין קורץ שאַרף שווערדל, יהודה טראָגט דן'ס „פיילעכען" ביי דער לינ־קער זייט גאַרטעל, און בעזונדער זיין קורץ שווערדל ביי דער רעכטער זייט. נאָך זיי געהט נאָך דן, וועלכער האַלט אין דער האַנד זיין „טייטהעלצעל", אויף אַ לאַנגען דיקען דראָנג באַזעצט אַ ברייטער שאַרפער שפיעז, וואָס גלאַנצט אין דער פינסטערניש; אַ געוועהנליכער מענש וואָלט דעם בלויזען שפיעז געשפּירט ווי אַ משא, דן שטעלט גרויסע שווע־

דע שפּרייזען. כאָטש ער וואָלט גערן זוי אַם לייכטסטען געבאַנגען; נעבען איהם געהט מיט לייכטע טריט שרק, יעדעסמאָל אונטערטאַנצענדיג פרעהליך גלייך ער וואָלט געגאַנגען ערגיץ אויף אַ פערוויילונג. אויפ׳ן אַקסעל טראָגט ער אַ לאַנגען דינעם שפּיז, אין די גאַרטעל פערשטעקט צוויי מעסערס, יעדעס כאָ־טוהט ער אַ שטורך שטיפעריש מיטן עק שפּיז דעם שמיעד אין דער פּלייצע, כלומר׳שט אומגערן, וועלכער וואָרטשעט שטי־לערהייד:

-עה, דו שוורצער וועוריק, כ׳נעם דיך אָן ביי אַ לאַפּע און וואַרף דיך אין די באַסע וויינשטאָקען!

-פאַר וואָס טאָפּטשעסט דו אַזוי הויך ווי אַ העלפאַנט? מען הערט דאָך אויף אַ מייל...

—ששאַ־אַ, שטיל! דערהערט זיך אַנטיגנוס בעפעהל.

ס׳ווערט שטיל, מען הערט נור דן׳ס שווערע טריט. און דער ווילדער בעדואינער כיכקעט שטילערהייד, אויך דער ווינד רוישט צווישען די בלעטער.

יהודה געהט און איז פערטיעפט אין די נעדאַנקען, רעכענט זיך ערשט איבער דאָס געפעהרליכע אונטערנעמונג וואָס זיי געהען אויספיהרען; אַ קאַטאָוועס, מן־הסתם וועט געהן אַנ׳עסקאָרטע פון אַ צעהן פונפצעהן גוט בעוואָפענטע גריכען. אָבער ער דערמאָנט זיך דאָס האַרצרייסענדע געוויין פון אבנר׳ן, אַ קליינינקייט, אַרויסראַטעווען פיער מענשען פון טויט, אָדער פון שענדליכער שקלאַפעריי וואָס איז פיעל ערגער ווי דער טויט. און זיי האָבען דאָך דאָס אַלעס געטהון פאַרן בעליבטען פאָטערלאַנד... בעזונ־דער דערמאָנט ער זיך תמר׳ס ווערטער: „כ׳וואָלט נישט פערגעסען אויף מיין גאַנץ לעבען”. ווי אויך איהר רייצענדען בליק. וויפיעל צוזאָג איז געווען אין דעם בליק?... פון דער צווייטער זייט ווידער, ס׳געהט אויך מיט דער קלוגער אַנטיגנוס וואָס יעדער טריט איז ביי איהם איבערגערעכענט, און דער נייער חבר וועלכער טאָפּטשעט האַרט פון הונטען; ער האָט אַ טאַפּ געטהון די שווערע שווערד ביי דער זייט, עס איז אין איהם עפּעס אַריין אַ נייע האָפנונג, דער שטאַרקער העברעאישער גאָט וועט

העלפֿנן, דאָס איז נישט די לעצטע מלחמה מיט די פֿערהאַסטע יונים, ס'הויבט זיך ערשט אָן; מען מוז זיך זעלבסט אָפּפֿערן פֿאַר דעם אונטערדריקטען פֿאָלק!...

זיי זענען אַרויסגעקומען פֿון ווייַנגאָרטען, די פֿינסטערניש האָט זיך געדופֿט, איז געוואָרען שוואַכער, נור דער קאַלטער ווינד האָט שטאַרקער געבלאָזען און האָט אַדורכגענומען מיט אַ קעלט זייערע פֿערנעצטע גלידער; אלעזר האָט אָבגעדרעהט לינקס, זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פֿון אַ בערגעל. אונטער די פֿיס האָבען זיי דערשפּירט אַ זאַמדיגען באָדען, דאָס איז שוין געוועזען דער זאַמדיגער פּאַס ביים ים; מ'האָט שוין געהערט דאָס גערויש פֿון צוקאָכטען ים, און וויַיט, ווייט, האָט מען געזעהען די פֿייערען פֿון די גריכען ביים פּאָרט.

דער אַלטער פֿישער האָט זיך יעדעס מאָל אָפּטער אַראָבגעבויגען אויף דער ערד; גלייך ער וואָלט עפּעס געזוכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און אַרויסגערעדט שטיל ווי צו זיך זעלבסט:

—נו, דאָ מוזען זיי אַדורכגעהן.

אַלע האָבען זיך אַנידערגעלעגט אויפֿ'ן נאַסען זאַמד, ס'איז געוועזען שטיל אַרום, מ'האָט נור געהערט דאָס בלאָזען פֿון ווינד, און דאָס גערויש פֿון די כוואַליעס פֿון ים.

זיי זענען אַזוי געלעגען אַ צייט שטיל, מ'האָט גאָר נישט געהערט אַרום, נור דער קאַלטער ווינד האָט שטאַרקער געבלאָזען אויף דעם לעדיגען גלייכען פּלאַץ. דער פֿרעהליכער שרק האָט זיך איינגעקורטשעט אין אַ קנויל, געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, און שטילערהייד געברומט:

—אָ, ס'איז...זז... קאַ...אַלל..ט!

—קלאַפּ מיט די ציין וועסטו דיך דערוואַרעמען. — האָט דן זיך גערייצט פֿאַר דעם וואָס ער דאָקוטשעט איהם אָפּט.

—אַוודאי, דיר איז וואַרעם, האָסט אַ פֿעל ווי אַ העלפֿאַנט.

עה, דו שוואַרצער טייוועל — האָט דן אַרויסגעשעפּטשעט און אַרויפֿגעלעגט אויף איהם די שווערע האַנד, וועלכע האָט

איהם צוגעדריקט ווי אַ קלאָץ; דער בעדואינער האָט זיך פלינק אַפּערגעגליטשט ווי אַ שלאַנג.

—ששש...אַ! — האָט זיך ווידער דערהערט אַנטיגנוס׳עס פליסטערן, און ביידע זענען שטיל געבליבען.

ס׳איז ווידער אַדורכגעגאַנגען אַ לענגערע ווײַלע, ס׳איז ווײַטער שטיל אַרום, נור דער ווינד בלאָזט נאָך אַלץ און דער ים רוישט פון דער ווײַטענס; די כמאַרעס אויפ׳ן הימעל זענען געוואָרען שיטערער, פון וועלכען ס׳איז געוואָרען בעדייטענד קלענער די פינסטערניש,

אנטיגנוס האָט זיך אויפגעזעצט, געהאָרכט, די שטילקייט איז אַלץ די זעלבע, ער האָט זיך צוגערוקט צום אַלטען פּי־שער און איהם געשעפּטשעט אין אויער:

—ס׳קען מעגליך זיין אַז זיי זענען שוין אַדורכגעגאַנגען?...

—ס׳איז נישט מעגליך; ס׳וואָלט געוועזען שפּורען אויפ׳ן זאַמד.

דער בעדואינער האָט זיך שנעל אויפגעזעצט און אַרויס־גערעדט שטילערהייד;

—בעל-הבית, מען געהט...

אַנטיגנוס האָט צוגעלעגט דאָס אַויער צו דער ערד און געהאָרכט, און ווירקליך. מ׳האָט געהערט ווײַטע טריט, וועלכע דערנעהנטערען זיך, נור דער ווינד האַקט יעדעס מאָל איבער דאָס קול; אַלע זענען געבליבען ווי פערשטיינערט, אײנגעהאַל־טען דעם אָטהעם און אויפגעשפּיצט די אויערען. מ׳האָט שוין געהערט דייטליכער ווי די טריט דערנעהנטערען זיך, און אויפ׳ן בערגעל האָט מען שוין זאָגאַר דערזעהן אין דער פינסטערניש סילועטען פון אַ גרופּע מענשען.

אַנטיגנוס האָט אַ ציה געטהון יהודה׳ן ביים אַרבעל. ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבען, אַרויסגענומען דאָס שאַרפע שווערדל פון שייד, יהודה האָט איהם נאָכגעפאָלגט, און צו די איבריגע האָט ער געגעבען אַ צייכען מיט דער האַנד זיי זאָלען בלייבען ליגען; אנטיגנוס מיט יהודה׳ן זענען אַנטקעגענגעגאַנ־גען די שוין נאָהענטע עסקאָרטע. דער ערשטער יון וואָס איז

געגאַנגען פאָראויס, דערזעהענדיג אז עמיצער געהט, האָט אַ געשריי געטהון:

—ווער געהט?

—פון אונזערע! — האָט אַנטיגנוס אָבגעענטפערט גריכיש, און זיך שוין דערנענטערט צום ערשטען יון.

—זאָג דעם לאָזונג! (אַ צייכען וואָרט)

—דאָס איז דער לאָזונג, — האָט אַנטיגנוס אַרויסגערעדט. און מיט אַ בליץ-שנעלקייט איהם אַריינגעשטאָכען דאָס שאַרפע שווערדל אין בויך, דער יון איז אַנידערגעפאַלען אין אַ קאַלוזשע בלוט.

דער דערבייאיגער יון האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד און זיך געוואָלט פערמעסטען אויף אַנטיגנוס'ן אָבער ער האָט נישט בעוויזען אויפצוהויבען די שווערד, האָט איהם יהודה דער-לאַנגט מיטן „פיילעכען" איבערן האַלז, אַז ס'האָט זיך איינגע־שניטען ביז אין האַלבען קערפער אַריין,

די גאַנצע עסקאָרטע האָט זיך אָבגעשטעלט. זיי זענען גע וואָרען צוטומעלט, קיינער האָט אין פלוג נישט געקענט פער-שטעהן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען; אָבער ס'האָט געדויערט אַנ' אויגענבליק און הינטער זיי האָבען זיך דערהערט קורצע שטרענגע בעפעהלען פון זייער עלטסטען:

—האב־אַכט! צום געווער!... אַ סיגנאַל!..

די גריכען האָבען גלייך פערשטאַנען, אַז מען מאַכט אויף זיי אַנ'אָנפאַל נור זיי האָבען נישט געוואוסט פון וועלכער זייט; זיי האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ פיער־עק, די בלאַנקע שווערדן אין די הענד און די שפּיזען פערשטעקט אין דער ערד; די פיער געפאַנגענע, וועלכע זענען געשטאַנען מיט די קייטען אויף די הענד און אויף די פיס אין אַ פערצווייפעלטע פּאָזע האָבען זיי אַריינגענומען אינדערמיט.

איבער דער צייט האָט זיך דערהערט אויך אנטיגנוס'עס דעוויז.

—מות ליונים!

אלעזר, דן מיט שרק'ן, אַז זיי האָבען דערהערט דעם

צייכען, זענען צוגעלאָפּען פון דער צווייטער זייט, דן מיט זיין „טייטהעלצעל" האָט געאַרבייט מעשים; די ערשטע צוויי גריי־כען וואָס זענען איהם בעפאַלען מיט שווערדן, האָט ער זיי אַרויסגעשלאָגען דאָס געווער ווי לייכטע שפּענדליך, און איינעם נאכן צווייטען אַדורכגעשטאָכען מיט זיין ריעזיגען שפּיעז; ווי־דער איינעם, וועלכער איז אָנגעפאַלען אויף אלעזר'ן מיט אַ לאַנ־גען שפּיעז, האָט שרק נאָך פון דערווייטענס געוואָרפען אַ מע־סער גלייך אין פּניו אַריין, און אלעזר האָט איהם באַלד אַוועק־געלעגט מיט זיין שפּיעז אויפ'ן אָרט.

איינער פון די גריכען האָט געכאַפּט דעם טראָמפּייט וואָס האָט געהאַט אָנגעבונדען אויף אַ שניר, צוגענומען אים צום מויל אום צו געבען אַ סיגנאַל, אָבער יהודה איז צו אים שנעל צוגע־שפּרונגען, דאָס „פיילעכעןף האָט געטהון אַ מורא'דיגען סווישטש אין דער לופט, אז דער קאָפּ מיטן טראָמפּייט, מיט אַ שטיק האַנד זענען אַוועקגעפאַלען אין אַ זייט.

נאָכדעם ווי יהודה האָט אַזוי העלדיש אובערגעהאַקט דעם סיגנאַל פון טראָמפּייטער, זענען אויף איהם אָנגעלאָפען מיטאַמאָל צוויי יונים מיט די שווערדן, וועלכע זענען אבער אויך געווע־זען געניטע פעכטער. דער שטרייט האָט געדויערט אַ ווײלע, יהידה האָט עטליכע מאָל מייסטערהאַפט אָבגעשלאָגען זייערע שווערדן. אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט בייקומען, ווייל איינער האָט דעם צווייטען געשיצט, יהודה זעלבסט איז שוין כמעט געווען אין געפאַהר; דאָס האָט דערזעהען אַנטיגנוס. ער איז געשווינד צוגעשפּרונגען צו איינעם, און איהם אַריינגע־שטאָכען זיין שווערדל אין דער זייט, אַז דער יון האָט זיך מאָמענטאַל אויסגעצויגען אויפ'ן זאַמד; דאַן האָט שוין יהודה דעם צווייטען אַרויסגעשלאָגען די שווערד פון דער האַנד, און איהם גלייך אַדורכגעשטאָכען דאָס האַרץ. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעלאָפען אויף יהודה'ן פון אונטען דער עלטסטער פון די יונים, אָנגעטהון אַנ'אייזערנעם פאַנצער און אַ מעשענעם העלם אויפ'ן קאָפּ, מיטן שילד אין דער לינקער האַנד און

אין דער רעכטער אַ בלאַנקע שווערד אויפגעהויבען אין דער הויך, ער איז גלייך געלאָפען אויף יהודה׳ן מיט אַ געוואַלדיגען אימפעט; דאָס האָט דערזעהען שרק, און ער האָט אַ ווילדען קוויטש געטהוען:

—אוי, מיין בעל-הבית!,.:

און מיט אַ בליץ-שנעלקייט ווי אַ קאַץ האָט ער זיך אַני־דערגעוואָרפען דעם צוהיצטען יון אונטער די פיס, וועלכער האָט זיך אין שווערען פאַנצער ווי גרויס ער איז געווע-זען, אויסגעצויגען אויף דער ערד, דן איז צוגעלאָפען און האָט איהם מיט אַזאַ אימפעט אַריינגעהאַקט אין דער פּלייצע דאָס „טייטהעלצעל”, אַז ס׳האָט אַדורכגעלעכערט דעם יון אין פאַנצער דורך און דורך, און איז נאָך אַריינגעקראָכען אפשר אַנ׳אייל אין דער ערד!

ווי דן האָט געוואָלט אויף דער גיך אַרויסרייסען דאָס „טייטהעלצעל” האָט זיך דער אייזערנער שפּיץ אָבגעבראָכען, און ער איז געבליבען שטעהן מיטן בלויזען דראָנג אין דער האַנד; ער האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט לאַנג צו בע־דויערען זיין שאָדען, ווייל עס איז איהם בעפאַלען עפּעס אַ הויכער דיקער יון טיט אַ לאַנגען שפּיז, וועלכער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר זיין עלטסטען. דן האָט קוים מיטן בלוי-זען דראָנג אַיהם אַרויסגעשלאָגען דעם שפּיז פון דער האַנד, אוןביידע העלדען זענען אויף זיך אַרויפגעפאַלען מיט די בלויזע הענד; עס האָט געדויערט עטליכע סעקונדען ווי ביידע האָבען זיך אָנגעכאַפּט פאַר די העלזער און האָבען זיך אָנגעפאַנגען פּעסט צודריקען, מ׳האָט נור געהערט ווי ביידע קעמפּפענדע האָבען הויך געסאַפּעט... אַם ענדע האָבען זיך דעם יונ׳ס פיס פאַמע-ליך אויפגעהויבען פון דער ערד, און מיט אַ שרעקליכען ווירבעל-טאַנץ האָט זיך דן עטליכע מאָל מיט איהם איבערגע־דרעהט, נאַכהער האָט ער מיט אַזאַ קראַפט אַ שליידער געטהון דעם יון, אַז ער איז אַוועקגעפאַלען עטליכע טריט אויף דער ערד, ער האָט נור געגעבען אַ משונה׳דיגען הויכען קרעכץ; דער

-ידואינער איז צוגעלאָפּען מיט זיין שפּיז, און האָט איהם די רעשט אָבגעפּערטיגט,

דן איז געבליבען שטעהן אַ ווײלע אומגעלומפּערט, צר־שפּרייט זיינע הענט און די פיס, און האָט זעהר שווער געאָ־טעמט, וואָס איז געוועזען עהנליך צום בלאָזען פון מיעך אין זיין קוזשניע.

די לעצטע צוויי איבערגעבליבענע יונים, נאָך דער שרעק־ליכער שחיטה האָבען אַוועקגעוואָרפען זייער געווער, אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך אויף אַ צייכען, אַז זיי געבען זיך אונ־טער, זיי האָבען נישט גערעדט קיין וואָרט. נור זייערע אויגען האָבען ווי געבעטען רחמים; אָבער צו זיי זענען צו־געפאַלען דער אַלטער פישער און דער בעדואינער מיט זייערע שפּיזען און האָבען זיי אויך אַוועקגעשיקט זיך שיצען אונטער די געטליכע פליגעל פון זייער געערטען גרויסען צעזוס...

יהודה האָט זיך מיט פעראַכטונג אַוועקגעדרעהט פון דעם שוי־דערליכען בילד.

יהודה האָט ערשט דערשפירט, אַז דער אַרבעל איז איהם אַדורכגענעצט, און האָט בעמערקט, אַז ער איז געוואָרען פער־וואונדעט אין די האַנד ביים עלענבויגען. ער האָט צוגערופען אַנטיגנוס׳ן, צום גליק איז די וואונד געוועזען נור אויבערפלעכ־ליך; ווי זיי האָבען געקענט האָבען זיי אויף דער גיך פערבאַנ־דאַזשירט מיט אַ טוך די וואונד, און אַנטיגנוס האָט מיט שפּאַס אויסגערופען:

—חתן דמים אתה לי... (דו ביזט מיר געוואָרען אַ בלו־טיגער חתן.) ביידע פריינד האָבען זיך פרעהליך צולאַכט.

די געפאַהר איז שוין אַריבער, די געפאַנגענע זענען גע־וואָרען פריי, זיי זענען אַלע אַנידערגעפאַלען אויף די קניהען, אויפגעהויבען די הענד און געדאַנקט דעם אַלמעכטיגען פאַר דעם נס וואָס ער האָט זיי בעוויזען. די געפאַנגענע האָבען נישט געקענט פערשטעהן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זיי האָבען גלייך דערקענט זייער שמיעד פון דאָרף און דעם אַלטען פי־שער, אָבער וואָס ווי אַזוי דאָס איז געשעהן? האָבען זיי נישט

פערשטאַנען, אַבטליון האָט בעגייסטערט אַרויסגערעדט:

—העלדישע גבורים! מיט וואָס ווען מיר אייך אָפּצאָה־לען אַזאַ גרויסען חוב?

—דעם חוב וועט איהר אָפּצאָהלען. — האָט יהודה גע־ענטפערט, — אונזער געליבט פאָטערלאַנד.

—ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט, ביז צום לעצטען הויך פון אונזער נשמה! — האָבען די בעפרייטע אויסגערופען.

אָבער דער איבערגעזוּעהענער, און אין גרעסטען געפאַהר ניכטערער אַנטיגנוס, האָט זיך פּלוצלינג געווענדעט מיט אַ פראַ־גע צו די געפאַנגענע:

—פון וויפיעל מענשען איז בעשטאַנען די עסקאָרטע וואָס האָט אייך געפיהרט?

—דרייצען מענשען.

—אַנטיגנוס האָט זיך גענומען פלייסיג צו צעהלען די הרוגים, ס'האָט זיך נישט מעהר אַרויסגעוויזען ווי צוועלף.

—אפשר האָט איהר אַ טעות?

—ניין, זיכער דרייצעהן. — האָט אַבטליון געענטפערט, — איך געדענק גוט, צוועלף געוועהנליכע סאָלדאַטען און דער דרייצעהנטער, דער עלטסטער, דער אין מעשעגעם העלם.

—נו, אַזוי ווייזט אויס, אַז איינער האָט געמאַכט ויברח אין לאַגער אַריין צו די יונים, — האָט אַנטיגנוס געזאָגט פער־צווייפעלט, און גלייך שטרענג בעפוילען:

—ברודער! צו דער אַרבייט, אויפצוהאַקען די קייטען. די צייט איז קורץ.

אַלע האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט וואָס נור איי־נער האָט געקענט, מ'האָט געפיילט, געהאַקט און געקלאַפּט.

ס'האָט געדויערט אַ לענגערע צייט, אַלע פיער געפאַנגע־נע זענען געוואָרען פריי פון די קייטען; דן האָט זיך אויפגע־הויבען פערשוויצט, פערסאַפּעט. און מיט זיין באַסאָווע געלעכ־טער אויסגערופען.

—נו, שוין פערטיג אַנ'עסק, ס'איז געווען אַ שווער שטי־קעל אַרבייט...

דער בעדואינער האָט אים שטיפעריש ווידער געגעבן אַ שטורך.

—אָבער סאַפּע נישט אַזוי הויך ווי אַ פערד אין גאַלאָפּ, מ׳וועט דערהערן ביי די גריכן אין לאַגער.

—עה, דו דו... שוואַרצער,..

אָבער אין דער מינוט האָט דער ווינד צוגעטראָגן פון דער זייט פון יונישען לאַגער אַנ׳אַלאַרם־סיגנאַל; איין טראָמפּייט, אַ צווייטער, אַ דריטער; אַנטיגנוס׳עס פּנים איז געוואָרען פערכמאַרעט, ער האָט ווידער אַרויסגעגעבן אַ באַפעהל:

—דו, דן, נעם נור דיין שווערד, און ווי אַמשנעלסטען אַנטלויף מיט די געפאַנגענע קיין גליל, איבערן טאָג זאָלט איהר זיך בעהאַלטען אין די וועלדער אָדער אין די תבואות. נור ביינאַכט זאָלט איהר רייזען; אין פערלויף פון עטליכע טעג וועלען מיר אויך זיין אין טבריה, דאַן וועט מען אייך מיט אַלעם בעזאָרגען; נו, געהט אַלע מיט פריעדען!

נאַכהער האָט ער זיך געווענדט צום אַלטען אלעזר:

—און איהר געערטער גרייז, פיהרט אונז אַרויס אויפ׳ן וועג צו ינאַי׳ס פערמע, אויך איר זאָלט פערשוואונדען ביז דער שטורם וועט אַריבער!

—פאַר מיר זאָרגט נישט!..,

די קאַמעראַדען וואָס האָבען פערברענגט צוזאַמען אַזאַ געפערליכע בלוטיגע נאַכט, האָבען זאָגאַר נישט געהאַט קיין צייט זיך רעכט צו געזעגענען; יהודה נור האָט בעמערקט ווי זיין בעדואינער איז פלינק אַרויף אויף דן׳ס האלז און ביידע האָבען זיך צוקושט, ס׳האָט אויסגעזעהן ווי אַ קאַץ שפּרינגט אַרויף אויף אַ בער.

אין איין אויגענבליק זענען זיי אַלע פערשוואונדען אין דער פינסטערניש, אויך די איבערגעבליבענע האָבען זיך געלאָזט אַלע פיער מיט האַסטיגע טריט צו ינאַי׳ס פערמע.

פאַר זיין הויז אויפ׳ן וועג האָט דער גוטער ינאַי אויף זיי אונגעדולדיג געוואַרט. דער אַלטער קנעכט האָט געהאַלטען דריי נעזאָטעלטע פערד, וועלכע האָבען מיט אונגעדולד גערי־

סטען די ציעגעל; יהודה׳ס שוואַרצער „עורב״ האָט אין דער פינ־סטער אַסך פון דערווייטענס דערקענט זיין בעל־הבית, ער האָט נור אַ לייכטען הירזשע געטהון; אַלע דריי פון דער עקספּעדיציע זענען געקומען אין איילפּענ׳יש, וואָרום אַנטיגנוס האָט געיאָגט אָהן רחמנות; עס האָט זיך דערהערט ינאַי׳ס שטילע שטימע:

—נו, וואָס הערט זיך?

—אַלע פריי, ס׳איז נישט דאָ קיין צייט צו ריידען, בלייב געליבטער פריינד, מיט געזונד און פריעדען!

קורץ איז געווען זייער געזעגענען זיך, זיי זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די פערד, וועלכע האָבען נור געוואַרט מ׳זאָל זיי נאָכלאָזען די לייצען.

שוין זיצענדיג אויפ׳ן פערד, האָט יהודה נאָך אויסגעשריי־הען צו ינאַי:

—געדענקט־זשע, באַלד היינט אַוועקצושיקען אייער טאָכ־טער קיין ירושלים!

און ווען ער איז שוין געהאַט אַוועקגעריטען עטליכע טריט, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרעהט אויפ׳ן זאָטעל, גע־וואָרפען נאָך איין בליק אויף דעם ווייסען הויז, וואָס שטעהט צווישען גרינס, פון וועלכען ס׳איז איהם געבליבען אַזעלכע זיסע זכרונות; איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין אָפענעם פענזטער האָט עפּיס אַ בלישטש געטהון אין דער פינסטער ווי תמר׳ס בלאָנדע קעפּל.

ווער ווייסט, אפשר האָט איהם אַזוי געמאָלט זיין צוהיצ־טע פאַנטאַזיע?...

די אויסגערוהטע פערד האָבען זיי לייכט אַוועקגעטראָגען און די פינסטערניש פון דער נאַכט האָט זיי ווי פערשלונגען.

דער אַלטער ינאַי איז נאָך געשטאַנען אַ ווילע, דער קאַלטער ווינד פון פאַרטאָג האָט צושויבערט זיין לאַנגע גרויע באָרד, און האָט געריסען די פּאָלעס פון זיין לאַנגען מאַנטעל; ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און זיינע הענד צום הימעל, און די ליפען האָבען שטיל געשעפטשעט נאָך די אַנטרינענע.

—יברכך ד׳ וישמרך!...

IV

ס'איז געווען אַ שטילער, הייסער פאַרנאַכט, די זון ווי אַ גרויסער פייערדיגער קוגעל האָט זיך אַראָבגעלאָזט צו דער זייט פון ים; די ווייטע בערג נפתלי האָבען אויסגעזעהן ווי פערהילט אין אַ לייכטען בלויליכען שלייער; דער לויטערער בלויער הימעל אָהן וואָלקענס איז אויסגעשפרייט אַרום און אַרום, אַ ריינער רייצענדער הימעל פון ארץ-ישראל. נאָכ'ן נעכטיגען רעגען האָט אַלעס ווי אויפגעבליהט, די בוימער, די גרעזער, אַלע געוויקסען. די פויגעלעך שפרינגען אַרום פרעהליך צווישען די צווייגען, און מאַנכע מאָל דערטראָגט זיך נור אַ לייכט ווינדטעל פון דער זייט פון ים.

אין אַ טהאָל פון צפון זייט ביים באַרג כרמל, אין אַ וועלדעל פון דעמבעס, צעדער, אַקאַציעס, איילבירטען און אַנדערע בוימער, לאַגערט דער גריכישער גאַרניזאָן. אומעטום הערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג, אין די ווייסע לייווענטענע געצעלטען, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אין גלייכע רייהען, זענען סאָלדאַטען פערנומען מיט פערשידענע אַרבייט, אַ טייל פון זיי ליגען פאַר די געצעלטען אין די צושפילעטע העמדער אויפ'ן גראָז און שפיעלען אין ביינער, מאַנכע פיהרען אַדורך שענע בעקליבענע פערד פון דער פאַשע אין די פערזייעטע העברעאישע פעלדער, מאַנכע ווידער, זיצען גלאַט פאַר זייערע געצעלטען און שעפען נחת פון פרעכטיגען קיהלען פאַרנאַכט.

אין דערמיט לאַגער, אונטער אַ ברייטען צווייגהאַפטיגען דאָמב, שטעהט אַ גרויס געצעלט, וועלכעס צייכענט זיך אויס פון די אַנדערע מיטן אַרט צוזאַמענשטעלן און מיטן טייערן

דוקסוס. עס איז בעדעקט מיט פערשידענפאַרביגע דיוואַנען און בעפוצט מיט קאָלירטע בענדער; אָט פאַר דעם געצעלט זיצט אויף אַ צונויפגעלעגטע וועג־שטוהל דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, דעמעטעאוס. ס׳ווייזט אויס, אַז ער איז איצט גלייכגילטיג צו דער גאַנצער פרעכטיגער נאַטור אַרום איהם. ער זיצט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די הענד פערלעגט אויפ׳ן האַרץ, פערטיפט אין די געדאַנקען. זיין שטרענג אַריסטאָקראַטיש פנים איז ווי פערצויגען מיט אַ שווערן וואָלקען. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהויבען זיינע שטרענגע אויגען, פערשטעלט מיט דער האַנד ביים שטערען און געקוקט מיט אַנ׳אָנגעשטרענגטען בליק אין דער זייט פון באַרג כרמל, ער האָט אַרויסגערופען פון געצעלט זיין יונגען דינער און געפרעגט:

—זעה נור, ווער רייט דאָרט אַזוי שנעל פון באַרג אַראָפּ. ס׳ווייזט אויס, אַז פון אונזערע, ווייל די וואַך האָט איהם אַדורכגעלאָזט?

דער דיענער האָט זיך אויך גוט איינגעקוקט און האָט געענטפערט:

—דאָרט רייט זיין עקסעלענץ׳ס פריינד, דער יונגער העברעער יוחנן.

—יאָ, ס׳איז ער אויף זיין גרוי פערד; אַך, ווידער מיט די פערהאַסטע באַרבאַרישע העברעער!

אין איינינע מינוטען איז צוגעריטען צום געצעלט אויף אַ גרוי פערשוויצט פערד, אַ שלאַנקער, אין גריכישען אַרט עלעגאַנט געקליידעטער יונגערמאַן. ער איז לייכט אַראָבגעשפרונגען פון פערד, וועלכעס ער האָט איבערגעגעבען דעם יונגען דינער, און דאַביי איהם אַריינגעשטעקט אַ מטבע אין דער האַנד. דער דיענער האָט זיך מיט הכנעה פאַרנויגט און אַוועקגעפיהרט דאָס פערד.

יוחנן האָט זיך פאַר דעמעטעאוס׳ן העפליך און גראַציעז פאַרנויגט.

—זיי געגרוסט הויכער פערטרעטער פון קעניג אַנטיוכוס, די געטער שיקען אַ ברכה זייער אויסדערוועהלטען העלד! אָבער

וואָס איז דיין עדעל פּנים אַזוי פֿערכמאַרעט ווי דער שרעקלי־
כֿער מאַרס*) אויפֿ'ן הייליגען אָלימפּ?...

—דאָס האָבען געמאַכֿט דיינע ברידער די באַרבאַרען! —
דעמעטעאוס האָט אויגעשטרעקט זיין האַנד צום גאַסט, גלייך
ס'וואָלט איהם עמיצער דערצו גענויט, און האָט ווייטער גערעדט:

—אַזוי געערטער יוחנן, אייערע באַרבאַרען האָבען מיר אָנגע־
מאַכֿט די היינטיגע נאַכֿט אַ מורא'דיגע שחיטה צווישען מיינע סאָל־
דאַטען; די סאָלדאַטען האָבען ביינאַכֿט עסקאָרטירט צום פּאָרט
אַ באַנדע אייערע רעוואָלוציאָנערן וואָס מ'האָט זיי געכאַפּט מיט
געווער, זענען די רעשט רעוואָלוציאָנערן באַפֿאַלען אומגעריכֿט
די עסקאָרטע און האָבען אונ'ברחמנות'דיג ערמאָרדעט אַלע
אויפֿ'ן אַזיאַטישען שטייגער, קוים איינער, וואָס איז אַנטרינען
און מיר געבראַכֿט די טרויעריגע בשורה. אָט איך קום ערשט
פֿון דער לויה, אויף וועלכֿער מ'האָט בעגראָבען די העלדען
מיט מיליטערישער עהרע, זיי האָבען עכֿט העלדיש ערפֿילט
זייער מילי- טערישע פּפֿליכֿט!

—אַי, פֿאַנאַטיקער, פֿאַנאַטיקער, — האָט יעדעס מאָל יוחנן
בעדויערט, און זיין בלאַס צאַרט, כמעט קינדיש פּנים האָט זיך
דאַביי אויסגעקרומט מיט אַ לעכערליכֿע גרימאַסע; אָבער דעמע־
טעאוס האָט ווייטער גערעדט מיט כעס:

—איך האָב באַלד אַלאַרמירט דעם גאַנצען לאַגער, צו־
שיקט רייטער אין אַלע זייטען, אָבער די מערדער זענען פֿער־
שוואונדען ווי אין וואַסער אַריין; עס ווייזט אויס, אַז ס'איז
אַ גאַנצע געהיימע אָרגאַניזאַציע. איך וועל זיי אַלע אויס
ראָטען ווי די שטשורעס!.. נור ווי אַזוי וועל איך שרייבען
דעם בעריכֿט צום גובערנאַטאָר קיין ירושלים? אַ שאַנדע! אַ
שאַנדע!...

ער האָט גענומען זיין קאָפּ צווישען ביידע הענד, און זיך
בעשאָקעלט פֿאַר כעס.

---

*) דער שרעקליכֿער גאָט פֿון מלחמה ביי די אַלטע גריכען און רוימער.

—נאַרישע פאַנאַטיקער! — האָט יוחנן אויך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

דעמעטעאוס האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט אויף דער שטוהל, פערלייגט די הענד אויפ'ן האַרץ און האָט ווייטער גערעדט מיט היץ:

—נעכטען פריה האָב איך בעגעגענט צווישען די בערג צוויי רייטער מיט אַ קעמעל, כלומר'שטע סוחרים פון יריחו, איצט זעהען זיי שוין אויס מיר פערדעכטיג. אָ, ווען איך וואָלט זיך געוועזען גערעכט... — און ביי די ווערטער איז זיין פּנים עפּים מאָדנע רויט געוואָרען.

—אָט געטליכער דעמעטעאוס, — האָט יוחנן אויסגערופען, — וועגען דעם בין איך טאַקי אויך געקומען צו דיר, די צוויי פערדעכטיגע סוחרים האָבען אונז אָנגעמאַכט אַ בשותפות'דיגע צרה; נור הער גוט אויס, און מיט דיין קלוגען קאָפּ קלער אַנ'עצה וואָס צו טהון!

דעמעטעאוס האָט אָנגעוויזען זיין יונגען פריינד אַ שטוהל געבען זיך און האָט אויפגעשפּיצט די אויערען; יוחנן האָט זיך אויך אַנידערגעזעצט, זיינע בלויע קינדישע אויגען האָבען זיך פערצויגען מיט אַ פייכטקייט און ער האָט דערצעהלט:

—היינט פאַרמיטאָג בין איך געקומען אויף דער פערמע צו ינאַי, ווייל ווי דיר איז בעקאַנט האָט מיר תמר אַזוי דעם קאָפּ פערדרעהט, אַז איך קען אָהן איהר איין טאָג נישט איבערלעבען; איך קום אַריין צו ינאַי אין הויז, עפּיס אַ סומאַטאָכע, אַ גערודער, די פּנים'ער פער'מרה־שחורה'ט, אויף מאַנכע אויגען זעהט מען טרערען; איך פרעג וואָס דאָס בעדייט? דערצעלט מען מיר, אַז תמר איז אַוועקגעפאָהרען צו איהר פעטער קיין ירושלים, ס'האָט זיך איהר פערגלוסט אין דער גרויסער שטאָדט אַריין, באַשר דאָס דאָרף איז איהר געוואָרען לאַנגווייליג. הערסט אַ געשיכטע? נו, די דאָזיגע ידיעה האָט מיר באַלד געגעבען אַ שטאָך אין האַרץ. אמת זי איז שטענדיג געוועזען צופיעל צובאַלעוועט אין הויז, ביים פאָטער נישט אַזוי פיעל, וואָרום דער אַלטער איז אַ קלוגער און אָרענטליכער מאַן, נור די מוטער

איהרע, זי פּיעשטשעט איהר שטענדיג ווי אַ קליין קינד.
—איז זי ווירקליך אָבגעפאָהרען? – האָט דעמעטעאוס
אויסגערופען און עפּיס שטילערהייד אָבגעזיפצט; יוחנן האָט אויך
אַ הויכען, שווערען זיפץ געטהון, און ווייטער דערצעהלט:
—איך טרעף אין גאָרטען די אַלטע דיענסט, קענסט זי
געוויס, ליבער געטליכער דעמעטעאוס, די אַלטע, די שוואַרצע—
זי דערצעהלט מיר אַלץ, וואָרום זי באַקומט פון מיר אַ גאָלד־
שטיקעל, — אַז נעכטען פריה זענען צו זיי געקומען עפּיס צוויי־
סוחרים מיט אַ קעמעל מיט סחורות, געוויס די זעלבע וואָס דו
האָסט געטראָפען אין די בערג. ינאַי האָט זיך מיט זיי גאָר
אַרומגעכאַפּט. געמאַכט אַ גאַנצע סעודה, מ׳האָט געטרונקען וויין,
תמר האָט פאַר זיי געשפּיעלט אויף דער האַרפּע. ס׳איז אויך
געקומען דער דיקער שמיעד פון דאָרף, דער העסליכער בער,
מ׳האָט זיך עפּיס געשושקעט, גע׳סוד׳עט, און ביינאַכט זענען
זיי אַלע ערגעץ פערשוואונדען. געקומען פאַרטאָג, האָט געהיי־
סען איינער פון זיי עפּיס אַ הויכער שענער יונגערמאַן, אַז ינאַי
זאָל אַוועקשיקען די טאָכטער, און זיי זענען באַלד נעלם גע־
וואָרען אויף די פערד ווי אַ ווינד אין פעלד.
–איצט, געטליכער דעמעטעאוס, — האָט יוחנן ווייטער
געצויגען אין איין אָטהעם, – קלער אַנ׳עצה וואָס צו טהון,
איך וועל נישט קאַרגען קיין געלד, וויפיעל מ׳וועט בעדאַרפען;
און ווי איך זעה איין האָט די געשיכטע אַ שייכות אויך מיט
דעם אָנפאַל וואָס דו האָסט דערצעהלט. געטרייער פריינד, ראַ־
טעווע מיך, וואָרום דאָס געהט מיר אין מיין גאַנצען לעבען.
דעמעטעאוס האָט אויסגעהערט מיט געדולד. זיין שטערען
האָט זיך געקנייטשט, און אין זיינע אויגען האָט אַ בלישטש
געטהון אַ מאָדנע פייערל, און ער האָט זיך געווענדט צום
פערצווייפעלטען יוחנן:
—דו זעלבסט ווייסט, געערטער פריינד, אַז דו ביזט ביי
מיר זעהר געליבט. וואָרום דו ביזט שוין אַדורכגעדרינגען מיט
דער גריכישער ציוויליזאַציע נישט ווי די איבעריגע אייערע
אונקולטורעלע העברעער; איך וועל מיר מיה געבען דיר צו

העלפען, נור ווער מיר גוט געוואָר ביי דיין שוואַרצע מכשפה, ווער דער שענער יונגערמאַן איז, וועגען וועלכען זי האָט דערצעהלט, וואו ער וואוינט. אויך ווער געוואָר, וואו יענער פעטער הייסט אין ירושלים, וואָס דיין אַפראָדיטאַ*) איז צו איהם אַהינגעפאָהרען. דו מוזט מיר דאָס אַלץ ווי אַמגיכסטען ברענגען דייטליך.

—אָבער וואָס קלערסט דו צו טהון, געטליכער פריינד?

—דער גובערנאַטאָר אין ירושלים איז מיינער אַ גוטער פריינד, ער וועט שוין מיר אַרויסבעקומען די האַריטאַ**), פערשטעהסט? נור מען וועט דאַרפען האָבען אַ גרויסע סומע געלד, ס'איז נישט קיין קלייניגקייט, דער גובערנאַטאָר אין ירושלים... נור ווער גוט געוואָר אַלץ, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט!

יוחנן איז פאַר פרייד אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, זיין בלאַס פנים איז געוואָרען עטוואָס פעררויטעלט, ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו דעמעטעאוס'ן, און מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט דעמעטעאוס'נס האַנד:

—איך רייט גלייך קיין גפנים, באַלד וועסט דו אַלץ וויסען; און וועגען געלד זאָלסט דו נישט זאָרגען, איך וועל שוין ביי מיין פאָטער אַרויסבעקומען וויפיעל איך וועל בעדאַרפען. דו ווייסט דאָך אַז איך בין ביי איהם דער איין און איינציגער יורש.

די זון האָט זיך איבער דער צייט אינגאַנצען אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין. די לופט איז געוואָרען קיהלער. מחיה'דיגע ריחות האָבען זיך דערטראָגען פון די בוימער, פון די פעלדער אַרום. די פויגעלעך צווישען די בלעטער האָבען נאָך אַרגעץ וואו שטילערהייט געצווישטשעט, גלייך זיי וואָלטען אָפּגעריכט אַ שפעט נאַכט-געבעט צום באַשעפער, וואָס האָט זיי בעשאָנקען מיט אַזוי אַ הייטערען וואַרעמען טאָג. פון ווייטען וואַלד האָבען זיך דערטראָגען די וואונדערבאַרע טרעלען פון

---

*) די געטין פון שענהייט ביי די גריכען, ווי ווענוס ביי די רוימער.

**) האַריטאַ, אַ וואַלד־נימפע, אַ פייע, ווי רוסאַלקא ביי די סלאַוויאַנער.

דער טורקעל־טויב, און די גאַנצע נאַטור האָט זיך שוין גע־גרייט צו דער רוה פון דער נאַכט.

דער דיענער האָט צוגעפירט צו יוחנן זיין שימעל, ער איז פלינק אַרויפגעשפרונגען אויפ׳ן פערד, העפליך זיך פער־בויגט, און זיך געלאָזט געשווינד צו דער זייט פון גפנים.

דעמעטעאוס האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל. א ווילע נאָכגעקוקט דעם רייטער, נאַכהער אַרויסגערעדט צו זיך זעלבסט:

—נידערטרעכטיגער העברעער, יאָ, איך וועל טאַקי אַרויס־בעקומען די רייצענדע חאַריטאַ פאַר דיר! צעזוס*) האָט זי בע שאַפען נישט פאַר אייער אַזיאַטישען עסטעטישען געשמאַק, זי בעדאַרף זיך געפונען אין אַ פאַלאַץ פון אַ חוכען אַריסטאָקראַט אין אַטהען, אָדער אין טעמפעל פון די געטין אַפראדיטאַ; איך וועל נאָך דעם פערמאַחקירטען סוחר אויך אָנלערנען!... איך וועל צונעמען ביי דיר, דו יונגער עזעל, די גאָלדענע טאַלענטין**) און זי וועט זיין מיינע, זי מוז זיין מיינע!

די סאָווע אין וואַלד האָט אַ מורא׳דיגען געשריי געטהון, דאָס עכאָ האָט עס צוטראָגען ווייט איבערן גאַנצען וואַלד.

---

*) צעזוס, דער גאָט איבער אַלע געטער, ביי די גריכען, ווי יופיטער ביי רוימער.

**) אַ געוויסע בעדייטענדע סומע געלד אין יענע צייטען,

V

עס איז אַדורכגעגאַנגען דער רייצנדער פריהלינג מיט זיין כשוף, און ס׳זענען אָנגעקומען די הייסע זומער טעג. די מענשען אין לאַנד יהודה האָבען זיך שוין גענומען צום שניט, אויף די ברייטע פעלדער געהט צו אַ שווערע אָבער פרעהליכע אַרבייט, פון זונען אויפגאַנג ביז שפעט אין אָבענד זענען מען שען באַשעפטיגט אויף די פעלדער ווי די מוראַשקעס. מ׳שניידט גערשטען, ווייץ, מ׳בינדט סנאָפעס, מ׳פיהרט שווערע וועגען תבואות אין די שייערס אַריין; מען פיהרט אויף עזלען, אויף פיהרען, מ׳טראָגט איף די פלייצעס, וואָרום אין דעם יאָהר האָט גאָט געבענשט דאָס לאַנד מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליך גערעטעניש. מ׳האָט שוין אָנגעפיהרט פולע שייערען, און ס׳ליגט נאָך גרויסע סטערטעס מיט תבואות אויף די פעלדער; דער שווייס פון די אַרבייטענדע רינט אויף זייערע פנימ׳ער, און דאָס געזאַנג פערהילכט די לופט.

פיעל ערגער איז אין די גרויסע געמויערטע שטעדט. די היצען שפּירען זיך פיעל מעהר אין די שמאָלע, ענגע געסלעך, צווישען די הויכע מויערען מיט די ריעזיגע טורעמס, וואָס רינגלען אַרום די שטאָדט, די לופט איז דאָרט נישט ריין, פערשטויבט און שטיקענד. די רייכערע איינוואוינער פאָהרען אַרויס אויפ׳ן לאַנד, אַממעהרסטען צווישען די בערג. דאָרט איז די לופט ריינער און פיעל קיהלער.

פון ירושלים זענען אויך פיעל מענשען אַרויסגעפאָהרען איבער דער צייט פון די היצען. ינאַי פון גפנים׳ס פעטער שמעי בן גוריון, אָדער ווי מען רופט איהם שמעי הכרמלי,

זעהר אַ רייכער מאַן, האָט זיך אויך אויסגעקליבען צו פאָהרען אויף זומער וואוינונג צום באַרג הרמון. דאָרט אין די בערג, נישט וייט, וואו דער ירדן פליעסט אַרויס, וועלכען מ׳האָט גערופען נהר־הצפוני, האָט שמעי אַ ירושה פון זיין זעליגער פרוי׳ס צד, אַ גרויסע שטרעקע ערד; אויב־וואויל די ערד איז נישט זעהר פרוכטבאַר, אָבער ס׳איז דאָרט פאַרהאַן גרויסע לאָנקעס מיט וועלדער, דיקע טענענבוימער מיט הויכע ריעזיגע צעדער. דאָרט פאַשען זיך צאָלרייכע סטאַדעס בהמות מיט פערד; אויך געפינט זיך אין איין באַרג טייערער מאַרמאָר פון וועלכען מ׳האַקט אויס גרויסע פליטען און זיי ווערען פערקויפט אין פערשידענע וייטע לענדער צו בעציערען די שענסטע פאַלאַצען. דאָס אַלץ האָט שמעי אַוועקגעגעבען אין אַרענדע, אָדער ווי עס פלעגט זיך דאַמאָלס רופען „בחכירה״, און אַלע יאָהר בעקומט ער פון דאַנען אַ געוויסע צאָהל פראָדוקטען און בהמות אויך אַ סומע געלד.

דאָרט אַהין אין די בערג האָט זיך שמעי אויסגעקליבען צו פערברענגען מיט זיין הויזגעזונד איבערן הייסען זומער; זעלבסטפערשטענדליך: אַז תמר, ינאַיס טאָכטער, וועלכע ווילט שוין ביי איהם איינִיגע וואָכען, איז אויך מיטגעפאָהרען, וואָרום זיין איינציגע טאַכטער אַביגיל האָט זיך צו איהר שטאַרק צוגעבונדען, אַז ס׳איז איהר שווער איין טאָג אָהן תמר׳ן צו פערברענגען; תמר איז געוועזען זעהר צופריעדען פון דער נסיעה, וואָרום זי האָט שוין געבענקט אַהיים, צו די ברייטע פעלדער, צו די שענע גערטנער, צו וועלכע זי האָט זיך פון קינדווייז אָן צוגעוואוינט. זי האָט שוין זאָגאַר געוואָלט פיעלמאָל אַהיים פאָהרען קיין גפנים, נור דער פאָטער האָט איהר אויסדריקליך געשריבען, אַז זי זאָל נישט וואַגען אַהיימצוקומען. בעזונדער בענקט זי אין דערשטיל נאָך יענעם יונגען העלד, וועלכער האָט זי בעצויבערט מיט זיין שענהייט, חכמה און העלדענמוטה; זי קען נישט פערגעסען יענעם פרימאָרגען, ווען ער האָט זי ארויסגעראַטעוועט פון שאַנדע. אויך געדענקט זי יענע שרעקליכע נאַכט פאַר איהר אַוועקפאָהרען. יהודה האָט מיט מסירת

נפש בעפרייט פון אַזאַ געפאַהר פיער מענשען, איהרע גוטע בעקאַנטע. — אַך, זיין אינטעליגענץ, זיין חכמה, ווען וועט זי איהם ווידער זעהען? אָבער דאָס אַלץ איז פערשוואונדען ווי אַ שענער חלום, ווי אַ מיראַזש אין דער מדבר!.. נור איצט, אַז ס׳האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט אַרויס צופאָהרען פון דער ענגער שטאָדט אויף די פרייע נאַטור, צווישען פעלדער און וועלדער, דאָרט אויף דער פרייער לופט, אפשר וועט זי פערגעסען די גאָלדענע חלומות וועלכע נאָגען אַזוי אונ ברחמנותדיג איהר יונג פיהלענדעס האַרץ.

אין אַ שענעם פריהמאָרגען נאָך פאַר זונען אויפגאַנג, האָבען זיי זיך אַלע אַרויסגעקליבען אין וועג אַריין מיט דיענסטען און קנעכט, מיט געפעק אויף קעמלען, אויף עזלען. נור דער רייכער שמעי זעלבסט מיט זיין איינציגע טאָכטער און מיט תמר׳ן זענען איינגעזעסען אין אַ לייכט קעטשעל געשפאַנט אין צוויי הויכע פערד. דאָס גאַנצע הויז מיטן פערמעגן האָט שמעי איבערגעלאָזט זיין געטרייען און עהרליכען פערוואַלטער יוסף-הבבלי, אַ קליין נידריג מענשעל, מיט צוויי קליינע לויפענדיגע קלוגע אויגעלעך, אַלע האָבען זיך פריינדליך געזעגענט, און די גאַנצע קאַראַוואַנע האָט גערירט פון שטאָדט דורך דעם שער־הצפוני און דורכ׳ן עמק יזרעאל, אויפ׳ן וועג וואָס פיהרט קיין גליל.

באַלד צומאָרגענס נאָך זייער אַוועקפאָהרען, האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר שמעיס הויז אַן׳אָבטיילונג גריכיש מיליטער מיט אַן׳אָפיציר אָן דער־שפיץ, געקליידט אין פולען קריעגס־אָרדנונג, אין אייזערנע פאַנצערס מיט מעשענע העלמען אויף די קעפ, מיט שווערדן און בויגענס; יוסף־הבבלי דערזעהענדיג די מיליטערישע אָבטיילונג, איז געוואָרען איבערראַשט און אַ דערשראָקענער איז ער געשווינד אַרויסגעלאָפען פאַר׳ן הויז.

—דאָ וואוינט דער העברעער שמעי הכרמלי? — האָט שטרענג געפרעגט דער אָפיציר, אַ הויכער ברייטביינעגער יון מיט אַ שטרענג בייז פנים.

—דאָ, אָבער וואָס?...

—וואו איז ער, דער נידערטרעכטיגער באַרבאַר?

יוסף איז נאָך מעהר דערשראָקען געוואָרען, ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

—ער איז נישט אין דערהיים.

—איך קען אייך שוין, איהר כיטרע פיקסען, איהר ווילט אונז שטענדיג אָבנאַרען, אָבער איך וועל זיך נישט לאָזען.

—אָבער הויכער קאָמענדאַנט... — האָט יוסף געפרובט זיך פערענטפערען, — ערשט נעכטען ווי זיי זענען אָבגעפאָרען.

—דו וועסט מיך נישט נאַרען, דו כיטרער באַרבאַרישער הונד, ווייז נור אָן וואו ער איז, וואָרום דו ווערסט באַלד טויט אויפ׳ן אָרט!

דער איבערנעשראָקענער פערוואַלטער איז געבליבען ווי צוטומעלט. דער אָפיציר האָט אַרויסגעגעבען די סאָלדאַטען אַ קורצען בעפעהל, אַ טייל פון זיי זענען געבליבען אין דרויסען, האָבען אַרומגערינגעלט דאָס הויז, און דער אָפיציר מיט אַ טייל סאָלדאַטען מיט די ענטבלויזטע שווערדען זענען אַריין מיט יוסף׳ן אין די שטובען. אין ערשטען צימער האָט דער אָפיציר געגעבען אַ צייכען די סאָלדאַטען זיי זאָלען בלייבען שטעהן, און ער האָט אַריינגעפיהרט יוסף׳ן אין צווייטען צימער וואו ער האָט זיך צו איהם געווענדט שוין אַביסעל ווייכער:

—דו ביזט דאָ דער פערוואַלטער?

—יאָ,

—אויב דו ווילסט נאָך לעבען, זיי זשע נישט קיין נאַר און ענטפער מיר אויף אַלע פראַגען, וואָס כ׳וועל דיך פרעגען. נור זאָג דעם אמת, דעם ריינעם אמת! — און דערביי האָט דער יון געהאַלטען די בלאַנקע שווערד פאַר יוסף׳ס פנים.

יוסף איז געבליבען שטעהן בלייך ווי קרייד, געקלאַפט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, און האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט.

—פאַר וואָס נישט, איך וועל דיר ענטפערען, איך וועל נישט זאָגען קיין ליגענט.

—נו, זאָג-זשע מיר, ערשטענס, וואו איז דיין בעל-הבית?

—ער איז ערשט נעכטען אַוועקגעפאָהרען מיטן גאַנצען הויז־געזינד אין די בערג פון חרמון, וואו ער האָט דאָרט זיינס אַ גוט; קענסט דיך פרעגען, הויכער קאָמענדאַנט, די דיענער־שאַפט און די שכנים.

—וואו געפינט זיך דאָס אָרט, וואוהין ער איז געפאָהרען?

—דאָס געפינט זיך אין די בערג, נישט ווייט ווי דער ירדן פליעסט אַרויס, עס רופט זיך קן־הנשרים.

דער יון האָט אַרויסגענומען פון טורניסטער אַ גריפעל מיט אַ שטיפט, און האָט זיך פלייסיג פערנאָטירט.

—איצט זאָג מיר, מיין ליבער. — האָט דער יון שוין פיעל ווייכער גערעדט. — עס געפונט זיך דאָ ביי אייך עפּיס אַ מעדעל פון כרמל, ברענג זי גלייך אַהער, וואָרום מיר מוזען זיי אַלע אַרעסטירען.

—דאָס מעדעל איז אויך מיטגעפאָהרען מיט שמעי, אָבער זאָג מיר, גנעדיגער הערר. וואס בעדייט דאָס אַלץ? — האָט יוסף געפרעגט נאָך צאַלן איבערראַשט, און די קליינע אויגעלעך זענען ביי איהם פיבערהאַפט אַרומגעלאָפען אין זיין קאָפּ.

—איך בין געשיקט געוואָרען אַהער צו אייך פון זיין עקסעלענץ דעם גובערנאַטאָר, אייך אַלע צו אַרסטירען. און דו, מיין ליעבער, מאַך דיך נישט תמ'עוואַטע. ביי אייך באַרבאַרען געפינט זיך אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וויל מאַכען אַ פערשווערונג אויף אונזער גרויסען קעניג אַנטיוכוס. — דאָ האָט שוין ווידער דער יון געדונערט מיט אַ שטרענגען טאָן. — דיין בעל־הבית איז איינער פון די אָנפיהרער, אויך די יונגע מכשפה וועלכע געפינט זיך דאָ ביי אייך איז די הויפט־אָנפיהרע'ין, זי האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף די פערשווערער. נור מיר וועלען שוין ביסלעכווייז זיי אַלע אויספאַנגען!

—אָבער הויכער קאָמענדאַנט, דו קענסט דיך פרעגען אַלע שכנים: מיין בעל־הבית איז אַ שטילער בכבוד'ער מאַן, ער האָט נישט קיין שייכות מיט קיין שום אָרגאַניזאַציע און

דאָס מעדעל איז נאָך גאָר אַ יונג קינד, מיר ווייסן פון גאָר נישט.

—מאַך דיך נישט תּמ׳עוואַטע, מיר ווייסן אַלעס! — האָט דער יון שטרענג געענטפערט, און האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן אויף די טייערע איינריכטונגען אין די צימערן. אַ פייער האָט אַ בליץ געטהון אין זיינע אויגען און ער האָט זיך אָנגערופן:

—נו, איצט בעדאַרף מען מאַכן אַ רעוויזיע און געפונען דעם געהיימען סקלאַד געווער, וואָס געפינט זיך ביי אייך.

אַז דער פערוואַלטער האָט דאָס דערהערט, האָבן זיינע קליינע אויגעלעך עפּיס מאָדנע אָנגעפאַנגען אַרומצולויפן און צו פינטלען. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנד אין קעשענע, אַרויסגענומען עטליכע גאָלדשטיקלעך, האָט זיך פאַמעליך צוגערוקט צום יון און איהם אַריינגעשטעקט אין דער האַנד.

—נעם דאָס פאַר דיין טרחה, הויכער קאָמענדאַנט, און קיין געווער געפינט זיך נישט ביי אונז, מיר זענען אַלע שטילע פריעדליכע מענשען.

דער אָפיציר האָט עפּיס ווי שעמעוודיג אַרונטער געררוקט זיין האַנד אונטערן פאַנצער און אַרויסגעשטאַמעלט ווייכער:

—איך האָב אָבער אַ שטרענגען בעפעהל פון זיין עקסעלענץ דעם גובערנאַטאָר זעלבסט...

—נו, ס׳מאַכט נישט אויס. וועסט זאָגען, אַז דו האָסט קיינעם נישט געטראָפען. צו וואָס בעדאַרף מען בחנם אַלעס אין שטוב רואינירען...

דער אָפיציר האָט זיך אויסגעגלייכט, און אַרויסגערעדט שטרענג און הויך, אַז די סאָלדאַטען אין צווייטען צימער זאָלען הערען:

—נור געדענק-זשע, אַז דיין בעל-הבית וועט קומען, זאָלסטו גלייך געבען אַ ידיעה אין דער פעסטונג אַקראָ, וואו זיין עקסעלענץ דער גובערנאַטאָר וואוינט, אַז נישט וועט זיין שלעכט!

ער איז גלייך אַרויסגעגאַנגען מיט די סאָלדאַטען, האָט ווידער אַרויסגעגעבען אַ קורצען בעפעהל. זיי האָבן זיך מאָ-

מענטאַל אויסגעשטעלט אין גלייכע רייהען און די גאַנצע אָבטיילונג האָט זיך צוריקגעקעהרט אין מיליטערישער אָרדנונג. נור די שטיינער אויף דער נאַס האָבען אָבגעקלונגען פון זייערע שווערע טריט.

נאָך דעם מיליטערס אַוועקגעהן איז ערשט יוסף-הבבלי אבּיסעל צו זיך געקומען, ערשט איצט האָט ער געקענט בעגרייפען, וואָס פאַר א געפאַהר עס דראָהט זיין בעל-הבית, ווי אויך, די ביי אַלע געליבטע, צאַרטע טאָכטער פון גפנים. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון, נור אַם ענדע האָט ער זיך מיישב געוועזען און גלייך אריבערגעגאַנגען צו שמעי'ס גוטען פריינד, אַ געוויסער רבן-גמליאל בן טבאַי, זעהר אַ קלוגער און געלעהרטער מאַן, איינער פון די סנהדרין, ער זאָל זיך מיט איהם שואל-עצה זיין וואָס צו טהון.

ער האָט געטראָפען רבן-גמליאלן אין דערהיים, זיצענדיג פערטיעפט אין פערשידענע אַלטע פאַרמעטענע מגילות איבער וועלכע זיין גרויער קאָפּ איז געוועזען אָנגעבויגען; און דער ברייטער, ווייסער, גערינצעלטער שטערן איז געוועזען געקנייטשט פון טיעפזיניגקייט. רבן-גמליאל האָט אָנפאַנגס יוסף'ן נישט בעמערקט, ווען ער איז אַריינגעקומען, נור נאַכהער האָט ער אויפגעהויבען זיינע לאַנגע גרויע ברעמען, און דערזעהענדיג יוספס פער'מרה-שחורה'ט פנים, האָט ער איהם צוגערוקט אַ שטוהל און אויסגעשטרעקט זיין ווייסע האַנד:

—פריעדען אויף דיר, יוסף-הבבלי, וואָס מאַכט עפּיס דיין בעל-הבית? דערצעהל מיר אַלעס...

יוסף האָט איהם אַלעס דערצעהלט פון אָנהויב ביז'ן סוף, רבן-גמליאל האָט אויסגעהערט יעדעס וואָרט מיט אויפמערקזאַמקייט. זיין ברייטער שטערן האָט זיך בעדעקט מיט נאָך טיעפערע פאַלדען, די לאַנגע ברעמען האָבען זיך אַראָבגעלאָזט איבער די אויגען, ער האָט שנעל אָבגעזיפצט און זיך געפרעגט יוסף'ן:

—פאַרוואַס האָסטו מיין זוהן געזאָגט די רשעים וואוּ אַהין שמעי איז געפאָהרען?

—איך בין געוואָרען זעהר איבערגעשראָקען, דער יוד האָט מיר געדראָהט מיט'ן טויט, געפאָכעט מיט דער בלאַנקער שווערד איבער מיין קאָפּ, כ'בין זיך מודה, כ'בין געוואָרען צו־מומעלט.

—ווי איך זעה איין איז דאָס עפּיס אַ בלבול אויף דעם אונשולדיגען שמעי, אפשר מיינען די רויבער זיין גרויס פער־מעגען?... אָבער וואָס קענען זיי פערלאַנגען פון דעם אונשולדי־גען יונגען שעפּעלע? אפשר האָבען די רשעים געגלוסט אין האַרצען איהר שענהייט?...

רבן־גמליאל האָט זיך אַ ווײַלע ווידער פערקלערט, נאָכהער האָט ער אַרויסגערעדט ווי צו זיך זעלבסט אין דער שטיל:

—עס געפינט זיך איצט אין די בערג פון חרמון אַנטיג־נוס המודעי מיט זיין פלוגה*). אָבער דאָס וועלען מיר ווייטער זעהען.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו יוסף־הבבלי:

—דו לעג גוט צו דיינע אויערען. צו מיינע רייד, געליב־טער זוהן, דו שיק באַלד אַוועק דורך אַ רייטער אַ בריף צו שמעי — ער וועט איהם געוויס נאָך טרעפען אויפ'ן וועג, — אַז ער זאָל זיין שטאַרק פאָרזיכטיג; וואָרום די בייזע שאַקאַלען, אַז זיי וועלען דערשפּירען אַ רויב, וועלען זיי אַזוי גיך נישט אַרויס־לאָזען פון זייערע נעגעל. און דער אַלמעכטיגער גאָט זאָל אייך היטען פון אַלדאָס בייז מיט כל ישראל, געה מיט פריעדען מיין זוהן, וואָרום די צייט איז איילינ!...

יוסף הבבלי האָט זיך פערנויגט מיט יראת־הכבוד, און איז גלייך אַהיימגעגאַנגען אויספיהרען דעם רבי'ס עצה. עפּיס איז איהם געוואָרען לייכטער אויפ'ן הארצען, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט זיך איהם אַראָבגעגליטשט.

---

*) „פלוגה" האָט געהייסען ביי די העברעער אַ לויפענדע אַבטיילונג רייטער־מיליטער.

צווישען די הויכע בערג פון חרמון און בשן, נישט ווייט פון וואו דער ירדן אָדער ווי מען רופט איהם דאָרט „נהר-הצפוני", פליסט מיט זיינע שוימענדע כוואַליעס צווישען די שטיינער, געפינט זיך אַ ברייטער טהאָל, אַרומגענומען פון דריי זייטען מיט הויכע, ביים שפיץ נאַקעטע פעלזען, אויף וועלכע ס'איז אונמעגליך אַרויפצוקלעטערען. נור מאַנכע מאָל קלעטערט דאָרט אַרויף אַ טאַפּפערער בערגמאַן אויף זיין געיעג נאָך די ווילדע ציעגען, און די אָדלערס פליהען נור אַרום שרייענדיג ביי זייערע נעסטען. און מזרח זייט פליסט אַרויס פון די פעלזען אַ קליינער שטראָם מיט לויטער קרישטאָל וואַסער, און פאַלט מיט פאַנטאַסטישע קאַסקאַדען פון איין שטיין אויפ'ן צווייטען, ביז ער געפינט זיך אַנ'אָרט אין טהאָל און שלענגעלט זיך מיט פערשידענע זיגזאַגען, ביז ער דרעהט אָב צו מעריב זייט און פאַלט אין שוימענדען ירדן אַריין. נעבען אָט דעם שטראָמעל ציהט זיך פון רעכטס אַנ'איינציג וועגעל פון דעם טהאָל נעבען אַ ריעזיגע נאַקעטע פעלזענוואַנד, וואָס קוים צוויי רייטער קענען דאָרט אַדורכפאָהרען צוזאַמען; פון לינקס פליסט דאָס זעלבע טייכל אין אַנ'אונגעהויערער טיפקייט, וואָס בילדעט אַ שרעקליכען אָבגרונד, און אין דער הויך איבערן קאָפּ רוישען ריעזיגע צעדער מיט מעכטיגע טענענבוימער, וועלכע נעמען אַרום מיט זייערע דיקע וואָרצלען די שטיינער ווי מיט גיגאַנטישע פינגער; אַזוי ציהט זיך וואָס אַמאָל העכער באַרג-אַרויף, וואָס בילדעט פון דערווייטענס ווי פאַנטאַסטישע קאָלאָסאַלע גריגע טערראַסען

דער גאַנצער טהאָל פערנעמט אַ גרויסע שטרעקע הויך גראָז מיט פערשידענפאַרביגע בלומען. די זייטען אַרום אויף די נידריגערע טהאָלען זענען אַרומגעצוימט ווי מיט אַ געדיכטען קראַנץ כל׳ערליי בוימער, אָנהויבענדיג פון די נידריגע ווילדע פירסען, ניסען־בוימלעך, געבירגס־ווײדען, ביז די הויכע פיכטען, דעמבעס, טענענבוימער, און קאָלאָסאַלע צעדער־בוימער, — די לעגענדישע צעדער פון לבנון, — וואָס זייערע מעכטיגע שטאַמען שיסען אַרויף גלייך אין הימעל אַריין ווי געדיכטע דיקע זיילען, און זייערע הויכע שפיצען דערגרייכען כמעט ביז צו די וואָלקענס, און בילדען דאָרט אַ רוישענדען ים פון גרינס, אין וועלכען עס צוויטשערן מיט פערשידנאַרטיגע קולות, גאַנצע מחנות פויגעל. און העכער, העכער, פון דעם גרינעם ים, שטעקען אַרויס זייערע ריעזיגע קעפּ אין מורא׳דיגע געשטאַלטען, די נאַקעטע פעלזען, פערהילט אין לייכטע טורבאַנען פון נעפלען.

אין אַ הייטערע אויסגעשטערנטע נאַכט, די שטערען פינקלען אַראָב פון טיפען טונקעל־בלויען הימעל, און די פולע לבנה שיינט אַראָב פון די שפּיצען הויכע צעדער און בעגיסט דעם גאַנצען טהאָל מיטן וואַלד די ריעזיגע שפּיצען פון די בערג, מיט אַ ווייסע מאַטע שיין. עס איז שטיל אַרום, נור מאַנכע מאָל דערהערט זיך פון צווישען די בוימער דאָס גרויליכע געשריי פון אַ נאַכט־פויגעל, אָדער עס דערטראָגט זיך פון דערווייטענס דאָס וואָיען פון די שאַקאַלען; און דאָס קליינע טייכעל רוישט מאָנאָטאָן צווישען די פעלזען.

אָנדערזייט פון דעם טהאָל אונטער אַ מעכטיגען צעדער, ברענט זיך אַ גרויס פייער פון וועלכען דער רויך ברויזט אין דער הויך ווי אַ שלאַנקע פּאַלמע, אַרום דעם פייער זיצען און ליגען אין פערשידענע פּאָזען העברעאישע מיליטער־לייט; און וואַרעמען זיך. (אין די בערג חרמון איז זאָגאַר אין די הייסע שניט־טעג אויך זעהר קיהלע נעכט.) די שווערע פּאַנצערס מיט די העלמען, מיטן גאַנצען געווער זענען אויסגעשטעלט אין אָרדנונג אונטער די שטאַמען פון די בוימער. די

פערד פּאַשען זיך פון דערווייטענס אין הויכען גראָז. מען דער־
קענט צווישען די מיליטער־לייט אונזערע בעקאַנטע העלדען: אַנ־
טיגנוס בן עזאי, אָדער ווי מען רופט איהם אַנטיגנוס המודעי,
יהודה בן מתתיהו, דעם שמיעד דן פון גפנים, וועלכער האָט
זיך אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז אויפ'ן ווייכען מאָך און
דרימעלט. יהודה'ס בעדואינער, שרק, גראַבעלט איהם שמיפּע־
ריש, מיט אַ גרעזעל אין די אויערען, און דן וואָרטשעט שטיל,
טהוט נור אַלע מאָל אַ שאַר ביים אויער מיט זיין ברייטע האַנד;
די אַרומיגע צולאַכען זיך פרעהליך.

אויך געפינט זיך צווישען זיי אַבטליון פון גפנים מיט זיי־
נע דריי זיהן: אלעקסאַנדער, שמעון און יוחנן, הויכע פעסטע
יונגען. זיי זענען צוגעטיילט צו יהודה'ס געפּאַנצערטע אָבטיי־
לונג. דאָס זענען דיזעלבע, וועלכע זענען בעפרייט געוואָרען אין
יענער נאַכט גליקליכערווייזע פון די יונים. פון דאַמאָלס אָן האָ־
בען זיי זיך פערלאָזט די האָר און געשוואוירען נזירות ביז
מען וועט אַרויסטרייבען די יונים פון לאַנד יהודה. עס געפי־
נען זיך אויך עטליכע יונגע מענשען פון ירושלים, וועלכע האָ־
בען פערלאָזט די פרעהליכע שטאָדט אַבי צו קעמפפען מיט די
פערהאַסטע בעדריקער. אויך געפינט זיך יהודה'ס אַ יונגערער
ברודער אלעזר, וועלכען מען רופט מיטן ביינאָמען אלעזר
החורני, אַ הויכער, שענער יונגערמאַן, אינגאַנצען עהנליך צו
יהודה'ן; און נאָך אַנדערע יונגע לייט פון צווישען די בערג־
לייט פון דער אומגעגענד וועלכע האָבען געאָפּפערט זייער יו־
גענד מיט זייער היים, צו דיענען דעם געליעבטען פאָטערלאַנד.

וואָרום דער ועד־הראשי (דער הויפּט־ראַט) אין ירושלים,
מיט די סנהדרין, האָבען אויסגעריכטעט אין געהיים אַ גאַנצע
אָבטיילונג, אָדער ווי עס פלעגט זיך דאַמאָלס רופען אַ „פלוגה" פון
רייטער־מיליטער, האָבען צוזאַמענגענומען העלדישע פּאַרטיזאַנער,
און מ'האָט איבערגעגעבען די אָנפיהרונג דעם געבילדעטען און
קלוגען אַנטיגנוס המודעי; פונפציג שווערע רייטער געקליידט אין
אייזערנע פּאַנצערס מיט העלמען און שילדען, אונטער דער אָנ־
פיהרונג פון יהודה'ן; און הונדערט לייכטע רייטער, מיט שווערד

און בויגען, עס זאָל זיין לייכט צו בעפאַלען דעם שונא און צו אַנטלויפען אין אַ נויט, — אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ געוויסען עזריה פון ירושלים, אויך אַ געבילדעטען מאַן, וועלכער האָט פיעל געררייזט, אין פרס, מצרים, זאָגאַר אין לאַנד פון די פערהאַסטע יונים.

אַנטיגנוס האָט בעקומען אַ בעפעהל, אַזוי ווי עס בעדאַרף אַדורכמאַרשירען פון סיריען קיין עגיפטען דורך גליל, אַ גרויסע אָבטיילונג גריכיש מיליטער, מיט זייערע שווערע צעשטערונגס מאַשינען צו פעסטונגען, זאָל ער זיי אָבוואַרטען אין די בערג, און ווי וויים מעגליך וועט זיין, שטערען זיי דעם אַדורכמאַרש, אַמוועניגסטען ווי אַמלענגסטען זיי פערהאַלטען.

אָט אין דעם טהאָל צווישען די בערג, וואָס בילדעט אַ נאַטירליכע פעסטונג, האָבען אונזערע העלדען זיך אויסגעקליבען פאַר זייער הויפט־קוואַרטיר.

ביים פייער צווישען מיליטער זיצט אַנ׳אַלטער בעטלער, אויף זיין רעכטער באַק זעהט מען אַ בליזנע, אַ צייכען פון אַ פערהיילטער וואונד. ער הינקט שטאַרק אויף איין פוס און געהט אויף אַ הילצערנע קוליע. אויבוואויל זיין רוקען איז שוין איינגעבויגען פון אַלטקייט. דערקענט מען נאָך אָבער אָן איהם זיין אַמאָליגע גבורה. די האָר פון קאָפּ און פון זיין לאַנגע באָרד זענען גרייז גרוי, אָבער דאָס ברודיגע פנים זיינס איז נאָך געזונד, רויט, זיין שטימע איז נאָך פעסט קלינגענד, און ער געהט נאָך האַסטיג אויף זיין קוליע. צייט די מענשען פון דער געגענד געדענקען, געהט דער בעטער אַרום אין די בערג לבנון און חרמון איבער די דערפער מיט אַ לירע אונטערן אָרעם, און וואו ער קומט שפיעלט ער אויף די לירע און זינגט צו מיט זיין מעכטיגע שטימע פערשידענע לידער פון פערצייטישע מלחמות, פון שמשון הגבור, פון דוד המלך, פון יואב׳ן אין לאַנד אדום, פון גלות בבל א. ד. ג. און דערפאַר בעקומט ער פון די בערגלייט עסען און טרונקען, און אומעטום, וואו ער בעוויזט זיך מיט זיין לירע

איז ער אַנ׳אָנגעלעגטער גאַסט מיט זיינע שענע לידער.

פון וואַנען ער איז? ווייסט קיינער נישט, ער דערצעהלט נישט פאַר קיינעם, ער האָט נישט קיין קרוב, קיין גואל. מען רופט איהם שמעון הפרסי. די אַלטע בערגלייט דערצעהלען, אַז שוין זעהר לאַנג, האָט ער געדיענט אין גריכישען מיליטער און האָט מיטגעמאַכט די אַלע גרויסע מלחמות מיט די סעלעווקידער אין פערסיען, אין קליין אַזיען. אַם ענדע איז ער צוריקגעקומען אין זיין אַלטע היים לבנון מיטן הינקענדיגען פוס און מיט דער בלייזנע אויפ׳ן פנים, מיט אַ שטאַרקען האַס אין הארצען צו די גריכען, און פאַרוואָס דאָס איז דערצעהלט ער אויך פאַר קיינעם. טראָץ זיין שטאַרקען האַס צו די יונים, שטערט דאָס איהם נישט צו קומען צווישען זיי. און וואו נור ער געפינט ערגעץ אין די בערג גריכיש מיליטער,ביים האַקען מאַרמאָר אָדער ביים איינמאָהנען די שטייערען, קומט ער צו זיי מיט זיין לירע, און זינגט זיי זאָגאַר אין גריכישע ראַפּסאָדען פון אַלעקסאַנדערס מלחמות אין פערסיען, וועגען טראָיאַ, און אַנדערע לידער, אָדער ער דערצעהלט זיי שרעקליכע עפּיזאָדען פון די פערסישע מלחמות. די גריכען הערען איהם אויס מיט פערגעניגען, מען נעמט איהם גאַנץ פריינדליך צו, און צו יעדער צייט האָט ער אַ פרייען צוטריט צו די יונים; נאָכהער דערצעהלט ער פאַר די בערגלייט ווען די יונים וועלען קומען נאָך שטייערען, אַז זיי זאָלען וויסען צו בעהאַלטען זיך מיט די בהמות אין די פערוואָרפענע ווינקלען צווישען די הויכע בערג, אַז די יונים זאָלען זיי נישט קענען געפינען.

און איצט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַנטיגנוס מיט זיין פלוגה איז געקומען, האָט זיך אין איהם דערוועקט דער אַלטער סאָלדאַט, צוזאַמען מיטן האַס צו די יונים. דערזעהענדיג דאָס ערשטע מאָל די העבראישע העלדען אויף די פערד, האָט זיין פנים אויפגעשטראַהלט און אין די אויגען האָבען זיך בעוויזען טרערען פון פרייד; פון דאַמאָלס אָן האָט ער זיך צו זיי ווי צוגעקלעפּט, און יעדע פרייע צייט שפּיעלט

ער זיי אויף זיין לירע און זינגט פערשידענע לידער, וועלכע די פארטיזאנער הערען מיט פערגעניגען.

אין דער היינטיגער לויטערער נאכט, ביים שיין פון דער זילבערנער לבנה, זיצט ער צווישען זיי, שפיעלט אויף דער לירע און זינגט צו א ליעד ווי שמשון הגבור שלאגט טויזענד פלשתים מיט א קיהנבאק פון אנ׳עזעל, און ווי דוד בן ישי קויפט דאס הארץ פון קעניג שאול׳ס טאכטער, די שענע מיכל מיט א העלדענטהאט, פאר הונדערט געטויטעטע פלשתים... אלע האבען זיך ארום איהם צונויפגעזאמעלט און הארכען מיט אויפגעשפיצטע אויערן. אזא כח האט ער אין זיין לירע.

יהודה ליגט איינגעהילט אינם מאנטעל און הערט זיך צו מיט גרויס אויפמערקזאמקייט צו דעם בעטלערס ליעדער, עס קומט איהם אויפ׳ן געדאנק זיין שענע תמר, ער ווייסט זאגאר נישט וואו זי געפינט זיך איצט, ער האט געוואלט אראבפאהרען ביי דער ערשטער געלעגענהייט קיין ירושלים מיט איהר זיך צו זעהן, אבער אלץ איז אבער אזוי דרינגענד, אז די צייט ערלויבט נישט; מילא, דער חוב צום פאטערלאנד איז פיעל וויכטיגער.

זיין פאנטאזיע וועבט איהם איצט פערשידענע חלומות, אז ער בעדארף קויפען דאס הארץ פון זיין מיכל אויך פאר א העלדענטהאט. נאר אויפ׳ן ארט פון הונדערט פלשתים, וועט ער טויטען די טיראנישע יונים, הונדערט, צוויי הונדערט, דרייהונדערט. ער וועט איינגאנצען דאס לאנד בעפרייען פון די בעדריקער, און דעמאלט וועט ער קומען צו תמר׳ן אלס טריאומפאטאר. זי וועט איהם בעגעגענען מיט א שטראלענדיג פנים און מיט איהרע רייצענדע אויגען וועט זי איהם אויסדריקען דאנקבארקייט. ער וועט זיין אזוי גליקליך, און נאך, און נאך... אזוי וועבט איהם זיין צעהיצטע פאנטאזיע שענע חלומות אין דעם פער׳כשופ׳טען טהאל צווישען די בערג, ביים שיין פון דער זילבערנע לבנה, אונטער די זיסע טענער פון דעם בעטלערס לירע.

אבער איהם האט אויפגעוועקט פון די חלומות אנטיגנוס, וועלכער האט איהם מיט עזריה׳ן אוועקגערופען אן א זייט זיך

וועגן עפּיס צו בעראַטען; זיי האָבען אַזוי שפּאַצירט צווישען דע־
פּרעכטיגער קאָלאָנאַדע פון הויכע צעדער, וועלכע האָבען אויסגע־
זעהעןביים שיין פון דער לבנה נאָך העכער און ריעזיגער,
און אַנטיגנוס האָט זיך צו זיי אָנגערופען מיט זיין קלינגענדע
שטימע:

—אַזוי ווי איר ווייסט, ליעבע קאַמעראַדען, איז היינט
אָנגעקומען אויף יענער זייט ירדן ביי די שטיינער־גרובען
אַן׳אָפּטיילונג גריכיש מיליטער, פון וועלכע דער אַלטער בערג־
מאַן האָט אונז דערצעהלט. מ׳דאַרף דעריבער זעהען עטוואָס צו
טהון; וואָרום מיר זענען נישט אַהערגעקומען ווי טוריסטען
אויפ׳ן שפּאַציר. די טיראַנען פיהרען אויך אַרויס פאַר טוי־
זענטער טאָלענטען מאַרמאָר און אַנדערע פּראָדוקטען פון לאַנד.
מוז מען זיי דאָס שטערען, זאָלען די רשעים נישט מיינען, אַז
ס׳איז שוין ביי אונז אַלץ הפקר.

—נו, מ׳דאַרף געבען אַ סיגנאַל צוצוגרייטען די פערד, און
פאַר זונענאויפגאַנג, אין וועג אריין, — האָט יהודה ענערגיש
אויסגערופען.

—אָבער נישט אַזוי היציג יהודה, מען מוז צוערשט די
זאַך גוט איבערקלערען.

עזריה איז געשטאַנען אַ ווײלע פערקלערט, זיין בלייך
אַריסטאָקראַטיש פּנים האָט אויסגעדריקט טיעפזיניגקייט, און ער
האָט אויך צוגעגעבען:

—זעהר ריכטיג, מ׳קען זיך נישט איילען, מ׳בעדאַרף זיך
צוערשט גענוי איינפאָרמירען וואו זיי געפינען זיך, אין אַ וואָ־
סערער צאָהל; אָבער וועמען שיקט מען אַהין?

—איך וועל שיקען מיין בעדוזיגער — האָט יהודה גע־
זאָגט — ער וועט זיך אונטער׳גנב׳ען ווי אַ קאַץ און אַלעס גע־
וואָהר ווערען.

—ניין, ס׳איז נישט ריכטיג. — האָט אַנטיגנוס געענטפערט
— דאָס איז געפעהרליך, די נעכט זענען ליכטיגע; איך האָב
שוין אַריינגעקלערט, מ׳מוז שיקען דעם בעטלער שמעון־הפרסי ער
וועט זיי זיגגען ליעדער און זיך אַלץ דערוויסען.

—ריכטיג, ריכטיג! — האָבען די קאַמעראַדען אויסגעשריהען.

מ'האָט גלייך צוגערופען דעם אַלטען שמעון-הפרסי, ער איז צוגעקומען הינקענדיג אויף זיין קוליע, האָט עטוואָס אויסגעגלייכט זיין איינגעבויגענעם רוקען, און געשאָקעלט מיט די גרויע ברעמען:

—האָב בעפּעהלסט דו, געעהרטער אָנפיהרער?

—היינט מיטאָג איז אָנגעקומען אַנ'אָבטיילונג יונים צו די שטיינער-גרובען אויף דער צווייטער זייט ירדן. בעדאַרף מען זיי אַביסעל אַדורכלופטערען, פערשטעהסט?

—אוי בעדאַרף מען זיי איבערצוליפטערען, אַז זייער געביין זאָל נישט בלייבען אין לאַנד יהודה. — האָט זיך אָנגערופען דער אַלטער שמעון, און צאָרניג צוגעקלאַפּט מיט זיין קוליע אויף די שטיינער.

—אַז דו פערשטעהסט איז גוט; דעריבער בעדאַרף מען צו זיי אַהינגעהן, געוואָהר ווערען אין אַ וואָסערער צאָהל זיי זענען, וואָס פאַר אַ מיליטער, און וואו אַהין זיי ציהען. דו ועסט זיי זינגען דיינע לידער, און זאָלסט האָבען אויגען אויף אַלע זייטען, און דעם קאָפּ אויפ'ן קאַרג.. פערשטעהסט? דעריבער געה-זשע שוין, נור זעה ווי אַמשנעלסטען צוקומען.

דער אַלטער בעטלער האָט נור אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: מ'דאַרף מיר נישט שטעקען אַ פינגער אין מויל אַריין. ער האָט זיך פאַר די אָנפיהרער מיליטעריש פערנויגט, און האָט זיך אויפ'ן אָרט אויסגעדרעהט אויף זיין קוליע, צוריק איינגעבויגען דעם רוקען, גענומען די לירע אונטערן אָרעם, און זיך געלאָזט מיט האַסטיגע טריט צוגעהינקט אויפ'ן פוס, אין דער זייט פון ירדן, נור די הילצערנע קוליע האָט צוגעקלאַפּט אויפ'ן שטיינערנעם שטעגעל, און ער איז געוואָרען ביסלעכווייז ווי פערזינקען אין בלאַסען שיין פון דער לבנה.

די אָנפיהרער האָבען נאָך אַרויסגעגעבען די נויטיגע פעראָרדנונגען, מ'האָט צושטעלט די וואַכען, בעפוילען אָנגריי-

טען שפּייז אין וועג אַריין, און דאָס גאַנצע הייעל העלדישע
פּאַרטיזאַנער זענען איינגעשלאָפן בײַ די פייערן, אונטער א
ווייסן דורכזיכטיקן נעפּל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין
דער קילער נאַכט, פון די הויכע בערג.

VII

אויף צומאָרגענס פריה, די זון איז ערשט נור וואָס אויפגעגאַנגען אויף יענער זייט באַרג, דער גאַנצער טהאָל איז נאָך איינגעהילט אין שאָטען, נור די שפּיצען פון די הויכע בערג, און נאַקעטע פעלזען זענען בעגאָסען פון מזרח זייט מיט אַ העלען שיין. און ליכטע דורכזיכטיגע נעפּלען טראָגען זיך פון די שפּיצען בערג ווייט, ווייט אין הימעל אַריין, און ס'ווערען צנטבלויזט זייערע גיגאַנטישע קעפּ ווי פון אַ טיולענעם שלייער. נור די מורא'דיגע פּנימער פון די פעלזען שפּיגלען זיך אַנטקעגען די גאָלדענע שטראַהלען פון דער הייטערער אויפגעהענדער זון. אויך מאַנכע שפּיצען פון די קאָלאָסאַלע צעדער זעהען אויס ווי בעגילדעט מיט עפּיס אַ העל-גרינליכען גאָלד-קאָליער, און פון די געדיכטע צווייגען פון די בוימער, צוגיעסט זיך אין דער לופט דאָס זיסע צוויטשעריי פון די פויגעלעך, וועלכע גיבען דער נאַטור זייער פריהמאָרגען־קאָנצערט אויף הונדערטער קולות.

אין לאַגער פון די פּאַרטיזאַנער איז שוין אַ גערודער, ס'געהט צו אַ לעבהאַפטע אַרבייט, עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל, ס'האָבען זיך געטוישט די וואַכען. מען רייניגט און מען זאָטעלט די פערד. אַ טייל פּאַרטיזאַנער איבען זיך אין פעכטען מיט געווער, מאַנכע אין שנעלען לויף פון די פערד. עזריה'ס לייכטע רייטער מאַכען וואונדערליכע קונצען אויף די פערד, אין גרעסטען גאַלאָפּ כאַפּען זיי די שפּיעזען פון דער ערד, זיי וואַרפען די שפּיעזען אין דערהויך און כאַפּען זיי מיט די הענד. צו אַ בוים ווידער איז צוגעבונדען אַ שטרויענער

מענש און גאַלאָפּירענדיג אויפ'ן פערד אין גרעסטען טעמפּאָ, שטעכט דער רייטער אַדורך דעם שטרויענעם מאַנעקען. מאַנכע ווידער שיסען פון בויגען אין אַ ציל אַריין פון לויפענדען פערד אַראָב.

די גרעסטע קונצשטיקען אויפ'ן פערד בעווייזט יהודה'ס בעדואינער. ער טהוט זיך אַ לאָז אויף זיין בולאַנע פערדיל ווי אַ פייל פון בויגען און נאָכהער שטעלט ער זיך אויף אויפ'ן זאָטעל און רייט אַזוי צופייפענדיג פרעהליך; אָדער אין שנעלסטען לויף פון פערד, דרעהט ער זיך עטליכע מאָל אַרום דעם פערדס האַלז און בלייבט צוריק זיצען אין זאָטעל. ער בעווייזט נאָך אַנדערע וואונדערליכע קונצשטיקען.

יהודה'ס שווערע געפּאַנצערטע רייטער איבען זיך אויך אויף די ריעזיגע פערד. מיט די לאַנגע שווערדן פּרובירט איינער דעם צווייטען אַרויסצושלאָגען דאָס געוועהר פון דער האַנד; דער געגנער מוז זיך שוצען מיט דעם דרייעקיגען שילד, אויף וועלכען עס שיינט דער העברעאישער הערב, אַ מגן־דוד מיט זעקס שפּיצען. אָדער שטעהט אויפגעשטעלט אַ דיקע אייזערנע בלעך און יעדער רייטער מוז אַדורכלעכערען די בלעך מיט'ן שפּיעז פון פערד אַראָב. פון אַלע געפּאַנצערטע רייטער צייכענט זיך אויס יהודה'ס ברודער אלעזר. מיט אַ אונגעהויערע געשיקטקייט בעווייזט ער וואונדער מיט זיין לאַנגער שווערד. זעלטען עס טרעפט אַ געגנער, וואָס ער זאָל איהם נישט אַרויסשלאָגען דאָס געוועהר פון דער האַנד, און לייכט איהם אָנשלאָגען אויפ'ן אייזערנעם פּאַנצער אָדער אויפ'ן מעשענעם העלם פון קאָפּ. נור מיט איינעם — מיט דעם שמיעד דן, קען זיך אלעזר נישט פערמעסטען, וואָרום דער ערשטער האַלט זיין „פיילעכען" אַזוי פעסט אין דער האַנד, אַז אלעזר'ס שווערד שפּרינגט אָב ווי פון אַ שטיינערנער זייל, אָבער טראָץ דעם אַלעם בעקומט דן אָפּט פון אלעזר'ס געשיקטע האַנד טרייקענע קלעפּ מיט דער שווערד איבערן העלם, און אַלע אַנוועזענדע שיסען אויס מיט אַ געלעכטער. דן ווידער אום צו פערגעטען זיין פערלעגענהייט, רייט אַראָב אָן אַ זייט, וואו עס וואַקסען

נ׳דריגע קזשאַקעס, און מיט זיין „פיילעכעל״ האַקט ער כסדר ווי אַ שניטער תבואה, וועלכע פאַלען אַוועק פון אונטער זיין שווערד ווי לייכטע שטרויען, אַלע אַנוועזענדע בלייבען ערשטוינט פון זיין גבורה. אָבער שרק רייט צו צו דן׳ען אויף זיין געשיקט בולאַנע פערדיל. און רייט אַזוי עטליכע מאָל אַרום דן׳ס ריעזיג שווער פערד. דן דראָהט איהם מיט זיין מעכטיגע שווערד, נור דער פלינקער בעדואינער מאַכט אַזעלכע געשיקטע בעוועגונגען מיט זיין לייכטען לאַנגען שפּיעז, ביז וואַנען ער שלאָגט איהם אַרויס די לייצעס פון דער האנד, נאַכהער מיט אַנ׳אונגעהויערער געשיקטקייט שפּרינגט ער אַרויף ווי אַ קאַץ אויף דן׳ס פערד, כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד און בלייבט אַזוי הענגען אויף זיין האַלז; עס זעהט אויס ווי אַ ווילדע קאַץ וואָלט אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ מעכטיגען לייב. דן ווידער כאַפּט איהם אָן מיט איין האַנד ביי דער גאַרטעל, און האַלט שרק׳ן אין דערהויך איבערן קאָפּ ווי עפּיס אַ לייכט שפּענדל, אַלע אַרום שיסען ווידער אויס מיט אַ געלעכטער, און שרייען פרעהליך:

—הידד, הידד! (בראַוואָ!)

אַזוי איבען זיך אונזערע העלדען אין פערשידענע מיליטער־קונסט, מיט אַ וואונדערליכער דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקייט צו די עלטסטע נאָך פיעל מעהר ווי דאָס רעגולערע מיליטער פון די יונים.

איבער דער צייט איז די זון שוין אויפגעגאַנגען הויך פון אונטער די בערג אַפער און וואַרימט מיט איהרע גליהענדע שטראַהלען. דער וואַלד אַרום שטעהט רוהיג, שווייגענד, ווי פערזונקען אין עפּיס אַ שווערער פער׳חלומטער מיעדקייט, נור שמעקענדע ריחות טראָגען זיך אין דער לופט, פון וואַלד, פון די לאָנקעס, פון די פערשידענאַרטיגע קאָלירטע בלומען.

אַנטיגנוס האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל פון אַ טראָמפּייט אויף רוה. פון אַלע זייטען זענען זיך צונויפגעקומען אין מיליטערישער אָרדנונג, קלענערע און גרעסערע גרופּעס רייטער פון איבונגס־פעלד; מ׳האָט

צולאָזט די פערד אויף דער פּאַשע און די טאַפּפערע פּאַרטיזאַנער האָבען זיך גענומען צו זייער צוגעגרייטען בעשיידענעם מאָלצייט.

יהודה האָט נישט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פון דעם וועגעל וואָס פיהרט פון ירדן. מיט אונגעדולד האָט ער אויסגעקוקט דעם בעטלער, וואָרום ער וואָלט שוין געוואָלט עפּיס טהון, און נישט זיצען מיט פערלעגטע דענד; אָבער אויף דעם וועגעל איז נאָך אַלץ שטיל, מען זעהט קיינעס נישט, נור מאַנכע מאָל רייטען צוריק די געטוישטע וואַכען, אין דאָס טייכל רוישט מאָנאָטאָן דאָרט ערגעץ אין דער טיעפעניש פון אָבגרונד.

ערשט אַרום מיטאָג-צייט האָט יהודה בעמערקט מיט זיין שאַרפען אָדלער-בליק, פון דערווייטענס אויפ׳ן וועגעל די איינגעבויגענע הינקענדיגע פיגור פון שמעון-הפרסי, ער איז געגאַנגען אויף זיין קוליע זעהר האַסטיג, כמעט געלאָפען. יהודה האָט באַלד מיט זיך מיטגערופען אַנטיגנוס׳ן מיט עזריה׳ן און אַלע דריי זענען איהם אַנטקעגענגעגאַנגען מיט געשפּאַנטער נייגיריגקייט; דער בעטלער איז צו זיי צוגעקומען פערסאַפּעט, פערשוויצט, קוים וואָס ער האָט געקענט דעם אָטהעם איבערכאַפּען. דאָס ערשטע האָט ער נאָך פון דערווייטענס אויסגעשריהען:

—איילט אייך, גערעטע גבורים, וואָרום ס׳דראָהט אַ געפאַהר פון די רשעים עפּיס אַ רייכע משפּחה פון ירושלים... אָ, כ׳לויף שנעל ווי אַ הירש... כ׳קען דעם אָטהעם נישט איבערכאַפּען.

יהודה האָט איהם אָנגענומען איבערראַשט ביים אָרעם און געשאָקעלט ווי מיט אַ דין צווייגעל:

—זאָג שוין, ליעבער שמעון. וועמען דראָהט אַ געפאַהר? און וואו זענען די יונים?...

דער אַלטער בעטלער האָט נאָך אַלץ שווער געסאַפּעט, געווישט דעם שוויים פון פּנים, און אַרויסגעוואָרפען פון מויל אָבגעהאַקטע פראַזען:

—אָבער שאָקעל נישט אַזוי שטאַרק .. כ׳בין דאָך נישט

קיין יון!... אוי, כ׳שפּיר שוין נישט קיין בעבעכעס... ס׳שטיקט מיך.

—זיי זענען בײַם משמר הירדן, און מאַכען אַנ׳אָנפאַל אויף די פערמע קן־הנשרים... אוי, כ׳קען דעם אָטהעם נישט אי־בערכאַפּען!...

אָבער דער קאַלטבלוטיגער אַנטיגנוס האָט איהם געלאָזט אַביסעל אָברוהען, ער האָט אַוועקגעזעצט דעם בעטלער אויף אַ באַהנטען שטיין, און פון זיינע אָבגעריסענע ווערטער איז ער געוואָהר געוואָרען דאָס פאָלגענדע: אַז צו די שטיינער־גרובענס נישט ווייט פון משמר־הירדן איז אָנגעקומען פון גליל אַנ׳אָב־טיילונג פון הונדערט געפאַנצערט רייטער, מיט זיי איז אויך מיטגעקומען עפּיס אַ פּרינץ, צו אַזוי אַ גרויסער מאַן אין אַ זיל־בערנעם העלם, ער רופט זיך דעמעטעאוס. ער זוכט דאָרט אַ רייכען מאַן פון ירושלים, מיט עפּיס אַ מעדעל פון כרמל, וועל־כע זענען געקומען פון ירושלים פערברענגען אין די בערג אין דער פערמע קן־הנשרים איבער די צייט פון די היצען. און לויט ווי די יונים זאָגען, זאָלען זיי זיין די הויפּט אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין יהודה. אָבער אין דער פערמע קן־הנשרים האָט מען זיי נישט געטראָפען, נור אַם ענדע זענען די יונים געוואָר געוואָרען, אַז די געסט פון ירושלים געפי־נען זיך אין אַ פערוואָרפען ווינקעל צווישען די בערג, ביי די פאַס־טוכער פון קן־הנשרים, דאָס אָרט רופט זיך רפתיים, דאָס איז נישט ווייט פון דער יעזשיערע מרום; און היינט פאַר זונענאונטערגאַנג גרייטען זיך די יונים צו מאַכען אַנ׳אָנפאַל אויף דעם דאָזיגען אָרט, און די אַלע לייט אַרעסטירען. ס׳איז זיך לייכט פאָרצו־שטעלען וואָס ביי די שאַקאַלען הייסט אַרעסטירט צו ווערען, דאָס איז אַ זיכערער טויט, אָדער נאָך ערגער פאַרן טויט, ווע־רען פערקויפט אויף אייביגע שקלאַפעריי.

דער בעטלער האָט נאָך טרויעריג צוגעגעבען, אַז די יונים׳ס סימפּאַטיקער, די העלעניסטען, האָבען זיי אינפאָרמירט וועגען אַנטיגנוס׳עס פלוגה אין די בערג, און דעריבער גרייטען זיי זיך אויף די פאַרטיזאַנער אויך אָנצופאַלען.

יהודה איז געשטאַנען איבער דער גאַנצער צייט ווי אויף

בּרענענדיגע קויהלען. זיין עדעל פּנים האָט בּעקומען אַ שרעקליכען אויסזעהן. זיינע פייערדיגע אויגען האָבּען געוואָרפען אימה׳דיגע בּליקען; אין האַרצען האָט יהודה׳ן עפּיס ווי אַשטאָך געטהון — דעמעטעאוס, און אַ מעדעל פון כּרמל?... אָנפיהרער פון אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע... און ער ווייסט גאָר נישט?... ס׳איז אינגאַנצען עפּיס אַ רעטעניש!... אין קאָפּ בּיי איהם האָבּען געווירבּעלט פערשידענע מורא׳דיגע אילוזיעס; ער וואָלט שוין גערן געלאָפען, געפלויגען אויף די פערהאַסטע יונים. אָ, ער וועט זיך טרעפען אויג אויף אויג מיט דעם טיראַן דעמעטעאוס, און דאַן וועט ער זיך שוין פאַר אַלעם נוקם זיין!..

אַנטיגנוס מיט עזריה׳ן האָבּען אויסגעהאָרכט שמעון-הפרסי מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, נור זייערע בּרייטע שטערנס האָבּען זיך געקנייטשט פון אָנשטרענגונג. און עזריה האָט זיך דער ערשטער אָנגערופען:

—איך קען אַביסעל די געגענד, כ׳בּין דאָרט שוין געוועזען אין קן-הנשרים, אָבּער דאָס איז שוין זעהר לאַנג. נור אין מיין אָבּטיילונג געפינט זיך אַ „שר-חמישים,” (אַ סערזשאַנט) יוסף המרומי, ער שטאַמט גראָד פון יענער געגענד; און ווי איך געדענק זענען דאָרט פאַרהאַן גרויסע זומפּען. מיר דאַרפען גוט איבּערקלערען אַ סטראַטעגישען פּלאַן ווי אַזוי קיין איינער פון די מערדער זאָל נישט אַנטרינען ווערען.

—זעהר ריכטיג — האָט זיך אַנטיגנוס אויך אָנגערופען — מ׳דאַרף שוין אַהער רופען דעם שר-חמישים, ער זאָל אונז גוט אינפאָרמירען פון דער געגענד:

—אָבּער מ׳בּעדאַרף וואָס שנעלער צו טהון. — האָט יהודה צוגעגעבּען. — מ׳זאָל נאָך די יונים טרעפען אויפ׳ן וועג און צעשטערען זייער אָנפאַל, וואָרום מ׳דאַרף נישט פערגעסען, אַז יענע מענשען זענען אין געפאהר.

—עס וועט אלץ ווערען געמאַכט, נור געדולד. — האָט אַנטיגנוס געענטפערט. דו, יהודה, געה שוין צום לאַגער און בּעפעהל דורך אַ סיגנאַל צו גרייטען די גאַנצע פּלוגה אין וועג אריין, אויסער דער אַלטער אלעזר-הגפני מיט דרייסיג מאַן

זאָלען בלייבען אין לאַגער אויף דער וואַך, און איך מיט עזריה'ן וועלען זיך איבער דער צייט גוט אינפאָרמירען וועגען דער געגענד.

יהודה איז גלייך אַוועקגעלאָפען אַרויסגעבען די נויטיגע פעראָרדנונגען צום וועג; אַנטיגנוס האָט צוגערופען יוסף המרומי און האָט איהם געפרעגט:

—קענסטו די געגענד ביי מרום?

—כ'קען זי ווי מיין אייגענע שטוב, וואָרום איך בין דאָרט ערצויגען געוואָרען.

—זאָג־זשע מיר, געערטער קאַמעראַד, וועלכער וועג איז דער נאָהנטסטער צו די פאַסטוכער פון קן־הנשרים, וועלכע וואוינען דאָרט ערגיץ צווישען די בערג?

—איך קען זאָגאַר די פאסטוכער פערזענליך, איינער דער אַלטער שמאי מיט זיינע זיהן און יועזר מיינער אַ נאָהנטער קרוב.

—ווער ס'וואוינט דאָרט איז מיר נישט וויכטיג, איך בעדאַרף נור וויסען די געגענד און די וועגען, וועלכע פיהרען אַהין.

יוסף המרומי האָט מיט אַ געוויסען שטאָלץ געענטפערט, אַז ער קען דיענען די אָנפיהרער מיט זיינע אינפאָרמאַציעס און האָט צוגעגעבען:

—דאָרט אַהין פיהרען דריי וועגען. איין וועג, דער נאָהנטסטער ציהט זיך פון קן־הנשרים מיטן הויפט־וועג, וועלכער פיהרט פון חספיא, און דרעהט־אָב צווישען די בערג שמאָל, אַז קוים פיער רייטער קענען אַדורכרייטען. דער צווייטער וועג איז אַ ווייטערער, אַרום דער יעזשערע מרום, מ'בעדאַרף אַרומצורינגלען די זומפען, וועלכע פערנעמען אַ גרויסע שטרעקע. דער דריטער וועג איז שוין נישט קיין וויכטיגער, דער איז נישט פאַר קיין מיליטער, דאָס איז אַ שמאָל שטעגעל איבער בערג און טהאָלען נישט ווייט פון באַרג חרמון, וועלכעס פיהרט אויך אַרויס צום הויפט־וועג פון חספיא.

—געגוג, ליבער קאַמעראַד,—האָט אַנטיגנוס אויסגערופען.— ס'איז נישטאָ קיין צייט לאַנג צו ריידען, גרייט זיך צו ווי־

אמשנעלסטען מיט דיין פלוגה צום קריעג!

אַלע האָבען זיך אומגעקעהרט אין לאַגער אַריין, דאָרט איז שוין פאָרגעקומען אַ פיבערהאַפטע ארבייט: מ'האָט געזאָטעלט די פערד, געשנאָרוועט די פאַנצערס מיטן געווער, די רייטער האָבען זיך אויסגעשטעלט אין עטליכע גרופעס, יעדע אָבטיילונג בעונדער. אַלץ איז צוגעגאַנגען געשיקט און אין אָרדנונג, יעדער עלטסטער אָן דער שפיץ פון זיין אָבטיילונג מיטן פולען געווער גרייט אין וועג אַריין.

אַנטיגנוס און עזריה האָבען נאָך צוגערופען יהודה'ן און אַלע דריי אָנפיהרער האָבען אויסגעאַרבייט אַ פלאַן ווי אַזוי אָנצופאַלען אויף די יונים. עזריה מיט זיינע לייכטע רייטער בעדאַרפען זיך לאָזען מיט דעם וועג אַרום מרום, און זיך בעהאַלטען אונטער רפתיים אין רעזערוו, און אויף אַ בעשטימטען סיגנאַל פון אַנטיגנוס'ן זאָלען זיי מאָמענטאַל צוקומען און אַרומרינגלען דאָס גאַנצע שלאַכט-פעלד, אַז מ'זאָל קיין לעבעדיג נפש פון די יונים נישט אַרויסלאָזען. יוסף המרומי ווידער, אַזוי ווי ער קען גוט די געגענד זאָל ער זיך מיט פערציג רייטער בעהאַלטען נאָהנט ביי די זאוינונגען אין וועלדיל. און ער זאָל נישט אָנפאַנגען צוערשט די קריעג, ביז יהודה'ס געפאַנצערטע פלוגה וועט אַרויסטרייבען די יונים פון הינטען צווישען די בערג, אַז זיי זאָלען אַריינפאַלען צווישען צוויי פייערען. נאַכהער זאָל עזריה מיטן רעזערוו אַרומרינגלען די אַנטלויפענדע יונים פון מזרח זייט, אַז זיי זאָלען האָבען נור איין אויסגאַנג אין די זומפען אַריין. אַנטיגנוס האָט מאָטיווירט דעם דאָזיגען פלאַן מיט דעם, אַז ס'זאָל וואָס ווייניגער מענשען פאַלען פון די פאַרטיזאַנער אין שלאַכט און ער האָט נאָך צוגעגעבען מיט זיין קלינגעגדיגער שטימע:

—יעדער מאַן פון אונזער געליעבט לאַנד איז אַ טייערער שאַץ, און ביי דער איצטיגער קריטישער לאַגע בעדאַרף מען די פערד מיטן געווער אויך אָבצושפאָרען. איצט, געליעבטע ברודער, אין נאָמען פון אונזער גאָט צבאות אין וועג אַריין! די אויגען פון דעם אונטערדריקטען פאָלק זענען צו אייך גע-

ווַנדעט. אייערע מוטערס און קינדער וואַרטען אויף ייער בעפרייאונג פון לאַנד דורך אייערע העלדישע מעשים.

—מות ליונים! — האָבען אַלע אויסגעשריהען מיט בע־בייסטערונג.

אַנטיגנוס האָט נאָך אַרויסגעגעבען אינסטרוקציעס דעם אַלטען אלעזר ווי אַזוי זיך איינצואָרדנען אין לאַגער ביז זייער צוריקקומען. אַנטיגנוס איז אַרויפגעשפרונגען אויף זיין ווייס פערד, וועלכעס מ׳האָט איהם אונטערגעפיהרט. יהודה איז אויך אויפגעזעסען אויף זיין „עורב״, וועלכער האָט זיך אונגעדולדיג געריסען צום לויפען. ביידע פריינד זענען נאָך אַרומגעריטען די גרופעס רייטער, און מיט פייערדיגע ווערטער האָבען זיי צוגעגעבען מוטה די פאַרטיזאַנער, אַז יעדער זאָל אויספיהרען זיין אויפגאַבע מיט טאַפּפערקייט און מיט מסירות נפש.

די גאַנצע פלוגה האָט געריהרט פון אָרט, אונטער די ברענענדיגע שטראַהלען פון דער מיטאָגדיגער זון. עזריה מיט זיינע לייכטע לויפערם האָבען זיך אויסגעצויגען אויפן שמאָלען וועגעל צו צוויי פע״ד אין דער ברייט ווי אַ לאַנגע פערשידענ־פאַרביגע סטענגע. נאָך זיי אַנטיגנוס מיט יהודה׳ן, און פון הינ־טען די גאַנצע פלוגה געפּאַנצערטע רייטער מיט אַ שרעקליך גערויש און קלאַפּעריי פון פערדישע פאָדקאָוועס אויף די שטיי־נער, און אַ קלינגעריי פון מעטאַל און שטאָהל. די אייזערנע פאַנצערס, די מעשענע העלמען, די שפּיזען און די שווערדען, האָבען געגלאַנצט אַנטקעגען די ברענענדיגע שטראַהלען פון דער זון.

פון דערווייטענס האָט אויסגעזעהן, ווי עפּיס אַריעזיגער פאַנטאַסטישער שלאַנג, מיט גלאַנצענדיגע אימה׳דיגע שופּען דרעהט זיך אויפ׳ן שטעגעל מיט אַנ׳אונגעהויערען אימפּעט און גערויש.

VIII

די קליינע יעזשערע מרום ליגט אין אַ פערוואָרפען ווינקעל צווישען די בערג. דער בלויער ארץ־ישראל־הימעל שפיגעלט זיך אָב אין די ריינע וואַסער־פלעכע, און טיילט איהר אָב אַ העל־בלויען קאָליר, און זי זעהט אויס ווי אַ גרויסער שאַפירענער טאָוועל, אַרומגעזוימט מיט אַ טונקעל גרינקייט. פון מערב זייט שפיגלען זיך אָב אין ריינעם וואַסער די הויכע בוימער פון דערבייאיגען וואַלד, און פון מזרח און צפון זייט איז זי אַרום בעוואַקסען מיט הויכע טשטשינעס און אַנדערע געמויזעכצער און גרעזער, אין וועלכע פערשידענע וואַסער־פויגעל האָבען דאָרט זייערע נעסטען. און ווייטער פון צפון זייט פערשפרייט זיך אַ גרויסער זומפּיגער טהאָל, דורך וועלכען עס שלענגעלט זיך דער שמאָלער ירדן, וואָס פאַלט אַריין אין די בלויע יעזשערע. רעכטס פון גריגעם טהאָל, ציהען זיך שוין די בערג אין פערשידענע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען, בעוואַקסען מיט כל׳ערליי בוימער און מיט ריעזיגע צעדער. פון דער רעכטער זייט פון דערווייטענס ווייזט זיך דער באַרג בשן איינגעהילט אין אַ בלויליכען דורכזיכטיגען נעפעל, און פון מזרח צפון־זייט ערשיינט פון אונטער די קלענערע בערג אַפער אַנטקעגען די נידריגע זון פון פאַרנאַכט, דער מאַיעסטעטישער באַרג חרמון, וועלכער שיינט אויפ׳ן האָריזאָנט, ווי אַ ווייס־בלויליכער וואָלקען.

די גאַנצע געגענד אַרום איז ווילד, כמעט ווי וויסט, נור עס הערען זיך דאָרט די געשרייהען פון די וואַסער־פויגעל. ביי טאָג פאַשען זיך אין טהאָל גרויסע סטאַדעס פערד און רינדער. מאַנכע פישער לאַפען דאָרט פיש צווישען געמויזעכץ,

אָבער, ווען עס קומט די נאַכט הערט זיך נור דאָרט דאָס מוראדיגע וואָיען פון שאַקאַלען, וועלכע קומען פון די בערג שטילען זייער דורשט. אָדער עס שניידט אַדורך די לופט דאָס שרעקליכע ברילען פון אַ לייב, וועמענס עכאָ קלינגט אָפּ אין די דערבייאיגע בערג און וועלדער.

פון דאָרטען פיהרט אַ וועגעל צווישען פעלזען אין אַ ערוואָרפען ווינקעל אין אַ טהאָל אריין, וואו עס שטעהן אויסגעשטעלט צוויי קליינע נידריגע הייזלעך, מיט גערטענדלעך פאַר די פענסטער, אין וועלכע ס'וואַקסען פערשידענע ירקות און בלומען; און ווייטער אין טהאָל שטעהן גרויסע שטעלער פאַר בהמות און גרויסע פלעצער זענען אַרומגעצוימט מיט הויכע פלעטער פון לאַנגע דרענגער, וואוהין מען לאָזט אַריין אויף ביינאַכט די בהמות. דאָס אָרט רופט זיך רפתיים, דאָס איז אַ טייל פון דער פערמע קן-הנשרים פון שמעי הכרמלי'ס גיטער.

דאָ אין דעם פערוואָרפענעם ווילדען ווינקעל איז דער אַלטער העברעאישער אַריסטאָקראַט, שמעי הכרמלי, געוועזען געצוואונגען זיך צו בעזעצען אויף זומער-וואזינונג, נאָך זיין אַרויספאָהרען פון ירושלים; וואָרום אויפ'ן וועג האָט איהם אָנגעיאָגט אַ רייטער מיט אַ בריף פון זיין פערוואַלטער יוסף הבבלי, בעשריבען די גאַנצע געשיכטע, אַז ער ווערט געזוכט פון ירושלימער גובערנאַטאָר אַלס רעוואָלוציאָנער. אויך איז געוועזען דערמאָנט אין בריף די עצה פון זיין קלוגען פריינד רבן-גמליאל, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיג. שמעי האָט זאָגאַר גישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען; יעדאָך, אַזוי ווי ער איז געקומען קיין קן-הנשרים האָט ער זיך בעראַטען מיט זיין אַרענדאַטאָר, און נאָך לאַנגען קלערען און זוכען תחבולות, האָבען זיי בעשלאָסען, אַז שמעי מיט זיין פאַמיליע זאָלען זיך אויפדערווייל בעזעצען דאָ אין דעם פערוואָרפענעם ווינקעל ביז זיי וועלען דערהאַלטען פון ירושלים גענויע ידיעות אין וואָס דאָ געהט.

די עטליכע טעג זייט ער האָט זיך דאָ בעזעצט אין הייזעל פון פאַסטוך יועזר איז איהם געוועזען זעהר לאַנגווייליג.

וואָרום די פּאַסטוכער מיט זייערע געהילפען פלעגען אַלע פרי־מאָרגען אַוועקטרייבען די בהמות צווישען די בערג אָדער אין טהאָל ביי מרום, אומקעהרענדיג זיך מיט די בהמות פאַרנאַכט אויף איבערצונעכטיגען. זיין גאַנצע טרייסט האָט שמעי געזוכט אין די הייליגע ספרים און מגילות אין וועלכע ער פלעגט פלייסיג ליינען, אָדער שפּאַצירען אין די וועלדער מיט זיין געליבטע טאָכטער אַביגיל און איהר פריינדין תמר. די לעצטע פלעגט איהם שפּילען אויף דער האַרפע און זינגען פערשידענע שענע לידער, פון וועלכע שמעי האָט געפונען אַ טרייסט אין דעם איינזאַמען שטילען לעבען.

תמר׳ן איז נאָך מעהר לאַנגווייליג דאָס איינזאַמע לעבען דאָ אין דעם אָבגעזונדערטען ווינקעל, ווייט פון אַ וועלט, פון דערהיים. אויבוואויל עס איז זעהר אַ שענע פּאָעטישע געגענד פאַר איהר פיהלענדע, טרוימערישע נשמה, אָבער דאָך בענקט איהר האַרץ אַהיים קיין גפנים צום אַלטען פאָטער, צו דער ליבענדער מוטער, און צו אַלע בעקאַנטע, וועלכע האָבען זי אַזוי געשעצט און געליבט. עס געהט איהר נישט אַראָפּ פון גע־דאַנק אויך יענער עדעלער און שענער העלד, וואָס האָט זיך איהר בעוויזען ווי אַ זיסער חלום, און האָט אַזוי בעצויבערט און פער־וואונדעט איהר יונג האַרץ. עס קען זיין, אַז ער האָט שוין אינ־גאַנצען אָן איהר פערגעסען. זי זעלבסט וואָלט גערן דאָס אַלץ זיך אַרויסשלאָגען פון קאָפּ, אָבער ווי דורך אַ כשוף, נישט ווילענדיג קומט ער איהר שטענדיג אויף די געדאַנקען. אין שלאָף און אין חלום זעהט זי זיין הויכע העלדישע פיגור מיט זיינע פייערדיגע אויגען, און זי הערט זיין זיסע שטימע, און איהר האַרץ צאַפּעלט אין שלאָף און ווערט צוגאַנגען פון עפּיס אַן׳אומדייטליכען שמור׳ן פערגעניגען... זי כאַפּט זיך אויף מיט אַ שווערען זיפץ. ס׳איז שטיל אין דעם אָרימען אַלקעריל פון די פּאַסטוכער, נור פון דרויסען דערטראָגט זיך, אין דער שטיל־קייט פון דער נאַכט, דאָס מורא׳דיגע וואָיען פון אַ שאַקאַל. די איינציגע טרייסט געפינט תמר אין שפּילען. אונטער די טענער פון דער האַרפע געפינט זי ווי אַ באַלזאַם צו איהר

פערוואונדעט האַרץ. דורך די טענער פון דעד האַרפּע פערגעסט זי אָן איהר בענקשאַפט, איהר האַרץ-נאָגעניש. עס ווערט איהר עפּיס ווי לייכטער און מילדער. זי שפּילט אויף דער האַרפּע אידערפריה, בייטאָג און ביינאַכט, ווען זי האָט נור אַביסעל צייט.

מאַנכע מאָל, אום צו פערטרייבען דאָס לאַנגווייליגקייט פערנעמט זי זיך מיט הויזווירטשאַפט. זי העלפט צו יועזרס טאָכטער קציעה'ן אין איהר טעגליכע אַרבייט. קציעה איז אַ הויכע, געזונטע גוט ענטוויקעלטע מויד, אַ ריינער טיפּ פון אַ דאָרפיש, נאַאיוו, נאַטירליך וועזען. איהר נישט קולטיווירטע נאַטור איז ריין, מילד און פרעהליך. ביי דער שווערסטער אַרבייט זינגט זי זיך צו פרעהליכע לידער, און אַז מען רעדט צו איהר צוגיסט זיך אַ מילדער שמייכעל אויף איהר שיינענדיג פראָסט פּנים. און עס בעווייזען זיך פון צווישען איהרע רויטע ליפּען צוויי שורות געזונטע, ווייסע ווי אַלבאַסטער ציין. מיט קציעה'ן פלעגט תמר פערברענגען ביי דער אַרבייט פיעל צייט און מיט דער צייט האָט קציעה ליעב בעקומען תמר'ן, אין ביי יעדער געלעגענהייט פאַלט זי איהר אַרויף אויפ'ן האַלז און קושט זי מיט אַ ווילד ליידענשאַפט. אויך פלעגט קציעה גאַנצע שעה'ן אָפּשטעהן און צוהערען זיך מיט אַ קינדישען שמייכעל ווי תמר שפּילט אויף דער האַרפּע, נור איהרע ווייסע ציין שטאַרצען אַרויס אין איהר האַלב-אָפּענעם מויל.

דעם זעלבען טאָג פאַרנאַכט, די זון האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזט אונטערן וואַלד און אַלע זענען געזעסען אין נידריגען שטיבעל ביים קליינעם אָפּענעם פענסטערל, דורך וועלכען אַ קיהל, מהיה'דיג ווינטעל האָט געטראָגען געשמאַקע ריחות פון די גרעזער. שמעי איז געזעסען פאַרטיעפט אין אַנ'אַלטע מגילה, זיין טאָכטער אַביגיל האָט גענייהט אַ קלייד. תמר ווי איהר שטייגער האָט געשפּילט אויף דער האַרפּע, איהרע שענע פערחלום'טע אויגען האָבען געקוקט ווייט אין הימעל אַריין. די טרויעריגע טענער פון דער האַרפּע האָבען זיך צוגאָסען אין דעם שטילען טהאָל מיט אַ וויינענדיגע, בענקענדיגע מעלאָדיע.

קציעה האָט זיך געפּאָרעט בײם קײמען אָנצוגרייטען נאַכטעסען פאַר די פּאַסטוכער, וועלכע דאַרפען שוין באַלד אָנקומען מיט די סטאַדעס.

און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שווער טופּעריי פון פערדישע פּאַדקאָוועס און אַ מורא'דיג קלינגעריי מיט אַ גערויש פון מעטאַלענע פּאַנצערס און געווער. אַלע האָבען מיט ערשטוינונג אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטערל און האָבען דערזעהן ווי אַ גאַנצע מחנה גריכישע געפּאַנצערטע קאַוואַלעריע זענען אַרויסגעריטען מיטן וועגיל פון צווישען די בערג, און האָבען מאָמענטאַל אַרומגערינגעלט די הייזלעך מיט די געביידעס. פון אַ ווייס פערד איז אַראָפּגעשפּרונגען אַן'עלטסטער אין אַ זילבערנעם העלם, נאָך איהם זיין אַדיוטאַנט, אַ יונגער שלאַנקער יון. ביידע זענען געוועזען איינגעהילט אין לייכטע מאַנטלען, נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען דריי הויכע יונים אין פּאַנצערס מיט בלאַנקע שווערדען אין די הענד, און אַלע האָבען זיך געלאָזט געהן גלייך אין דעם נידריגען פּאַסטוך-שטיבעל. תמר האָט מיטן ערשטען קוק דערקענט דעם פערהאַסטען דעמעטעאוס. איהר רייצענד פּנים איז געוואָרען ווי אָנגעצינדען און אין איהרע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ פייערל. דאָס ערשטע וואָס זי האָט בעוויזען צו טהון איז געוועזען דאָס, וואָס זי האָט אַראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנד אַ שטילעט, און האָט זיך אַנידערגעשטעלט נעבען טיש מיט דעם שטילעט אין דער האַנד אין אַן אַרויסרופענדע פּאָזע; דעמעטעאוס מיט זיינע בעגלייטער זענען אַריינגעקומען, ער האָט זיך העפליך פערנויגט, און אויסגערופען מיט אַ שטראַלענדיג פּנים:

—די רייצענדע אַפראָדיטא איז אַנטלאָפען פון די פּרעכטיגע טעמפּלען און האָט זיך בעזעצט צוגלייך מיט די נימפען אין די וויסטע וועלדער. אָבער אַפּאָלאָ האָט ענטדעקט איהרע שפּורען...

—וואָס ווילסטו, טיראַן, וואָס דו פערפאָלגסט מיך? -- האָט תמר צאָרניג אויסגעשריהען, און איהרע פייערדיגע אויגען האָט זי אָנגעווענדעט צו דעמעטעאוס'ן און איז אַזוי געשטאַנען אַ ווילע.

דער אַדיוטאַנט האָט אַ וואונק געטהון צו די דריי יונגע־
זיי האָבען גענומען בינדען דעם אַלטען שמעי. דער עהר־
ווירדיגער אַריסטאָקראַט האָט פון איבעררַאַשונג כמעט נישט גע־
וואוסט וואָס מיט איהם קומט פאָר. אַלעס איז עפּיס געקומען
אַזוי פּלוצלינג אונערוואַרטעט; אין אָנהויב האָט ער פּראָבירט
אינסטינקטיוו זיך צו ווערען. אָבער דריי פּאָר געזונדסטע הענד
האָבען אַזוי פעסט אַרומגענומען מיט די שטריק זיינע הענד,
אַז פון ווערען זיך האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין,
ער האָט נור פון כעס אומבעהאָלפען געקרעכצט. אַביגיל האָט
אויסגעבראָכען אין אַ יאָמערליך געוויין, זי האָט פּראָבירט עפּיס
צו בעטען דעם אַדיוטאַנט, אָבער דער האָט זי ברוטאַל פון
זיך אָבגעשטויסען.

תמר איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַנטקעגען דעמעטעאוס'ן
מיט דעם זעלבען אָנגעשטרענגטען בליק, און האָט ווידער גע־
פרעגט:

—זאָג. וואָס ווילסטו פון מיר?

איך וויל, אַז די שענע געטליכע דיאַנאַ אין גרינעם
וואַלד, זאָל בעשענקען אַפּאָלאָ, וועלכער יאָגט זיך נאָך איהר,
מיט אַ ליבע בליק.

—געה אַוועק פון מיר, דו טיראַן, דו מערדער!

—וואָס טויג דיר, מיין שען טייבעלע צו אַמפּערן זיך
אומזיסט מיט דיינע שוואַכע פליגעלעך אַז דו ביזט סיי ווי
ביי מיר אין דער האַנד; אָט זעה, דיין פאָטער איז געבונדען.
דאָס זעלבע קען מיט דיר אויך פּאָרקומען. זיי־זשע קלוגער,
זאָג אַ גוט וואָרט און פאַר דיינע פיס וועל איך אויסשפּרייטען
די רייצענדסטע טעפּיכער. די גרעסטע רייכטימער, די שענסטע
פּאַלאַצען, גאַנצע אָבטיילונגען מיליטער וועלען זיין גרייט אויף
דיין וואונק. זאָג שוין אַ גוט וואָרט, דו שענע געטין פון אָלימפּ!

—דו ווייסט, טיראַן, וואָס די טאָכטער פון יהודה, יעל,
האָט געטהון סיסראַ'ן?

—איך וויל עס נישט וויסען. — זאָג שוין אַ גוט וואָרט,
בעשענק מיך מיט אַ מילדען בליק פון דיינע רייצענדע אויגען,

...ד, שענע איינוואוינערין פון אלימפ... — דעמעטעאוס האָט זיך צו איהר דערנעהנטערט און פרובירט זי אָנגעמען ביי דער האַנד. תמר איז אויפגעשפרונגען ווי אַ ווילדע פאַנטערא, האָט אויסגעשטרעקט דעם שטילעט און זיך פערמאָסטען דעמעטעאוס'ן גלייך אין האַרץ אַריין. אָבער דער שטאָהל איז אָבגעשפרונגען און האָט זיך אַראָבגעגלישט פון מעטאַלענעם פאַנצער, וואָס ער האָט געטראָגען אונטערן מאַנטעל. דאַן האָט תמר זיך פערמאָסטען מיטן שטילעט גלייך אין איהרע אייגענע ברוסט אַריין, אָבער אין דעמזעלבען אויגענבליק איז צוגעשפרונגען דער שלאַנקער אַדיוטאַנט, האָט איהר פעסט אַרונטערגענומען ביידע הענד און דער שטילעט איז אַראָבגעפאַלען מיט אַ קלונג אויף דער ערד, דעמעטעאוס האָט זיך שנעל בעהערשט פון איבערראַשונג און האָט שפּאָטיש אויסגערופען:

—די עדעלע הענטלעך פון אַפראדיטא זענען נישט געוואוינט מיט דער פראָפעסיע פון הערא̄קל... — און, ער האָט זיך געווענדעט צו די סאָלדאַטען שוין מיט כעס:

—בינדט זי, מיט דער צייט וועט זי ווערען קלוגער!

—די סאָלדאַטען ווי אויך דעמעטעאוס און דער אַדיוטאַנט האָבען זיך אויף איהר געוואָרפען מיט שטריק. תמר האָט זיך מיט זיי געראַנגעלט און געאַמפערט אָבער ווי אַ טייבעלע אין די נעגעל פון אַ שפּאַרבער. זי האָט זיך געווערט מיט די נעגעל, געריסען מיט די ציין, געהאַקט מיט די פיס... נור קציעה, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים קוימען ה״י צוטומעלט, האָט נישט געקענט פערטראָגען ווי איהר גייע געליבטע חבר'טע אַמפערט זיך מיט די ברוטאַלע יונים. ס'האָט זיך אין איהר דערוועקט די ווילדע נאַטור, זי האָט געכאַפּט פון קוימען אַ טאָפּ זודיג עסען, און האָט די יונים אָבגעגאָסען. די זודיגע פליסיגקייט איז אָבער נישט אַדורך דורך די אייזערנע פאַנצערס, נור האָט טיילווייז אָבגעבריהט זייערע הענד מיט די פּנימער; עס איז געוואָרען צווישען זיי אַ טומעל און זיי האָבען דערווייל אָבגעלאָזט זייער קרבן. איין יון איז צוגעשפרונגען צו קציעה'ן, אויפגערייצט צוליב די וואונדען, האָט ער ז...

אַ שליידער געטהון מיט אימפּעט אויף די מויער מיטן קאָפּ־
און זי איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד אין חלשות. אָבער
אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אין דרויסען צווישען
די סאָלדאַטען אַ שרעקליך גערודער, נאַכהער אַ דרינגענדער
אַלאַרם-סיגנאַל, דעמעטעאוס מיט אַן׳אָבגעבריהט פּנים איז אַרויס־
געלאָפען פון שטוב צוזאַמען מיט זיינע בעגלייטער אין שרעק
און ערשטוינונג.

די גריכישע געפאַנצערטע אָבטיילונג, קומענדיג קיין
רפתיים האָבען זיי אויף זייער שטייגער אָנגעהויבען צו ראַבי־
רען וואָס עס האָט זיך נור געלאָזט. זיי האָבען אַרויסגעפיהרט פון
די שטעלער די פעטע אָקסען, וועלכע האָבען זיך געפוטערט
צום פערקויף. דערזעהענריג די סטאַדעס פערד, וועלכע האָט זיך
געפאַשעט אין די אַרומגעצוימטע פעלדער האָבען די סאָלדאַטען
אויסגעקליבען די בעסטע און געפיהרט אויף אַרקאַנען, די איב־
ריגע גריכישע סאָלדאַטען האָבען געפלינדערט אין די שטעלער
און שפּייכלערס. אומגעריכט אָבער האָבען זיי דערזעהן אויף
דעם אייגענעם שמאָלען וועגעל צווישען די פעלזען, פון וואַנען
זיי זענען געקומען, אַן׳אָבטיילונג העברעאישע רייטער. דאָס איז
געוועזען יהודה מיט זיין געפאַנצערטע פּלוגה. דער עלטסטער
פון די יונים, דערזעהענדיג וואָס דאָ איז אומגעריכט פאָרגעקו־
מען, האָט גלייך געגעבען אַן׳אַלאַרם-סיגנאַל. מאָמענטאַל האָבען
די סאָלדאַטען אַוועקגעוואָרפען זייער רויב, אַרויפגעשפּרונגען אויף
די פערד, און האָבען זיך אויסגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג פון
וועגעל אין טהאָל אין געדיכטע רייהען אין פולען קריגס-אָרר־
דנונג, און באַלד האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו שיסען פון
די בויגענס.

אָבער אונזערע העלדען, לויט אַנטיגנוס׳ס בעפעהל האָבען
זיך אויך אָבגעשטעלט און מייסטערהאַפט פערשטעלט מיט די
שילדען די פּנימער. די פיילען זענען אָבגעשפּרונגען פון די
אייזערנע פאַנצערס און פון די שילדען; יהודה האָט געגעבען
אַ טראָמפּייט-סיגנאַל, און פון נאָהנטען בערגעל פון צווישען די
געדיכטע קושאַקעס האָט זיך ווי עפּיס דורך אַ כשוף אַ שיס

געטהון אַ האָגעל מיט פיילען אויף די יונים, געציעלט אין זייערע פנימער, און אין די בייכער פון זייערע פערד. אַ טייל פערוואונדעטע יונים זענען אַראָבגעפאַלען פון די פערד; און די פערד, וועלכע די פיילען האָבען זיי אַדורכגעלעכערט די בייכער, האָבען זיך פון וועהטאָג געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס מיט אַ ווילד געהירזשעריי און אַראָבגעשליידערט פון זיך די שווערע רייטער אויף דער ערד. צווישען די יונים איז געוואָרען אַ פּאַניק, די רייהען האָבען זיך געבראָכען, און האָבען זיך אָנגעהויבען צוריקצוציהען אָהן אָרדנונג צו די געביידעס אָבער ס'איז ערשיענען אויפ'ן ווייסען פערד דעמעטעאוס מיט אַנ'אַרומגעבונדען פנים. מיט איין בליק האָט ער אַרומגענומען די גאַנצע סיטואַציע, פון דערווייטענס גאָך האָט ער דערקענט יהודה'ן אויף זיין שוואַרץ אַראַביש פערד אָן דער שפּיץ פון דער העברעאישער אָבטיילונג. דעמעטעאוס האָט איהם נור גע-דראָהט אין דער לופטען מיט דער בלאַנקער שווערד, און האָט אַ דונער געטהון אויף די אָפּטרעטענדע רייטער מיט אַ קורצען בעפעהל:

—אָרדנונג, דאָס געוועהר אין די הענד, צום שלאַכט, פאָראויס!

די רייהען האָבען זיך צוריק אויסגעשטעלט, מיט די בלאַנקע שווערדען האָבען זיי זיך געגרייט צום אָנפאַל, אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק זענען אַרויסגעשפּרונגען אומגע-ריכטערהייד פון די נאָהנטע קושאַקעס יוסף המרומי מיט זיינע רייטער, און האָבען זיך געלאָזט פון דער זייט אויף די יונים ווי די בייזע געשפּענסטער מיט אַ ווילדען געשריי און קוויטש. דאַן האָט אַנטיגנוס אויך אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו זיין פלוגה:

—קדימה, (פאָראויס). מות ליונים!

די העברעאישע העלדען האָבען זיך אַ לאָז געטהון אויף די יונים מיט אַ שרעקליכען אימפּעט. דער ערשטער איז אויף זיי אָנגעפאַלען יהודה, זיין ברודער אלעזר און דער שמיעד דן. דער מלחמה פלאַץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שוידערליך בילד, די קעמפפענדע זענען אויף זיך אָנגעפאַלען. ס'איז גע-וואָרען אַ מורא'דיג קלינגעריי פון מעטאַל און שטאָהל, אַ גע-

שריי און אַ געפילדער. יהודה מיט זיין ברייטע לאַנגע שווערד האָט בעוויזען וואונדער, די שווערדען אין די הענד פון די יונים האָבען זיך געבראָכען ווי דינע שטעקעלעך, עס האָבען נישט געהאָלפען די פאַנצערס, די שילדען, מיט די מעשענע העלמען, עס זענען געפלויגען קעפ מיט העלמען, אָרים׳ס, הענד און קעפ פון פערד. אלעזר איז צוגעריטען פון דערזייט צו די רייהען, און מיט אַ אונגלויבליך געשיקטקייט האָט ער געהאַקט אויף רעכטס און אויף לינקס. יעדע ווײַלע איז נור אַרויסגעפלויגען אין דער הויך אַ יונישע שווערד מיט אַ סווישטש אין דער לופט, און אַ קאָפּ מיט אַ העלם איז אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד, אָדער אַ יון האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן פערד מיט אַ דורכגעלעכערטען פאַנצער און ברוסט, און האָט זיך אַראָבגעקייקעלט אויף דער ערד ווי אַ שווערער קלאָץ. דן ווידער מיט זיין „פיילעכעל” האָט זיך אַרייַנגעריסען אין דערמיט אָבטיילונג, און האָט דאָרט אָנגעמאַכט חורבות. דאָס „פיילעכעל” האָט נור יעדעס מאָל אַ גלאַנץ געטהון אַנטקעגען די אונטערגעהענדע זון, ס׳זענען זיך צופאַלען קערפּערס אין פאַנצערס אויף צווייען אָדער ס׳זענען אַראָבגעפאַלען קעפּ מיט האַלבע קערפּערס צוזאַמען. אַרום דנ׳ען אויף אַ בעדייטענדע שטרעקע זענען געלעגען מענשליכע און פערדישע פגרים און ער איז אַרומגעריטען אויף די הרוגים מיט זיין ריעזיג פערד, מיט דער פערבלוטיגטער קאָלאָסאַלער שווערד, ר׳האָט אויסגעזעהן ווי אַ שרעקליכער גייסט פון טויט און פערדאַרבונג.

אַבטליון מיט זיינע דריי זיהן האָבען אויך געקעמפּפט ווי די צורייצטע לייבען, נישט איין יון האָבען זיי אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט; מיט אַ פערביסענעם האַס האָבען זיי געהאַקט און געשטאָכען אויף אַלע זייטען, גלייך זיי וואָלטען זיך געוואָלט נוקם זיין אָן די יונים פאַר זייער געפאַנגענשאַפט און די קייטען. דער מיטעלסטער זוהן, שמעון, האָט אָבער בעצאָהלט פאַר זיין טאַפּפערקייט מיטן לעבען. אַ יון איז אויף איהם אָנגעפאַלען און אַרויסגעשלאָגען זיין שווערד פון דער האַנד, און מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ איז ער אַראָבגעפאַלען פון פערד.

דער פֿאָטער מיט אַלעקסאַנדער׳ן זענען מאָמענטאַל צוגעלאָפֿען צום יון און זיך נוקם געווען. זיי האָבן איהם צוהאַקט אויף שטיקלעך, אָבער דער געפֿאַלענער האָט זיך צוריק נישט אויפֿגעשטעלט. אַבטליון האָט זיך אַ ווײַלע אָבגעשטעלט בײַם זוהנס טויטען קערפּער, פּרובירט איהם אויפֿצומינטערן, אָבער ער איז שוין געווען טויט. דער פֿאָטער האָט זאָגאַר קיין טרער נישט געלאָזט, נור האָט אויסגערופֿען מיט שטאָלץ:

– ס׳איז פֿיעל גלײַכער מײַן קינד, וואָס ביזט געפֿאַלען מיט דער שווערד אין דער האַנד, פֿאַר אונזער גאָט און די הייליגע תורה, איידער וואָלסט געווען אַ שענדליכער שקלאַף געקאָוועט אין קייטען.

יוסף המרומי׳ס רייטער זענען אַרומגעריטען פֿון די זייטען, געשטאָכען מיט די לאַנגע שפּיזען, געשאָסען פֿון די בויגענס אין די בײַכער פֿון די פֿערד, אָנגעמאַכט אַ מהומה צווישען די פֿיינדליכע רייהען. אויפֿ׳ן שלאַכט־פֿעלד איז געווען אַ מיש־מאַש, די קעמפֿפֿענדע צדדים האָבען זיך אויסגעמישט. די פֿערוואונדעטע פֿערד זענען אַרומגעלאָפֿען ווי משוגע, ס׳האָבען גאַלאָפּירט פֿערד אָהן רייטער, רייטער האָבען געקעמפֿפֿט אָהן פֿערד. איין פֿערד איז אַרומגעלאָפֿען איבערן טהאָל ווי משוגע און נאָכגעשלעפּט אַ יון בײַ איין פֿוס, וועלכער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט בײַ דער סטרזשעמיע פֿון זאָטעל; די יונים זענען שוין געווען טיילווייז צוקלאַפּט, מאַנכע האָבען אָבגעטרעטען אָהן אָרדנונג און יוסף׳ס רייטער האָבען זיי פֿערפֿאָלגט און פֿערשטעלט דעם וועג פֿון הינטען.

אַנטיגנוס אויפֿ׳ן ווייסען פֿערד איז אַרומגעריטען אויפֿ׳ן שלאַכט־פֿעלד מיט דער בלאַנקער שווערד אין דער האַנד, און וואו ער האָט נור געזעהען אַ גרעסער געפֿאַהר האָט ער צוגעשיקט רייטער, אָדער ער זעלבסט איז צוגעריטען צו הילף. ווען אלעזר יהודה׳ס ברודער, האָט זיך אַ צוקאָכטער נאָכגעלאָזט נאָך אַן אַנטלויפֿענדען יון, איז איהם אַן אַנדערער יון פֿון דערזייט אַנטקעגעגעלאָפֿען מיט אַן אויפֿגעהויבענע שווערד. דאָס האָט דערזעהן אַנטיגנוס און בליץ שנעל איז ער אונטערגעלאָפֿען, און מיט איי האַק פֿון אַנטיגנוס׳עס שווערד איז דער יון אַ טויטער אַראָב־

געפאַלען פון פערד.

יהודה ווידער איז אַרומגעפלויגען אויפ׳ן שלאַכט־פעלד אויף זיין „עורב" מיט דער פערבלוטיגטער שווערד ווי אַ מורא׳דיגער שד, און וועה איז געווען צו דעם יון, וועלכער איז איהם אונטערגעקומען אונטער דער האַנד. מיט זיין שאַרפען בליק האָט ער געזוכט אויפ׳ן שלאַכט־פעלד דעמעטעאוס׳ן, אָבער ער האָט איהם אויף קיין פאַל נישט געקענט דערזעהען. ערשט אין אָבענד האָט איינער פון די פאַסטוכער, וועלכער איז פאַר שרעק אַנטלאָפען צווישען די בערג איבערגעגעבען, אַז ער האָט געזעהען אויף דעם שטעגעל אין די בערג גאַלאָפירען צוויי רייטער, איינער אַן׳עלטערע אויף אַ ווייס פערד מיט אַ פערבינדען פנים, און דער צווייטער אַ יונגערער אויף אַ שוואַרץ פערד.

אַם ענדע איז געלונגען אַן׳עלטסטען פון די יונים צונויפצונעמען אַ גרופע רייטער לערך דרייסיג מאַן, און זיי אויסצושטעלען אין קריעגס־אָרדנונג נעבען אַ שטאַל. מיט גרויס העלדישקייט אויס פערצווייפלונג האָבען די יונים אָפגעשלאָגען די אַטאַקעס פון די העברעער. עס זענען שוין געפאַלען פון זייערע הענד צוויי מאַן פון יוסף׳ס רייטער, איינער פון די געפאַנצערטע אָבטיילונג, און עטליכע זענען געוואָרען פערוואונדעט. דאָס האָט דערזעהען אַנטיגנוס, ער האָט אַלאַז געטהון אויף זיי אַ גרופע געפאַנצערטע רייטער אין פולען גאַלאָפ, אָבער פאַר איהם האָט זיך שוין מקדים געוועזען דן. אויף זיין ריעזיג פערד מיט דעם פערבלוטיגטען „פיילעכעל" אין דער האנד, איז ער צווישען זיי אַריינגעפאַלען ווי אַ לייב צווישען אַ סטאַדע בהמות. פון רעכטס און פון לינקס זענען געפאַלען מענשליכע מיט פערדישע קעפ. ס׳זענען געפלויגען אין דער לופטען שטיקער שווערדען, שילדען, העלמען. אָבער פאַר דעם העלדענטהאַט האָט דן טייער בעצאָהלט. אַ יון האָט אַדורכגעשטאָכען זיין פערד דעם בויך און דאָס פערד מיט דן׳ען צוזאַמען זענען אומגעפאַלען ווי אַן׳אונטערגעהאַקטער צעדער. דעמאָלט איז צו איהם צוגעפאַלען דער עלטסטער פון די יונים און האָט איהם דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער שווערד איבערן קאָפ דורך דעם העלם, דאָס בלוט האָט פער־

גאָסען דן׳ען דאָס פּנים און ער איז געבליבען ליגען אַ פּער־חלשט׳ער.

איבער דער צייט זענען אונטערגעקומען אַנטיגנוס מיט זיין גרופּע ווי אַ שטורם. די יונים האָבען די אַטאַקע נישט אויסגעהאַלטען, און זענען זיך צעלאָפען אין אַלע זייטען, ווי אַ מחנה פויגעל איבערן גאַנצען טהאָל.

איבערן גאַנצען שלאַכט־פעלד האָט זיך געשפּירט אין דער לופט דער עקעלהאַפטער ריח פון בלוט. ס׳האָבען זיך גע־הערט די ווילדע קולות פון די קעמפּפענדע, די שוידערליכע קרעכצען פון די פערוואונדעטע, און דאָס אימה׳דיגע כאָרכלען פון די הרוגים. אַנטיגנוס מיט נאָך עטליכע רייטער זענען אַראָב־געשפּרונגען פון די פערד צוגעלאָפען מיט שרעק צו דעם פער־וואונדעטען דן, זיי האָבען שטאַרק בעדויערט זייער געליבטען גבור. מיט גרויס מיה האָבען זיי איהם אַפּער גענומען פון אונטערן פערד, אויפגעשנאָרוועט דעם פאַנצער, אַראָבגענומען דעם העלם, מ׳האָט גלייך געברענגט וואַסער, אַרומגעוואַשען און בע־טראַכט די וואונד. צום גליק האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די וואונד איז נישט געפעהרליך. דער צוקלאַפּטער העלם האָט טיף פערוואונדעט דעם קאָפּ אָבער דער ביין איז נישט געוועזען געריהרט. מ׳האָט אויף דערגיך פערבאַנדאַזשירט די וואונד און פיער מאַן האָבען איהם מיט אָנשטרענגונג אַריינגעטראָגען צו יועזר׳ן אין שטוב אַריין.

די גאַנצע עקספּעדיציע פון דעמעטעאוס׳ן האָט שוין גע־האַט אַ פאָלקאָמע מפּלה. אַ טייל יונים האָבען אַוועקגעוואָרפען דאָס געוועהר און זיך אונטערגעגעבען; אָבער דער גרעסטער טייל פון די צושפּרייטע איבערן גאַנצען טהאָל, האָבען אָנגעטראָפען דעם וועג צו דער יעזשערע מרום, דורך וועלכע זיי האָבען זיך געלאָזט אַנטלויפען. נור אויף דעם שמאָלען וועג צווישען די פעלזען האָבען זיי גראָד אָנגעטראָפען אויף די סטאַדעס בהמות, וועלכע מ׳האָט אַהיים געטריבען אויף ביינאַכט. דאָ איז גע־וואָרען אַ פרישע מהומה, די רייטער זענען אַרויף אויף די בהמות, די בהמות אויף די רייטער. די צופלאָשעטע פערד האָבען גע־

קאָפּעט מיט די הינטערשטע פיס, געשפּרונגען ווי משוגע, אַראָבגעוואָרפען די רייטער. די בהמות ווידער, האָבען געשטויסען מיט די הערנער, געלאָפען, געבעטשעט, ס'איז געוואָרען אַ שטויב, אַ געפילדער. דאָס אַלעס איז געוואָרען אויסגעמישט אין אַ גרויסע, רוישיגע, ריהרעוודיגע מאַסע. די יעניגע, וועלכע ס'איז געלונגען זיך אַרויסצורייסען פון דעם טייוולאָנישען כאַאָס און זענען אַרויס אויפ'ן ברייטען פלאַץ, האָבען זיי אָנגעטראָפען אויף עזריה'ן מיט זיינע רייטער, וועלכע האָבען אויף זיי געשאָסען פון בויגענס, געיאָגט, געשטאָכען. די פערד זענען אַריינגעלאָפען אין די זומפען איבער די בייכער און האָבען נישט געקענט אַרויס. די סאָלדאַטען, וועלכע זענען נישט געטויט געוואָרען האָט מען גענומען אין געפענגעניש. אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דעמעטעאוס'עס עקספּעדיציע אויף קן־הנשרים.

באַלד ווי די גרעסערע געפאַהר איז אַריבער, אַז די יונים האָבען זיך צעשפּרייט אין אונאָרדנונג איבערן טהאָל צווישען די געבּיידעס, און די העברעאישע העלדען האָבען זיי פערפאָלגט, איז יהודה אַראָבגעשפּרונגען פון פערד, און צום אַלעם ערשטען איז ער אַריינגעלאָפען אין דעם קליינעם פּאַסטוכער-הייזעל. אין דער טונקעלקייט פון בין־השמשות האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַ שוידערליך בילד: ביי דער שוועל איז געלעגען אין חלשות קציעה מיט אַ צובלוטיגטען קאָפּ, די כלים אין שטוב זענען געוועזען צעוואָרפען, איבערגעדרעהט. אין ווינקעל איז געלעגען דער אַלטער שמעי, געבונדען די הענד מיט די פיס און שטיל געקרעכצט. נעבען איהם איז געזעסען אויף דער ערד זיין איינציגע טאָכטער אַביגיל ווי צומישט און געכליפּעט. תמר איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנד, געהאַלטען דעם שטילעט אין דער האַנד און געקוקט מיט אַ פערשטאַרטען פער'יאוש'טען בליק. איהרע גאָלדענע לאָקען אויפ'ן קאָפּ זענען געוועזען צושויבערט, די קליידער צוריסען, דאָס שענע פּנים בלייך אויסגעמאַטערט, שרעקליך. זי האָט יהודה'ן אין דער ערשטער רגע דערקענט, און גלייך אויף איהם אַרויפגעפאַלען, געבליבען הענגען מיט די הענד פערלעגט אויף זיין

הציז, און האָט אונשולדיג איהר פנים געטוליעט צו זיין אייזערנער ברוסט, ווי אַ קליין קינד טוליעט זיך אין אַ געפאַהר צו דער מוטער. זי האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדען, נור די טרערען האָבען זיך איהר געלאָזט פון די אויגען און געריונען ווי פון אַ קוואַל. די טרערען זענען גערינען אויף איהר בלייך פנים, אויף זיין אייזערנעם פאַנצער, און אויף די צעריסענע טראַנטעס פון איהר קליידונג.

יהודה האָט אָנגענומען איהר בע'חנ'ט קעפל און זיינע פערבלוטיגטע הענד, און בעשיט מיט הייסע ברענענדיגע קושען.

נאָך דעם גליקלין־ערדייכטען זיעג, האָבען אונזערע העל־דען נאָך נישט געהאַט קיין רוה, אויך די אָנפיהרער האָבען געהאַט פיעל אַרבייט; צו אַלעם ערשטען האָט מען זיך גענומען צונויפקלויבען די פערוואונדעטע און זיי פערבאַנדאַזשירען. יוסף המרומי מיט נאָך איינעם אַנ׳אַלטען בערגמאַן, וועלכע האָבען זיך געקענט אויף רפואות, האָבען געאַרבייט מיט גרויס מיה און פלייס. זיי האָבען שוין געוואוסט ווי אַזוי צונויפנייהען די וואונדען, צולעגען אַזעלכע גרעזער עס זאָל זיך היילען. מ׳האָט צעריסען פערשידענע וועש, וועלכע תמר און אביגיל האָבען זעלבסט אַרויסגעבראַכט פון זייער גאַרדעראָבע, און מ׳האָט פערבאַנ־דאַזשירט די פערוואונדעטע, זאָגאַר די פערוואונדעטע יונים האָט מען פלייסיג פערבאַנדאַזשירט און געהיילט.

נאַכהער האָט מען זיך גענומען בעגראָבען די הרוגים. צו דער דאָזיגער אַרבייט האָט מען אויך בענוצט די געפאַנגע־נע יונים. פון די העברעער איז פערהעלטניסמעסיג זעהר ווינציג געפאַלען. די העלדען האָט מען מקבר געווען מיט גרויס כבוד אויף אַ בערגל אונטערן וואַלד. די יונישע הרוגים האָט מען צוזאַמענגענומען און די געפאַנגענע יונים האָבען זיי בעגראָבען לויט זייערע מנהגים.

דאָס רויב וואָס איז אַריינגעפאַלען נאָך דער שלאַכט, האָט געהאַט פאַר די פאַרטיזאַנער אַ אונגעהויערען ווערט; מ׳האָט צונויפגענומען די יונישע פערד מיט די זאָטלען, אָבער דער טייערסטער שאַץ איז פאַר די פאַרטיזאַנער געווען דאָס געווער, וועלכעס מ׳האָט פערנומען: פאַנצערס, העלמען, שילדען,

שווערדען און שפּיעזען, בויגענס און פיילען. וואָרום מ׳דאַרף וויסען, אַז דאָס געוועהר האָט געהאַט דעמאָלט פאַר די העברעער אַ גרויסע בעדייטונג, ווייל מ׳האָט דאָס בעדאַרפט ברענגען בגגיבה פון פעניציען, צור, צידון, און זאָגאַר פון עגיפּטען. אויסער דעם האָט אויך פערנומען פערשידענע קליידונג, קאָצען, דיוואַנעס, א. ד. ג. וועלכע זענען אויך געוועזען פאַר די פאַרטיזאַנער זעהר נוצליך.

איצט האָבען שוין אַנטיגנוס און יהודה געטרוימט פון צוזאַמענשטעלען אַ נייע פלוגה, צו בעפעסטיגען זייער פּאָזיציע, אַז זיי זאָלען זיך קענען ענטקעגענשטעלען מיט אַ גרעסערען כח דער סירישער אַרמעע, וועלכע דאַרף אַדורכמאַרשירען איבער גליל.

עזריה מיט זיינע לייכטע רייטער, וועלכע האָבען אין דער לעצטער שלאַכט אַ קליינעם אָנטייל גענומען, האָבען געזאָלט פאַר זונענאויפגאַנג אַוועקרייטען צו די שטיינער־גרובען, פערטרייבען פון דאָרט די יונים, און ווי ווייט מעגליך וועט זיין צו אָרגאַניזירען די העברעאישע אַרבייטער און ווערבירען צו זייער פלוגה. אויך האָט זיי אַנטיגנוס אָנגעזאָגט, אַז פון די שומרונים, וועלכע אַרבייטען אין די גרובען, זאָלען זיי אויף קיין פאַל נישט נעמען קיין פריוויליגע, ווייל מ׳קען צו די שומרונים נישט האָבען קיין צוטרוי, וואָרום זיי זענען פון לאַנג אָן די פערביסענסטע שונאים פון די העברעער.

נאָך דער גאַנצער אַרבייט, אַז מ׳האָט נאָך צושיקט אויף אַלע זייטען שילד־וואַכען, האָבען זיך אונזערע העלדען אָרומגעוואַשען אין נאָהנטען טייכעל. יהודה האָט דורך אַ סיגנאַל צוזאַמענגערופען די גאַנצע פלוגה צו די גרויסע פייערען, וועלכע מ׳האָט אָנגעצינדען אונטערן וואַלד, און ער, אַלס כהן, איז אַרויסגעטרעטען צו די קאַמעראַדען זיינע, מיט אַ הייסע רעדע:

—ברודער, איהר געטרייע קינדער פון פאָלק, — האָט יהודה אָנגעהויבען מיט זיין מעכטיגע שטימע—אין דעם היינטיגען טאָג האָט איהר בעוויזען, אַז איהר זענט ווערט צו טראָגען

דאָס געוועּר און דעם גרויסען נאָמען קעמפּפער פאַר אונזער אַלמעכטיגען גאָט צבאות! אויפ'ן ערשטען אָנהויב האָט אונז דער גרויסער גאָט בעוויזען זיין נס, דער שונא איז געוואָרען בעזיעגט און צוקלאַפּט; זאָלען די רשעים נישט מיינען, אַז די אור־אייניקלעך פון אונזערע אַלטע העלדען, גדעון, יפתּח, דוד בן ישי, יואב בן צרויה, וועלען ליגען אין שטויב ביי זייערע פיס, ווי די אַנדערע פערשקלאַפּטע פעלקער, אויף וועלכע זיי טרעטען. ניין! ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט וועלען מיר קעמפּפען פאַר אונזער פרייהייט, און פאַר אונזער הייליגע תּורה. מיר בעדאַרפען ויך נוקם זיין פאַר דעם פערגאָסענעם בלוט פון אונזערע ברודער און קליינע קינדער, פאַר די טרע־רען פון די יתומים און אלמנות, פאַר די פערשוועכטע הייליג־קייטען, פאַר די ערהאבענע געזעצען פון אונזער תּורה, פאַרן הייליגען בית־המקדש און מזבח.

—נאָך מעהר טרויעריג איז, וואָס אונזערע ברודער, אונ־זער אייגען בלוט און פלייש, אונזערע מאַגנאַטען די העלעניס־טען, געהן אויך אין די גאָטלאָזע וועגען פון די טיראַנישע יונים און אונזערע הייליגסטע געפיהלען ווערען דורך זיי גע־שענדעט. די געטליכע כּהונה־גדולה — די ירושה פון אהרן הכּהן ווערט געקויפט פאַר גאָלד, דאָס מאָראַלישע צניעות פון אונזערע עלטערען ווערט דורך זיי פערשוועכט, די בושה האָט אויפגעהערט און ווערט פערוואַנדעלט אין פריצות און אויסגע־לאַסענקייט, ווי די פערדאָרבענע טענצערינס אין די טעמפּ־לען פון די יונים. און אויף די אַלע אומווירדיגקייטען ברענגען אויס אונזערע מאַגנאַטען הונדערטער טאָלענטען אין גאָלד. אָבער דער אָרימאַן, דער יתום און די אלמנה, שמאַכטען פאַר נויט. עס ווערן פערשוועכט די מענשליכע געזעצען פון אונזער תּורה. דער אַרבייטער ווערט נישט ווי געהעריג און אין דער צייט בעלוינט, לויט דעם דין פון דער תּורה. איך פרעג אייך מיט פערביטערונג: וואו איז פאַרן אָרימאַן דער געזעצלי־כער מעשר, לקט, שכחה און פּאה?— וואו איז דאָס בעפריי־אונג פון שמיטה און יובל? דורך די רייכע ווערען גרינג־

געשעצט די הויכע געזעצען, און זיי וואוינען אין זייערע פּאַלאַצען מיט פּעראומרייניגטע הענד פון רויב און רציחה. אַזוי ווי דער געטליכער נביא עמוס האָט געזאָגט: גאון קיין גלייכע זאַך ווייסען זיי נישט צו טהון, זאָגט גאָט, נור זיי זאַמלען רויב מיט גזילה אין זייערע פּאַלאַצען!"

—מיר מוזען געגען דעם קעמפּפען און אויסראָטען דאָס שלעכטע. עס מוז ווערען גלייך געאַכטעט יעדער מענש, וואָס איז בעשאַפען אין גאָטס געשטאַלט. מיר מוזען מקריב זיין אונזער אייגען לעבען צוליעב דער פרייער צוקונפט... איהר זאָלט וויסען, געליבטע ברודער, אַז די נשמות פון די העלדען. וועלכע זענען היינט געפאַלען אויפ'ן שלאַכט־פעלד, וועלען אויפגענומען ווערען אין הימעל דורך מלאכים, צוגלייך מיט אַלע פרומע צדיקים און פרושים, ווייל זיי זענען אַ קרבן ביי גאָט, פאַר זיין תורה און פאַרן הייליגען בית־המקדש...

—מיינט נישט קאַמעראַדען, — האָט יהודה ווייטער גערעדט און זיין שטימע האָט געקלונגען וואָס אַמאָל מעכטיגער און שטאַרקער, אין דעם שטילען הייטערען אָבענד. — מיינט נישט, אַז דער היינטיגער נצחון איבער דעם הייפעל רשעים איז שוין אונזער גאַנצער זיעג. ניין, דער שונא איז נאָך געבוג גרויס און מעכטיג, עס שטעהט אונז נאָך פאָר שרעקליכע פערביטערטע מלחמות. אָבער מיר מוזען מנצח זיין, מיר מוזען זיעגן, — ווייל מיט אונז איז די גערעכטיגקייט, מיט אונז איז דער שטאַרקער גאָט צבאות, וועלכער האָט פון אור־אַלטע צייטען, געשיצט און בעשירמט זיין אויסדערוועהלט פאָלק ישראל. ער וועט איצט אויך אַרויסטרעטען מיט זיין שטאַרקער האַנד, און פערטיליגען די טיראַנישע בעדריקער פון זיין פאָלק, אַזוי ווי משה רבינו האָט געשריבען אין דער הייליגער תורה: זינגט, שטאַמען פון זיין פאָלק, ער וועט זיך נוקם זיין פאַר דעם פערגאָסענעם בלוט פון זיינע דיענער, פול מיט נקמה וועט ער זיך אומקערען פון די בעדריקער, און וועט בעפרידיגען זיין לאַנד, און זיין פאָלק!"

—הידד. הידד! יחי הכהן! (עס לעבע דער כהן) מות

ליונים! — האָבען אויסגעשריהען מעכטיגע קולות פון געזונטע ברוסטען פון אונטער די אייזערנע. פאַנצערס דאָס עכאָ האָט אָבגעהילכט צווישען די בערג און פון די הויכע טע-נענבוימער און די מעכטיגע דעמבעס, ביז צו די ריעזיגע צעדער.

יהודה האָט בעת זיין רעדע אויסגעזעהן ווי אַנ׳אור-אַל-טער נביא, זיין פנים האָט געלויכטען און זיינע אויגען האָבען געוואָרפען פייערדיגע בליקען. דער פלאַם פון די גרויסע פייערן האָט מורא׳דיג אָבגעשלאָגען אויף זיין אייזערנעם פאַנצער, אויפ׳ן מעשענעם העלם, און אויף זיין מאַיעֶסטעטיש און בע-גייסטערט פנים.

תמר מיט איהר חבר׳טע אביגיל זענען אויך געשטאַנען אָן אַ זייט און מיט אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די רעדען תמר האָט איבער דער גאַנצער צייט נישט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פון יהודה׳ן. זי האָט בעאָבאַכטעט יעדע בעוועגונג פון רעדנער, און האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פון זיין מויל, ער איז איצט אין איהרע אויגען אויסגעוואַקסען אַזוי הויך, אַזוי גרויס — ביז צום הימעל; זי האָט שוין פון לאַנג אָן דערקענט זיין הויכער נשמה, זיין העלדענמוטה, אָבער לויט ווי מען האָט איהר דערצעהלט זיינע הייגטיגע גבורות, און ווי זי זעהט איהם איצט אָן דער שפיץ פון די טאַפּפערע העלדען, וועלכע האָבען זי בעפרייט פון אַזאַ געפאַהר, און הערט פון זיין מויל די היי-סע פלאַמענדיגע ווערטער, געפינט זי נישט אין איהרע געדאַנ-קען קיין אמת׳ן בעגריף צו בעוואונדערען זיין גרויסקייט, און צודעם אַלעמען איז ער צו איהר אַזוי העפליך, אַזוי עדעל-ליעבליך, אַזוי צוגעבונדען... איהר האַרץ קוועלט אָן פון עפּעס אַ זיסען אינערליכען תענוג; זי וואָלט איצט איהר גאַנץ לעבען געשטרעקט פאַר דעם שענעם ערהאַבענעם העלד!...

און ווי יהודה האָט פערענדיגט זיין בעגייסטערטע רעדע, האָט ער זיך אויפסניי געווענדעט צו די פערזאַמעלטע:

—איצט, ליעבע ברודער, זאָל מען אָבגעבען אַ לויב צו

דעם גאָט צבאות פאַר אונזער היינטיגען נצחון.

אַלע אָנוועזענדע האָבען זיך אויסגעדרעהט מיט די פּנימער צו דרום, צו דער זייט פון בעליבטען בית־המקדש, מיט אַ יראת־הכבוד און אַלעמענס בליקען האָבען זיך געווענדעט אַרויף צום הימעל מיט אַ שטיל האַרציג לויב-געבעט, אַלע ליפּצען האָבען געפּליסטערט פון טיפענישׁ פון האַרצען, אַ הייסע תּפילה צו דעם אַלמעכטיגען, וואָס האָט זיי בעגליקט מיט דעם היינטיגען ערשטען נצחון איבער די יונים.

נאָכהער זענען אַרויסגעטרעטען צוויי לויים פון ירושלים, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דער פּלוגה, און אָנגעהויבען צו זינגען פערשידענע לויב־געזאַנגען פון תּהלים. אַלע פערזאַמעלטע האָבען מיטגעזונגען דעם בעקאַנטען, בעליבטען ביי די העברעער פערז:

„לויבט אַלע גאָט, ווייל ער איז גוט

„דען אויף אייביג איז זיין חסד!"

אַ כאָר פון צעהנדליגער קולות האָט אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג, וועלכעס האָט זיך פרעהליך צוגאָסען אין דער שטילער נאַכט, אין דעם ווילדען פערוואָרפענעם טהאָל. דער טונקעל-בלויער הימעל איז געוועזען אויסגעשפּרייט איבער די העלדען ווי אַ גרויסע חופּה; און די פינקעלדיגע שטערען, מיט דער זילבערנער לבנה, האָבען יום-טוב׳דיג אַראָבגעשיינט פון הימעל, גלייך זיי וואָלטען אויך אָנטייל גענומען אין די פּאַרטיזאַנערס שמחה.

נאָבהער זענען די אָנפיהרער אַוועקגעגאַנגען מבקר-חולה זיין די פערוואונדעטע, וועלכע זענען געלעגען אין אַ לעדיגען שייער אויף שטרוי. אַ טייל זענען שוין געהאַט געקומען אַביסעל צו זיך און זענען געזעסען אויף זייערע געלעגערס, די אָנפיהרער האָבען פאַר זיי מיטגעבראַכט רפואות, די געזונטערע האָט מען געגעבען פרוכטען און וויין, און אַלעמען געטרייסט מיט ליבליכע ווערטער. די עלטסטע זענען אַריינגעקומען אין יועזרס הייזעל, וואו ס׳איז געלעגען דער פערוואונדעטער דן. תּמר האָט איהם אָבגעטרעטען איהר אַלקערל,

וואָס מ׳האָט איהם איינגעאָרדענט אַ ווייך געלעגער, און אַלע האָבען געהיטען דעם בעליבטען גבור ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ. קציעה טיט אַ פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ איז געזעסען נעבען זיין געלעגער, און יעדעס מאָל איהם געקוקט אין די אויגען אַריין מיט זאָרג, ווי אַ מוטער ביי איהר איינציג קינד. זי האָט איהם אָפּט געגעבען צו טרינקען געקאָכטע קרייטעכצער, און דאַביי טרויעריג געזיפצט. דן איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, און האָט נור עפּיס שטיל געמורמעלט פון היץ.

שרק, ווי נור ער האָט זיך דע־וואוסט, אַז דן איז געוואָרען פערוואונדעט, איז ער געקומען צַריינצולויפען אין אַלקערל מיט אַנ׳אימפעט און רעש, ווי דער סאַמום־ווינד אין די וויסטעס פון אַראַביען; און אַז ער האָט דערזעהען ווי זיין געליבטער חבר ליגט אָהן בעוואוסטזיין, האָט זיך זיין טונקעל פּנים עפּיס מאָדנע אויסגעקרימט, און צוויי טרערען, ווי גרויסע פּערל, זענען געבליבען הענגען אויף די שוואַרצע ברעמען פון זיינע ווילדע אויגען.

דער אַלטער שמעי הכרמלי האָט באַלד נאָך דער שלאַכט געהייסען שחט׳ען צוויי פעטע אָקסען מיט עטליכע שעפּסען און האָט בעפוילען אַרויפצונעמען פון קעלער צוויי פעסער וויין, צו די פייערן, און געמאַכט פאַר די פּאַרטיזאַנער אַ סעודה. נאָך דער היינטיגער שווערער אַרבייט. מ׳האָט געבראָטען, געקאָכט, געגעסען, געטרונקען און צוגעזינגען פרעהליכע לידער.

שוין אַנטקעגען האַלבער נאַכט האָט מען דערזעהען פון דערווייטענס ביים שיין פון דער לבנה, די איינגעבויגענע הינקענדיקע פיגור פון שמעון־הפרסי; דער אַלטער סאָלדאַט האָט נישט אויסגעהאַלטען און איז געקומען געוואָהר ווערען וועגען אויסגאַנג פון דער שלאַכט, דער רייטער, וועלכער איז געשטאַנען אויפ׳ן וועג אויף דער וואַך, אַז ער האָט שמעונ׳ען דערצעהלט, וועגען די שענדליכע מפּלה פון די יונים, איז ער געקומען צו לויפען אויף זיין קוליע צו די פייערן, אויף זיין שטייגער, פערשוויצט, פערסאַפּעט. זיין ברודיג פּנים האָט געשיינט פון פרייד, ער האָט פשוט נישט געוואוסט

מיט וואָס זיין פרייד אויסצודריקען. ער האָט געטאַנצט אויף זיין קוליע ווי אַ קליין קינד, געוואָרפען די טאָרבעס אין דער הויך, און אין איין אָטעם געשריהען:

—געלויבט איז דער גרויסער גאָט פון ישראל! לעבען זאָלען די העלדישע גבורים! א טויט די גריכען!..

דאָס מיליטער האָט אריינגענומען דעם בעטלער מיט דער לירע, צווישען זיך אין מיטען; ער האָט אָבגעווישט דעם שוויס פון פנים, אויסגעזופט מיט אַמאָל אַ האַלב קריגעל וויין, און איז אַדורכגעלאָפען מיט די פינגער איבער די סטרונעס פון דער לירע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען רוישיגע, אָבגעהאַקטע פרעהליכע טענער, און אַלע האָבען אונטערגעכאַפט מיט אַ לוסטיג געזאַנג.

אַנטיגנוס און יהודה האָבען פערבעטען צו די פייערן דעם אַלטען שמעי מיט זיין טאָכטער און תמר׳ן מיט איהר האַרפע. מ׳האָט אויסגעלעדיגט בעכערס וויין אויפ׳ן נצחון פון העברעאישען געווער; תמר מיטן אַלטען בעטלער האָבען געשפילט צוזאַמען אַ דועט, און דער בעטלער מיט זיין מעכטיגער שטימע האָט געזונגען פערשידענע קריעגס־ראַפסאָדיעס פון די אַלטע גוטע צייטען. אַלע האָבען אָנגעקוואָלען, און יעדעס מאָל צוגעפּאַטשט: חן! חן! דאָס צופרידענהייט און די פרייד פון די פּאַרטיזאַנער האָט גאָרנישט געהאַט קיין גרענעץ, סיאיז געווען ששון ושמחה.

אַנטיגנוס מיטן אַלטען שמעי זענען געזעסען אָן אַ זייט, און מיט גרויס אינטערעס עפּיס צווישען זיך גערעדט. יהודה׳ס יונגערער ברודער אלעזר האָט פרעהליך געפלוידערט מיט שמעי׳ס טאָכטער אַביגיל. יהודה מיט תמר׳ן האָבען זיך פערקליבען אין אַ פינסטערן ווינקעל, ווייטער פון די פייערן, און האָבען צווישען אַנאַנדער שטיל גערעדט ווי אַפּאָר פערליבטע טויבען. זיין גאַנץ וועזען איז איצט געווען פערנומען מיט תמר׳ן. זי פולט שוין אָן זיין טאַפּפעריש האַרץ; זי בעשענקט איהם יעדעס מאָל מיט אַ ליבע-בליק פון איהרע רייצענדע אויגען, דער דאָזיגער פער׳כשופ׳טער בליק פערהיפּנאָ-

טיזירט איהם אינגאַנצען, און זיין פערשטיינערט האַרץ, ווערט דערפון אַזוי מילד, אַזוי ווייך.

זיי זיצען צוזאַמען, יהודה שפּירט אַזוי נאָהנט איהר אָטהעם, דעם זיסען ריח פון איהרע האָר, מיטן פרישען הויך פון אַ געזונד קאָכעדיג לייב און ס׳וועבען זיך אַרום זיינע געדאַנקען אונדייטליכע כשוף׳דיגע נעצען, וועלכע פערהילען און פערפּלאָנטערן זיינע רעיונות וואָס אַמאָל מעהר, און מעהר. דאָס בלוט קאָכט און זידט אין זיינע אָדערען, ער שפּירט אין קאָפּ עפּיס אַ שכור׳ן זיסען קאָשמאַר. ער הערט כמעט נישט וואָס אַרום איהם טהוט זיך, נור קוקט אין איהרע שענע פערחלומ׳טע אויגען, און הערט איהרע קלוגע ליבליכע רייד. ער וואָלט אַזוי אייביג נעבען איהר געזעסען, קוקען אין די טיפע ווי דער ים אויגען, און האָרכען איהר אַנגענעם זיס פליסטערן.

נור ווי אַ טונקעלער שאָטען, לויפט איהם דורך אין די געדאַנקען דער פערפלוכטער יון, דעמעטעאוס; אַך! ווען ער וואָלט איהם געוועזען געטראָפען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד... אָבער דער יון איז שענדליך אַנטלאָפען פון זיין אַרמעע ווי אַ שרעקעוודיגער האָז. יהודה ווייסט, אַז דעמעטעאוס וועט נישט רוהען, ער וועט דורכאויס וועלען ווי אַ בייזער שפּאַרבער אַוועקרויבען זיין געליבט טייבעלע, ביי דעם בלויזען געדאַנק געהט איהם דורך אַ שוידער אין די ביינער... אָבער ער מוז זי שוצען, ער וועט זי פערבעהאַלטען ערגעץ צווישען די הויכע בערג, ווייט אויף דער צווייטער זייט ים. ער וועט אויף קיין פאַל נישט לאָזען אַוועק זיין טייערען שאַץ, זיין גאַנץ לעבען!.:.

אַנטיגנוס איז צו זיי צוגעקומען, מיט זיינע קלוגע אויגען האָט ער גלייך דערקענט אויף יהודה׳ס פּנים וואָס אין זיין האַרץ טהוט זיך איצט. און ער האָט זיך צו איהם געווענדעט:

—יהודה, מאָרגען האָבען מיר זיך צובעראַטען צוזאַמען מיט שמעי־הכרמלי, וועגען אַ וויכטיגען ענין; היינט איז שוין שפּעט, דער מאָרגענשטערן איז שוין אויפגעגאַנגען, מ׳דאַרף נאָך טוישען די וואַכען, און זיך לעגען שלאפעי

 C717174

בײַ די פּייערן איז שוין געוואָרען וואָס אַמאָל שטילער, אַ טייל פּאַרטיזאַנער זענען איינגעשלאָפען מיעדע, אַ טייל האָבען נאָך געזיינגען און צווישענאַנאַנדער געפּלאַפּלט. שמעי, אביגיל און תמר זענען געגאַנגען שלאָפען, יהודה האָט זיך איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל ביים פּייער און איז אויך איינגעשלאָפען אַ מידער פון היינטיגען טאָג, מיט זיסע חלומות: תמר האָט שטענדיג ווי אַ מלאך געשוועבט פאַר זיינע אויגען, אין אַ לויכטענדען אָרעאָל.

בײַ די פּייערן איז שוין געוואָרען איינגאַנצען שטיל, מ׳האָט גור געהערט דאָס מורא׳דיגע כראָפּען פון די מיעדע פּאַרטיזאַנער. אויפ׳ן האָריזאָנט פון דער זייט באַרג חרמון, האָט זיך בעוויזען אַ העלער רויטליכער שיין, ס׳האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגען.

IX

יהודה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דערפרישט און מונטער, די זיסע חלומות האָבען נאָך ווי געשוועבט אין זיינע געדאַנקען. די זון איז שוין אויפגעגאַנגען הויך, זי שיינט אַראָפּ מאַיעסטעטיש פון די הויכע צעדער שפּיצען ווי אַ גאָלדענע קויל באַגיסט מיט אַ בלענדענדע ליכטיגקייט דעם גאַנצען טהאָל, און וואַרימט מילד, מחיה׳דיג.

נעבען איהם שטעהן שוין אַנטיגנוס און שמעי, מיט פערזאָרגטע פּנימ׳ער. דער ערשטער רופט זיך אָן אַנטיגנוס מיט אַ געמאַכטען שמייכעל:

—גוט מאָרגען מיין פריינד, עס איז מיר אַ שאָד געוועזען דיך צו וועקען. ביזט אַזוי געשמאַק געשלאָפען נאָך דער נעכטיגער אַרבייט.

—וואו איז די גאַנצע פּלוגה? — האָט יהודה געפרעגט.

—עזריה מיט זיין אָבטיילונג זענען שוין אַוועקגעריטען צו די שטיינער־גרובען לויט דעם נעכטיגען בעפעהל. יוסף המ־רומי מיט עטליכע רייטער האָבען אַוועקגעפיהרט די געפאַנגענע מיטן פערנומענעם געווער צו אונז אין לאַגער אַריין; און זיין פּלוגה באַשיצט זיי פערד אין טהאָל און וואַרט אויף אַ בעפעהל. אָבער יהודה, מיר מוזען זיך נאָך בעראַטען איבער וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען.

שמעי מיט אַנטיגנוס׳ן האָבען זיך אַנידערגעזעצט ביי דעם נאָך רויכערדיגען פייער, יהודה האָט זיך אויך אויפגעזעצט, און זיין שטרענג, ענערגיש פּנים האָט אויסגעדריקט ערנסט צוזאַמען מיט זאָרג, און ער האָט זיך אָנגערופען:

—ווירקליך, מ׳דאַרף קלערען אַנ׳עצה, וואו אַהין שמעי מיט תמר׳ן זאָלען אַוועקפאָהרען. דאָ קאָנען זיי לענגער נישט פערבלייבען, וואָרום דער כיטרער פוקס דעמעטעאוס, וועט נישט רוהען, און נאָך דער נעכטיגער מפּלה וועט ער זוכען תחבולות זיך נוקם צו זיין. מיר מוזען אויך בעסער בעפעסטיגען אונזער פּאָזיציע, וואָרום מ׳דאַרף זיך ריכטען, אַז דער פערהאַסטער טיראַן וועט קומען מיט אַ גרעסערע אָפּטיילונג.

—וועגען אונזער פּאָזיציע האָב איך שוין איבערגעקלערט אַ פּלאַן. — זאָגט אַנטיגנוס און אויף זיין ווייסען ברייטען שטערן בעוויזען זיך טיעפע קנייטשען. — מען בעדאַרף נאָך איבערשמועסען מיט עזריה׳ן. אויפ׳ן ערשטען פעלזען ביים אַריינגאַנג אין אונזער לאַגער, אַנטקעגען דעם אָפּגרונד, דאַרף מען אַרויפלעגען קופּעס שווערע שטיינער מיט דיקע, קורצע קלעצער, אַז ווען מ׳וועט בעדאַרפען זאָל מען אַראָפּשליידערען אויפ׳ן אַטאַקירענדען שונא. אויך אויף דער צווייטער זייט וועג, צווישען די בערג, דאַרף מען שטענדיג האַלטען גרייט אַנ׳אָפּטיילונג געפּאַנצערטע, זיי זאָלען קענען אויף אַ סיגנאַל אָנפאַלען אויף דעם שונא פון הונטען, וואָרום מיר דאַרפען זיך אין קורצען אויך ריכטען אויף די סירישע אַרמעע. אָבער וואו שיקט מען אַוועק דעם געערטען שמעי מיט די פרויענצימער?

—איך קלער, — האָט זיך אָנגערופען דער אַלטער שמעי, — צופאָהרען קיין עגיפּטען. אין אַלעקסאַנדריען האָב איך פיעל פריינד פון די פּרושים, וועלכע זענען אַנטלאָפען פון ירושלים נאָך אין דער ערשטער בהלה פאַר אַנטיוכוס הרשע. דאָרט וועלען מיר קענען לעבען אַ צייט, ביז דער אַלמעכטיגער וועט זיך דערבאַרמען אויף זיין פאָלק ישראל און בעפרייען די הייליגע שטאָדט פון די רשעים.

—דאָס איז געפעהרליך, — האָט אַנטיגנוס געענטפערט. — איהר האָט פערגעסען, געערטער שמעי, אַז איצט פיהרט אַנטיוכוס הרשע אין מצרים בלוטיגע מלחמות; דאָס וועט רעכט הייסען אַנטלאָפען פאַרן רעגען און געטראָפען דעם האָגעל, אָבער צוריק קיין ירושלים קענט איהר אויף קיין פאַל נישט פאָהרען.

יהודה האָט זיך שטאַרק פערקלערט, נאַכהער האָט ער אויסגערופען ענטוזיאַסטיש:

—דער בעסטער פלאַן איז קיין מודעים צו מיינע עלטערן, דאָרט איז אַ שטיל אָרט, די פערהאַסטע יונים קומען נישט אַהין. איך וועל מיטגעבען אַ בריף צו מיין פאָטער וועט מען זיי אויפנעמען מיט גרויס צופרידענהייט.

דער פלאַן איז אַלעמען געפעלען, נור זיי האָבען בע־שלאָסען, אַז אַזוי ווי איבערן לאַנד זענען פערשפרייט קלענערע גרופעס יונים און כדי נישט צוציהען זייער אויפמערקזאַמקייט, זאָל שמעי, אביגיל, מיט צוויי דיענער זיך לאָזען אויף קעמלען נעהנטער פון ברעג ים דורך דעם טהאָל שרון, און תמר מיט די אַלטע געטרייע דיענסט חנה, זאָלען זיך לאָזען מיטן וועג נעבען כנרת דורך די בערג אפרים, אין דער בעגלייטונג פון אַלטען פישער אלעזר. דער לעצטער איז אַן׳איבערגערעכענטער מענש און מיט אַ האַרטען כאַראַקטער, ער וועט זיך קאָנען אומע־טום אַן׳עצה געבען. אויך איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז איבערן וועג זאָלען זיי געהן זעהר אָרים געקליידעט, די מאַנספאַרשוינען זאָלען רייטען אויף עזלען, און די פרויענצימער אויף קעמלען, בכדי עס זאָל וואָס ווינציגער אימפאָנירען.

שמעי איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין שטוב זיך צוגרייטען אין וועג אַריין. אַנטיגנוס און יהודה זענען אויך מיטגעגאַנגען מבקר-חולה זיין דעם פערוואונדעטען דן. איהם איז שוין פיעל בעסער געוואָרען, די היץ האָט אָבגעטרעטען, ער איז שוין גע לעגען אויפ׳ן געלעגער מיט אָפענע אויגען, און קציעה ווי אַ געטרייע מוטער האָט איהם אַלץ געגעבען צו טרונקען קריי־טעכצער. נור אַז די אָנפיהרער זענען אַריינגעקומען האָט זי זיך ווי פערשעמט. איהר נאַאיוו, פראָסט פנים אויף וועלכען ס׳איז געווען אויסגעגאָסען אַ מילדער שמייכעל האָט זיך פער־רויטעלט, און ס׳האָבען זיך איהר בעוויזען פון צווישען די רויטע זאַפטיגע ליפען, צוויי שורות ווייסע ציין, און זי האָט שטיל אַרויסגעשטאַמעלט:

—גאָט צו דאַנקען, אַ ביסעל בעסער

דן האָט שוין דערקענט די אָנפיהרער און אַ קרענקלי־כער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיין ברייט בלאַס פנים. זיי האָבען מיט ליבשאַפט בעטראַכט און געפיעשטשעט זייער בעליבטען גבור, נאַכהער האָט יהודה שטילערהייד זיך געווענדעט צו אַנטיגנוס׳ן:

מ׳וואָלט בעדאָרפען די פערוואונדעטע אַריבערפירען אין אונזער לאַגער אַריין, וואָרום דאָ איז געפעהרליך...

דאָס האָט אָבער דערהערט קציעה, און זי איז אויפגע־שפרונגען מיט טרערען אין די אויגען:

—איך וועל נישט ערלויבען, אַזאַ געפעהרליכען קראַנקען ריהרען פון אָרט, אַז ס׳איז איהם געוואָרען אַביסעל בעסער מוז ער האָבען רוה!...

—גאַנץ ריכטיג. — האָט זיך אַריינגעמישט אַנטיגנוס,— די שווער פערוואונדעטע דאַרפען נאָך האָבען רוה, און יעדענפאַלס ביז דער טיראַן וועט צונויפנעמען אַ גרעסערע אָבטיילונג, וועט נאָך דויערן אייניגע טעג.

תמר איז אַריינגעקומען און האָט פערבעטען די אָנפיהרער צום פרישטיק. איהר שען פנים איז געוועזען ווי פערכמאַרעט; עס איז איהר געוועזען באַנג אַוועקצופאָהרען אין אַ פרעמד אָרט. זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דער געגענד, צו די מענשען, און איבער אַלעם זי וועט זיך מוזען שיידען מיט יהודה׳ן; אָבער זי האָט אויך פערשטאַנען, אַז זי קען דאָ נישט לאַנג בלייבען. נור אין האַרצען האָט זי זיך געטרייסט, אַז זי פאָהרט צו יהודה׳ס עלטערען, ער וועט דאָך געוויס נישט לאַנג צו איהר קומען... זי האָט נור יעדעס מאָל אויפ־געהויבען אויף יהודה׳ן איהרע פער׳חלומ׳טע רייצענדע אויגען, וועלכע זענען געוואָרען פערלאָפען מיט אַ פייכטקייט, גלייך זי וואָלט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל אָנזעטען מיט זיין געשטאַלט, און פערבעהאַלטען אויף אַ לענגערע צייט אין איהרע געדאַנקען זיין געליבט סימפאַטיש פנים.

דאָס זעלבע האָט זיך אָבגעשפיגעלט אויך אין יהודה׳ס אויגען, נור ער וואָלט אַמוועניגסטען געוואָ ט זי אָבפיהרען

אַהיים, אפשר וועט אויסקומען ערגיץ אויפ'ן וועג זי צו שוצען. אָבער דערמאָנענדיג זיך אין אַ וואָסערע לאַגע עס געפינט זיך איצט דאָס אונטערדריקטע פאָלק, ווי ווייט יעדער איינציגער זוהן בעדאַרף זיך זעלבסט צו אָפּפערן פאַרן פאָטערלאַנד, האָט ער זיך געשעמט פאַר זיך זעלבסט אַזעלכעס זאָגאַר אויפ'ן געדאנק צו ברענגען. אום צו פערטרייבען די שענדליכע רעיונות איז ער אַרויסגעלאָפען צו זיין פלוגה אַרויסגעבען די נויטיגע פעראָרדנונגען צום וועג.

באַלד נאָך מיטאָג איז שוין געוועזען די גאַנצע קאַראַוואַנע גרייט אין וועג אַריין. עס איז געוועזען אַ האַרצרייסענד בילד צו זעהן, ווי דער אַלטער ירושלים'ער אַריסטאָקראַט שמעי, פון זיינע אַלע גיטער, הייזער און רייכטימער געהט איצט געקליידט כמעט ווי אַ בעטלער און לאָזט זיך אין וועג אַריין אויף אַנ'אויסגעדאַרט עזעל מיט זיין הויזגעזונד אָבריכטען גלות. און תמר, אויבוואויל זי געהט דאָרפיש, אָרים געקליידעט, אָבער צו יעדער צייט, און פון יעדער קליידונג שיינט זי אַרויס מיט איהר שענהייט ווי אַ ברילליאַנט פון דער בלאָטע. דער אַלטער פישער אלעזר ווי זיין שטייגער איז מיט אַ שטרענג ברוגזדיג פנים, די לאַנגע גרויע ברעמען מורא'דיג אַראָבגעלאָזט איבער די אויגען, זיין הויכע ריעזיגע פיגור האָט לעכערליך אויסגעזעהען, ווי ער זיצט אויפ'ן עזעל און זיינע לאַנגע פיס שלעפען זיך כמעט נאָך אויף דער ערד. דאָס געזעגענען זיך איז געוועזען וואַרים אין ריהרענד, קציעה איז צרויסגעפאַלען אויף תמר'ס האַלז און האָט זי אַזוי ליידענשאַפטליך געקושט, אַז ס'איז געוועזען שווער זי אַוועקצורייסען; יהודה'ס געפאַנצערטע פלוגה האָט זיך אויסגעשטעלט אין אָרדנונג, מיט די ענטבלויזטע שווערדען אין זי הענד, און ווי די קאַראַוואַנע האָט גערירט פון אָרט האָבען די מעכטיגע שטימען אַ דונער געטהון:

–צאתכם לשלום!... (פאָרט מיט פריעדען).

יהודה און אנטיגנוס האָבען נאָך בעגלייט די קאַראַוואַנע אויף זייערע פערד, רייטענדיג ביז אונטערן דאָרף גוש-חלב.

דאָ האָבען זיך אַלע הייס געזעגענט. שמעי, אַביגיל און די צוויי דינער האָבען אָבגעדרעהט רעכטס, מיט דעם וועג קיין יודפת, און אלעזר, תמר, חנה, און דאָס קליינע יונגעל, וועלכער האָט געפיהרט די קעמלען זענען אַוועק מיט דעם וועג קיין צפת.

יהודה איז נאָך לאַנג געצליבען זיצען אויף זיין „עורב" און נאָכגעקוקט תמר'ן ווי זי הוידעט זיך אויפ'ן רוקען פון קעמעל און יעדעס מאָל ווערט זי דערווייטערט פון איהם. זי האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טיכעל און געפאָכעט פון דערווייטענס צו יהודה'ן, ביז זיי זענען איינגעגאַנצען פערשוואונדען צווישען די בערג פון גליל.

אַנטיגנוס און יהודה זענען צוריקגעריטען אין לאַגער אריין. יהודה איז געוועזען פער'מרה־שחורה'ט, שווייגענדיג. עס האָט איהם געפרעסט דאָס האַרץ; ר'האָט אינסטינקטיוו געשפירט אַ געפאַהר און זיך געשראָקען. ווער ווייסט וואָס עס קען פאָרקומען אויפ'ן וועג? איהם איז ווידער נעקומען אויפין געדאַנק דער פערהאַסטער דעמעטעאוס... פון דעם בלויזען געדאַנק, איז איהם אַ שוידער דורכגעלאָפען דורך די ביינער.

אַנטיגנוס מיט זיינע קלוגע אויגען האָט דאָס אַלץ דערקענט אויף יהודה'ס פנים און האָט איהם געטרייסט:

—אַז זיי וועלען נור קומען קיין מודעים דאָרט וועלען זיי שוין זיין זיכער ביי דיינע עלטערען, דאָרט וועט זיי גאָרנישט פעהלען, און אַז דער אַלטער אלעזר פאָהרט מיט, קען מען זיין רוהיג...

XI

דער אַלטער פישער אלעזר האָט ווירקליך גוט געקענט די גאַנצע געגענד גליל. נאָך ווייט פון צפת האָט ער אַראָבגעדרעהט לינקס מיט אַ וועגעל צום ים כנרת, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידען די שטעדט ער זאָל זיך נישט טרעפען מיט די יונים. די קליינע קאַראַוואַנע האָט האַסטיג מאַרשירט, די קעמלען זענען געווען אויסגערוהט. דער קליינער יונג, איינער פון די געהילפס פאַסטוכער פון רפתיים, וועלכער האָט געפיהרט די קעמלען, האָט יעדעס מאָל אונטערגעטאַנצט מיט זיינע באָרפיסע פערבלאָטיגטע פיסלעך, און פרעהליך צוגעזינגען. תמר איז געזעסען אויפ'ן קעמעל פערקלערט, זאָגאַר נישט געהערט וואָס חנה האָט צו איהר געפלוידערט, נור זי האָט זיך מיט אַ טרויעריגען בליק פערקוקט אויף דער געגענד. עס איז ווירקליך געווען אַ וואונדער־שענע געגענד. דער וועג האָט אָבגעדרעהט פון צווישען די גרינע בערג, און האָט אַרויסגעפיהרט אויף אַ גלייכען טהאָל מיט ברייטע פרוכטבאַרע פעלדער, פון וועלכע מ'האָט שוין אַראָבגעקליבען די תבואות, נור אויף מאַנכע ערטער זענען נאָך געשטאַנען געדיכטע סטערטעס אומגעדראָשענע תבואה, ווי צושטעלטע שומרים אויף די פוסטע פעלדער. אויף אַנדערע ערטער ווידער האָבען מענשען געאַקערט לאַנגע שוואַרצליכע בייטען, פון וועלכע ס'האָט געשמעקט מיט אַ מילדען ריח פון פרישער ערד. די גרעזער אויף די לאָנקע און אויף די בערגלעך זענען געווען מאַט-געלבליך, פערברענט פון די זומערדיגע היצען, ערטערווייז האָבען זיך בעוויזען דערפער מיט וויינגערטנער, מיט גרויסע פרדסים פון פערשידענע צייטיגע

פרוכטען, וועלכע האָבען פרעכטיג אַרויסגעגלאַנצט פון צווישען די געלבליכע בלעטער אַנטקעגען די גליהענדע שטראַהלען פון דער זון. דאָ האָבען געבלישטשעט גרויסע רויטליכע מילגרוימען, דאָרט ווידער האָבען שעלמיש אַראָבגעקוקט פון צווישען די טונקעלע בלעטער, די גאָלדענע פאָמעראַנצען מיט העלגעלבע אתרוגים, אָדער די ברוינליכע טייטלען האָבען אַראָבגעפינקעלט פון די הויכע שלאַנקע פאַלמען און די קליינע היידלעך מיט ווירטשאַפטליכע געביידעס האָבען אַרויסגעקוקט עניוותדיג פון צווישען די גערטנער, ווי עפּיס פערהילטע צניעות'דיגע וועזענס.

פון דערווייטענס אויפ'ן האָריזאָנט האָט שוין געגלאַנצט דער מאַיסטעטישער כנרת, ווי אַ בלוילעכער וואָלקען האָט ער זיך אָבגעטיילט מיט מילדע קאָליערטע ליניעס פון לויטערען הימעל. די היץ האָט זיך געשפּירט שטאַרקער ווי אין די בערג, דער שטויב האָט זיך געהויבען פון אונטער די פיס פון די בהמות, און בעדעקט די רייזענדע. די לויטערע זון האָט שוין אָבגעדרעהט צו מעריב זייט און איהרע טיעפע שטראַהלען האָבען נאָך געברענט מיט אַנ'אונגעהויערער היץ, אַ פער'כשופ'טע טרוימערישע מידקייט איז געלעגען אַרום אויף דער גאַנצער נאַטור.

די קליינע קאַראַוואַנע האָט זיך אָבגעשטעלט ביי אַ קליין טייכעל אונטער אַ בוים, זיי האָבען געלאָשען דעם דורשט און מ'האָט די בהמות אויך אָנגעטרונקען. אלעזר איז צוגעגאַנגען צו אַ פויער, וועלכער האָט געאַקערט מיט אַ פּאָר אָקסען, זיך בעסער אויספרעגען אויף די געגענד, פון דעם פויער האָט זיך אלעזר דערוואוסט שרעקליכע זאַכען. ער האָט איהם דערצעהלט וועגען די קלאַנגען, אַז אנטיוכוס הרשע טרעט אָב מיט זיין אַרמעע פון מצרים, און דער בעקאַנטער טיראַן אַפּאָלאָניוס געהט מיט אַ גרויסע מחנה אויפ'ן לאַנד יהודה. —דער זעלבער אַפּאָלאָניוס, וועלכען מ'האָט געקענט מיט זיין אכזריות אַלס גובערנאַטאָר אין ירושלים, אויף די מענשען אין גאַנצען לאַנד איז געפאַלען אַ שרעק. מאַנכע האָבען בעגראָבען זייערע רייכ-

טימער, אַנדערע ווידער, טראַכטען וואו אַהין צו ענטלויפען פאַר די טיראַנישע יונים, אומעטום פאַסט מען תעניתים, מ׳טהוט תפלה צו גאָט, אַז ער זאָל מיט זיין רחמנות אָבווענדען דאָס אומגליק פון היילינגען לאַנד.

דער אַלטער אלעזר האָט אויפגענומען די ידיעה מיט אַ צובראָכען האַרץ, איצט ווייסט ער נישט וואָס צו טהון. אומקעהרען זיך צו די פּאַרטיזאַנער, וואָס וועט זיין? זיי זעלבסט דראָהט אַ געפאַהר. וויטער צו פאָהרען איז געפעהרליך, זיי זאָלען זיך נישט אָנשטויסען ערגיץ אויף אַ גרופּע יונים. אָבער ער מיט זיין האַרטען כאַראַקטער האָט בעשלאָסען וויטער צו פאָהרען ביז מודעים, ער וועט מיט אַלע מעגליכקייטען אויסמיידען שטעדט און גרעסערע דערפער, ער וועט זיך נור צוקריגען צו די בערג פון אפרים, דאָרט קען ער אַלע וועלדער מיט די היילען. און אפשר איז גאָר די גאַנצע געשיכטע נור אַ פּוסטער קלאַנג? ער האָט זיך אָנגענומען מיט בטחון, אַז ער מוז אָבפיהרען דאָס געליבטע קינד, די כלה פון געשעצטען העלדישען אָנפיהרער, אויפ׳ן בעשטימטען אָרט.

ער האָט פאַר תמר׳ן גאָר נישט געדאַכט פון דעם אַלעמען, און זיי זענען אַריינגעפאָהרען נעכטיגען אין אַ קליין פערוואָרפען דערפעל נעבען ים-כנרת.

אויף צומאָרגענס פריה נאָך פאַר זונענאויפגאַנג האָט די קליינע קאַראַוואַנע וויטער געריהרט אין וועג אַריין. זיי האָבען אַדורכגערייזט נעבען דעם היסטאָרישען באַרג תבור, פון וועלכען די נביאים האָבען אַזוי פיעל גערעדט מיט בעגייסטערונג. תמר האָט זיך דערמאָנט די אַלע שטעלען אין תנ״ך, וואָס איהר פאָטער האָט מיט איהר געלערנט אין גפנים. אויפ׳ן צווייטען טאָג האָבען זיי שוין אַדורכגערייזט דעם פּרעכטיגען טהאָל עמק־יזרעאל, אָבער איצט נאָכ׳ן שניט שטעהן די פּרוכטבאַרע פעלדער מיט די לאָנקעס אָבגעבערענט פון דער זון. עס בעווייזען זיך נור אין דער געגענד, שענע וויינגערטנער און פּרדסים, ווידער פּרדסים מיט וועלדער, ביז זיי זענען צוגעקומען צום לעגענדאַרישען באַרג גלבוע. תמר האָט זיך ווידער

דערמאָנט, וואָס זי האָט געלערנט וועגען דעם באַרג: די געשיכטע מיט שאול המלך און זיין זוהן יונתן, ווי זיי זענען אויף דעם באַרג העלדיש געפאַלען אין דער שלאַכט מיט די פלשתים און ווי דוד המלך האָט בעקלאָגט די גבורים מיט פלאַמענדיגע פערזען, און האָט פערשאָלטען דעם באַרג: „הרי בגלבוע אַל טל ואַל מטר״ (אויף די בערג גלבוע זאָל נישט זיין קיין טוי און קיין רעגען). און ווירקליך, איצט זעהט אויס דער באַרג פערשאָלטען, די טונקעל-געלבע גרעזער מיט די קושאַקעס זעגען פערוועלקט, פערטרוקענט פון דער ברענענדיגער זון. תמר קוקט אַראָב פון קעמעל אויף די אַלע היסטאָרישע ערטער, און איהרע טרוימערישע נשמה ווערט נתפעל און בעגייסטערט פון די אַלע געשעהענישען, וואָס האָבען פּאַסירט מיט דעם פאָלק ישראל; אָך, פאַרוואָס טרעפט זיך נישט איצט נאָך אַ דוד בן ישי, וואָס זאָל מיט זיין העלדישקייט בעפרייען דאָס אונטערדריקטע פאָלק פון די טיראַנישע יונים?

אָבער איהר יונג פיהלענד האַרץ, ווייסט נישט, אַז דער זעלבער העלד, וועלכען זי ליעבט אַזוי שטאַרק, וועט מיט דער צייט האָבען די זעלבע מיסיע צו ערפילען אין דער יודישער געשיכטע, נור אין אַ קלענערען מאַסשטאַב...

זיי האָבען זיך ווידער אָבגעשטעלט אין אַ דערפעל נעכטיגען. דאָ האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז די אַלע קלאַנגען בעשטעטיגען זיך. אומעטום הערשט אַ גרויסע פּאַניק. מען דערצעהלט, אַז אַפּאָלאניוס מיט זיין חיל וענען שוין ביי ירושלים, עס ווערט נאָך איבערגעגעבען צווישען מענשען לעגענדעס וועגען די מורא׳דיגע אַכזריות, וואָס ווערט בעגאַנגען דורך די צעווילדעטע מחנות מענשען-חיות; מיט איין וואָרט, אין גאַנצען לאַנד איז הושך,

אָבער טראָץ דעם אַלעמען, האָבען אלעזר און תמר בעשלאָסען ווייטער צו רייזען. אלעזר האָט זאָגאַר גערעכענט, אַז זיי וועלען נור צוקומען צו די בערג אפרים, וועלען זיי זיך ערגיץ-וואו בעהאַלטען אין אַ הייל און איבערוואַרטען דעם שטורם. גאַנץ פריה האָט די קאַראוואַנע ווייטער גערירט אין וועג

אַריין מיט אַ פעסטען בטחון אין גאָט, אַז ער וועט זיי בעשירמען פון שלעכטס, ביז זיי זענען צוגעקומען נישט ווייט פון שכם. עס הויבען זיך שוין אָן די בערג אפרים. זיי זענען פערפאָהרען נעבען באַרג עבל. תמר דערמאָנט זיך ווידער, אַז דאָ אויף דעם באַרג האָט משה רבינו געגעבען די קללות אויף די יעניגע, וועלכע פערלאָזען גאָט און מאַכען זיך בילדער פון אָפגעטער, עס קומען איהר אויף די געדאַנקען די איצטיגע העלעניסטען מיט די גריכישע אָפגעטער: צעזוס, דיאניזאס, אַפראָדיטאַ און אַנדערע, ס'איז אַ גרויל בלויז צו דענקען דערפון.

דאָ, צווישען די בערג אפרים, שפירט זיך דער אלטער אלעזר ווי ביי זיך אין דערהיים, ער קען יעדען באַרג, יעדען וואַלד, ער ווייסט פון אַלע היילען, וואָס געפינען זיך אין די בערג, ווייל אין די יונגע יאָהרען האָט ער זיך דאָ אַ לאַנגע צייט אַרומגעבלאָנקעט אין די בלוטיגע מלחמות פון קעניג פון מצרים פילאָפאַטור מיט אַנטיוכוס דעם גרויסען, נאָך אין די צייטען פון כהן-גדול חוניו דעם צווייטען, דעריבער האָט ער גערעכענט, אַז זיי זאָלען זיך בעהאַלטען אין אַ גרויסע הייל אין וואַלד און איבערוואַרטען ביז ער וועט האָבען גענויע ידיעות וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד.

אלעזר האָט דאָס אויך איבערגעשמועסט מיט תמר'ן, זי האָט איינגעזעהן די ריכטיגקייט פון זיין פלאַן און דערויף איינגעשטימט, זי האָט זיך נאָך געווענדעט צו אלעזר'ן מיט אַ שפּאַס:

—ווער ווייסט ווי לאַנג מיר וועלען מוזען וואוינען אין דער הייל, ווי די ווילדע מענשען אין די אוראַלטע צייטען.

אויף אלעזר'ס שטרענג פנים האָט אַדורכגעשוועבט אַ שמייכעל, פון אונטער זיינע לאַנגע ברעמען האָט ער געקוקט מיט פּ;טערליכע ליבע אויף די שענע טאָכטער פון יהודה. וואָרום איבער דער צייט, וואָס זיי האָבען צוזאַמען געררייזט, האָט זי וואָס אַמאָל מעהר בעצוואונגען זיין האַרט פערשטיינערט הארץ, זי האָט ערוואָרבען די סימפּאַטיע פון דעם אַלטען פערהאַרטעוועטען ים-:ישער מ ט איהר בעשיידענהייט, צניעות און

פרומקייט. יעדעס מאָל אויף נאַכטלעגער אָדער מיטאָג צייט, האָט זי פאַר אַלע געזאָרגט, צוגעגרייט עסען מיט אַנדערע ווירטשאַפטס-בעדערפענישען, געזונגען לויב־הימנען פון תהלים אָדער די ערהאַבענע בעגייסטערטע פראַגמענטען פון ,ישעיהו הנביא. וועלכע זי האָט געקענט פון אויסענווייניג. דערפאַר האָבען אַלע זי געליבט און געאַכטעט.

דער וועג האָט זיך געדרעהט צווישען די בערג אפרים, וועלכע זענען געוועזען בעוואַקסען מיט אַלטע געדיכטע וועלדער, די גאַנצע געגענד איז געוועזען ווילד, מ'האָט נישט געזעהן קיין מענשליכען ישוב, נור בערג מיט וואַלד. צו דער בעשטימטער הייל, וואָס אלעזר האָט גערעכענט צו פאָהרען, איז נאָך אינגאַנצען געוועזען לויט זיינע ווערטער צוויי שעה רייזע, אָבער ס'איז שוין געוועזען מיטאָג צייט, די זון האָט אונגעהויער געברענט, אויך די בהמות זענען שוין געוועזען פערמאַטערט פון וועג, האָט אלעזר אַראָבגעדרעהט פון וועג אין אַ קליינעם טהאָל, וואו ס'האָט געשטראָמט פון אַ באַרג אַ קליין טייכעל. איצט אין די זומערדיגע היצען האָט דאָס טייכעל אויסגעטרוקענט, נור ווי אַ דין געדרעהט שנירעל האָט עס זיך געצויגען מיט ריין, קאַלט וואַסער, און זיך געוואָרפען מיט פאַנטאַסטישע קאַסקאַדען פון איין שטיין אויפ'ן צווייטען.

דאָ האָט די קליינע קאַראַוואַנע אויסגעקלי ...יז אנ'אָרט זיך אָבצורוהען איבער דער מיטאָגדיגער היץ. מ'ה צלאָזט די בהמות אויפ'ן גראָז, און אונטערן שאָטען פון …יגהאַפּטיגען קאַשטאַנען־בוים האָט דער קליינער יונג אָנגעלייגט אַ פייער, אויף זיין שטייגער אונטערגעטאַנצט און פרעהליך צוגעזינגען. תמר און די אַלטע חנה האָבען זיך גענומען צוגרייטען אַ מיטאָג. דאָ אין דעם ווילדען ווינקעל אין שאָטען פון די געדיכטע בוימער האָט געהערשט אַ מחיה'דיגע קיהלקייט, די פויגעלעך האָבען שטיל געצוויטשערט צווישען די בלעטער, און דאָס אויסגעטרוקענטע שטראָמעל האָט שטיליטשקע גערוישט צווישען די שטיינער, גלייך עס וואָלט ייך גע'סוד'עט און דערצעהלט פערשידענע וואַלד־מעשה'לעך...

אלעזור האָט בעמערקט הי' זיין עזעל האָט עפּיס מאָדנע אויפגעשטעלט און געשאָקעלט מיט זיינע גרויסע אויערן, און בלייכצייטיג געקוקט אויף די צווייטע זייט טהאָל צום וואַלד, אָבער גאָר אונגעריכט זענען אַרויסגעריטען פון וואַלד צוויי גריכישע מיליטער־לייט, און גלייך צוגעריטען אויף זיי אַרויף. צו בעהאַלטען זיך אין וואַלד איז שוין נישט געווען קיין צייט, אלעזור האָט נור אַ טאַפּ געטהון זיין קורץ שווערדל ביי דער זייט און געוואַרט מיט ענטשלאָסענהייט. איינער פון די יונים איז אַראָבגעשפּרונגען פון פערד און האָט צאָרניג געפרעגט:

—ווער זענט איהר, וואָס בלאָנקעט איהר זיך אַרום אין וואַלד?

—מיר פאָהרען פון שכם קיין שילה גאָט בעטען. — האָט אלעזור געענטפערט כלומרשט קאַלטבלוטיג.

—דו ווייסט נישט, אַלטער הונד, אַז פון גרויסען קעניג אנטיוכוס איז פערבאָטען אייער באַרבאַרישע רעליגיע. -- און ער האָט גלייכצייטיג דערלאַנגט אלעזור'ן מיט דעם שפּיצרוט אַ זעץ איבערן קאָפּ.

דער אלטער האָט פון וועהטאָג נור אַ קריץ געטהון מיט די ציין, די דיקע אָדערן זענען געוואָרען ווי אָנגעדראָלען אויף דעם מעכטיגען האַלז. ער האָט מיט אַ בליץ־שנעלקייט אַרויסגעכאַפּט זיין צווייש־אַרפיג שווערדל אין אַריינגעשטאָכען דעם יון גלייך אין דער ברוסט, וועלכער איז פערבלוטיגט אַנידערגעפאלען אויף דער ערד.

דער צווייטער יון האָט אָבער באַלד געגעבען אַ סיגנאַל מיטן טראָמפּייט, און אין איין אויגעניבליק זענען אָנגעלאָפען אַ גאַנצע מחנה יונים פון נאָהנטען וועגעל.

אלעזור האָט איינגעזעהן, אַז פון ווערען זיך קאָן שוין קיין רעד נישט זיין. זיין אַלט לעבען האָט ער שוין בעשלאָסען מפקיר צו זיין, ער האָט נור געווענדעט זיין מורא'דיגען בליק אין דער זייט פון תמר'ן, וועלכע איז צוזאַמען מיט חנה געשטאַנען אונטער אַ בוים, אין אַ פערצווייפעלטע פּאָזע. ער וואָלט גערן

מ'ט די אויגען זי פערבעהאַלטען ערגיץ אונטער דער ערד, אָדער אויף די וואָלקענס אין הימעל, ער זעלבסט ווייסט נישט וואו...

די יונים האָבען מאָמענטאַל אַרומגערינגעלט אלעזר'ן פון אַלע זייטען, איינער אַנ'עלטסטער האָט אויסגעשריען:

—זוכט נור גוט, ביי דעם אַלטען הונד וועט מען געפונען געלד, וואָרום די בצַרבאַרען־העברעער געהן ווי בעטלער'ס און האָבען גרודעס מיט געלד.

זיי האָבען גלייך גענומען בעזוכען דעם אַלטען, און האָבען ביי איהם געפונען נור עטליכע זילבערנע מטבעות, וואָרום די גאָלד־שטיקלעך, וואָס שמעי האָט איהם מיטגעגעבען אויפ'ן וועג, האָט ער ווי אַ געניטער וועגס־מענש בעהאַלטען אין זאָטל פון עזעל. אָבער איינער האָט אָנגעטאַפּט ביי איהם אַ פּאַפּיר איינגעוויקעלט אין די גאַרטעל, און האָט עס גלייך אַרויסגענומען. דאָס איז געוועזען יהודה'ס בריף צו זיין פאָטער מתתיהו. אין בריף איז געוועזען בעשריבען די גאַנצע געשיכטע ווי זיי האָבען זיך בעפעסטיגט צווישען די בערג ביים נהר־הצפוני, און איבען זיך פלייסיג אין קריעגס־קונסט: אויך ווי די יונים זענען בעפאַלען שמעי הכרמלי פון ירושלים און תמר'ן, און ווי זיי האָבען אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען נצחון איבער די יונים, און האָבען פערנומען פיעל רויב און געווער. איצט האָבען זיי בדעה אויסצוריכטען נאָך איין פלוגה. יהודה בעט אויך דעם פאָטער, אַז ער זאַל פריינדליך אויפנעמען ביי זיך די די געסט, וואָרום תמר איז זיין בעשערטע און נאָך און נאָך.

עס האָט זיך באַלד צווישען די יונים געפונען איינער פון די העברעאישע העלעניסטען, וואָס האָט דעם בריף איבער־געלייענט און פונקטליך איבערזעצט.

—האָ, האָ, ביזט דו אַנ'אַלטער פויגעל, פון די רעוואָלוציאָנערען! — האָט אויסגערופען דער עלטסטער. — מ'דאַרף איהם גלייך בינדען און אָבפיהרען מיט דעם בריף צום פעלד־הערר אַפּאָלאָניוס.

איינער אַ יונגער הויכער יון האָט דערזעהן תמר'ן ווי

שטעהט אונטערן בוים ווי אַ סטאַטוע מיט אַ העלדיש ענטשלאָסענהייט, איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און פרעהליך אויסגעשריען:

—זעהט נור, דער אַלטער באַרבאַר פיהרט מיט זיך מיט אויך עפּיס אַ שענע פּעיע, — און ער האָט ברוטאַל אַרויפגעלעגט די האַנד אויף איהר בלאָנד קעפּל.

תמר האָט שוין געהאַט אַרויסגעכאַפּט פון בוזעם אַ שטילעט און זיך געוואָלט פאַרמעסטען אויף דעם יון; אָבער פּלוצלינג איז אָנגעלאָפען גאַלאָפּירענדיג אויף אַ גרוי פּערשוויצט פערד אַ שלאַנק יונג אָפיצירעל מיט אַ בלייך פּנים, די יונים זענע, מיט רעספּעקט אָבגעטרעטען און געמאַכט איהם אַ וועג, ווי אַ שטורם איז ער צוגעלאָפען צום יון מיט תמר׳ן און מיט אַ קוויטשענדיג קול האָט ער מיט צאָרן אויסגעשריען צום יון:

—זאָלסט זיך נישט וואַגען זי אָנצורירען מיט דיינע פרעכע לאַפּעס, וואָרום ווערסט גלייך געטויט אויפ׳ן אָרט!...

תמר האָט אין ערשטען אויגענבליק דערקענט אין דעם יונגען אָפיצירעל, יוחנן הגלילי פון טבריה.

ענדע ערשטע טייל,

צווייטער טייל

I

אין לאַגער פון די פאַרטיזאַנער קומט פאָר אַ שווערע אַרבייט. שוין דריי טעג ווי זיי בעפעסטיגען די פּאָזיציע אין טהאָל צווישען די פעלזען. באַלד אַנטקעגען דעם שמאָלען אַריינפאָהר צווישען דער פעלזענוואַנד אין דעם אָבגרונד האָבען זיי אויפגעשטעלט צוויי גרויסע שליידער מאַשינען און פערמויערט אַזוי, אַז די מענשען, וועלכע אַרבייטען דערביי זאָלען זיך האָבען וואו צו שיצען זיי האָבען אַרומגעשטעלט גרינע בוימלעך מ'זאָל פון דערווייטענס נישט בעמערקען. אויב-וואויל די שליידערמאַשינען זענען געוואָרען געמאַכט אויפ'ן פרימיטיווען אופן, צוליב דעם וואָס עס האָט אויסגעפעהלט די נויטיגע אינסטרומענטען, יעדאָך האָבען זיי געשליידערט גרויסע שטיינער מיט אַן אונגעהויערן אימפעט אויף דעם שמאָלען וועגעל, וואָס פיהרט אין לאַגער אַריין.

אויף דעם ערשטען פעלזען אַנטקעגען דעם אָבגרונד, האָט מען אָנגעגרייט גרויסע קופעס שטיינער, מיט דיקע צוזעגטע קלעצער, אויפ'ן גאַנצען שפּוע פון גרויסען, הויכען פעלזען; מיהאָט עס לייכט אַלעס פערטשעפּעט, אַז ווען מ'וועט דאַרפען זאָל עס ווערען אַראָבגעשליידערט אויפ'ן שמאָלען וועגעל פון אַ הויכקייט פון עטליכע הונדערט פוס. צו דער אַרבייט האָט מען אויך בענוצט די געפאַנגענע יונים פון דעמטעאוס'ס

עקספּעדיציע. מ׳האָט געזוגט קלעצער, געהאַקט שטיינער פון די פעלזן, אַרויפגעצויגען מיט שטריק פערשידענע שווערע קלעצער מיט שטיינער, און דאָס אַלץ האָט געהאָנגען איבערן אַריינגאַנג פון לאַגער, ווי אַ שרעקליך געשפּענסט פון טויט און פערניכטונג.

אויך האָבען די פּאַרטיזאַנער אָנגעגרייט שפּייז און פּאַשע פאַר די פערד אויף אַ לענגערע צייט, צוזאַמענקלויבענדיג אַין דער געגענד ביי די בערגלייט און דאָס אַלץ איז געוואָרען אַוועקגעלעגט אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג, אין אַ קליינע הייל אונטער אַ באַרג.

אַנטיגנוס און יהודה זענען געווען אָנוועזענד אומעטום ביי יעדער אַרבייט. אַנטיגנוס פלעגט אַרויסגעבען קורצע און טרוקענע בעפעלען, יהודה אָבער האָט אַלץ געטהון מיט טעמפעראַמענט. דאָ האָט ער מיטגעהאָלפען אַרויפשלעפען אַ שווערען שטיין, דאָרט געהאָלפען צונויפלעגען קלעצער, ערגעץ אַנדערש ווידער, האָט ער מיט וואַרימע ווערטער בעגייסטערט די אַרבייטענדע, מאַנכע מאָל מיט אַ שאַרפזיניגען וויץ, אָדער מיט אַ לוסטיגען שפּאַס און נאָך יעדע גרעסערע אָנשטרענגונג, האָט ער בעפוילען אָפּצורוהען זיך, אַזוי ארום איז די אַרבייט צוגעגאַנגען מיט בעגייסטערונג און יעדער פון די פּאַרטיזאַנער האָט געשפּירט צו יהודה׳ן עפּיס אַ בעזונדערע סימפּאַטיע און צו יעדער צייט זענען זיי גרייט געווען צו שטרעקען דאָס לעבען פאַר זייער בעליבטען העלד.

מ׳האָט אויך געבראַכט אין לאַגער אַריין די אַלע העברעאישע פערוואונדעטע פון רפתיים, צווישען זיי אויך דנ׳ען. איהם איז שוין געוואָרען פון טאָג צו טאָג בעסער, זיין ריעזיגער געזונטער אָרגאַניזם ווי אויך די גוטע פּפלעגע, וואָס ער האָט בעקומען פון קציעה׳. אין רפתיים, האָט מיטגעהאָלפען שנעל צו פערהיילען די וואונד; ער איז שוין זאָגאַר אַרומגעגאַנגען אין טהאָל אָנגעלעהנט אויף אַ שטעקען, נור אַלץ נאָך מיט אַ פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ. אָבער זיין שטענדיג פרעהליך, לאַכענדיג פּנים איז געוואָרען פערצויגען עפּיס מיט אַנ׳אומעט. ער האָט

נור שטענדיג געקוקט מיט אַ טרויעריגען בליק אין דער זייט פון רפתיים, און פון צייט צו צייט שטיל אָפּגעזיפצט... מאַנכע מאָל וואָלט ער גערן עפּיס מיטגעהאָלפען די קאַמעראַדען ביי דער אַרבייט. אָבער די אָנפיהרער האָבען דאָס איהם שטרענג פערבאָטען. און ווירקליך, ער שפּירט נאָך אַ שטאַרקען ווצהטאָג אין קאָפּ און אַ שרעקליכע אָהנמאַכט אין די גלידער.

דער בעדואינער שרק, היט אָב דנ׳ען ווי אַ געטרייער ברודער. ער ברענגט איהם צו יעדעס מאָל פערשידענע פּירות, און בעסערע שפּייזען. ער וואָלט געוואָלט מיט אַלע מעגליכקייטען, אַז זיין חבר זאָל וואָס גיכער געזונד ווערען. נור ווען ער דערזעהט איהם ווי ער קוקט מיט אַ פער׳מרה־שחורה׳דיגען בליק אין דער זייט פון רפתיים און זיפצט, טהוט ער איהם שטיפעריש אַ שטורך אין דער זייט, און רופט אויס אין אַ געלעכטער:

—איך ווייס וואָס דו גלאָצט אַזוי מיט די אויגען אַהין אין יענער זייט, דיר האָט דעם קאָפּ פערדרעהט דעם פּאַסטוכס הויכע מויד מיט די ווייסע ציין, איך האָב דאָס נישט איינמאָל בעמערקט...

—איי, דו שוואַרצער ווערוריק, איך נעהם דיך אָן! — שטאַמעלט אויס דן ווי פערשעמט, און דראָהט דעם בעדואינער מיט זיין שווערע ברייטע האַנד.

שרק טהוט זיך אַ פלינקען דרעה אַוועק אויף איין פוס, ער טהוט נור אַ שעלמישען וואונק מיט זיינע ווילדע אויגען און צולאַכט זיך מיט אַ הויך געלעכטער.

אין טהאָל האָט זיך געאיבט אין פעכטעריי די נייע פלוגה וואָס מ׳האָט צוזאַמענגעשטעלט פון אַרבייטער ביי די שטיינער־גרובען ווי אויך די ווערבירטע פון דער געגענד אַרום, פון די טאַפּפערע בערגלייט. מ׳האָט צוזאַמענגעשטעלט נאָך פופציג געפּאַנצערטע רייטער, אונטער דער אָנפיהרונג פון יהודה׳ס ברודער אלעזר, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען מיטן ביינאָמען אלעזר החורני און צוואַנציג לייכטע רייטער האָט מען צוגעטיילט נאָך צו יוסף המרומי׳ס פלוגה. אַזוי אַרום איז דער

גאַרניזאָן פון די פּאַרטיזאַנער בעשטאַנען פון איינינע הונ-
דערט קוואַליפאַצירטע מיליטער־לייט, וועלכע האָבן זיך שוין
באַקענט האַלטען אין דער פּראָוויזאָרישער פעסטונג אַ לאַנגע צייט.
פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך אַראָבגעלאָזט הינטער די
בערג, דער גאַנצער טהאָל איז געוואָרען איינגעהילט אין אַ
שאָטען, די אַרבייט ביי דעם בעפעסטיגען די פּאָזיציע איז גע־
גאַנגען אין פולען ברען, האָט יהודה מיט זיין שאַרפען אָדלער-
בליק בעמערקט פון דערווייטענס שמעון הפרסי׳ס איינגעהוי־
קערטע פיגור, האַסטיג הינקענדיג אויף זיין קוליע. אַלע דריי
אָנפיהרער האָבען נייגיריג אויף איהם געוואַרט. זיי האָבען גע־
וואָלט וויסען, וואָס עס טהוט זיך אין דער אומגעגענד, ווייל דאָ
צווישען די בערג זענען זיי געוועזען אינגאַנצען אָבגעזונדערט
פון דער אַרומיגער וועלט. דער אַלטער אויף דער קוליע איז
צוגעקומען ווי זיין שטייגער איז געוועזען, פערסאָפּעט, פער־
שוויצט און אין איין אָטעם אויסגעשריען:
—כ׳האָב פאַר אייך, גערטע רייטער, פיעל נייעס, גאַנצע
פעק מיט נייעס.
דער אַלטער בעטלער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ
שטיין, אָבגעווישט דעם שווייס און האָט איבערגעגעבען, אַז
מיטען וועג פון חספיא איז נעכטען אָנגעקומען אַ גריכישע אַר־
מעע און זי רוהט אין טהאָל נעבען באַרג חרמון. דער בעט־
לער האָט זיך פערקליבען צו זיי מיט זיין לירע און האָט זיי
געזונגען יונישע לידער אַזוי לאַנג ביז מ׳האָט איהם געבראַכט
אין לאַגער אַריין צום הויפטמאַן אַנטיפאס זעלבסט. אַנטיפאס
איז אַן אַלטער פערהאַרטעוועטער אָנפיהרער, וועלכער האָט נאָך
מיטגעמאַכט אַלע מלחמות אין צלעסיריען מיטן קעניג אַנטיוכוס
דעם גרויסען געגען דעם בעריהמטען העלד סקאָפאַס. דער אַל־
טער אָנפיהרער איז אַזוי בעגייסטערט געוואָרען פון די קריעגס
ראַפּסאָדיעס, וואָס דער בעטלער האָט געזונגען, אַז ער האָט
איהם געהאַלטען אַ גאַנצע נאַכט, בעת די יונים האָבען גע־
הוליעט און גע׳שכור׳ט מיט די שלאַנקע סירישע טענצע-
רינס. ווייל זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער קעניג אַנ־

טיוכוס טרעט אָב פון עגיפּטען און עס איז שוין אויס מלחמה.

יהודה׳ן האָט די ידיעה עפּיס באַלד געטהון אַ שטאָך אין הארצען. אַנטיוכוס דרשע וועט זיך אומקערען פון מצרים, ווער ווייסט וואָס זיינע חיילות וועלען ווידער אָבטהון אין לאַנד יהודה... בעזונדער איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאַנק תמר..

דער בעטלער האָט ווייטער דערצעהלט, אַז ביי די שבורע יונים איז ער דערגאַנגען, אַז דער יונגער פּרינץ ליזיאַס.— דעם קעניגס אַ נאָהנטער קרוב,— האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ בעדייטענדע אַרמעע, אַמיינסטען פון געדונגענע שומרונים און אַנדערע פעלקער פון קליין־אַזיען, און ער איז געגאַנגען צו הילף אַנטיוכוס׳ן קיין עגיפּטען; אָבער אַזוי ווי אין די איצטיגע היצען איז שווער פאַר אַ גרויסע אַרמעע צו געהן צוזאַמען, האָט זיך דער פּרינץ ליזיאַס מיס טויזענד געפּאַנצערטע רייטער מיט העלפאַנטען און מיט צערשטערונגס מאַשינען, געלאָזט זיך אין וועג אַריין נעבען ים, דורך צרפת און צידון און דעם הויפּטמאַן אַנטיפּאס מיט צווייטויזענד פוסגעהער און הונדערט לייכטע רייטער האָט ער געשיקט דורך די בערג, און ביי עזה אין לאַנד פלשתים האָבען זיי זיך געזאָלט צונויפטרעפען. נור איצט, דערוויטענדיג זיך, אַז עס איז אויס מלחמה, אָרדנען זיי איין אָרגיעס אויף זייער שטייגער.

אָבער די פיינדליכע שומרונים האָבען פאַר זיי אויסגעזאָגט אַז אין די בערג געפינט זיך אַ העברעאישע פלוגה, וועלכע מאַכט אָנפאַלען אויף די יונים. גרייטען זיך דעריבער די יונים אויף מאָרגען פריה צו אַטאַקירען דעם העברעאישען לאַגער און אַלע איבערצוגעבען צום פּרינץ ליזיאַס. לויט דעם בעטלערס ווערטער, דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג, וואָרום דער הויפּטמאַן אַנטיפּאס איז אַן׳אַלטער ביטערער און שרעקליכער טיגער.

אויך האָט דער בעטלער דערצעהלט, אַז ער איז געוואָהר געוואָרען, דאָס דעמעטעאוס איז אָנגעקומען מיט צוויי הונדערט געפּאַנצערטע רייטער. דער אַלטער האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג און משונהדיג צוגעשאָקעלט מיט זיינע לאַנגע, גרויע ברעמען

—איך האָב זאָגאַר שטאַרק חשק געהאַט צו קומען אין דעמעטעאוס׳עס לאַגער אַריין, אָבער דער כיטרער פוקס קען מיך שוין, האָב איך מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט אַמאָל הייסען אויסטרוקענען מיין אַלטע פעל ערגעץ אויף אַ בוים...

די אָנפיהרער האָבען אויפגענומען די ידיעות קאַלטבלוטיג, זיי האָבען זיך דערויף געריכט.

אַנטיגנוס האָט זיך פערקלערט, און דער ערשטער זיך אָנגערופען:

—מיר דאַרפען זיך נאָך וועגען דעם אַלעס גוט בעראַטען, לויט ווי איך פערשטעה איז דאָס געדונגענע מיליטער פון די שומרונים גאָר אַ שוואַכע קראַפט, אָבער דעם הויפטמאַן אַנטיפאס דאַרף מען נישט גרינגשעצען, איך האָב פון דעם אַלטען פוקס שוין לאַנג געהערט.

—מיר דאַרפען נור דעם מוטה נישט פערלירען — האָט יהודה אויסגערופען בעגייסטערט, און זיינע אויגען האָבען געבליצט מיט צאָרן. — מיר מוזען אָפפערן אונזער אייגען לעבען פאַרן אונטערדריקטען פאָלק. זאָלען די גריכען נישט מיינען, אַז מיר זענען שוין ווירקליך ווי די שעפסען, וועלכע מ׳טרייבט צו דער שחיטה!

—לד׳ הישיעה! (ביי גאָט איז די הילף) — האָט עזריה צוגעגעבען.

מ׳האָט צוזאַמענגערופען אַלע עלטסטע פון דער פלוגה און מ׳האָט זיך נאָך לאַנג בעראַטען, וואו יעדער מיט זיין אָבטיילונג זאָל פערנעמען אַ פאָזיציע און ווי אַזוי אין יעדען פאַל זיך צו פערשטענדיגען איינער מיטן צווייטען דורך סיגנאַלען, מ׳זאָל וויסען ווי זיך צו פערטיידיגען.

דער קלוגער, איבערגערעכענטער אַנטיגנוס האָט זאָגאַר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז אַזוי ווי דער שונא האָט פערהעלטניסמעסיג אַ צו גרויסע קראַפט, זאָל מען ביינאַכט זיך איבערטראָגען מיט דער גאַנצער פלוגה אין עבר הירדן, צווישען די בערג פון גלעד. אָבער אַנטיגנוסעס פאָרשלאַג איז איינשטימיג אָבגעוואָרפען געוואָרען און ס׳איז געבליבען, אַז מ׳מוז קעמפפען ביז

צוג לעצטען טראָפּען בלוט און ווייזען די יונים, אַז די העב־רעער קענען זיך אויך פּערטיידיגען און קעמפּפען מיט מסירת־נפש. יהודה האָט נאָך פון זיין זייט צוגעגעבען:

—די געדונגענע סאָלדאַטען זענען געהאָרכזאַם ווי לאַנג זיי זעהען נישט קיין בלוט, אָבער, אַז זיי וועלען נור דערזעהען די ערשטע הרוגים, דאַן וועלען זיי פערלירען דעם מוטה. אַ בעלאַגערונג קאָנען מור אויסהאַלטען אין משך פון אַ לאנגע צייט און מיט שטורם זיך אַדורכצוהאַקען קען מען צו יעדער צייט.

ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז עזריה מיט אלעזר החורני זאָלען מיטנעמען אַנ׳אָבטיילונג פון פונפציג געפּאַנצערטע רייטער און זיך בעהאַלטען צווישען די בערג ביי די יעזשערע מרום, און, אַז זיי וועלען דערזעהען אַ בעשטימטען סיגנאַל—אַ פייער אויפ׳ן הויכען פעלז — דעמאָלט זאָלען זיי אָנפאלען דעם שונא פון הינטען און זיך צוריקציהען ביי אַ גרעסערע קראַפּט. די אָנפיהרער האָבען שטרענג בעפוילען צום צווייטען מאָל, אַז די העברעער זאָלען זיך נישט וואַגען אָנצופאַלען אויפ׳ן שונא, ווי לאַנג זיי וועלען נישט דערזעהען דעם בעשטימטען סיגנאַל.

באַלד נאָך זונענאונטערגאַנג האָט זיך אויסגעפאָרמירט די בעשטימטע געפּאַנצערטע פלוגה, צווישען וועלכע ס׳האָבען זיך אויך געפינען אבטליון פון גפנים מיט זיינע צוויי זיהן, אויך איינינגע גבורים פון ירושלים. עזריה מיט אליעזר׳ן זענען גע־גאַנגען פאָראויס, נאָך זיי די גאַנצע פלוגה בעוואָפענט מיט פּאַנ־צערס, העלמען, שילדען, לאַנגע שווערדען, בויגענס אין פולען קריעגס אָרדנונג האָבען זיך אויסגעצויגען ווי אַ לאַנגע שניר אויפ׳ן שמאָלען וועגעל, וועלכעס פירט אין דער זייט פון רוי־שיגען ירדן.

די נאַכט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגערוקט, ערגעץ וואו האָבען זיך בעוויזען שטערן אויפ׳ן טונקעל־בלויען הימעל, און אַ ווייסער לייכטער נעבעל האָט זיך אַראָבגעלאָזט פון די הויכע בערג און האָט זיך אויסגעשפרייט איבערן גאַנצען טהאָל, ווי אַ מלאך של רחמים פון הימעל וואָלט פערשפרייט זיינע ווייסע פליגעל איבער די העלדישע קעמפּפער.

II

צומאָרגענס גאַנץ פריה, די זון איז ערשט נור וואָס אויפ־
געגאַנגען און האָט בעגילדט די הויכע שפּיצען פון די צעדער
און פון די הויכע פעלזען טראָגען זיך נאָך די לייכטע נעפּ־
לען אין הימעל אַריין, און ווערען פערזונקען אין דער אונ־
ענדליכקייט פון דעם ראָזע־בלויען האָריזאָנט. אין לאַגער אַריין
צו די פּאַרטיזאַנער איז געקומען צולויפען אויף אַ פערשוויצט
פערד אַ רייטער פון דער וואַך און האָט געמאָלדען, אַז פון
דער זייט פון חרמון ציהט אַ גרויסע אַרמעע גריכיש מיליטער;
די אָנפיהרער האָבען גלייך אַרויסגעגעבען פעראָרדנונגען אָנ־
צוהויבען אַ קאַמף. יוסף המרומי מיט אויסגעקליבענע בויגען-
שיסער האָבען אַרויפגעקלעטערט אויפן ערשטען פעלז, וועל-
כער ציהט זיך ביז צום הויפּטוועג און האָבען זיך צושפּרייט
צווישען די קושאַקעס, זיי זאָלען זיין אונבעמערקט און גע־
וואַרט אויפצונעמען די געסט מיט אַ היבש ביסעל פיילען.

איינעגע צענדליג מאַן צווישען וועלכע ס'האָט זיך אויך
געפונען דער פלינקער בעדואינער שרק, אונטער דער אָנפיהי
רונג פון דעם קלוגען אליקום, אַ בעוואוסטער אַלטער בערגמאַן,
האָבען אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ פון באַרג אַנטקעגען דעם
אָבגרונד און זיך בעהאַלטען אונטער די צוגעגרייטע קופּעס
שטיינער מיט קלעצער, וואָס זענען געווען בעשטימט אַרויפצו-

שליידערן אויפן אטאקירענדען שונא לויט א סיגנאל; ביי די שליידער-מאשינען האט זיך אוועקגעשטעלט יהודה זעלבסט מיט די בעסטע מייסטערס צו שליידערן שטיינער, און נאך מיט א גרופע געפאנצערטע, געקליבענע שטארקע העלדען; אנטיגנוס מיט דער רעשט געפאנצערטע אין פולען קריגס-ארדנונג זענען געשטאנען גרייט אויף די פערד אן א זייט אין וואלד.

דאס אלץ איז געווארען אפגעטהון שטיל, שנעל, מיט א וואונדערליכע רעגעלמעסיגקייט; און אזוי האבען אונזערע פארטיזאנער אפגעווארט דעם אנגריף פון שונא שטילערהייד, גלייך דער גאנצער לאגער וואלט געוועזען לעדיג.

דן איז געזעסען אין דער זייט מיט א פערבאנדאזשירטען קאפ. ער איז געזעסען עפעס איינגאנצען געררייצט, ווייל מ׳האט איהם נישט ערלויבט קיין אנטייל צו נעמען אין קאמף, ער האט נור געשארפט און געפוצט זיין „פייל̃כעל״, וועלכעס האט געגלאנצט ווי א שפיגעל; יעדעס מאל האט ער פרובירט מיטן „פייל̃כעל״ צו מאכען איבונגען אין דער לופט, אם ענדע האט ער זיך צולאכט מיט זיין ברייט געלעכטער, און ארויסגעשטאמעלט צו זיך זעלבסט:

— שוין נישט קשה, איך וואלט שוין געקענט אפפיילען מיטן „פייל̃כעל״ עטליכע יוניש׳ע קעפ, נור ווען דער קאפ וואלט מיר נישט אזוי וועה געטהון...

פון שפיץ פעלז האט מען געגעבען א צייכען, אז דער שונא קומט אן. אלע האבען געווארט מיט אן׳איינגעהאלטענעם אטעם אויף דעם דעציידירענדען מאמענט; יוסף המרומי האט געזעהן פון הויכען פעלז ווי אויפן וועג פארן אריינפאהר אין לאגער, האט זיך אבגעשטעלט דער אוואנגארד, א הונדערט פוס־געהער מיט שילדען און דיקע שפייזען, און דער אלטער הויפט־מאן אן דער שפיץ פון אן׳אבטיילונג רייטער, אויף א ווייס פערד האט זיך אויך אפגעשטעלט: עס האבען זיך אפגעטיילט צוויי רייטער און זענען שטיל אריינגעריטען אויפן שמאלען וועגעל, וועלכעס פיהרט אין לאגער אריין, אבסערווירענדיג פארזיכטיג די גאנצע פאזיציע. מ׳האט זיי געלאזט צורייטען ביז

צו די פערמאַסקירטע שליידערמאַשינען. דאַן איז צו זיי אַרויס־געשפרונגען יהודה מיט עטליכע געפאַנצערטע מיט די ענט־בלויזטע שווערדען. נור ווי די רייטער האָבען דאָס בעמערקט, האָבען זיי געשווינד אויסגעדרעהט מיט די פערד, און געלאָזט זיך לויפען צוריק מיטן שמאָלען וועגעל. אָבער שרק האָט טרעפליך אַראָפגעשליידערט אַ שווערען קלאָץ פון באַרג, וועל־כער האָט זיך מיט אַ שרעקליכען אימפעט אַראָבגעקויקעלט פון באַרג און גלייכצייטיג מיטגענומען ביידע רייטער מיט די פערד און דער קלאָץ האָט זיך ווייטער געקויקעלט מיט אַ מורא׳דיגען רעש אין טיעפען אָבגרונד אַריין: נור דאָס עכאָ האָט אָבגעהילכט פון טיעפען אָבגרונד און ס׳איז ווידער גע-וואָרען שטיל.

ס׳איז אַדורכגעגאַנגען אַ ווײַלע. יוסף האָט בעמערקט ווי דער אַלטער הויפטמאַן דרעהט זיך אונגעדולדיג אויף זיין ווייס פערד, נאַכהער האָט ער צוגערופען דעם עלטסטען פון די פוס-געהער, און האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל. עס האָבען זיך אָבגעטיילט• צעהן מאַן פון די פוסגעהער און מיט די שיל-דען אויף די לינקע הענד און די שווערדען אין די רעכטע, האָבען זיי זיך געלאָזט מיט האַסטיגע שריט אויפ׳ן שמאָלען וועגעל; יהודה האָט זיי צוגעלאָזט ביז צו אַ געוויסע מעטע. דאַן האָט אַנ׳אימהדיגען סווישטש געטהון אין דער לופט אַ שווערער שטיין פון אַ שליידערמאַשין און האָט אַראָבגע־רוימט פון וועגעל אַפּאָר מאַן מיט אַמאָל. די רעשט סאָלדאַטען האָבען זיך גלייך אויסגעדרעהט און געשווינד אַנטלאָפען. מ׳האָט אויף זיי נאָכגעשליידערט נאָך אַ שטיין אויס דער שליידערמאַ-שין, אָבער זיי איז שוין געלונגען אַראָפצודרעהען הינטער דעם פעלזען; דער שטיין האָט נור אַ שרעקליכען קלאַפּ געטהון אָן פעלזען, און איז אָפּגעשפרונגען אין דער טיפעניש פון אָבגרונד. ס׳איז ווידער געוואָרען שטיל.

יוסף האָט ווידער געזעהען ווי די אַנטלאָפענע סאָלדאַטען זענען צוגעלאָפען צום הויפטמאַן, האָבען עפּעס גערעדט האַסטיג און גלייכצייטיג צוגעשאָקעלט מיט די הענד; דער הויפטמאַן

האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד, צוגעדריקט דעם ווייסען שימעל מיט די שפּאָרען און זיך געלאָזט ווי אַ ווינט מיט זיין אַדיוטאַנט אויף דעם אָרט, וואו עס־דרעהט אָב דאָס שמאָלע וועגעל. דאַן האָט ער פאָרזיכטיג בעאָבאַכטעט די גאַנצע געגענד, און זיך צוריק אויסגעדרעהט מיטן פערד. יוסף המרומי, דער בעסטער שיסער אין דער פלוגה, האָט אָנגעשטעלט זיין ביגען און גלייך געציעלט אין הויפטמאַנס פנים אַריין. אָבער די שטרעקע איז געוועזן צו ווייט, און די פייל איז עטוואָס העכער געפלויגען און האָט זיך אָבגעשלאָגען אָן הויפטמאַנס זילבערנעם העלם.

ער האָט זיך צוריק אַלאָז געטהון אויף זיין שימעל, אַרויסגעגעבען עפּיס שטרענגע בעפעהלען. ס'האָט זיך גלייך אויסגעפאָרמירט די גאַנצע אָבטיילונג פון אַוואַנגאַרד און מיט האַסטיגע טריט אין געדיכטע רייהען האָט זי זיך געלאָזט מיטן וועגעל אין לאַגער אַריין. באַלד נאָך זיי האָט זיך אויסגעפאָרמירט נאָך אַנ'אָבטיילונג, וועלכע האָט האַסטיג מאַרשירט נאָך די ערשטע.

יוסף המרומי האָט געגעבען אַ צייכען און עס האָט זיך אַ שיט געטהון אַ האָגעל מיט פיילען גלייך אויף די ערשטע אָבטיילונג. אַ טייל פון די יונים זענען געפאַלען פערוואונדעטע, אַ טייל האָבען זיך אומגעקוקט ערשטוינט, נישט געוואוסט פון וואַנען די פיילען פליהען. די רייהען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אָבצושטעלען אָבער די צווייטע אָבטיילונג איז אויף זיי האַסטיג אָנגעקומען און זיי האָבען געמוזט ווייטער מאַרשירען פאָרויס, איבערלאָזענדיג די געפאַלענע, וועלכע האָבען זיך געוואַלגערט אונטער די פיס. יוסף מיט זיינע מענשען האָבען אָבער ווייטער געהאָגעלט מיט פיילען און אָנגעמאַכט לעדיגע פלעצער אין די געדיכטע רייהען פון שונא.

דער אַלטער שטרענגער הויפטמאַן האָט אַלץ ווייטער געפאָרמירט נייע אָבטיילונגען און געשיקט מיט אַנ'אימפעט איינע נאָך די צווייטע צו דער אַטאַקע. ער האָט זעהר גרינגגעשעצט דאָס הייפעל העבראישע פּאַרטיזאַנער. ער האָט בעשלאָסען איינ-

מאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכען אַ סוף צו דעם אויפשטאַנד און זיך מיט דעם בעריהמטען פאַרן פרינץ ליזיאַש.

יהודה, וועלכער איז געשטאַנען הינטער דער פּראָוויזאָרישער מויער ביי די שליידערמאַשינען האָט צוגעלאָזט די אטאַקירענדע סאָלדאַטען אויף אַ נאָהנטען שטח. דאַן האָבען זיך אַ לאָז געטהון פליהען די שווערע שטיינער אויס די שליידערמאַשינען מיט אַ שרעקליכען קראַפט, וועלכע האָבען געטראָפען אין די שמאָלע געדיכטע רייהען פון די אַטאַקירענדע און אָנגעמאַכט שרעקליכע חורבות. ס'האָט אָפּגעריסען הענד, פיס, קעפּ און גאַנצע קערפּערס אַראָבגעשליידערט אין אָבגרונד אַריין. צווישען די יונים איז געוואָרען אַ געפילדער און בהלה. אַ טייל האָבען זיך געוואָלט צוריקציהען, אָבער זיי זענען געוואָרען מיט כוח געשטויסען פאָראויס דורך די הינטערשטע מאַרשירענדע רייהען. און די גאַנצע מענשען-מאַסע האָט זיך געשטופּט מיט אַניאונגעהויערן אימפּעט אַלץ פאָראויס. די פליהענדע שטיינער פון די שליידערסאַשינען האָבען יעדעס מאָל אַדורכגעהאַקט אַ שטעגעל דורך די מענשען-מאַסע, אָבער נייע רייהען האָבען ווידער דערפולט דאָס אָרט און האָבען זיך ווייטער געשטופּט פאָראויס.

דאַן האָט יהודה געגעבען אַ צייכען דעם אַלטען אליקום אויפ'ן באַרג אַרויף און ס'האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו קויקלען פון באַרג אַראָב מיט אַ שרעקליכען אימפּעט שטיינער, שטיקער פעלזען, שווערע קלעצער וועלכע האָבען צושמעטערט גאַנצע קופּעס מענשליכע קערפּערס. די קלעצער האָבען מיטגעשלעפּט מיט אַ טייוולאָנישער קראַפט גרופּעס מענשען ווי פליגען אין טיפען אָבגרונד אַריין און די שטיינער פון די שליידערמאַשינען האָבען אַלץ פון צייט צו צייט מורא'דיג געסווישטשעט אין דער לופט און געמאַכט צווישען די יונים שרעקליכע חורבות. ווי גייסטער פון צעשטערונג.

צווישען די יונים איז געוואָרען אַנ'אונבעשרייבליכע מהומה, גאַנצע הויפענס מענשליכע קערפּערס זענען געבליבען ליגען אויף דעם שמאָלען שטעגעל און דאָס בלוט האָט אַראָב-

גערונען מיט קליינע שטרומלעך אין טיעפען אָבגרונד אַריין.

די ערשטע רייהען האָבען זיך אָנגעפאַנגען מיט כוח צוריק צושטופען אויף די פריש־אַטאַקירענדע. צווישען די יונים זעלבסט איז געוואָרען אַ צומישונג מיט אַ כאַאָס. איינער דעם צווייטען האָבען געשטופט, געשטויסען מיט די שפּיזען, און זיך אַראָבגעשליידערט אין טיעפען אָבגרונד אַריין. יעדעס מאל האָט זיך נאָך אויף די שטורמדיגע טומעלדיגע מאַסע אַראָבגעקויקעלט פון באַרג ווי אַ מורא׳דיג געשפּענסט אַ שטיק פעלז אָדער אַ שווערער קלאָץ, וואָס האָט מיטגעשלעפּט די אַמפּערנדע יונים אין טיעפען אָבגרונד אַריין און איז געפאַלען מיט אַ שרעקליכען רעש.

אַנ׳עלטסטער פון די אַטאַקירענדע יונים האָט דערזעהן דעם שרעקליכען חורבן וואָס ס׳איז געוואָרען אויפ׳ן וועגעל, האָט ער גלייך געגעבען אַ סיגנאַל אויף אָפּצוטרעטען. די געדיכטע מענשען־מאַסע האָט זיך צוריקגעקעהרט אין איילעניש מיט שרעק און אַנגסט, אַבי וואָס גיכער אַרויס פון דעם גהינום, ווי אַ כוואַליע אין ים, וועלכע שטויסט זיך אָן אין אַ שטורם אויף אַ האַרטען פעלז.

אין לאַגער איז ווידער געוואָרען שטיל. ס׳האָבען זיך נור געהערט די שרעקליכע קרעכצען פון די פערוואונדעטע יונים און דאָס קליינע טייכעל אין טיעפעניש פון אָבגרונד האָט עפּעס ווי טרויעריגער גערוישט, נאָך דעם ווי ס׳האָט זיך אין זיין ריין קרישטאָלען וואַסער פערמישט מענשען בלוט.

אַנטיגנוס איז אַרויסגעריטען צו די שליידערמאַשינען און דערזעהענדיג די הויפענס הרוגים, וואָס ליגען אויפ׳ן שטעגעל, האָט ער מיט פרייד אויסגעשריהען צו יהודה׳ן:

—נו, איצט וועלען זיי שוין אַזוי געשווינד נישט אַטאַקירען.

—אָבער מ׳דאַרף זיין אויפמערקזאַם אויף די בערג,— האָט זיך יהודה אָנגערופען. — דער אַלטער טיגער וועט פּרובירען אַרומצורינגלען פון הינטען אויף די בערג.

—דאָס איז שוין נישט געפעהרליך — האָט אַנטיגנוס געענטפערט. — אַרויפצוקלעטערען אויף די בערג וועט געלונגען נור אַ קליינע צאָהל סאָלדאַטען מיט לייכט געווער און מיט זיי וועלען זיך אונזערע לייט געשווינד אָבפאַרטיגען. אָבער וואָס זעהט מען עפּעס נישט דעמעטעאוס'ן מיט זיינע געפּאַנצערטע?

—ווירקליך, דאָס איז ביי מיר אויך אַ רעטעניש.

—יעדענפאַלס דאַרף מען זיך אויף איהם ריכטען.

די אָנפיהרער האָבען נאָך אַדורכגעזעהן אַלע פּאָזיציעס און מיט צייכענס פון דערווייטענס בעדאַנקט די קעמפּענדע פאַר זייער אויסגעהאַלטענהייט און טאַפּפערקייט.

אינדעם האָט יוסף המרומי דערזעהן פון פעלז אַראָב ווי אַן'אָבטיילונג געפּאַנצערטע רייטער זענען אַרויסגעריטען פון דער זייט אויפ'ן ברייטען וועג אַרויף. דעמעטעאוס איז געריטען פאָראויס מיט זיין אַדיוטאַנט, יוסף האָט איהם דערקענט אויף זיין ווייס פערד אין זילבערנעם העלם. די יונים האָבען זיך בעגריסט מיט אַ הויך פרייד־געשריי, דעמעטעאוס איז צוגעריטען צום אַלטען הויפּטמאַן, זיי האָבען זיך לאַנג בעראַטען און צווישען זיך עפּעס הייס גערעדט.

דעמעטעאוס האָט זיכער גערעכענט, אַז תמר געפינט זיך אין לאַגער פון די פּאַרטיזאַנער, דערפאַר האָט ער אָבגעמאָלט דעם הויפּטמאַן מיט שוואַרצע פאַרבען די געפאַהר פון דער העברעאישער פּלוגה, און אַז מען מוז פאַר יעדען פּרייז איינגעמען די פּאָזיציע פון די העברעער.

יוסף האָט וויטער געזעהן ווי דעמעטעאוס איז אַרומגעפלויגען אויפ'ן ווייסען פערד ווי משוגע. ער האָט אויסגעפּאָרמירט אַטייל פון זיינע געפּאַנצערטע רייטער צו דער אַטאַקע. נאַכהער עטליכע אָבטיילונגען פוסגעהער און זיי האַבען זיך געלאָזט מיט אַנ'אימפּעט אויף די העברעאישע פּאָזיציע. מ'האָט באַלד צעוויסען געטהון אויף אַלע פּאָזיציעס און יעדער איינציגער איז געשטאַנען גרייט מיט ענטשלאָסענהייט אויף זיין פּאָסטען.

דעמעטעאוסעס געפּאַנצערטע רייטער האָבּען זיך אויסגעצויגען אין אַ לאַנגע שניר צו צוויי רייטער און מיט די בלאַנקע שווערדען אי־ן די הענד, האָבּען זיי זיך געלאָזט אויף די פערד אַ גאַלאָפּ מיט אַ ווילד געשריי גלייך אויף די שליידערמאַשינען. די שווערע שטיינער אויס די שליידערמאַשינען זענען געפאַלען ווי שדים און אַראָבּגערוימט פון וועג דאָ אַ רייטער, דאָרט אַ פערד, אָבּער די גאַלאָפּירענדע פערד פון הינטען זענען אַלץ ווייטער געפלויגען פאָראויס. נור ביי די קופּעס הרוגים מיט די אָנגעוואָרפענע שטיינער, וועלכע זענען געלעגען אויפ'ן וועגעל, האָבּען די צוקאָכטע פערד עטוואָס איינגעהאַלטען דעם גאַלאָפּ און זענען געשפּרונגען ווי משוגע איבּער די שטיינער און די קופּעס הרוגים. אַטייל רייטער זענען אַראָבּגעפאַלען פון די פערד אין אָבּגרונד אַריין אָדער אויף דער פעלזענוואַנד און די פליהענדע שטיינער אויס די שליידערמאַשינען האָבּען אַלץ מורא'דיג געסווישטשעט אין דער לופט און אָנגעמאַכט חורבות. דאָ איז אומגעפאַלען אַ פערד מיטן רייטער צוזאַמען, דאָרט האָט עס אָבּגעריסען אַ קאָפּ פון אַ יון, ווידער ערגעץ וואו האָט עס אַראָבּגעשליידערט אַ פערד צוזאַמען מיטן רייטער אין אָבּגרונד אַריין. די קופּעס מענשליכע הרוגים מיט די געפאַלענע פערד זענען געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער, די פערד זענען נאָך מעהר געשפּרונגען און געטראַטעוועט אויף די טויטע קערפּערס און די אָנגעקומענע פון הינטען האָבּען זיך אַלץ ווייטער געשטופּט פאָראויס.

פון באַרג אַראָבּ זענען געפלויגען שטיינער און קלעצער מיט אַ טראַסק און אַ רעש. ס'האָט אַראָבּגעשליידערט רייטער מיט פערד אין טיעפען אָבּגרונד אַריין, צוריבּען מענשען מיט פערד אויף שטיקער. די פעלזען מיט די קלעצער האָבּען זיך אַלץ אָהן אויפהער געקויקעלט פון באַרג אַראָבּ.

שרק מיט זיין געשיקטקייט האָט גאָר בּעוויזען וואונדער. מיט אַ לאַנגען דראָנג אין דער האַנד איז ער אַראָבּגעשפּרונגען אויף דעם גליטשיגען פעלז מיט אַ געשווינדקייט פון אַ קאַץ,

זיך געטשעפעט ביי די קזשאַקעס, ביי שטיינער און אונטערגע־הויבען מיטן דראַנג אַ שטיק פעלז און עס אַראָבגעוואָרפען. אומעטום האָט מען איהם געזעהן מיטן דראַנג אין דער האַנד, וואָס האָט געשליידערט אויף די יונים טויט און צומישונג. אויך די שטיינער אויס די שליידערמאַשינען זענען אַלץ ווייטער גע־פלויגען ווי שדים מיט אַ מורא׳דיגען סווישטש.

די יונים האָבען דערזעהן דאָס שרעקליכע פערוויסטע־ניש, וואָס ס׳איז געוואָרען אין זייערע מחנות, האָבען זיי מיט אַ געשריי און געפילדער אָנגעהויבען צוריקציהען די פערד. און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, מיט קולות און געשרייען זיך אַרויסגעצויגען צוריק פון דעם שרעקליכען טייוולאָנישען כאַאָס.

נור איינינגע רייטער, וועלכע ס׳איז געלונגען אַדורכצו־שפרינגען אין גאַלאָפּ דורך די אַלע שטערונגען, האָבען מיט אַן׳אימפּעט גלייך גאַלאָפּירט אויף די שליידערמאַשינען. יהודה איז מיט איינינגע געפּאַנצערטע אַרויסגעשפרונגען פון דעם פּראָוויזאָרישען בעהעלטעניש. אויך איז אָנגעלאָפען אַנטיגנוס מיט עטליכע רייטער און ס׳זענען געפלויגען אין דער הויך יונישע שווערדען מיט שילדען. ס׳זענען אַראָבגעפאַ׳ען קעפּ און הענד, ס׳איז נור געבליבען אויפ׳ן וועג אַ הויפען פּגרים פון מענשען, פערד, שטיקר פּאַנצערס,העלמען, צעבראָכענע שווער־דען, שפּיזען, און אַ גרויסע קאַלוזשע בלוט. ס׳האָט אָבער דיהעברעער אויך געקאָסט קרבנות

איין יון האָט זיך אַדורכגעריסען ווי דורך אַ בראַנד און דאָס פערד מיטן רייטער זענען געפלויגען איבערן טהאָל אָהן ציעל, ביז זיי זענען אָנגעלאָפן צום פייער, וואו ס׳איז געזעסען פערקלערט דער קראַנקער דן מיטן פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ. ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון אָרט און פערשטעלט דעם וועג, דער יון האָט זיך גלייך אויף איהם פערמאָסטען מיט דער בלאַנקער שווערד, נור דנ׳ען איז געלונגען געשווינד זיך צו פערשטעלען מיט זיין „פיילכעל״ און דעם יונס שווערד איז אַרויסגעפלויגען פון דער האַנד. מאָמענ־טאַל האָט דאָס „פיילכעל״ אַ משוגה׳דיגען פייף געטהון אין דער לופט מיט אַנ׳אונגעהויערע קראַפט, און אין איילעניש האָט ער

קוים מיט דעם שפּיץ שווערד דערלאַנגט צום יונ׳ס האַלז און דער קאָפּ צוזאַמען מיטן העלם זענען אַראָבגעפלויגען ווי עפּעס אַ צייטיגער עפּעל פון בוים. דאָס פערד מיטן קערפּער האָבען ווייטער גאַלאָפּירט איבערן טאָל.

דן האָט געלאַסען אָפּגעווישט דעם שפּיץ שווערד מיט גראָז, און שטיל אַרויסגערעדט צו זיך זעלבסט:

—כ׳ווייס גאָרגישט פאַר וואָס זיי הייסען מיך דאָ זיצען, ווי עפּעס אַנ׳אַלטע באָבע?...

איבער דער צייט זענען די יונים אָבגעטרעטען אין שרעק אָהן אָרדנונג, אויסגעמישט רייטער מיט פוסגעהער, נאָכטראָגענדיג די פערוואונדעטע. דעמעטעאוס איז אַרומגעפלויגען אויף זיין שימעל ווי צומישט. ער האָט געזידעלט, געשאָלטען, געדראָהט מיט דער שווערד די סאָלדאַטען, אַם ענדע האָט ער אָנגעפאַנגען ענערגיש צו פאָרמירען אַ היבשע אָבטיילונג צו אַ נייעם אָנגריף. אָבער דער אַלטער הויפּטמאַן האָט איהם דאָס קאַטעגאָריש פערבאָטען. נור אויף זיין אַלטען בלאַסען פּנים זענען אַרויסגעקומען רויטע פלעקען פון אויפרעגונג און כּעס. זיין גאַנצע פיזיאָגנאָמיע האָט עפּעס בעקומען אַ פורכטיגען, ווילדען אויסזעהן פון אַ צערייצטען טיגער. און ער האָט זיך אָנגערופען צו דעמעטעאוס׳ן:

—מיר קענען אָבער נישט אַנידערלעגען דאָס גאַנצע מיליטער ביי איין באַנדע באַרבאַרישע הינט!

—אָבער ס׳איז דאָך אַ שאַנדע פאַרן סעלעווקידישען געוועהר אָבצוטרעטען פאַר די באַרבאַרען! — האָט דעמעטעאוס אויסגערופען מיט צאָרן, און זיין פּנים מיט דעם רויטען פלעק אויף דער באַק, וואָס קציעה האָט איהם אָבגעבריהט, איז געוואָרען איגגאַנצען רויט ווי שאַרלאַך.

—האָב געדולד, מיין פריינד!

—אָבער, — האָט דעמעטעאוס ווייטער גערעדט מיט היץ, — צווישען די הינט געפינט זיך אויך דער הויכער דראַב מיט די שוואַרצע קודלעס, פון וועלכען כ׳האָב שוין אייער

עקסעלענץ פיעל דערצעהלט. ער איז דער הויפטאָנפיהרער פון די אַלע רעוואָלוציאָנערען, מען בעדאַרף איהם אויפצוהענגען אין טויער פון ירושלים.

—געדולד, מיין פריינד, ס'וועט פון די אַלע באַרבאַרען קיין איינציגער נישט אַרויס לעבעדיג!

III

אָנפאַנגס האָט דער הויפטמאַן אַנטיפאס גאָר גרינגגעשעצט דאָס הייפעל פאַרטיזאַנער, אָבער נאָך דעם ווידערשטאַנד פון די העברעער און נאָך דער מפלה, וואָס זיינע אָבטיילונגען האָבען געליטען ביי די שטורמדיגע אַטאַקעס, האָט ער בעשלאָסען צו פיהרען אויף ווייטער אַ סיסטעמאַטישע בעלאַגערונג.

זיין הויפט־לאַגער האָט ער צוריקגעצויגען צום באַרג חרמון און האָט נור צושטעלט אָבטיילונגען מיט וואַכען אין אַלע זייטען לאַגער פון די פאַרטיזאַנער.

נאָך דעם אייגענעם טאָג, נאָך זונענאונטערגאַנג האָט מען געבראַכט אויף שווערע וועגען, געשפאַנט צו עטליכע פאָר אָקסען שווערע מאַשינען, אייזענס, שטיינער און ליים און ביים אַריינפאָהר אַנטקעגען די פאַרטיזאַנישע שליידערמאַשינען האָט מען אָנגעפאַנגען מיט אַ אונגעהויערע געשיקטקייט צו מויערען און צוזאַמענצושטעלען טיילען פון מאַשינען. ס'האָבען פלייסיג געאַרבייט הונדערטער יונים, אונטער דער אויפזיכט פון געניטע בוימייסטערס און אינזשיניערן. ס'האָט שוין אָנגעהויבען צו ווערען וואָס אַמאָל פינסטערער, נור די פינקעלדיגע שטערען האָבען מאַט געלויכטען אויפ'ן לויטערן הימעל.

פלוצלינג האָט זיך אָנגעצונדען אויף דעם העכסטען פעלז אַ פייער, וואָס האָט זיך מורא'דיג צופלאַקערט און בעגאָסען מיט אַ רויטע שיין די אַרומיגע שפיצען פון די בערג און די הויכע צעדער. איינער פון די עלטסטע יונים האָט זיך אָנגערופען צו זיינע קאַמעראַדען:

—עס ווייזט אויס, אַז די העבֿרעער פֿייערן זייער נצחון מיט אַזאַ גרויסע אילומינאַציע.

—נו, זיי וועלן אונז איינשפּאָרן שטורקאַצען בײַ דער אַרבייט — האָט איינער וויציג אויסגערופֿן.

די אַרבייטער אַרום האָבן זיך פֿריילעך צולאַכט.

ס׳האָט געדויערט אַביסעל צײַט און ס׳זענען אַרויסגעריטן מיט אַ קלינגערײַ און אַ רעש, צום ערשטן אַנטיגנוס און יהודה, אין דער שפּיץ פֿון אַנ׳אָבטיילונג געפּאַנצערטע, נאָך זיי יוסף המרומי מיט זײַנע רייטער און זענען גלײַך אָנגעפֿאַלן אויף די אַרבייטענדע יונים, וועלכע זענען זיך צולאָפֿן פֿאַר שרעק אין אַלע זײַטן. אינדעם האָבן זיך דערהערט אַלאַרמירענדע סיגנאַלן אין באַלד איז אָנגעפֿאַלן אויף די העבֿרעער אַנ׳אָבטיילונג פֿוסגעהער מיט שילדן און שווערע שפּיזן. ס׳האָבן זיך געבראָכן די שילדן מיט די שפּיזן און די יונים זענען געפֿאַלן אונטער די לאַנגע שווערדן פֿון די העבֿרעער ווי שניט-צײַט די תּבֿואה אונטער די הענט פֿון די שניטערס.

די יונישע רייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די העבֿרעאישע רייטער, וועלכע האָבן געטראָטן אומבאַרחמנות׳דיק די געפֿאַלענע. און אין אַ קורצע צײַט אַרום זענען זיך די יונים צולאָפֿן אָהן אָרדנונג ווי אַ סטאַדע שעפּסען, איבערלאָזענדיג גאַנצע הויפֿענס פּגרים און פֿערוואונדעטע, און יוסף המרומיס רייטער האָבן זיי פֿערפֿאָלגט. אָבער בײַם בלאָסען שײַן פֿון די שטערן האָט מען דערזעהן, ווי עס קומט אויך אָן אַנ׳אָבטיילונג יונישע געפּאַנצערטע. דער אַלטער הויפּטמאַן מיט דעמעטעאוס׳ן אויף זייערע ווייסע פֿערד האָבן זעלבסט געפֿיהרט די רייטער צום אָנגריף אויף די העבֿרעער. פֿון הינטן איז אויך אָנגעקומען אַנ׳אָבטיילונג יונים פֿון די פֿוסגעהער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך צווישען די בערג. און ס׳האָט זיך צעפֿלאַקערט אין דער פֿינסטערניש פֿון די נאַכט אַ שרעקליכע מלחמה. די פּאַרטיזאַנער זענען געווען אַרומגענומען פֿון צוויי

זייטען און די פיילען זענען געפלויגען איבער זייערע קעפּ ווי סטאַדעס פויגעל.

אינמיטען דערינען זענען אָנגעקומען פון צווישען די בערג, פון הינטען אויף די אַטאַקירענדע יונים, עזריה און אלעזר מיט זייער פלוגה, מיט אַן׳אויסגעשריי. „מות ליונים!”. דאָ איז ווידער פאָרגעקומען עפּיס אונגלויבליכעס. אלעזר, עזריה און אַבטליון מיט זייגע צוויי זיהן, האָבען זיך אַריינגעריסען אין מיטען די יונישע געפּאַנצערטע ווי צורייצטע לייבען אויף אַ סטאַדע בהמות. ס׳האָט זיך נור געהערט אין דער פינסטערניש דאָס האַקען פון שווערדען, דאָס קלינגען פון צובראָכען אייזען און שטאָל, דאָס הירזשען פון די צוקאָכטע פערד, די שרעקליכע קולות פון די פערוואונדעטע און דאָס כאָרכלען פון די הרוגים.

יהודה מיט זיין פלוגה האָבען זיך דעמאָלט אויסגעדרעהט ווידער צו די פיסגעהער, וואָס זענען אָנגעקומען פון הינטען און אָנגעמאַכט צווישען זיי אויך אַ מורא׳דיגע שחיטה. די רעשט זענען זיך צולאָפען מיט שרעק אין אַלע זייטען צווישען די בערג אין די וועלדער.

דאַן האָבען זיך די פאַרטיזאַנער גענומען צו צערשטערען די גאַנצע אַרבייט פון די יונים; מ׳האָט צוהאַקט די אָנגעהויבענע מויערן און אַלץ אַראָבגעשליידערט אין אָבגרונד אַריין. די אַלע צערשטערונגס־מאַשינען פערברענט און פערניכטעט. נאַכהער האָבען זיך די העברעער גענומען צו פערבאַנדאַזשירען די פערוואוגדעטע און דער איבערגערעכענטער אַנטיגנוס האָט באַלד פעראָרדענט, אַז די העברעאישע פערוואונדעטע זאָלען עזריה און אלעזר מיטנעמען אויף די פערד אין זייער צייטווייליגען לאַגער אַריין. ער האָט נאָך אויסגעלאָזט זיין פעראָרדנונג מיט די דאָזיגע ווערטער:

—סיי ווי, זעה איך איין, וועלען מיר דאַרפען אָבטרעטען פון אונזער פּאָזיציע, זאָל מען האָבען אַ קלענערע לאַסט.

—יעדענפאַלס וועלען די יונים האָבען לאַנג צו געדענקען זייער אָנפאַל. — האָט זיך יהודה אָנגערופען.

עזריה, אלעזר און זייער פלוגה, האָבען צוגענומען די פערוואונדעטע און האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין זייער בעהעלטעניש ביי דער יעזשערע מרום און די רעשט העלדען האָבען ווידער מיטגענומען מיט זיך עטליכע גע'הרג'עטע העברעער, וועלכע זענען געפאַלען אַ קרבן פאַר זייער הייליגען אידעאַל צו בעגראָבען זיי מיט כבוד. מ'האָט נאָך געטוישט די וואַכען ביי אַלע פּאָזיציעס און די פאַרטיזאַנער זענען איינגעשלאָפען ביי די פייערען מיעדע, מיט אַ שטאַרקען בטחון אין האַרץ צו דעם גרויסען גאָט צבאות.

שוין אַנטקעגען האַלבע נאַכט, אין לאַגער איז דאַן געווען שטיל, ביים פייער זענען נאָך געזעסען דן מיט'ן פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ און זיין חבר שרק. דן האָט אַלץ ווייטער געקוקט צו דער זייט פון רפתיים און געזיפצט שטילערהייד. שרק האָט איהם דערלאַנגט אַ קליין בלעכען קריגעלע וויין.

—נאַ דיר, נאַרישער העלפאַנט, זיפץ נישט. טרינק אַביסעל וויין זאָלסט וואָס גיכער געזונד ווערען, וואָרום עס וואַרט נאָך אויף אונז אַ שווער שטיקעל אַרבייט.

—גוט, איך וועל דאָס בעהאַלטען אין וועג אַריין.

—אין אַ וואָסערען וועג אַריין? — האָט געפרעגט שרק איבערראַשט.

—הער אויס, דו שוואַרצער וועווריק, — האָט אָנגעהויבען דן שעמעוודיג און אויף זיין ברייטען פנים האָט זיך בעוויזען אַ טרויעריגער שמייכעל. — איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליעב, וואָרום איך האָב דיך, אויך נישט פיינד, געה, קלויב מיר אויס אַ שטאַרק פערד און ברענג עס מיר אַהער, וואָרום איך ווייס נישט וואו צו זוכען, ווייל די עלטסטע האָבען מיך איצט נישט געלאָזט אין ערגעץ אַוועק געהן.

—וואו אַהין ווילסטו דאָס רייטען?

—פאַר דיר מוז איך זאָגען דעם אמת. איך וויל אַריבעררייטען קיין רפתיים, געוואָהר ווערען, וואָס ס'הערט זיך עפּיס דאָרט. איצט שלעפען זיך אַרום אין דער געגענד די שאַקאַלען. עפּיס דאָס האַרץ פרעסט מיך, כ'האָב געהאַט אַזעלכע שרעקליכע חלומות...

—הער אויס, דן, דו ביזט דאָך נישט קיין קליינער, נור דער טפּוש דיינער איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דו. איצט, אין דער צייט ווען די יונים שטעהן אַרום אונזער לאַגער, ווילסטו דוקא איבערלאָזען אויפ׳ן וועג דיין נאַרישען קאָפּ? מילא, דער קאָפּ דיינער איז ווינציג וואָס ווערט, נור ס׳איז אַ שאָד דיינע הענד.

—איך מוז אַריבער־רייטען. איך וועל מיך אַדורכ׳גנב׳ענען אין דער פינסטערניש, כ׳נעם אויך מיט מיין „פייפל".

—אָ, דו דו... איבער עפּיס אַ מיידעל מיט ווייסע ציין, שטעלסט דו איין דיין לעבען און וואָס וועלען דערויף זאָגען אַנטיגנוס און יהודה?

—זיי וועלען נישט וויסען, כ׳וועל צוריקקומען פאַרטאָג, כ׳וועל נור אַ קוק טהון, וואָס זיי אַלע מאַכען.

—אוי דו פערד, פערד!

—הער אויס, ליעבער שרק. איך בין נישט קיין גרויסער בעל-לשון, כ׳קען נישט אַלץ אַרויסריידען... נור כ׳פיהל אין האַרץ עפּיס אַ נאָגעניש, אַ בענקעניש... דו ווייסט גאָרנישט, שרק, ווי זי איז געווען צו מיר גוט ווען איך בין קראַנק געווען, בעסער נאָך ווי אַן׳אייגענע מוטער. היינט איהר פרעה־ליכקייט, איהר געלעכטער... ס׳האָט עפּיס אַזוי געוואַרימט אויפ׳ן האַרץ, געגלעט, געלאַשטשעט...

דער בעדואינער האָט געזעהן, אַז דן קען נישט מעהר רעדען, ס׳האָט איהם געשטיקט אין האַלז. דעם בעדואינערס ווילדע אויגען זענען ווי מילדער געוואָרען און ער האָט נור אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און אַרויסגעזאָגט:

—וואָס וועל איך מיט דיר מאַכען, אַז ס׳איז עפּיס אַריין אין דיר אַ משוגעת...

—געה, געה, שוואַרצער וועוריק, ברענג מיר אַן׳אָנגעזאָטעלט פערד!

—כ׳ווייס, אַז אין דער סטאַדע איז פאַרהאַן אַ שטאַרק פערד, פון די יעניגע, וואָס מ׳האָט פערנומען פון די יונים. אַ שוואַרץ פערד מיט אַ ווייסען צייכען אויפ׳ן שטערן מיט דיקע

פוס. אפשר האָסטו עס געזעהן, דן? דאָס פערד דאַרף שוין קאַבען אויסהאַלטען אַזאַ נאַרישען העלפאַנט ווי דו. אָבער איך וועל דיך מיט אַ קראַנקען, פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ נישט לאָזען אליין רייטען. איך פאָהר מיט.

—אָ, אַזוי ביזטו אַ גוטער חבר!...

דן האָט געכאַפּט דעם בעדואינער אויף דער שויס ווי אַ קליין קינד און ביידע חברים האָבען זיך הייס צוקושט.

שרק איז פערשוואונדען געוואָרען אויף די לאָנקע. די לבנה איז אויפגעגאַנגען העכער און האָט אַרויסגעשיינט פון צווישען די פעלזען, בעגיסענדיג מיט אַ מאַטע ליכטיגקייט דעם גאַנצען טהאָל. אין אַ ווייליע אַרום איז געקומען צו רייטען שרק אויף זיין בולאַנע פערדיל און האָט געפיהרט ביי די לייצעס אַ גרויס, דיק, שוואַרץ פערד. שרק איז פלינק אַראָפּ פון פערד און שטיל אויסגערופען צו דנ׳ען:

—קום, וועסט מיר העלפען צוציהען די פאַסען פון זאָטעל, וואָרום ס׳איז מיר שווער אַליין. נו, דאָס פערד וועט שוין זיכער דיך אויסהאַלטען. נור צי ס׳וועט אויסהאַלטען דיין נאַר, בין איך מסופק...

אויף דן׳ס ברייטען פנים האָט זיך צוגאָסען זיין אַמאָליגער שמייכעל, ער האָט דאָס פערד אַ גלעט געטהון מיט זיין ברייטער האַנד, אונטערברומענדיג:

—ביזט אַ חבר...

זיי האָבען זיך געלאָזט שטיל מיטן וועגעל נעבען אָבגרונד. באַלד ביים אַרויספאָהר איז געשטאַנען אַ רייטער אויף דער וואַך, וועלכער האָט זיי דערקענט און געפרעגט:

—וואו אַהין רייט איהר?

—מיר האָבען אַ בעפעהל אַדורכצוקוקען דעם שונא׳ס פאָזיציע. — האָט זיך שרק אָנגערופען.

דער רייטער האָט נור אַ שאָקעל געטהון מיט די אַקסלען ערוואונדערט און זיי נאָכגעשריהען:

—אַכטונג! וואָרום די יונים שלעפען זיך אַרום אויפ׳ן וועג.

די רייטער האָבען זיך געלאָזט מיטן וועג קיין רפתיים

און אויפ׳ן שמאָלען וועגעל האָט שרק מיט זיינע קעצישע אויגען בעמערקט אין שאָטען פון די בוימער אַ סילועט פון אַ מענש, וועלכער האָט גלייך אויסגעשריהען אויף גריכיש:

—ווער רייט?...

די רייטער האָבען נישט געענטפערט און גלייך אויף איהם אַרויפגעריטען. נעבען שרק׳ס אויער האָט מורא׳דיג אַ סווישטש געטהון אַ פייל פון בויגען. דער יון האָט זיך אויפסניי אָנגעבויגען צוצוטרעטען דעם בויגען און אָנצוציהען אַ צווייטע פייל, אָבער שרק אויפ׳ן בולאַנע פערדיל איז צוגעפאַלען ווי אַ ווינד, און מיט זיין לאַנגען שפיז האָט ער אַדורכגעשטאָכען דעם יון דורך דעם איינגעבויגענעם רוקען.

אַ צווייטער יון איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און געדרימעלט, ווי נור ער האָט דערהערט אַ גערודער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט דעם שווערען שפּיעז אין דער רעכטער האַנד און מיט דער לינקער ראָט ער זיך אויסגעריבען די פערשלאָפענע אויגען. אָבער אין דעם אויגענבליק האָט נור אַ שרעקליכער פייף געטהון אין דער לופט דן׳ס „פיילכעל אויף דעם יונ׳ס קאָפּ...

ווען דן מיט שרק׳ן זענען געקומען קיין רפתיים, איז שוין געוועזען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. די לבנה איז אויפגעגאַנגען העכער אויפ׳ן הימעל און האָט בעלויכטען דעם גאַנצען טהאָל און די געביידעס. אָבער די אויסערגעוועהנליכע שטילקייט האָט זיי באַלד איבערראַשט. עס זענען זיי נור בעפאַלען צוויי אויסגעהונגערטע הינט מיט אַ הויך בילען. די רייטערס זענען אַראָב פון די פערד, צוגעבונדען זיי צו אַ סלופּ און האָבען זיך געלאָזט געהן צו די הייזלעך, נור ווי ערשטווינט זענען זיי געוואָרען פון דעם פערוויסטעניש, וואָס זיי האָבען דערזעהן: די הייזער זענען געשטאַנען לעדיג מיט אָפענע טירען און פענסטער, די כלים אין די שטובען צובראָכען, די שטאַלען לעדיג, די פלעטער צערשטערט. דן איז געבליבען שטעהן אָנגעשפּאַרט אויף זיין גרויסער שווערד, ווי אַ שטיק פעלז, דאָס פּנים

אויסגעקרומט, דאָס מויל האַלב געעפענט, די אויגען אויסגעגלאָצט און מורא'דיג פערשטאַרט.

שרק מיט זיין שאַרפען בליק האָט דערזעהן אין שאָטען פון דער שטאַל, ווי ס'האָט זיך עפּיס עמיצער אַרויסגעבויגען פון הינטערן ווינקעל און איז באַלד צוריק פערשוואונדען. ער האָט זיך אַ לאָז געטהון אַהין מיט אַ געשווינדקייט פון אַ הירש און האָט פון דאָרטען אַרויסגעפיהרט אַן'איבערגעשראָקענעם יונג פון די פּאַסטוכער.

דער יונג האָט זיי דערצעהלט, אַז נעכטען פריה זענען געקומען אַ מחנה געפּאַנצערטע יונים, מיט דעם אָנפיהרער אויפ'ן ווייסען פערד מיטן זילבערנעם העלם און האָבען דאָ אָנגעמאַכט אַ שרעקליכען חורבן. דעם אַלטען שמאי מיט צוויי זיהן, יועזר'ן מיט זיין איינציגע טאָכטער קציעה, מיט אַלע פּאַסטוכער, האָט מען געקאָוועט אין קייטען און אָבגעפיהרט מיט אַ וואַך סאָלדאַטען צו דער זייט פון גוש־חלב. אין די הייזער האָט מען אַלץ צוראַבירט, די בהמות מיט די פערד האָבען די יונים אַוועקגעטריבען אין דער זייט פון באַרג חרמון. נאַכהער זענען די יונים אויך אַוועקגעריטען אין יענער זייט. ס'זענען נור געבליבען איינינגע פּאַסטוכער, וועלכע ס'איז געלונגען זיך צובעהאַלטען אין וואַלד מיט זייערע סטאַדעס שעפּסען.

דן האָט אויסגעהערט די ערצעהלונג מיט דעם זעלבען פערשטאַרטען בליק. דאָס ברייטע פּנים זיינס איז געוואָרען נאָך מעהר אויסגעקרימט, ער האָט דערפיהלט אַ שטאַרקען וועהטאָג אין קאָפּ, די פיס האָבען אונטער איהם געציטערט און ס'האָט איהם געשווינדעלט פאַר די אויגען. ער האָט נור אַרויסגעלאָזט פון זיין מעכטיגער ברוסט אַ לאַנגען זיפץ, וואָס איז געווען ענהליך צו דעם בלאָזען פון מיעך אין דער קוזשניע.

שרק האָט איהם געהאָלפען אויפזיצען אויפ'ן פערד און זיי זענען שטילשווייגענד צוריק געריטען אויפ'ן שמאָלען וועגעל צווישען די בערג.

דאָס קיהלע ווינדטעל פון פאַרטאָג האָט דנ׳ען עטוואָס דערפרישט און ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין אָהן שטערונג, אַדורכ־גבה׳דיג זיך שטיל צווישען די בערג, בכדי זיך נישט צוזאַמענצוטרעפען אויפ׳ן וועג מיט די יונישע וואַכען.



אין דעם זעלבען טאָג באַלד אינדערפריה האָט מען געהערט אין לאַגער פון די פּאַרטיזאַנער אַ קלאַפּעריי אין פעלד פון דער צווייטער זייט. אַנטיגנוס איז געוואָרען ערנסט פערזאָרגט און ווענדענדיג זיך צו יהודה׳ן האָט ער זיך אָנגערופען:

—ס׳ווייזט אויס, אַז דער אַלטער טיגער האַקט אויס אין פעלז שטיגען, ווייל ער וויל בענייען דעם אָנגריף דורך די בערג.

—ווירקליך, דאָס איז ריכטיג. אָבער יעדענפאַלס וועט דויערען אייניגע טעג ביז ס׳וועט איהם געלונגען די אַרבייט אדורכצופיהרען.

—מ׳וואָלט בעדאַרפט זיי צו שטערען אין דער אַרבייט.

—ס׳איז נישט נויטיג, — האָט יהודה געענטפערט, — איצט איז שוין סיי ווי אונזער קעמפפען דאָ אין די בערג צוועקלאָז. די מלחמה אין עגיפטען איז געענדיגט, אַבי נור מ׳האָט געוויזען די רשעים, אַז מיר העברעער קענען זיך אויך אַנטקעגענשטעלען.

—ביי די איצטיגע מהומות וואָלט מען מעהר נוצען געברענגט אויפ׳ן לאַנד ווי דאָ, — האָט אַנטיגנוס אויסגערופען מיט אַ בעהאַלטענער איראָניע, ווייל ער האָט באַלד אָנפאַנגס געראַטען צו פערלאָזען די פּאָזיציע.

—אָבער זעה נור אַנטיגנוס, ווער קענען דאָס זיין די צווי מענשען, וואָס לאָזען זיך אַראָב פון צווישען די פעלזען? — האָט יהודה אָנגעוויזען אויף צווי מאַן, וועלכע לאָזען זיך אַראָפּ פאָרזיכטיג פון שפּיץ באַרג, מיט לאַנגע שטעקענס אין די הענד, אויסמיידענדיג די געפעהרליכע גריבער.

—ווען דאָס האָלען זיין פאַרלאַמענטערען פון די יונים, וואָלטען זיי געקומען גלײַך מיטן וועג, — האָט יהודה פאַרענדיגט.

—איך בין שוין אויך נייגיריג צו וויסען.

—ביידע פריינד זענען אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט טהאָל, וואו ס'האָט געוואַקסען אַ געדיכטער וואַלד אונטערן באַרג, וועלכער האָט פאַרשטעלט די אָנקומענדע וואַנדערער. אַלע אָנוועזענדע האָבען אויף זיי געוואַרט מיט נייגיריגקייט.

ס'איז אַדורכגעגאַנגען אַ לענגערע צייט, האָט מען דערזעהן אין וואַלד, ווי ס'געהען אַראָפּ פון באַרג צוויי מאַן, אַן אַלטער בעטלער און אַ יונגער בערגמאַן. יוסף המרומי, וועלכער איז געשטאַנען צווישען די אָנוועזענדע האָט דערקענט דעם יונגענמאַן און האָט זיך אָנגערופען:

--דעם יונגענמאַן קען איך, דאָס איז ישוע פון קן-הנשרים, אָבער ווער איז דער בעטלער?... ס'ווייזט אויס, אַז ס'וועט זיין עפּעס נייעס.

ווען די וואַנדערער זענען צוגעקומען נעהנטער, איז יהודה אַנטקעגען געלאָפען מיט אַ פרייד. ער איז אַרויפגעפאַלען דעם בעטלער אויפ'ן האַלז און זיי האָבען זיך פריינדליך צוקושט. יהודה האָט דערקענט אין דעם בעטלער זיין פעטער יונתן חשמונאי פון מודעים.

יונתן איז געוועזען געקליידט ווי אַן'אמת'ער בעטלער, פעררימט, אָבגעריסען, מיט צוויי טאָרבעס אָנגעהאַנגען אויף די זייטען. אַז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט, האָט מען דערקענט אין בעטלער דעם איידעלען אַריסטאָקראַט. אויף זיין פעררימט פנים איז געוועזען אויסגעגאָסען אַ מאַיעסטעטישע עדעלקייט, זיינע צוויי גרויסע קלוגע אויגען האָבען אַפּערגעלויכטען פון אונטער דער צוריסענער פערשטויבטער קאַפּע

—פריעדען אויף אייך אַלע, גאָט'ס קעמפפער!--האָט יונתן אויסגערופען. — זייט וויסען, אַז די יונים האָבען אייך אַרומגענומען פון אַלע זייטען אַזוי, אַז ס'איז נישט מעגליך געוועזען צו אייך צוצוקומען. נור אַ דאַנק דעם טאַפּפערן ישוע

האָט מען זיך קוים בײַנאַכט אַדורכגעגנב'עט.

—וואָס ברענגסטו אונז עפּעס נײַעס, געערטער פעטער ?

—האָט יהודה געפרעגט אומגעדולדיק.

—לײַדער, מײַנע קינדער, קיין גוט נײַעס ברענג איך אײַך נישט. גאָט'ס צאָרן איז געוואָרן אויסגעגאָסן אויפ'ן לאַנד יהודה פאַר די זינד פון איהרע אײַנוואוינער!

יונתן האָט אויפגעשניטען זײַן צוריסענעם מאַנטעל און אַרויסגענומען אַ צוזאַמענגעלעגט פּאַפּיר, וועלכעס ער האָט דערלאַנגט יהודה'ן. דער לעצטער האָט באַלד דערקענט זײַן פאָטערס האַנדשריפט און ער האָט מיט אויפמערקזאַמקייט אָנגעהויבן צו לייענען דעם בריף. זײַן שטרענג פּנים איז געוואָרן נאָך שטרענגער און אין זײַנע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ מורא'דיג פײַער,

דער פאָטער מתתיהו האָט זיי געשריבען, אַז די מלחמה אין עגיפּטען האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר די העברעער נישט גינסטיג. אַנטיוכוס הרשע האָט נישט געהאַט דאָרט קיין מפּלה ווי מ'האָט דאָס ערוואַרט. נור דער עגיפּטישער קעניג פילאָמעטער האָט געבעטען הילף בײַ רוים און אונטערן דרוק פון רוימישען סענאַט האָט אַנטיוכוס געמוזט אָבטרעטען מיט חרפּה פון אונטער די מויערן פון אַלעקסאַנדריען; און איצט האָט אַנטיוכוס הרשע ווידער אויסגעלאָזט זײַן כעס אויפ'ן פאָלק יהודה. ער האָט געשיקט דעם בעוואוסטען צורר, אַפּאָלאָניוס מיט זײַנע מחנות קיין ירושלים און מיט נידערטרעכטיגע, פאַלשע, פרײַנדליכע רייד, איז ער אַרײַנגעקומען אין שטאָדט אַרײַן אין דעם טאָג פון הייליגען שבת, ווען מען טראָגט נישט קיין געוועהר. דעמאָלט זענען זײַנע צעווילדעוועטע מחנות מענשען־חיות בעפאַלען די פרידליכע אײַנוואוינער און אָנגעמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה. מ'האָט נישט געשוינט קיין כהנים, קיין אַלטע לייט און קיין קליינע קינדער, נור מען האָט אויף אַ שענדליכען אופן אַלע ערמאָרדעט. דאָס האָב און גוטס פון די אײַנוואוינער האָט מען צוראַבירט. די פרויען מיט יונגע קינדער האָט מען פערטריבען צו פערקויפען אין שענדליכער קנעכטשאַפט.

ווער ס'האָט געקענט איז אַנטלאָפען פון דעם גהינום. די סנהדרין, ביידע ראשי ישיבות, רבי יוסי בן יועזר און רבי יוסי בן יוחנן, אויך אַלע אָנגעזעהענסטע מענשען פון ירושלים. זיי וואַלגערן זיך אַרום אין די היילען און אין די מדבריות.

די שענסטע געביידעס און די פּאַלאַצען אין שטאָדט האָט אַפּאָלאָניוס צערשטערט, אויך אַלע תּאים אַרום בית-המקדש. ער האָט אויך פערברענט דעם שער-העצים מיט אַלע האַלעס. דאָס פּרעכטיגע ירושלים איז געוואָרען פערוויסט ווי אין די צייטען פון קעניג צדקיהו דורך נבוכדנצר פון בבל, — נור בלויז דער היכל איז געבליבען שטעהן איינגעהילט אין טרויער און זיינע מויערן קוקען אַראָפּ מיט שוידערליכע בליקען אויף דעם גרויסען חורבן,

אויסער דעם האָט נאָך אַנטיוכוס הרשע אַרויסגעגעבען אויפ'ן פאָלק פון יהודה גזרות שמד. ס'איז נישט ערלויבט מל צו זיין קינדער, צו היטען דעם הייליגען שבת. מיט געוואַלד נויט מען צו עסען טרפות, און ווער ס'וויל נישט פאָלגען ווערט בעשטראָפט מיטן טויט. אין דעם טרויער טאָג נאָך דעם ערשטען חורבן, שבעה-עשר-בתמוז, האָט אַנטיוכוס געשיקט קיין ירושלים זיין טיראַנישען סאַטראַפּ און דאָס הייליגע בית-המקדש פעראומרייניגט. אויפ'ן מזבח אין דער עזרה האָט מען געבראַכט אַ קרבן אַ חזיר און מיט זיין טמא בלוט האָט מען בעשפּריצט אַלע הייליגקייטען. די ספרי-תורות האָט מען פערברענט און אין הייליגען היכל האָט מען אַריין געשטעלט אַ „שקוץ משומם" (די פערוויסטענדע העסלעכקייט)—דאָס בילד פון גריכישען אָפּגאָט, צעאוס.

זיין בריף האָט דער אַלטער מתתיהו אויסגעלאָזט מיט די האַרצרייסענדע עלעגיע פון אָסף'ס מומור: (דאָס ניין אונזיבעציגסטע קאַפּיטעל פון תהלים)

„גערעכטער גאָט, ס'האָבען זיך אריינגעריסען
„פרעמדע היידען אין דיין אייגענטום.
„זיי האָבען פעראומרייניגט דיין הייליגען טעמפּעל;
„האָבען פערוואַנדעלט דאָס פּרעכטיגע ירושלים,

„אין שרעקליכע וויסטע רואינען !...
„זיי האָבען אַוועקגעגעבען די טויטע קערפּער
„פון דיינע געטרייע דיענער,
„אַ שפּייז פאַר די פויגעל פון הימעל.
„דאָס פלייש פון דיינע פרומע
„פאַר די ווילדע חיות פון לאַנד,
„און האָבען פערגאָסען זייער בלוט ווי וואַסער,
„אַרום ירושלים, ס'האָט קיינער צו בעגראָבען ...״

ווייטער בעפעהלט אין זיין בריף דער אַלטער מתתיהו, אז אַנטיגנוס און יהודה זאָלען צונויפנעמען אַלע פּאַרטיזאַנער, זיי זאָלען זיך צוטיילען אין קליינע גרופּעס, און זאָלען זיך לאָזען מיט פערשידענע וועגען צו דער גרויסער הייל מערת־אליהו, וואָס געפינט זיך אין די בערג אפרים. נור ער ראַטה זיי, אַז זיי זאָלען רייזען נאָר ביינאַכט און בייטאָג רוהען אין בעהעלטעניש׳ען, ווייל אויפ׳ן גאַנצען לאַנד זענען די יונים פערשפּרייט ווי אַ מחנה היישעריקען; און איבערהויפּט האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלען היטען דאָס געוועהר ווי אַנ'אויג אין קאָפּ. ער האָט אויסגעלאָזט זיין בריף מיט די דאָזיגע ווערטער:

.... עס וואַרט נאָך אויף אונז אַ שווערע, הייליגע אַר־בייט, מיר מוזען בעפרייען דאָס לאַנד פון די בלוטדורשטיגע חיות זאָגאַר ווען ס'וועט אויסקומען צו קעמפּפען ביז צום לעצ־טען טראָפּען בלוט.

אָבער מיר וועלען זיכער זיגען, ווייל מיט אונז איז דער שטאַרקער גאָט צבאות!

אַלע אָנוועזענדע האָבען צוריסען אויף זיך די קליידער. אַ טייל האָבען אויסגעבראָכען מיט אַ הויך יעמערליך געוויין. אַ טרויער האָט בעדעקט אַלעמענס פּנים׳ער. אין יהודה׳ס האַרץ האָט געברענט ווי אַ ווולקאַן, פון וועלכען די פלאַמען האָבען זיך נור טיילווייז אַדורכגעריסען דורך זיינע אויגען מיט אימה׳דיגע בליצען. ער האָט טרויעריג אויסגערופען מיט די ווערטער פון געטליכען נביא ישעיהו:

—טרייסט אייך מיין פאָלק. איהר האָט שוין בעקומען

פון גאָט דאָפּעלט פאַר אייערע זינד!...

נאָכהער האָט ער אַרויסגעכאַפּט די שווערד, אויפגעהויבען דאָס בלאַנקע שטאָהל אין דער הויך און געשוואוירען. אַלע אַנוועזענדע האָבען נאָכגעפאָלגט און מיט די בלאַנקע שווערדען אין דער הויך, האָבען זיי נאָכגעזאָגט:

—מיר שווערען ביי גאָט, ווי לאַנג מיר וועלען קענען האַלטען די שווערדען אין די הענד, וועלען מיר נישט רוהען ביז אונזער פאָלק וועט בעפרייט ווערען פון די בעדריקער!

די זון איז אויפגעגאַנגען העכער פון אונטער די בערג אַפער און האָט בעגאָסען מיט איהרע גאָלדענע שטראַהלען דאָס הייפעל איבערגעגעבענע, טאַפּפערע העלדען.

נאָך דעם האָבען זיי זיך נאָך לאַנג בעראַטען, ווי אַזוי זיך דורכצורייסען דורך די יונישע וואַכען. און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז באַלד נאָך היינט ביינאַכט איידער די לבנה וועט אויפגעהן, זאָל איין אָבטיילונג געפאַנצערטע, מכלומרשט מאַכען אַנ׳אָנפאַל אויף די יונישע וואַכען, וועלכע שטעהן אין דער זייט פון הרמון און איבער דער צייט זאָלען די איבריגע מיטן גאַנצען ווירטשאַפט זיך פּאַוואָלע אַרויסקלויבען פון לאַגער ווי אַם שטילסטען. אַנטיגנוס האָט נאָך צוגעגעבען:

—מ׳דאַרף געבען צו וויסען עוריה׳ן און אלעזר׳ן, אַז זיי זאָלען שטעהן גרייט מיט זייער פלוגה ביים אַדורכפאָהר, אפשר וועט זיין נויטיג זיי זאָלען שיצען די אָבטרעטענדע, אָבער וועמען שיקט מען אַהין?

—איך וועל געהן, — האָט אויסגערופען דער אַלטער שמעון הפרסי.

—אָבער עס שטעהן דאָך אַרום די יונישע וואַכען?

—אויב זיי וועלען נור נישט בעמערקען, אַז איך געה אַרוס פון דעם לאַגער, וועל איך מיר שוין מיט די יונים אַנ-עצה געבען,—דער געערטער ישוע זאָל מיך נור אַדורכפיהרען איבערן באַרג.

שמעון הפרסי האָט גענומען אַ לאַנגען שטעקען אין דער האַנד אַריין, די לירע אונטערן אָרעם. ישוע האָט זיך אויך

אָבגעזעגענט און ביידע האָבען זיך געלאָזט געהן באַרג אַרויף, דורכן געדיכטען וואַלד.

פאַרן אַוועקפאָהרען איז צוגעקומען דן צו די אָנפיהרער, וועלכע זענען געשטאַנען ביי אַ וואָגען, וואו מ׳האָט זאָרגפעליג פערפאַקט אין שטרוי דאָס רעשט איבערגעבליבענע געוועהר. דן איז שוין געוועזען געקליידט אין פולען קריעגס־אָרדנונג, אויסער דער מעשענער העלם, וואָס האָט געהאַנגען ביי זיין גאַרטעל, צוליב דעם פאַרבאַנדאַזשירטען קאָפּ און ער האָט שעמעוודיג אַרויסגעשטאַמעלט:

—כ׳וואָלט זעהר געבעטען, אַז מ׳זאָל מיר מיטגעבען שרקן, כ׳האָב געוואָלט אין איין וועגס אָבטרעטען אין גפנים ביי מיין אַלטע מ:טער, אַ חוץ דעם דאַרף איך נאָך ערגעץ וואו צו זיין...

אַנטיגנוס האָט אַדורכגענומען דנ׳ען מיט זיין דורכדרינגענדען בליק פון אונטען ביז אַרויף און האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

—אפשר ווילסט דו, ברודערקע, אונז פערלאָזען אויף שטענדיג? זאָג דעם אמת!

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דנ׳ס ברייט פנים ווי אָנגעצונדען, אויף זיין האַלז זענען אַרויסגעקומען דיקע אָדערן און ער האָט פון כעס אַזאַ זעץ געטהון אָן עק דיקען דראָנג פון וואָגען, אַז ס׳איז אַזש אָבגעשפרונגען אַ שטיק דראָנג ווי אַ שאָלעכץ פון אַנ׳איי און האָט דאַביי הויך אויסגעשריהען:

—איך וועל פערראַטען... אַז כ׳האָב געשוואוירען מיטן „פיילכעל” אין דער האַגד?...

—בערוהיג דיך, דן! — האָט זיך יהודה אָנגערופען — מיר גלויבען דיר פולקאָם, איך וועל מיטשיקען מיט דיר שרק׳ן, געוויס האָסטו עפּעס וויכטיגס.

אַבטליון פון גפנים, וועלכער איז אויך געוועזען אָנוועזענד, האָט פון זיין זייט צוגעגעבען:

—דער שמיעד דן, איז יעדען בעקאַנט מיט זיין עהרליכקייט, זיין וואָרט וועט ער נישט ברעכען. אויך איך מיט מיינע זיהן האָבען געוואָלט אָבטרעטען אין גפנים, סיי ווי דאַרף

מען זיך צוטיילען אויף קליינע גרופּעס, וועלען מיר זיך זאַלבעפינפט אַדורכקריגען דורך די בערג נפתלי, נעהנטער פון ים, ביז צו דער בעשטימטער הייל.

—גוט, — האָט יהודה געזאָגט, — פאָהרט מיט פריעדען און מיר אַלע זאָלען זיך דאָרט בקרוב זעהן.

פאַר האַלבע נאַכט, ווען אַלע זענען שוין געוועזען צוגעגרייט אין וועג אַריין, איז יהודה אַרויסגעריטען מיט אַן'אָבטיילונג געפּאַנצערטע און האָט לייכט פערטריבען די קליינע צאָל יונים, וועלכע האָבען געהאַלטען וואַך ביים אַרויספאָהר פון לאַגער, ווייל די גרעסערע כחות האָט אַנטיפּאס קאָנצענטרירט אַרום די בערג ביים וועג פון גילן, וואו ער האָט גערעכענט, אַז דאָרט אַרום וועט זיין פאַר די העברעער בעקוועמער צו אַנטלויפען. אָבער איבער דער צייט ביז וואַנען די יונים האָבען אויסגעפאָרמירט זייערע אָבטיילונגען צום שלאַכט, איז שוין געלונגען אַנטיגנוס'ן אַרויסצופיהרען אין דער פינסטערניש אַלע פאַרטיזאַנער, די וועגען מיטן געוועהר, זאָגאַר אַלע נייטיגסטע קריעגס-מכשירים.

אין אַ ווײלע אַרום ווי יהודה האָט דערזעהן עס מאַרשירען אויף זיי גרויסע אָבטיילונגען יונים מיט אַ רעש און אַ שטורם און די פּיילען האָבען אָנגעהויבען צו זשומען אין דער פינסטערניש ווי בייזע גייסטער, האָט ער געגעבען אַ סיגנאַל זיין פלוגה אויך אָבצוטרעטען. נור ער איינער איז נאָך געבליבען אַ ווײלע און זיך איינגעהאָרכט, וועלענדיג זיך אָריענטירען אין דער קראַפט פון אַטאַקירענדען שונא. נור דעמאָלט ווען די יונים האָבען זיך שוין דערנעהנטערט און די פּיילען זענען געפלויגען יעדעס מאָל געדיכטער, האָט ער אויסגעדרעהט מיטן פערד און אָנגעהויבען נאָכצורייטען זיין פלוגה.

אָבער אויפ'ן וועג ביים אַרויספאָהר פון לאַגער האָט יהודה דערזעהן יוסף המרומי, וועלכער האָט נור וואָס געהאַט פערבאַנדאַזשירט אַ פערוואונדעטען פון זיינע רייטער. אין דעם מאָמענט האָט אַ יונישע פייל געטראָפען יוסף המרומי אין האַלז און ער איז אַ פערוואונדעטער אַראָבגעפאַלען פון פערד, יהודה

איז אין איין אויגענבליק אַראָבגעפלויגען פון פערד. מיט אַני־אונגעהויערער געשיקטקייט אַרויפגענומען מיט זיך יוסף המרומי און ווי אַ קליין קינד האָט ער איהם געהאַלטען אַ פערבלוטיג־טען אויף דער האַנד. די יונישע פיילען זענען נור יעדעס מאָל אָבגעשפרונגען פון יהודה׳ס פאַנצער און העלם.

דער שוואַרצער „עורב", דערשפירענדיג די פעסטע שפּאָרען פון זיין בעל־הבית האָט נור אויסגעצויגען דעם קאָפּ מיטן האַלז פאָראויס און זיך געלאָזט מיט ביידע העלדען ווי אַ שטורמווינד נאָך די אָבטרעטענדע.

V

ס׳האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען. אַ העל־ראָזע שיין האָט זיך בעוויזען אויף מזרח זייט און די שטערן אויפ׳ן הייטערן הימעל האָבען אָנגעהויבען טיילוויז זיך אויסלעשען. עס בעווייזען זיך שוין שאַרפער די קאָנטורען פון די שפּיצען בוימער אין טיעפען וואַלד. צווישען די צווייגען כאַפּען זיך שוין אויף פון שלאָף מאַנכע פויגעלעך מיט אַ שטיליטשקע צוויטשעריי פון צייט צו צייט, גלייך זיי וואָלטען אָבגעריכט אַ שטילע תפלת-השחר לכבוד דעם פריהמאָרגען־שיין און יעדעס מאָל ווען ס׳טוט אַ בלאָז דאָס פריהמאָרגען ווינטעל, ווערט אַ גערויש אין דערהויך אין וואַלד צווישען דעם גרינעם ים און עס טהון זיך אַ שיט אַראָב אויף דער ערד דיקע טראָפּען טוי.

אין דעם טיעפען וואַלד, וואו ס׳הויבען זיך אָן די בערג נפתלי אין גליל העליון, נישט ווייט פון עין-בול, רייטען אויף אַ וועגעל צו מעריב זייט פינף רייטער. דאָס זענען אונזערע בעקאַנטע העלדען, אַבטליון מיט זיינע צוויי זיהן פון גפנים, דער שמיעד דן און שרק. די פערד זענען שוין מיעד, פערשוויצט, אויך די רייטער זענען מיעדע, פערשלאָפענע. שרק זיצט אין זאָטעל, דעם אָ אַראָבגעלאָזט אויף דער ברוסט און דרימעלט, פון צייט צו צייט טהוט ער אַ כאַפּ אַרויף ראַפּטעם דעם קאָפּ, גלייך אַ ביהן וואָלט איהם אָנגעביסען, און לאָזט איהם באַלד צוריק אַראָב. נור דן שלאָפט נישט. ער קוקט אויף אַלע זייטען מיט אַ פער׳מרה-שחורה׳טען בליק, יעדעס מאָל קלאַפּט ער מיט ליבשאַפט דאָס פערשוויצטע פערד איבערן אויסגעבויענעס האַלז מיט זייז ברייטער האַנד און מורמעלט צום פערד:

—גײה, גײה, שוואַרצער, װעסט דיך שױן באַלד אױסדרוהען.

דאָס פערד, גלײַך עס װאָלט איהם פערשטאַנען, הױבט די מעלכטיגע פיס מיט מעהר מוטה און שאָקעלט מיטן קאָפּ; דן שטאַמעלט אױס שטיל צו זיך זעלבסט:

—אַ גוט פערד האָט ער מיר אױסגעקליבען דער װעװוריק, — דן װאַרפט אַ ליבליכען בליק מיט אַ שמײכעל צו שרקן, װעלכער האַלט אַראָבגעבױגען דעם קאָפּ און דרימעלט. ער טהוט איהם מיט ליבשאַפט אַ שטורך אין דער זײַט:

—װאָס פּאָפּסט דו אַזױ, שװאַרצער װעװוריק? גלײַך װאָלסט שױן דרײַ נעכט נישט געשלאָפען.

שרק טהוט װידער אַ כאַפּ אַרױף ראַפּטעם דעם קאָפּ, ציהט זיך אױס אױפ'ן זאָטעל, טהוט אַ לאַנגען געניץ און רופט זיך אָן:

—יאָ, דו ביזט געלעגען אַ גאַנצען טאָג מיט דער פערבונדענער שמאַטע אױפ'ן קאָפּ װי אַ העלפאַנט אין דער בלאָטע, אָבער איך האָב אַ גאַנצען טאָג געאַרבײַט.

—דו בױגסט אַזױ אַראָב יעדעס מאָל דעם קאָפּ, װעסט איהם נאָך פערלירען. — האָט זיך דן אױך אַרױסגעכאַפּט מיט אַ װיץ.

—היט נור גוט דײַן קאָפּ, — האָט זיך שרק אָנגערופען אירא̈ניש, — װאָרום מיט דײַן גוטען קאָפּ װאָלסטו גלײַך געקענט װערען אַ פעלד-הער, װען נישט רפתיים...

אױף דעם שטאָכװאָרט „רפתיים", װאָס דער בעדױאינער האָט דערמאָנט, האָט דן אין דער-שטיל נור אַ זיפץ געטהון.

דער אַלטער אַבטליון, װעלכער איז געריטען פאָראױס, האָט אָבגעשטעלט דאָס פערד און זיך אָנגערופען:

—ס'איז שױן טאָג, מ'דאַרף קלערען זיך אָברוהען, די פערד זענען שױן מיעד.

זײ האָבען אָבגעדרעהט בײַ אַ קלײן טײַכעל, טיפער אין װאַלד אַרײַן, אױסגעזוכט אַ לעדיגען פּלאַץ בעװאַקסען מיט גראָז. מ'האָט אָבגעלאָזט די פערד אױף דער פּאַשע, אלעקסאַנ־

דער, אבטליון׳ס זוהן איז געבליבען אויף דער וואַך און די רעשט וואַנדערער זענען גלייך איינגעשלאָפען ווי גע׳הרג׳עטע.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אַרומגעדרעהט אין וואַלד, יעדעס מאָל אַכטונג געטהון אויף די פערד און אויף די שלאָפענדיגע קאַמעראַדען. ער זעלבסט איז אויך געוועזען שלעפעריג, די אויגען האָבען זיך איהם געקלעבט פון שלאָף און אין קאָפּ האָבען איהם געשוועבט פערשידענע געדאַנקען. אָט שטעלט זיך איהם פאָר דאָס דאָרף גפנים מיט די שענע פעלדער און וויינגערטנער, די גאַנצע פאַמיליע זיינע. אויך דערמאָנט ער זיך די צייט, ווען די יונים האָבען זיי געשמידט אין קייטען און נור אַ דאַנק יהודה׳ן זענען זיי ניצל געוואָרען. ער געדענקט, אַז דער היכער דן איז אויך דעמאָלט דאָרט געוועזען און ווי זיי האָבען געמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה צווישען די יונים. איצט זעהט ער דנ׳ען מיטן פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ ווי ער שלאָפט אויסגעצויגען אויפ׳ן גראָז. ער דערפיהלט עפּעס אַ בעזונדערע סימפּאַטיע צו דעם מגושמ׳דיגען שמיעד. איצט האָט ער זיך זעלבסט, אַלעקסאַנדער הייסט עס, שוין איינגעאיבט אין מיליטער-קונסט, ער איז שוין אויך געוואָרען אַ קעמפּפער פאַר דער בעפרייאונג פון לאַנד און אַזוי קומען איהם אויף די געדאַנקען פערשידענע זכרונות, בולדער פון דער נאָהנטער פערגאַנגענהייט.

אינדעם האָט ער דערהערט אַ מעלאָדיע פון א פייפעריל, וועלכעס דערנעהנטערט זיך יעדעס מאָל. אין אַ ווייַלע ארום איז אָנגעקומען אַ סטאַדע בהמות און נאָך זיי דער פאַסטוך מיטן פייפעריל. דערזעהענדיג אַלעקסאַסדערן אין פאַנצער מיטן געוועהר, האָט זיך דער פאַסטוך אַזוי איבערגעשראָקען, אַז דאָס פייפעריל איז איהם אַזש אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד. אָבער אַלעקסאַנדער האָט איהם בערוהיגט און אָנגעהויבען אויספרעגען אויף דער געגענד, אויב ס׳געפונען זיך נישט ערגעץ דאָ יונים. דער פאַסטוך האָט אַלעקסאַנדערן דערצעהלט, אַז נישט ווייט פון דאַנען אין וואַלד, רוהט אַנ׳אָבטיילונג יונים מיט געפאַנגענע העברעער, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זיי פיהרען ערגיץ אַוועק.

אַלעקסאַנדער האָט גלייך אויפגעוועקט דעם פּאָטער מיט די איבריגע קאַמעראַדען און האָט זיי מיטגעטיילט דאָס בייעס, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט ביים פּאַסטוך. דן איז באַלד געוואָרען אַזוי צוקאָכט, אַז ער האָט צוגערעדט די קאַמעראַדען מ׳זאָל גלייך אָנפאַלען אויף די יונים און באַפרייען די געפאַנגענע, ווייל ער האָט גערעכענט אויף זיכער, אַז זיין קציעה געפינט זיך אויך צווישען זיי. אַבטליון מיט שרק׳ן איז מיט גרויס מיה קוים געלונגען איבערצוצייגען דעם צוהיצטען דנ׳ען, אַז ס׳איז אַ גרויסער אונזין, דאָס פינף מאַן זאָלען אָנפאַלען אויף אַ גאַנצער אָבטיילונג. דער אַלטער אבטליון האָט זיך גוט אויסגעפרעגט דעם פּאַסטוך איבער דעם געגענד, וואו די יונים געפונען זיך און זיי האָבען בעשלאָסען צו וואַרטען ביז נאַכט, פריהער גוט אויסקוקען די פּאָזיציע פון די יונים און שפּעטער וועלען זיי קלערען וואָס ווייטער צו טהון.

דן איז אַ גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען ווי אויף ברענענדיגע קויהלען. ער האָט פּשוט נישט געקענט קיין אָרט געפונען. ער האָט נור יעדע מינוט געפוצט דאָס „פיילכעל", פּרובירט דערמיט צו פעכטען, געקוקט מיט אַ טרויעריגען בליק אין דער אַנגעוויזענער ריכטונג צו די יונים און געזיפצט שטילערהייד.

שוין פאַרנאַכט־צו, נאָך איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָבען זיך דן, שרק און אַלעקסאַנדער צוגעגרייט. זיי האָבען איבערגעלאָזט די שווערע פּאַנצערס מיט די שילדען און געלאָזט זיך פאָרזיכטיג דורכן וואַלד צו דער זייט פון די יונים. שרק איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער שטיל ווי אַ קאַץ. קיין גרעזעל האָט נישט קיין שאָרך געטהון אונטער זיינע פיס. אַלעקסאַנדער האָט אויך מאַרשירט ווי אַם שטילסטען. נור דן מיט זיינע שווערע טריט, ווי פיעל ער האָט נישט פּרובירט ווי אַם שטילסטען צו געהן, האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען. ס׳האָט אויסגעזעהן קאָמיש ווי ער שטעלט זיינע לאַנגע, ברייטע פיס, פּאַוואָלינקע, פאָרזיכטיג און טראָגט דעם אַלעם טהוט ער יעדעס מאָל אַ הויכען טופ מיט אַ פוס ערגעץ אין אַ גרעזעל, אָדער פּערטשעפּעט זיך אָן אַ טרוקענער צווייג, וועלכע טהוט

אַ הויכען קנאַק. שרק טהוט איהם אַ שטורך מיטן עק שפּיץ און פליסטערט שטיל:

—טופּע שוין נישט אַזוי הויך, דו העלפאַנט!

—עה, דו שוואַרצער וועוורק... — טהוט דן אַ וואָרטשע ווי צו זיך זעלבסט און מאַרשירט ווייטער.

אַם ענדע זענען זיי צוגעקומען צו אַ בערגעל אין וואַלד. דער בעדואינער האָט אויפגעשטעלט די אויערען, זיך איינגעהאָרכט און געגעבען אַ צייכען מ׳זאָל זיך אָבשטעלען. און ווירקליך, ס׳האָבען זיך דערטראָגען פון יענער זייט בערגעל עפּעס אונדייטליכע קולות און אַ געררודער. שרק האָט ווידער געגעבען אַ צייכען מיט דער האַנד, אַז די קאַמעראַדען זאָלען זיך אַנידערלעגען אויף דער ערד. ער האָט אויסגעקליבען דעם העכסטען בוים אויפ׳ן בערגעל און פלינק ווי אַ קאַץ האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפ׳ן שפּיץ בוים. פאַר זיינע אויגען האָט זיך פאָרגעשטעלט פאָלגענדעס בילד: אויף דער צווייטער זייט באַרג אין אַ טהאָל נעבען אַ טייכל, האָבען געלאַגערט בערך פונפציג יונישע סאָלדאַדען. אָן דער זייט ביי אַ פייער זענען געזעסען אַ גרופּע געפאַנגענע מענער, פרויען און קינדער. נור פון דערווייטענס האָט ער נישט געקענט דייטליך דערקענען זייערע פּנימער. באַלד האָט ער דערזעהן ווי אַנ׳עלטסטער פון די יונים פיהרט צו אַ סאָלדאַט אויפ׳ן בערגעל אַרויף נישט ווייט פון שרקן און טוישט די וואַך. דעם געטוישטען סאָלדאַט האָט ער מיטגענומען מיט זיך און ביידע האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין לאַגער אַריין. דער איבערגעבליבענער יון אויף דער וואַך האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט צווישען די בוימער מיט דעם שווערען שילד אויף דער לינקער האַנד און דעם שפּיז אין דער רעכטער און האָט עפּעס פרעהליכס שטיל אונטערגעזונגען.

שרק׳ן איז בליץ שנעל איינגעפאַלען אַ געדאַנק. ער האָט זיך שטילינקערהייד, אָהן מינדסטען שאָרך, אַראָבגעגליטשט פון בוים, צוגעקומען צו זיינע חברים און האָט זיך אַ ווײַלע מיט זיי עפּעס גע׳סוד׳עט. זיי זענען אַלע נאָך אַזוי געלעגען אַ לענגערע צייט אָהן מינדסטען צייכען פון לעבען. זיי האָבען גע-

הערט אין דער שטילקייט פון בין-השמשות דאָס געררודער אין לאַגער, אויך די שווערע טריט פון שפּאַצירענדען יון נעבען זיי אויף דער וואַך. אין וואַלד איז געוואָרען וואָס אַמאָל פינסטערער. די שטערן האָבען שוין געפינקעלט צווישען די צווייגען פון די בוימער אויפ׳ן טונקעל-בלויען הימעל. דער בעדואינער האָט איינגעוויקעלט זיין מאַנטעל, גענומען עס אונטערן אָרעם, פערשטעקט צוויי מעסערס אין דער גאַרטעל, און זיך פּאַוואָלינקע געגליטשט אויפ׳ן בויך שטיל ווי אַ שלאַנג צום יון אויף דער וואַך. דער יון האָט אַריינגעשטעקט דעם שווערען שפּיעז אין דער ערד, זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהם מיט ביידע הענד און האָט זיך פערקוקט צו די פייערן אין לאַגער.

דער בעדואינער האָט זיך אַלץ ווייטער געגליטשט הינטער איהם אויפ׳ן בויך, נאָכהער האָט ער זיך שטיל אויפגעהויבען און מיט איין שפּרונג ווי אַ טיגער איז ער אַרויפגעפאַלען אויפ׳ן יון, מאָמענטאַל פערוואָרפען אויף איהם דעם מאַנטעל, אַרומגעדרעהט דעם יון׳ס קאָפּ און אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט ער איהם אַנידערגעשליידערט פון הינטען אויף דער ערד, צוגעדריקט מיט די קניהען דעם האַלז און מיטן עק מאַנטעל האָט ער איהם פערשטאָפּט דאָס מויל. דער יון איז ראַפּטעם אַהינטערגעפאַלען ווי אַ קלאָץ, ער האָט פּרובירט עפּעס אַ געשריי צו טהון, אָבער אין האַלז האָט איהם געדריקט, דאָס מויל איז איהם געוועזען פערשטאָפּט, ס׳האָט זיך נור דערהערט אַ משונהדיגער ברום און אַ קרעכץ. דאַן איז באַלד צוגעפאַלען דן און געכאַפּט דעם יון מיטן פערבונדענעם קאָפּ אונטערן אָרעם, ווי עפּעס אַ לייכט שפּענדעל, און זיי האָבען זיך געלאָזט לויפען האַסטיג צוריק אין לאַגער אַריין.

דן האָט אַנידערגעשטעלט דעם יון נעבען פייער. אויפגעבונדען איהם דעם קאָפּ, צוגעשטעלט זיין מורא׳דיג „פיילכעל" צו דעם יון׳ס ברוסט. פון דער צווייטער זייט האָט זיך אַנידערגעשטעלט שרק מיט אַ מעסער האַרט פאַר דעם יון׳ס אויגען, וועלכער איז געשטאַנען איבערגעשראָקען און האָט זיך גאָר בישט געקאָנט אָריענטירען, וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען.

די פיס האָבען נור אונטער איהם געציטערט און פאַר שרעק האָט ביי איהם געקלאַפט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

אַבטליון, וועלכער האָט געקענט אַ ביסעל גריכיש האָט זיך געווענדט צום געפאַנגענעם:

—זאָלסט אַלץ זאָגען, וואָס מ'וועט דיך פרעגען, וועסט דו זיין פריי און זיך אומקעהרען צו דיינע קאַמעראַדען, קיין האָר פון קאָפּ וועט דיר נישט אַראָבפאַלען. זאָנסט, בלייבסטו טויט אויפ'ן אָרט.

דער יון איז געשטאַנען צומישט, אַרויפגעקוקט מיט שרעק אויף דן'ס הויכע, ברייטע פיגור, אויף די מורא'דיגע שווערד און האָט קוים אַרויסגערעדט:

—וואָס ווילט איהר פון מיר?... איך וועל אייך אַלץ זאָגען וואָס כ'ווייס, אַבי שענקט מיר מיין לעבען!

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער געפאַנגענער איז אַ שומרוני, אַ געדונגענער סאָלדאַט פון הויפּטמאַן אַנטיפּאַס'עס אַרמעע. זיין אָבטיילונג פיהרט ווירקליך שוין עטליכע טעג געפאַנגענע קיין עכו. דעם היינטיגען טאָג האָבען זיי גערוהט פון וועג און מאָרגען פריה האָבען זיי געזאָלט ווייטער אַוועקמאַרשירען. אויף אַבטליונס פראַגע: אויב עס געפינען זיך נישט ביי זיי די געפאַנגענע פון רפתיים? האָט דער שומרוני געענטפערט, אַז ניין. נור נעכטען האָט אַנ'עסקאָרטע פון צעהן געפאַנצערטע רייטער אַדורכגעפיהרט געפאַנגענע העברעער—עטליכע מאַנספערשוינען און איינע אַ יונגע, הויכע פרויענצימער. ער האָט געשילדערט דאָס עהנליכקייט פון קציעה און דער שומרוני האָט צוגעגעבען, אַז ער ווייסט, דאָס זיי האָבען אויך געזאָלט אָבפיהרען די געפאַנגענע קיין עכו.

ווי דן האָט דאָס דערהערט, איז ווידער זיין פנים געוואָרען משונה'דיג אויסגעקרומט, ער האָט זיך געווענדט אויף זיין שטייגער צו די קאַמעראַדען מיט אָבגעהאַקטע ווערטער.

—ס'איז פערפאַלען!... אייך אַלע קען איך שוין נישט לענגער אויפהאַלטען, אָבער איך מוז זי בעפרייען, ווען אויך, אַז זי וועט זיך געפינען היגטער די הרי חושך. אויסער, אַז

ב׳וועל פאַלען אַ טויטער... נור דו, ליבער חבר שרק, וועסט מיך נישט פערלאָזען. ס׳איז וואָהר ?...

—איך קען דיך נישט פערלאָזען, וואָרום דו אַליין וואָלסט נור צוריקגעקומען און דעם קלוגען קאָפּ דיינעם וואָלסט דו ערגעץ איבערגעלאָזט... — האָט שרק זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ קאָמפּלימענט אויף דן׳ס אַדרעס.

אַבטליון האָט זיך אַ ווײַלע פערקלערט. ער האָט בעמערקט אויף דן׳ס פּנים זיין ענטשלאָסענהייט אויף וואָס ס׳זאָל נישט זיין און ער האָט זיך אָנגערופען צו דן׳ען:

—נישט בלויז שרק וועט דיך נישט פערלאָזען, נור מיר אַלע פאָהרען מיט דיר מיט, אויב מ׳וועט נור די געפאַנגענע טרעפען וועט מען זיכער אַלע בעפרייען פון די שאַקאַלען.

דן איז איפגעשפּרונגען פאַר שמחה און מיט אַזאַ ענטוזיאַזם האָט ער געדרוקט דעם אַלטען אַבטליון די האַנד, אַז דער לעצטער האָט אויסגעשריהען פון וועהטאָג:

—געה שוין צו אַלדע רוחות מיט דיין דאַנקבאַרקייט!...

אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט אַ הויך געלעכטער.

זיי האָבען דעם געפאַנגענעם שומרוני צוגעבונדען צו אַ בוים און ווען אַלע זענען שוין געזעסען אויף די פערד גרייט אין וועג אַריין, האָט אַלעקסאַנדער מיט זיין שווערד איבערגעהאַקט די שטריק און בעפרייט דעם געפאַנגענעם און זיי אַלע זענען אַוועקגעריטען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אויף מעריב־ייט, דורך דער וויסטע, ערבות־חציר, קיין עכו.

צו מזרח זייט פון די בערג אפרים, שטעהט אויף אַ באַרג די אַלטע שטאָדט שילה מיט איהרע אייגענאַרטיגע געמויערטע געביידעס. פון אור־אַלטע צייטען איז די שטאָדט ביי די העברעער פערהייליגט, וואָרום אין שילה איז נאָך פון יהושע בן־נון׳ס צייטען אָן געשטאַנען דער משכן מיטן אָרון. אויבוואויל עס געפינט זיך שוין נישט דאָרט קיין שפור פון די אַלע הייליגקייטען, דאָך קומען פון דער גאַנצער געגענד אַרום, פרומע פילגרימען צו בעטען גאָט אין דער אַלטער שוהל, וואָס שטעהט לויט די טראַדיציע אויף דעם זעלבען אָרט, וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען דער משכן.

נור איצט זעהט די שטאָדט אויס כמעט ווי וויסט, וואָרום פון דער צייט, וואָס אַנטיוכוס הרשע האָט אַרויסגעגעבען זיינע טיראַנישע גזירות, וועלכע האָבען פערבאָטען אַלע העברעאישע רעליגיעזע מנהגים, זענען די פרומע איינוואוינער פון דער שטאָדט זיך צעלאָפען אין די בערג, אין די וויסטעס. אויסער אַ קליינע טייל איינוואוינער פון די העלעניסטען, וועלכע האָבען אָנגענומען דעם גריכישען געצענדינערישען גלויבען, מיט זיינע אויסגעלאַסענע אָרגיעס.

אין אַן׳אַלט געמויערט הויז אין מאַרק, אַנטקעגען די פערהייליגטע שוהל, זיצט דאָרט פון נעכטען אָן, תמר מיט איהר אַלטע געטרייע דיענסט חנה. די פרויען זענען פערשלאָסען אין אַ צימער, וואו אין דרויסען פאַרן פענסטער דרעהט זיך אַרום מיט אַ לאַנגען שפּיעז אין דער האַנד, אַ סאָלדאַט אויף דער

־לעך. תמר איז געוואָרען אינגאַנצען פערענדערט. איהר שען פנים איז געוואָרען בלייך, די רייצענדע בלויע אויגען זענען רויט פון וויינען, זי זיצט אָנגעשפאַרט דאָס בלאָנדע קעפּיל אויף דער האַנד און קוקט אַרויס פערטרויערט דורכ׳ן פענסטער.

די אַלטע חנה ווענדט צו תּמר׳ן איהרע פערוויינטע אויגען, ווישט זיי אויס מיטן שירץ, און רופט אויס מיט אַ געבעט:

—עס עפּעס מיין טייבעלע. נאָך וואָס זאָלסט דו דיר אויס וויינען דיינע שענע אויגען, זאָג איהם אַ גוט וואָרט, וועט ער אונז אַרויסלאָזען אויף דער פריי. פאַר דיר, וועט ער אַלץ טהון...

—לאָז מיך צורוה, ליבע חנה, כ׳קען נישט עסען, — ענט־פערט תמר און קוקט ווייטער דורכ׳ן פענסטער אויפ׳ן לעדיגען מאַרק, און זי זעהט ווידער ווי דער סאָלדאַט אויף דער וואַך דרעהט זיך אַרום פאַרן פענסטער מיטן שפּיעז אין דער האַנד; די אַלטע שוהל אַנטקעגענאיבער שטעהט ווי פער׳יתום׳ט, עפּיס אַנ׳אומעטיגער טרויער איז אַרויסגעגאָסען אויף די אַלטע, גרויע מויערען. זאָגאַר די לויטערע זון אויפ׳ן הימעל שיינט אַראָב ווי בלאַסער און דער העלער שאַפירענער הימעל זעהט אויך אויס אין תמר׳ס אויגען עפּיס טרויעריגער און טונקעלער. ס׳איז שטיל אין מאַרק, מען הערט נור די מאָנאָטאָנע טריט פון סאָלדאַט פאַרן פענסטער און מאַנכע מאָל שלייכט זיך אַדורך ווי אַ שאָטען אַנידערגעשלאָגענע פיגור פון אַ העברעער, אָדער אַ גרופּע גריכישע סאָלדאַדען מאַרשירען פערביי דורכ׳ן לעדיגען מאַרק און ס׳ווערט ווידער שטיל.

פּלוצלינג האָט תמר דערזעהן, ווי פון אַ זייטיג געסעל אַרויס, אַ געלויף פון קינדער מיט פרויען. ס׳האָט זיך דער־הערט אַ האַרצרייסענד געוויין און א גרופּע סאָלדאַטען האָבען אַרויסגעפיהרט אַ פערהיילטע פרויענצימער, מיט אַ פּיצעלע קינד אויף דער האַנד און אַ מאַן איז נאָכגעלאָפען מיט פערבראָכענע הענד, וועלכער האָט הויך געוויינט פאַרן עלטסטען. אָבער די סאָלדאַטען האָבען איהם יעדעס מאָל אָבגעשטויסען מיט די שפּיזען. די סאָלדאַטען האָבען זיך אָבגעשטעלט פאַר דער

אַלטער שוהל און תמר האָט געזעהן ווי אַ תלין האָט גע־נומען אויפהענגען די פרוי מיטן קינד אין טויער פון דער שוהל. דער מאַן האָט אויס פערצווייפלונג זיך געריסען די האָר פון קאָפּ און ווען ער האָט ווידער פּרובירט צולויפען צום תלין, האָט איהם אַ יון אַזאַ שטויס געטהון, אַז ער איז אַנידערגע־פאַלען אַ פערבלוטיגטער אויף דער ערד. תמר האָט זיך מיט גרויל אָבגעקעהרט פון פענסטער מיט טרערען אין די אויגען, נישט צוצוזעהן דאָס שוידערליכע בילד.

די אַלטע שומרונית, וועלכע פלעגט ברענגען דאָס עסען אין תפיסה, איז גראָד אַריינגעקומען אין צימער. תמר האָט זי געפרעגט אין וואָס אייגענטליך בעשטעהט דאָס פערברעכען פון די געהאָנגענע, די אַלטע האָט נור אויסגעשצירעט עטליכע געלע, קרומע ציין אין מויל און האָט זיך אָנגערופען:

—ס׳איז רעכט אויף די פאַנאַטיקערן, שוין צייט אַוועקצו־וואַרפען די באַרבאַרישע מנהגים. טראָץ דעם שטרענגען פער־באָט פון קעניג, האָט זי מל געווען איהר נייגעבוירען קינד. זאָל זי הענגען אין טויער צוזאַמען מיטן קליינעם שרץ!...

תמר האָט פון כעס נור אַ קריץ געטהון מיט איהרע ווייסע ציינדלעך, און אַ פייער האָט זיך אָנגעצינדען אין איהרע בלויע אויגען.

זי האָט זיך ווידער פערקלערט ביים פענסטער. עס קומען איהר אויפ׳ן זינען פערשיעדענע טרויעריגע געדאַנקען. זי שטעלט זיך פאָר די פערצווייפעלטע לאַגע פון איהר פאָלק, ווי אויך איהר אייגענע לאַגע. זי זיצט דאָ ווי געפאַנגען, אַ סאָלדאַט דרעהט זיך אַרום פאַרן פענסטער, וועלכער היט זי. אָ! אַמוועהניגסטען, ווען יהודה וואָלט פון דעם אַלעם געוואוסט וואָלט ער מיט אַלע מעגליכקייטען שוין געזוכט אַ וועג זי צו בעפרייען, אָבער ליידער איז זי אַזוי וויט פון יעדער הילף, זי געפינט זיך פולקאָם אין די הענד פון דעם צוהיצטען, קינדישען העלעניסט, וועלכער האָט זיך איבערגעגעבען מיט לייב און נשמה צו די פערהאַסטע יונים. אין די געדאַנקען שטעלט זי איהם אַנטקעגען דעם העלדישען פאַטריאָט יהודה. אַך, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט איז פאַרהאַ

צווישען זיי ביידע... פון דער צווייטער זייט ווידער, קיין שנאה קען זי נישט און בעדאַרף נישט צו פיהלען צו דעם געצערטעלטען קינד, יוחנן הגלילי. ער האָט דאָך זי אַרויסגעראַטעוועט פון זיכערע שאַנדע און אפשר אויך פון טויט. איצט זעהט זי דאָך אויך זיין הייסע ליעבע צו איהר, וויפיעל מאָל זי האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך, זאָגאַר בעליידיגט און טראָץ דעם אַלעם בעגעהט ער זיך מיט איהר אַזוי קאָרעקט, אַזוי איידעל. ער וואָלט גערן פאַר תמר׳ן דעם הימעל צו דער ערד צוגעבויגען. אָבער ווען דאָס זאָל זיך טרעפען ביי דעם כלומרשט געבילדעטען יון דעמעטעאוס?...

יעדאָך פיהלט זי עפּיס אַנ׳אַנטיפּאַטיע צו דעם העלעניזירטען העברעער, מיט זיין בלייך קינדיש פּנים, מיט זיינע באַנאַלע קאָמפּלימענטען. זי קען נישט פערטראָגען זיין דין קוויטשעדיג קול׳עכיל.

אינדעם האָט תמר דערזעהן דורכ׳ן פענסטער ווי יוחנן הגלילי לויפט אַריין צו איהר אין צימער, מיט אַ שטראַהלענדיג פּנים. זי האָט זיך גלייך אָבגעקעהרט פון פענסטער, בכדי זיך נישט צו טרעפען מיט זיין בליק. יוחנן איז אַריינגעקומען אין צימער אויף זיין שטייגער, לייכט, גראַציעז. ער האָט זיך העפליך פערנויגט פאַר תמר׳ן און אויסגערופען:

—וואָס איז דיין שען פּנים אַזוי טרויעריג, דו רייצענדע אַפראָדיטאַ פון אָלימפּ?

תמר׳ס פּנים האָט אויסגעדרוקט צאָרן מיט פעראַכטונג צו די גריכישע קאָמפּלימענטען און זי האָט זיך אָנגערופען:

--רוף מיך נישט מיטן נאָמען פון אייערע געטינס, איך בין דאָך אַ מענש פון בלוט און פלייש גלייך מיט אַלע! מיר העברעער האָבען נור איין גרויסען גאָט, אָהן שום געשטאַלט, אָהן קערפּערליכע בעגריפען, אַ גאָט אַ פערבאָרגענעם אין די הימלישע ספערען.

יוחנן האָט זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגען תמר׳ן ביים פענסטער און געענטפערט:

—אָבער יעדענפאַלס קענען מיר פערגלייכען די פענצ־

מענס אין דער וואונדערלִיכער נאַטור צו דער גאָטהייט, וועלכע זענען דורך איהר בעשאַפען.

— די גאָטהייט איז אָבער צו הויך און הייליג, מיר זאָלען זי פערקערפערן אין מענשליכע בעגריפען און לײדענשאַפטען.

—גלויב מיר, געליבטער מלאך מיינער, אַז ס'איז שוין צייט אָפּצואוואַרפען די אַלטע, פערשימעלטע טראַדיציעס. די איצטיגע עפּאָכע איז שוין אַדורכגעדרינגען מיט נייע פּראָגרעסיווע אַנשויאונגען און שטרעבונגען.

—כ'וואָלט זעהר געוואָלט וויסען די בעסערע פאָלגען פון די נייע שטרעבונגען. — האָט תמר שפּאָטיש אויסגערופען.

—די נייע שטרעבונגען בונדען אויף דעם מענש די הענד פון די קייטען מיט וועלכע די אַלטע געזעצגעבער האָבען אונז איינגעשמיעדט. דער מענש שפּירט זיך פריי צו געניסען פון די אַלע פערגעניגענס, מיט וועלכע די נאַטור האָט אונז בעשאָנקען.

—אָבער צו דער מענש לעבט גליקליכער מיט די אויפגעבונדענע הענד? —האָט תמר געפרעגט.

—געוויס דאַרף דער מענש זיין גליקליך מיט דער ציוויליזאַציע. — האָט יוחנן געענטפערט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל, בעוואונדערנדיג אין האַרצען תמר'ס חכמה מיט איהר ברייטע וועלט־אַנשויאונג. — די ציוויליזאַציע עפענט אונז די אויגען צו זעהן די וועלט און איהר ריכטיגען שיין. דעריבער דאַרף יעדער מענש צו שטרעבען צו ליכטיגקייט, זיך זעלבסט אויפצוהויבען העכער ווי אויך די גאַנצע מענשהייט!...

—אָט דאָרט זענען די פאָלגען פון אייער ציוויליזאַציע!

— האָט תמר אָנגעוויזען אויף דער אַנטקעגענאיבער געהאַנגענער פרוי מיט דעם קליינעם קינד, — אָט דאָס איז די ריכטיגע ערהאַבענע מענשהייט! דאָס טויטען די מוטער קען זיך נאָך לעגען אויף מיין פערשטאַנד, זי האָט נישט ערפילט די דעספּאָטישע געזעצען פון דעם טיראַן אַנטיוכוס, אָבער וואָס זענען שולדיג דער אונגליקליכער מאַן און דאָס פּיצעלע עופ'לע?!

יוחנן'ס בלייך פנים איז געוואָרען פערדרויטעלט פון בושה,

ער האָט נור שטיל אַרויסגעשטאַמעלט:

—עס גיבט מאַנכע מאָל אין לעבען אַזעלכע קאָנטראַסטען.

—און דאָס אויפפיהרען זיך פון דיין קולטורעלען חבר, דעמעטעאוס, וועלכען דו האָסס שטענדיג פערגעטערט, איז אויך אַ קאָנטראַסט פון לעבען? — האָט תמר געפרעגט מיט איראָניע און זי האָט דערצעהלט יוחנן דעמעטעאוס׳עס פאַלשע האַנדלונג אין בעצוג צו איהם און זיין ברוטאַלע אויפפיהרונג געגען תמר׳ן. אויך ווי ער איז שענדליך אַנטלאָפען פאַר די העברעאישע פאַרטיזאַנער, איבערלאָזענדיג זיין אַרמעע אין גרעסטען געפאַהר. אַם ענדע האָט זי מיט טריאומף אויסגערופען:

—און דאָס זאָל הייסען ערהאַבענע מענשהייט?!

—דעמעטעאוס׳ן האָב איך שוין לאַנג דערקענט פאַר אַ נידערטרעכטיגען מענש. — האָט יוחנן געענטפערט און גלייכצייטיג זיך ווידער פערדרויטעלט איבער די אויערן פון כעס און בושה.

—אַזעלכע נידערטרעכטיגע געפינט מען ביי אייך פיעל...

—אָבער וואָס טויגען מיר די דיסקוסיעס מיטן פילאָזאָפירען. מיין טייערער שאַץ, גיב מיר שוין דעם גוטען צוזאָג, אַז דו וועסט זיין מיינע און איך וועל צו דיינע פיס וואַרפען מיין קאַריערע, מיין רייכטום, מיין גאַנץ לעבען!

—איך האָב שוין דיר, געערטער יוחנן, נישט איינמאָל געזאָגט, אַז דיינע קען איך אויף קיין פאַל נישט זיין. מיין האַרץ געהער צו אַ צווייטען, וועלכען איך ליעב און שעץ הויך גלייכצייטיג.

—זעה, מיין געליעבט טייבעלע, — האָט יוחנן אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערדיג קול און זיינע בלויע קינדערישע אויגען זענען פערלאָפען מיט טרערען, — זעה ווי שטאַרק איך ליעב דיך, מיטן גאַנצען פייער פון מיין יונגע פיהלענדע נשמה. אָהן דיר איז מיר דאָס לעבען פער׳מיאוס׳ט. ווען דו ביזט דעמאָלט אַוועק פון גפנים, האָב איך מיר נישט געקענט קיין אָרט געפונען, אויס פערצווייפלונג בין איך אַריינגעטרעטען אין אַנטיוכוס׳עס אַרמעע, וועלכע האָט געקעמפפט אין עגיפטען. איך האָב מיט-

געמאַכט אַלע בלוטיגע שלאַכטען, כ׳האָב פעראַכטעט דאָס לעבען! כ״האָב מיך געוואָרפען אין אַלע גרעסטע געפאַהרען, צוליעב וועלכע כ׳האָב פערדיענט דעם טיטול אָפיציר און געוואונען די סימפּאַטיע פון הויפטמאַן אַפּאָלאָניוס און איצט, אַז כ׳האָב דיך געטראָפען דורך אַ גליקליכען צופאַל, זיי נישט צו מיר אַזוי קאַלט, אַזוי גרויזאַם! איך וואָלט געקענט זאָגאַר געגען דיר אָנווענדען די ברוטאַלע קראַפט, אָבער איך וויל דאָס נישט, דו ביזט ביי מיר צו הויך, צו הייליג, נור מיט אַ געבעט פאַל איך צו דיינע פיס.

און יוחנן איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, געפאַלען פאַר תמר׳ן אויף די קניהען, אויפגעהויבען די הענד ווי צו אַ תפילה און מיט טרערען אין די אויגען בעשעפטשעט:

— אָהן דיר איז מיין וועלט פינסטער! דאָס לעבן האָט ביי מיר קיין שום ווערט!... אין דיינע רייצענדע אויגען עפענען זיך פאַר מיר הימלען. דער שטראַהל פון דיינע אויגען איז אַ באַלזאַם צו מיין האַרץ!... שענק מיר שוין דיין הימלישען לעבענס־בליק, האָב רחמנות! רחמנות!...

יוחנן האָט נישט געקאָנט מעהר ריידען, די טרערען האָבען איהם געשטיקט אין האַלז. תמר האָט אַראָבגעלאָזט דאָס בלאָנדע קעפּעל אויף דער ברוסט, מיטביידע הענד האָט זי זיך פערשטעלט דאָס פנים און איז אַזוי געבליבען זיצען אונבעוועגליך ווי פערשטיינערט.

תמר׳ס שטילשווייגען האָט יוחנן צוגעגעבען מוט, ער האָט אָנגעכאַפּט איהר הענדטעל, צוגעדרוקט אָהן ווערטער צו זיינע ברענענדיגע ליפּען און ווי אַ וואַהנזיניגער זי ליידענשאַפטליך געקושט... ווען יוחנן האָט זיך עטוואָס בערוהיגט איז ער אויפגעשטאַנען און אויסגערופען מיט היץ:

— ס׳איז מיר שווער, זעהר שווער מיט דיר זיך צושיידען!... אָבער ליידער קען איך נישט לענגער מיט דיר פערבלייבען. דו, שענע הימלישע אַפראָדיטא! ווייל עס רופט מיך די האַרטע מיליטערישע פליכט. כ׳האָב בעקומען אַ דרינגענדען

בעפעהל פון הויפטמאַן אַפּאָלאָניוס מיט וויכטיגע אינסטרוקציעס פון קעניג צום פרינץ ליזיאַס, וועלכער האָט נור מיר דאָס פערטרויט. איך מוז נאָך היינט אָבענד אַוועק מיט מיין אָבטיילונג קיין עכו און דיך וועל איך אָבשיקען מיט אַנ'עהרענוואַך צו מיינע עלטערן קיין טבריה, עס וועט דיר דאָרט נישט פעהלען, ווי מען זאָגט, פון פויגעל מילך, נור זיי נישט צו מיר אַזוי גרויזאַם, זאָג שוין אַ גוט וואָרט !...

די אַלטע חנה, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אין ווינקעל הינטער יוחנן, האָט געוואונקען צו תמר'ן און געדראָהט מיט די פויסטען אין דער לופט, אַז זי זאָל איינשטימען אויף יוחנן'ס פאָרשלאַג.

תמר האָט זיך ווידער פערקלעהרט. זי האָט מיט זיך זעלבסט געפיהרט אַ אינערליכען קאַמפף. איינגאַנצען איהם ענטזאַגען, שטעלט זי אין געפאַהר זיך זעלבסט, אויך דעם אַלטען אלעזר, זאָל זי ווידער יוחנן אָבנאַרען, איז עס געגען איהר געוויסען. אַם ענדע האָט זיך אין תמר'ן דערוועקט די פרוי, מיט איהר צאַרטע פיהלענדע נאַטור. ס'האָט פיעל מיטגעווירקט דאָס דראָהען פון חנה'ן הינטער יוחנן'ס פּלייצע, ווי אויך יוחנן'ס הייסע, פון טיעפען האַרצען ליעבעס-ערקלערונג. דאָס אַלעס צוזאַמען האָט ווייכער געמאַכט איהר האַרץ. איהר ביז איצט שטרענג, בע'חנ'ט פנימל איז געוואָרען וואָס אַמאָל רוהיגער, מילדער. איהרע שענע בלויע אויגען זענען פערלאָפען מיט אַ פייכטקייט און זי האָט זיך אָנגערופען צו יוחנן:

—זעה נור אַרויסצולאָזען דעם אַלטען פישער פון געפענגניש !

יוחנן איז אויפגעשפרונגען גלייך אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהון.

—אָבער ווי איז דאָס מעגליך? ער האָט דאָך געטויט דעם בעסטען סאָלדאַט פון די רייטער און דער קאָמפּראָמיטירענדער בריף פון דעם יונגען חשמונאי איז נאָך פיעל ערגער... אויסער איך זעלבסט וואָלט געגאַנגען פאַר איהם אויף דער תליה...

—דער אַלטער דאַרף אָבער נישט ליידען דערפאַר, ער האָט אַלץ געטהון פאַר מיינעטוועגען. ווי איך זעה איין, האָסטו אַ גרויסען איינפלוס אויף די יונים, אַז דו וועסט נור וועלען וועסטו אַלץ קענען מאַכען. — און זי האָט געווענדט איהרע שענע אויגען צו יוחנן ווי מיט אַ געבעט.

יוחנן איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע ווי צוטומעלט, זיין בלייך, קינדיש פנים האָט זיך אויסגעקרומט מיט אַ משונה'דיגע גרימאַסע, נאַכהער האָט ער ארויסגעשטאַמעלט ווי צו זיך זעלבסט:

—איך וועל נאָך פרובען... כ'וועל ארויסוואַרפען אַ היבשע צאָל גאָלדענע טאלענטען, אפשר וועט דאָס פועלן... פאַר דיר, מיין טייערער שאַץ, בין איך גרייט אַלץ צו טהון!

—נו געה-זשע געשווינדער. וואָרום, אַז דו וועסט אַוועק פאָהרען איז דער אַלטער בראַווער מאַן פערפאַלען.

—אָבער...—האָט יוחנן געפרובט נאָך עפּיס צו ריידען, נור תמר האָט איהם איבערגעהאַקט מיט אַ שטרענגען, בעפעה-לענדען טאָן:

—געה, טהו וואָס מעגליך איז. אַז דער אַלטער וועט זיין פריי, וועלען מיר האָבען צייט צו ריידען...

יוחנן ווי פערהיפּנאָטיזירט דורך איהר רייצענדען בליק, איז אַרויסגעלאָפען פון צימער ווי פער'שכור'ט פון די שענע האָפענונגען.

צומאָרגנס פריע איז שוין געווען גרייט אַ קליינער קאַ-
ראַוואַן אין וועג אַריין. תמר מיט איהר דינסט חנה זענען
געזעסען אויף קעמלען, אַרומגערינגעלט דורך אַן׳עסקאָרטע פו-
צעהן בעוואָפענטע יונים. דער עלטסטער פון דער עסקאָרטע,
דמיטריאַס, אַן׳אַלטער, דורכגעטריבענער אין פיעל שלאַכטען
סאָלדאַט, האָט מיט אַלע מעגליכקייטען געזעהן צו פערשאַפע,
תמרן אַלע בעקוועמליכקייטען. אין דער צייט פון דער רייזע
אויף איהר וואָרט איז ער געווען שטענדיג גרייט מיט
רעספעקט אַלץ צו ערפולען, דאָך האָט ער נישט אַראָבגעלאָזט
קיין אויג פון תמר׳ן. מיט אונצו- טרוי האָט ער נאָכשפּיאָנירט
יעדע איהרע בעוועגונג, וואָרום ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען
אָנזאָג פון יוחנן זי צו היטען ווי אַן׳אויג אין קאָפּ.

דער אַלטער פישער אלעזר זיצט שוין אויך אויף זיין
עזעל, מיט וועלכען ער האָט זיך דערפרעהט ווי מיט אַ געפונע-
נעם אוצר און נישט אַזוי ווייט מיטן עזעל זעלבסט, ווי מיטן
זאָטעל, וואו ער האָט געהאַט בעהאַלטען דאָס ביסעל גאָלדשטיק-
לעך, וואָס שמעי האָט איהם נאָך מיטגעגעבען אויפ׳ן וועג אין
רפתיים. צום גליק האָבען דאָס די יונים נישט געפינען.
איצט אין אַ נויט וועט דאָס איהם זיין זעהר נוצליך, אפשר
וועט איהם פאָרט געלונגען אַרויסצורייסען תמרן פון די שאַ-
קאַלען...

איבער דער קליינער צייט, וואָס אלעזר איז געוועזען אין
געפענגניש געשמיעדט אין קייטען, האָט ער זיך פיעל פערענ-
דערט. ער איז געוואָרען מעהר פערעלטערט, זיין ערנסט פנים

איז געוואָרען נאָך ערנסטער און שטרענגער, און פון צייט צו צייט האָבען נור זיינע אויגען פון אונטער די לאַנגע ברעמען אַפער, געוואָרפען בייזע בליקען אויף די יונים, זיין גאַנצע פיגור איז געוואָרען אויסגעמאַטערט און די אָדערן אויף זיינע הענד און אויף דעם דיקען האַלז, זענען געוואָרען דיקער, אָנגעזעהעוודיגער.

דער קליינער קאַראַוואַן האָט געריהרט פון שילה מיט דעם וועג קיין סרטבה און דורך דער נידעריגער ירדן-פלעכע (ערבות הירדן) האָבען זיי געזאָלט רייזען קיין טבריה. פון שילה ביז סרטבה האָט זיך דער וועג געדרעהט צווישען בערג און טאָהלען, מיט פרעכטיגע וויינגערטנער, פון וועלכע מ׳האָט שוין אַראָבגעקליבען קוישען מיט גרויסע, זאַפטיגע טרויבען. אין די גערטנער איז שוין אויך צוגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע אַרבייט. מ׳האָט אַראָבגעקליבען די צייטיגע פרוכטען און געטראָגען זיי אין די שפייכלערס מיט פרעהליכע לידער און לויב-געזאַנגען, נור אומעטום, אַז מ׳האָט דערזעהן דעם קאַראַוואַן מיט די עסקאָרטע יונים, האָט תמר בעמערקט, ווי ס׳איז געפאַלען אַנ׳אימה אויף די אַרבייטער. די לידער זענען געוואָרען אינמיטען איבערגעהאַקט, די קוישען מיט פירות זענען אַרויסגעפאַלען פון זייערע הענד און די מענשען האָבען זיך בעהאַלטען צווישען די ביימער ווי צופלאָשעטע פויגעל.

תמר האָט זיך ווידער פערקלערט איבער דער טרויעריגער לאַגע פון איהר פאָלק. אַ שען גליקליך לאַנד, עס פליעסט מיט מילך און האָניג, נור די פערהאַסטע יונים פערביטערן דאָס לעבען פון דעם אונטערדריקטען פאָלק. מיט אַ שרעקליך אכזריות ווילען זיי דוקא אָנוואַרפען דעם פאָלק זייער פרעמדע געצענדינערישע רעליגיע, מיט געוואַלד ווילען זיי אַרויסרייסען פון ישראל׳ס הערצען די פונפצעהן-הונדערט יעהריגע אייגענאַרטיגע קולטור מיט די ערהאַבענע מאָראַלישע געזעצען פון תורת-משה!..

— אָך, פאַרוואָס זאָל זיך נישט געפונען צווישען דעם פאָלק כאָטש איין העלד פון די פערצייטישע אייזערנע

ייסטער, וועלכער זאָל דאָס אונטערדריקטע פֿאָלק באַפֿרייען! צי זענען שוין ווירקלעך די העבֿרעער אַזוי נידריג געפֿאַלען מיט זייער מוטה און טאַפּפּערקייט?

אָבער תּמר דערמאָנט זיך דאָס באַפֿרייען אַבטליונען מיט זיינע זיהן פֿון גפֿנים אין יענער נאַכֿט דורך די עטליכֿע טאַפּ־פּערע גבורים, ווי אויך דערמאָהנט זי זיך דעמעטעאוס׳עס עק־ספּעדיציע אין רפֿתיים, אַז אַ הייפֿעל פּאַרטיזאַנער האָבען אָנ־געמאַכֿט צווישען רעגולער געפּאַנצערט מיליטער אַזאַ מורא׳דיגע שחיטה. אויך געדענקט זי די דעמאָלסדיגע, יהודה׳ס פֿייערדיגע רעדע, פֿול מיט פּאַטאָס און האָפֿנונג. ס׳קלונגען נאָך אין איה־רע אויערען זיינע הייסע ווערטער, ווי די דאָזיגע העלדען האָ־בען זיך געשטעלט פֿאַר אַ הייליגען ציעל צו אָפּפּערען זייער אייגען לעבען, אום צו באַפֿרייען דאָס לאַנד פֿון די באַדריקער. דאַן קומט אַריין אין תּמר׳ס פֿיהלענד האַרץ אַ שטראַהל האָפֿ־נונג, ס׳איז איהר געוואָרען עפּיס לייכטער, גלייך עס וואָלט אַראָבגעפֿאַלען אַ שווערער שטיין פֿון איהר האַרץ.

אַ גאַנצען וועג ביז צום ירדן האָט גאָרנישט קיין אויסער־געוועהנליכֿעס פּאַסירט מיט דעם קאַראַוואַן. נאָך סרטבה האָט זיך דער וועג אַראָבגעלאָזט צו דער נידעריגער פֿלעכֿע ערבֿות־הירדן, און אָבגעקירעוועט לינקס צו צפֿון. ווי ווייט דאָס אויג קען דערזעהן באַווייזען זיך פֿרוכטבאַרע פֿעלדער און גערטנער מיט ברייטע לאָנקעס. אַ לויטערער בלויער הימעל איז אויסגע־שפּרייט אויף דער גאַנצער געגענד און די גליהענדע שטראַהלען פֿון דער ארץ־ישׂראל זון באַשיטען דעם גאַנצען רוים אַרום מיט אַ ים פֿון ליכטיגקייט. אויף מאַנכֿע ערטער באַווייזט זיך שוין אויפֿ׳ן האָריזאָנט דער מאַיעסטעטישער ירדן, וואָס שלענגעלט זיך ווי אַ בלויע געדיכֿטע סטענגע.

תּמר איז געזעסען אויפֿ׳ן גאַרב פֿון קעמעל פֿערטיעפֿט אין איהרע טרוימערישע געדאַנקען. דער אַלטער אלעזר איז געזעסען אויפֿ׳ן עזעל אויף זיין אַרט, פֿערבמורעט, שטילשווייגענד. ער האָט אַ גאַנצען וועג קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נור יעדעס

מאָל געוואָרפען פון אונטער די לאַנגע ברעמען אַפער, בייזע בליקען אויף דער עסקאָרטע. אַממעהרסטען האָט ער געקוקט קרום אויפ'ן עלטסטען דמיטריאס, וועלכער האָט מאַרשירטאַק פערשוויצטער מיט האַסטיגע טריט פאָראויס. איין יונגער סאָלדאַט האָס זיך זיכער דערמאָנט ביי די ברעגעס פון ירדן אָן זיין ווייטע היימאַט אין מעסאָפּאָטאַמיען ביים ברעג פון טייך פרת (עאופראט) האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ האַרציג ליעדעל, וועלכעס האָט זיך געצויגען מיט אַ טרויעריג-בענקענדע מעלאָדיע

שוין פאַרנאַכס-צו, די זון האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף מעריב, צו דער זייט פון די בערג אפרים, וועלכע האָבען פון דערווייטענס אויסגעוויזען ווי פערהילט אין בלויליכע, דורכזיכטיגע נעפּלען, האָט זיך דער קליינער קאַראַוואַן בעגעגענט מיט אַן אָבטיילונג גריכישע רייטער, וועלכע זענען געריטען קיין ירושלים. דער עלטסטער פון זיי, אַ הוכער, שלאַנקער יון מיט לאַכעדיגע אויגעלעך און דיקע ליפּען, האָט אָבגעשטעלט רעם קאַראַוואַן, מיט זיינע לאַכעדיגע אויגען האָט ער לאַנג בעטראַכט תמר'ן, נאַכהער האָט ער שטרענג געפרעגט:

—ווער זענט איהר?

דער אַלטער דמיטריאס האָט זיך מיליטעריש פערנויגט, אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פּאַרמעטענע מגילה פערזעהן מיט חתימות, און האָט זי דערלאַנגט דעם עלטסטען; אָבער אַז דער עלטסטער האָט נור דערקענט אַפּאָלאָניוס'עס חתימה, האָט ער גלייך פערארדענט מיט רעספּעקט צו מאַכען אַ וועג דעם קאַראַוואַן. ער איז נאָך לאַנג געזעסען אויפ'ן פערד, נאָכגעקוקט תמר'ן ווי זי הוידעט זיך אויפ'ן קעמעל און זיך אָנגערופען צו זיין קאמעראַד:

—דער פעלד-הערר אַפּאָלאָניוס האָט דערטאַפּט אין לאַנד יהודה עפּיס אַ וואונדערליך רייצענדע חאַריטא...

ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט זיך דער קאַראַוואַן אָבגעשטעלט ביי אַ יונג וועלדעל. די סאָלדאַטען האָבען מאָמענטאַל צוזאַמענגעשטעלט אַ געצעלט פאַר תמר'ן מיט

חנה'ן, מ'האָט אָנגעלעגט אַ פייער, צוגעגרייט נאַכט־עסען. די סאָלדאַטען האָבען זיך אַרומגעזעצט ביים פייער, דערצעהלט איינער דעם צווייטען די געשעהענישען פון די לעצטע מלחמות אין עגיפטען, און פרעהליך צווישען זיך געפּלוידערט.

דער אַלטער אלעזר מיט תמר'ן האָבען זיך עפּיס שטיל גע'סוד'עט, נאַכהער האָט זיך תמר אויך אַנידערגעזעצט ביים פייער און מיט אַ געמאַכטע פרעהליכקייט געפּלאַפּעלט מיט די סאָלדאַטען, כלומרשט אויסגעהערט מיט אויפמעקזאַמקייט זייערע ערצעהלונגען און דאַן זיך געווענדט מיט אַ שמייכעל צום אַלטען דמיטריאס:

—נו איצט בראַווער מאַן, נאָך די ערצעהלונגען פון די העלדישע סאָלדאַטען, וואָס האָבען מיך זעהר געוויילט וועסטו ערלויבען דיינע טאַפּפערע סאָלדאַטען בעשענקען זיי מיט עט־ליכע בעכערס וויין. — און זי האָט גלייך בעפוילען אלעזר'ן, ער זאָל ברענגען וויין מיט בעכערס. דער אַלטער אלעזר צוגעגאַנגען אויף זיין שטייגער שטילשווייגענד צו די זאָטלען פון די קעמלען, האָט אויפגעבונדען אַ לאָגעל וויין, וואָס יוחנן האָט געהאַט אָנגעגרייט פאַר תמר'ן אין וועג און האָט עס צו־געטראָגען צום פייער. אויף דמיטריאס'עס שטרענגען פנים האָט זיך אויסגעגאָסען אַ צופרידענער שמייכעל אוי ער האט זיך אָנגערופען:

—מיט פערגעניגען וועלען מיר טרונקען פאַר'ן געזונד פון די שענע בעצויבערענדע כלה פון אונזער יונגען הויפּטמאַן יוחנן.

ער האָט דער ערשטער אויסגעזופּט אַ פולען בעכער וויין, נאַכהער האָט אלעזר ארומגעטיילט אויך אַלע סאָלדאַטען און זיי האָבען צוזאַמען געטרונקען. דער אַלטער וויין האָט זיי גוט געשמעקט. ביי די כאָ'דאַטען האָבען זיך ביסלעכוויין אויפגע־בונדען ד צונגען, מ'האָט גענומען פּלאַפּלען מיט מעהר היץ. רעם אַ' אַ דמיטריאס'עס שטרענגע פנים האָט אויפגעשטראַהלט תמר האָט דאָס בעמערקט און האָט אויסגערופען צו אלעזר'ן:

—גיס אָן נאָך וויין, זאָל מען טרינקען פאַרן גליק פון סעלעוו קידישען געוועהר און פאַרן געזונד פון יונגען הויפּטמאַן יוחנן!

—בראַוואָ! — האָט דמיטריאס אויסגערופען מיט אַ שטראַהלענדיג פנים. — לעבען זאָל די רייצענדע, העלעניזירטע העברעערין!

די בעכערס האָבען זיך אויסגעלעדיגט איינער נאָכן צווייטען, עס האָבען זיך נור געהערט פרעהליכע אויסגעשרייען פון די סאָלדאַטען:

—צום געזונד פון בראַווען הופטמאַן יוחנן.

—צום געזונד פון דער פרעכטיגער בלום פון יהודה.

די פלוידערייען פון די יונים זענען געוואָרען וואָס אַמאָל שטאַרקער, ס'האָבען זיך דערהערט פרעהליכע ליעדלעך, דער אַלטער דמיטריאס האָט יעדעס מאָל אויסגעשריהען:

—נעלאַסען קאַמעראַדען, האַלט קאָפּ.. מיר זענען אין פעלד, מיט אַ בעפעהל!...

דמיטריאס'עס וואָרענען האָבען ווינציג וואָס געפועלט, ביסלעכווייז האָבען זיך די בעכערס אַלץ מעהר אויסגעלעדיגט ביז דער גאַנצער לאָגעל איז געוואָרען לעער. תמר איז אַריין אין געצעלט שלאָפען. דער אַלטער אלעזר איז געזעסען אָן אַ זייט, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, כלומרשט געדרימעלט און האָט געוואָרפען אונבעמערקט פון אונטער די לאַנגע ברעמען אַפער נייגיריגע וועלפישע בליקען צו די יונים.

די פלוידערייען פון די סאָלדאַטען זענען געוואָרען וואָס אַמאָל רוישיגער, די ליעדלעך שטורמישער, אָפט אָבגעהאַקט: דער אַלטער וויין האָט דאָס זייניגע געווירקט. מאַנכע סאָלדאַטען האָבען שוין אַראָבגעלאָזט די מיעדע קעפּ און געדרימעלט אַ טייל האָבען זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד ביים פייער און צו זיך זעלבסט אונפערשטענדליך געמורמעלט. ביסלעכווייז זענען אַלע סאָלדאַטען איינגעשלאָפען ווי געהרג'עטע, אויסער דער אַלטער דמיטריאס, וואָס האָט זיך נאָך אַרומגעדרעהט און צו זיך זעלבסט געוואָרטשעט:

—אַלע איינגעשלאָפען מיעדע, נישט אַוועקגעשטעלט קיין וואַך.. די בהמות איבערגעלאָזט הפקר פּאַשען זיך אויף דער

לאָנקע... און די שענע העברעערין שלאָפט שוין דאָרט איך צעלט עה, ס'רוישט אין קאָפּ. אַ מיאוסע זאַך דער וויין!...

אַם ענדע האָט דער אַלטער וויין און דאָס מיעדיגקייט איין גובר געווען דעם אַלטען פערהאַרטעווועטען סאָלדאַט, ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אונטער אַ בוים, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ איף דער ברוסט, און איז אויך איינגעשלאָפען.

אלעזר האָט זיך איינגעהאָרכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ס'איז געווען שטיל אַרום. ס'האָט זיך נור דערטראָגען דאָס מאָנאָטאננע, שטילע גערויש פון ירדן, און דאָס מורא'דיגע כראַפּען פון די איינגעשלאָפענע סאָלדאטען. אלעזר האָט זיך שטיל אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום ערשטען סאָלדאַט, וואָס האָט הויך געכראַפּעט ווי אַ גע'שחט'ענער אָקס, האָט ביי איהם אָבגעבונדען די שווערד, צוגעבונדען זי זיך צום גאַרטעל, אַרויסגענומען אַ פערשטעקטען שפּיעז פון דער ערד און שטיל אָנגעקלאַפּט אָן דער לייוואַנד פון געצעלט. תמר מיט חנה'ן זענען שוין געווען גרייט מיט די נויטיגע פעקלעך אין וועג אַריין און זיי האָבען אָנגעהויבען שטיל צו געהן; נור דער אַלטער פערהאַרטעוועטער דמיטריאס האָט דערהערט אין שלאָף עפּיס אַ שאָרך, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אויסרייבענדיג די פערשלאָפענע אויגען האָט ער שטרענג געפרעגט:

—ווער דרעהט זיך דאָס אַרום?

דער אַלטער אלעזר, ווי נור ער האָט דאָס בעמערקט ביים בלאַסען שיין פון אויסגעלאָשענעם פייער, האָט ער אַלס ענטפער איף דמיטריאס'עס פראַגע, אין איין אויגענבליק אַרויסגעכאַפּט די שווערד און מיט אַזאַ קראַפט אַ האַק געטהון איבער דמיטריואס'ס האַלז, אַז זיין אַלטער קאָפּ איז מיטאַמאָל אַוועקגעשפּרונגען אָן אַ זייט. ס'האָט נור אַ שפּריץ געטהון פון האַלז אַ שטראָם בלוט ווי פון אַ פאָנטאַן.

נאַכהער האָס ער אַרויסגענומען פון דמיטריאס'ס בוזעם די פּאַרמעטענע מגילה און געשעפּשעט צו זיך זעלבסט:

_יעדענפאַלס וועט דאָס נוצליך זיין אין וועג..

אלעזר האָט אָנגענומען די איבערגעשראָקענע תמר'ן פאַר־דער האַנד, ווי אויך די פאַר שרעק האַלב-טויטע חנה און שוויי־גענדיג האָבען זיי זיך געלאָזט מיט האַסטיגע טריט צו מעריב־זייט, צו די בערג אפרים.

די פינסטערניש פון דער נאַכט האָט זיי אַלעמען גע־שוויגד פערהילט און אריינגענומען אין איהרע שוואַרצע אָרעמס.

IIIV

צומאָרגענס פאַרנאַכט זענען אונזערע דריי אַנטלאָפענע, מידע און אויסגעמאַטערטע געקומען אין די בערג אַפּריבן, נישט ווייט פון דער בעשטימטער הייל צו וועלכע אלעזר האָט געצויגען. ס'איז געוועזען אַ גרויל צוצוזעהען ווי די איידעלע, אויפגעהאָדעוועטע אין וואוילטאָג תמר האָט געמוזט מאַרשירען אַזאַ ווייטע שטרעקע אין שרעק און איילעניש. איהר שען פּנימעל איז געוואָרען אויסגעמאַטערט און בלייך און אויך די אַלטע חנה האָט שוין קוים נאָכגעשלעפּט די פיס. יעדעס מאָל האָט זי זיך אַנדערגעגעצט אָפּרוהען זיפצענדיג און קרעכצענדיג, אָבער אלעזר האָט אַלץ ווייטער אונ'ברחמנות'דיג געאיילט.

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט נידריג אין דעם געדיכטען וואַלד, נור פון צווישען די צווייגען האָבען אַדורכגעשיינט איהרע לעצטע שטראַהלען און בעשיט מיט געגילטע פלעקען די דיקע שטאַמען פון די בוימער און דאָס גראָז אויף דער ערד. די לופט איז געוועזען קיהל, אַנגענעהם. אַ זיסער מהיה'דיגער אַראָמאַט איז נעווען פערשפּרייט אַרום און אַרום. די פויגעלעך זענען אַרומגעשפּרונגען צווישען די צווייגען מיט אַ שטיל צוויטשעריי. אויך פערשידענע פליגעלעך האָבען אַרומגעשוועבט מחנות־ווייז אין דער לופט און האָבען וואונדערליך אָבגעגלאַנצט אין די גאָלדענע פאַסען ליכטיגקייט, וועלכע האָבען זיך אַדורכגעריסען דורך די צווייגען. די וואַנדערער זענען שוין געגאַנגען מיט די לעצטע כחות, נור פלוצלינג איז אין וואַלד אויסגעוואַקסען ווי פון אונטער דער ערד אַפּער עפּיס אַ מאַן מיט אַ שפּיעז אין דער האַנד, בעטראַכטענדיג מיט אויפמערקזאַמקייט די דאָזיגע וואַנדערער, האָט ער געפרעגט אויף העברעאיש:

—ווער זענט איהר?

אלעזר האָט שוין געהאַט אָנגענומען די שטוהל פֿון דער שווערד, נור, ווי ער האָט דערהערט די העבּרעאישע שפּראַך, איז איהם ווי אַ שטיין אַראָב פֿון הארצען און האָט געענטפֿערט:

—מיר אַנטלויפֿען אויס דעם געפֿענגעניש פֿון די יונים.

—פֿריעדען אויף אייך, גאָט׳ס דיענער! — האָט דער אונבעקאַנטער אויסגערופֿען און האָט זיי גלייך צוגעפֿיהרט צו אַ געדיכט בּעוואַקסען אָרט מיט נידריגע קושאַקעס אונטער אַ גרויסען בּאַרג; זיי זענען געגאַנגען עטליכע טריט מיט אַנ׳אויסגעטרעטען שטעגעל, בּיז זיי זענען צוגעקומען צו אַ הייהל. דער אַריינגאַנג איז געוועזען פֿערלעגט מיט אַ גרויס שטיק פֿעלז. נור אין דער זייט איז געוועזען אַ קלענערער שטיין, וועלכען דער אונבּעקאַנטער האָט אַוועקגעדרעהט און אַריינגערעדט אין דער הייהל אַריין:

—נעמט אַריין די פֿערבּלאָנדזשעטע שעפֿעלעך, וועלכע אַנטלויפֿען פֿאַר די וועלף.

די אַנטלאָפֿענע זענען אַיינגעבּויגענערהייט אַריינגעקומען אין אַ גרויסע, פֿינסטערע הייהל. אָנפֿאַנגס זענען זיי געוואָרען אַרומגענומען מיט אַ שרעקליכע פֿינסטערניש, צוליעב וועלכער זיי האָבען פֿאַר זיך גאָר נישט געזעהען, נור בּיסלעכווייז האָט תּמר דערזעהן בּיים שוואַכען שיין פֿון לעמפּלעך בּוימאייל, וואָס האָבען געבּרענט בּיי די ווענט פֿון דער הייהל, אַ שרעקליך, טרויעריג בּילד. עטליכע הונדערט מענשען האָבען זיך אַרומגעבּלאָנקעט אין דער גרויסער הייהל, אַלטע לייט, מענער, קינדער, פֿרויען מיט קליינע קינדער בּיי דער בּרוסט. דער גרעסטער טייל האָבען זיך געוואַלגערט אויף דער ערד אין פֿערשידענע פּאָזען, אין דער פֿייכטער, פֿינסטערער הייהל, וואו ס׳איז געוועזען אַ פֿערדומפּענע לופֿט האָט זיך געהערט אַ פֿערשטיקט גערודער: מ׳האָט געהערט דאָס גערויש פֿון קליינוואַרג, אַ געוויין פֿון פּיצלעך קינדער, קרעכצען פֿון קראַנקע, און שוידערליכע זיפֿצען פֿון די עלטערע. די גאַנצע מענגע מענשען זענען געוועזען אַנטלאָפֿענע פֿון ירושלים פֿון די

שווידערליכע רציחות פון אַפּאָלאָניוס'ן. תמר האָט אויך דערקענט צווישען דער מאַסע, דעם גרייז-גרויען, געעהרטען רבן גמליאל בן טבאי. איינער פון די סנהדרין, וועלכען זי פלעגט אָפט זעהן ביי איהר פעטער שמעי אין ירוש'ים: ער איז געזעסען אָן אַ זייט אויף אַ שטיין, פערטיעפט אין עפּעס אַנ'אַלטע מגילה, און אַ גרופּע זקנים האָבען איהם אַרומגערינגעלט מיט עהרענפורכט.

נאָכהער האָט תמר געזעהען, ווי רבן גמליאל האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופען מיט אַ הויך קול:

—גאָט'ס אויסדערוועהלטע סטאַדע, מאַכט אייך. גרייט צו עמפּפאַנגען דעם הייליגען שבת, וועלכער קומט שוין אָן!

אין דער הייהל איז באַלד געוואָרען אַנ'אויסערגעוועהנליך גערודער, אַ טייל מענשען האָבען אָנגעגאָסען בוימאייל אין די לעמפּלעך, אַנדערע ווידער האָבען זיך געוואַשען. די פרויען האָבען זיך איבערגעקליידט, צוגעגרייט עסען. ווי דורך אַ צויבערקראַפט איז געוואָרען אויסגעגאָסען אויף אלעמענס פּנים'ער אַנ'ערהאַבענע, געטליכע בעגייסטערונג. זאָגאַר די פּיצלעך קינדער זענען אויך ווי איינגעשטילט געוואָרען. ס'האָט געהערשט אין דער גאַנצער הייהל אַ הויכע געטליכע שטימונג!

באַלד האָבען זיך פערזאַמעלט אין אַ ווינקעל אַלע מאַנספערשוינען, זיי האָבען זיך אויסגעדרעהט מיט די פּנים'ער צו דער זייט פון ירושלים און האָבען אָבגעריכט פון טיעפען האַרצען אַ תפילה צו דעם גרויסען גאָט פון זייערע עלטערן, דעם גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב.. שפּעטער האָבען זיך אַלע גענומען עסען זייער בעשיידען מאָלצייט מיט פרומע הימנען און ליעב-געזאַנגען.

תמר אַ מיעדע, אַנ'אויסגעמאַטערטע פון וועג. האָט זיך אַנידערגעלעגט מיט חנה'ן אויף אַ ביסעל טרוקען גראָז, וועלכעס אלעזר האָט זיי געהאַט אָנגעגרייט, און איז באַלד איינגעשלאָפען מיט וואונדערליכע חלומות, און אין איהרע טרוימערישע געדאַנקען האָבען געשוועבט געהיימניספולע הייליגע גייסטער פון די הימלישע ספערען. מיט מלאכים און שרפים..

צומאָרגענס שוין אַ שטיק נאָכמיטאָג, זענען געקומען צולויפען מיט שרעק די צושטעלטע וואַך־לייט און האָבען געמאָלדען, אַז ס'איז געקומען אַ גרויסע מחנה יונים און רינגלען אַרום די גאַנצע הייהל. אַנ'אונבעשרייבליכער כאַאָס איז געוואָרען צווישען דער פערזאַמעלטער מענשען־מאַסע. אויף אַלעמענס פנים'ער איז געוואָרען אויסגעגאָסען אַ פערצווייפעלטע אימה. צווישען די פרויען און די קינדער איז אויסגעבראָכען אַ יללה, און מאַנכע פרויען האָבען מיט שרעק צוגעטוליעט צו דער ברוסט זייערע קליינע קינדער, די מאַנספערשוינען האָבען זיך פערזאַמעלט בעבען אַ־יינגאַנג פון דער הייהל און האָבען געוואָרט מיט ענטשלאָסענהייט. ס'האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען גערעטען מ'זאָל פערמויערען דעם אַריינגאַנג מיט גרויסע שטיינער. אַנדערע ווידער, אַז מ'זאָל זיך וועהרען מיט געוועהר אין דער האַנד, און שטאַרבען מיט אַ העלדישען טויט. ס'איז געוואָ־ען אַ טומעל, מ'האָט זיך געאַמפערט און געשריען אויף פערשידענע קולות.

אָבער ס'איז ערשיענען דער גרייז־גרויער רבן גמליאל מיט נאָך איינעגע פרומע פרושים. אויף רבן גמליאל'ס פּאַטריאַרכאַלישען פנים איז געוועזען אויסגעגאָסען אַ הייליגער העלדענמוטה מיט אַ רוהיגער רעזיגנאַציע. און אויף זיין ברייטען, ווייסען געריבצעלטען שטערען, האָבען זיך נור בעוויזען נאָך טיעפערע קנייטשען, ווי עפּעס דורך אַ כשוף האָט זיך גלייך דער טומעל איינגעשטילט, און מיט אַ מעכטיגע שטים האָט ער אויסגערופען:

—בערוהיגט אייך, פון גאָט אויסדערוועהלט פאָלק! דער שטאַרקער גאָט צבאות, וועלכער האָט אונז פון לאַנגע צייטען בעוויזען וואונדער, וועט אונז איצט אויך בעשיצען מיט זיין מעכטיגע האַנד. זאָל מען צוערשט אויסהערען, וואָס די רשעים פערלאַנגען פון אונז, אָבער אויף קיין פאַל טאָרען מיר נישט פערשוועכען דעם הייליגען שבת.

צווישען די פערזאַמעלטע איז נור געוועזען אַ שטיל

זשומערייי ווי פון ביהנען אין אַ ביהנשטאָק.

די יונים האָבען איבער דער צייט אַרומגערינגעלט די הייהל פון אַלע זייטען. זייער הויפּטמאַן פיליפּאָס, איז געריטען אויף אַ ווייס פערד, אַ זילבערנעם העלם אויפ׳ן קאָפּ, און גאָלדענע שנירען אויף דער ברוסט. פיליפּאס איז געווען אַ דיקער, נידריגער מאַן שוין אין די מיטעלע יאָהרען מיט אַ אויסערגעוועהנליך גרויסען קאָפּ, מיט גרויע קרומע אויגען, אַנ׳עטוואָס אויסגעקרומט מויל, מיט אַרויסגעשטאַרטע קיהנבאַקען, וועלכעס האָט איהם צוגעגעבען אַנ׳אויסזעהן פון אַ ווילדע חיה. ער איז צוגעריטען צום אַריינגאַנג פון דער הייהל, אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל און די סאָלדאַטען האָבען מיט דיקע דרענגער אָבגעגדורעהט דעם גרויסען פעלז ביים אַריינגאַנג, נאָכהער האָט ער אויסגעשריען מיט אַ ריעזיגע שטימע:

—אין נאָמען פון גרויסען קיניג אַנטיוכוס עפּיפאנעס, פאָדער איך אויף, אייך העברעער, אַרויסצוקומען און זיך אונטערצוגעבען זיין בעפעהל!

דער אַלטער רבן-גמליאל מיט נאָך צוויי זקנים זענען אַרויסגעקומען פון דער הייהל, האָבען זיך מיט הכנעה פערנויגט פאַר פיליפּאס׳ן און רבן-גמליאל האָט איהם געפרעגט:

—וואָס פערלאַנגט פון אונז דער געעהרטער הויפּטמאַן?

פיליפּאס האָט אַדורכגענומען מיט זיינע קרומע אויגען די דריי זקנים, האָט געעפענט דאָס אויסגעדרעהטע מויל, פון וועלכען ס׳האָבען זיך בעוויזען גרויסע קרומע ציין ווי ביי אַ צורייצטען טיגער, און האָט זיך אָנגערופען:

—אין נאָמען פון גרויסען קיניג, וועלכער וויל מיט זיין עדעלקייט אַרויסרייסען פון דעם פאַנאַטישען פאָלק יהודה זייער בארבאַרישע רעליגיע מיט די העסליכע זיטען און איינפלאַנצען אין זיי די ערהאַבענע העלעניסטישע קולטור, וואָס ציוויליזירט און פערפיינערט די מענשהייט, זאָלט איהר אָוועקוואַרפען אייערע באַרבאַרישע מנהגים און זיין געהאָרכזאַם דעם קיניג׳ס בעפעהלען, ווייל אונזער גוטהערציגער קיניג פערלאַנגט נור אייער טובה איז גליק

—אויב דער קיניג איז ווירקליך אַ גוטהערציגער ווי דער הער פערזיכערט, וואָלט ער אונז בעסער געלאָזט צורוה, וואָרום מיר זענען צופריעדען מיט אונזער אייגענער קולטור, און מיט אונזער הייליגער תורה — האָט רבן־גמליאל געענטפערט.

פיליפאס'ס אימה'דיג פנים איז געוואָרען ווי אָנגעצונדען און ער האָט אַ דונער געטהון:

—ווי וואַגסטו דיך ווידערצושפעניגען דעם גוטהערציגען קיניג'ס בעפעהל?! ווען איך זאָל נור טהון איין וואונק, וועט דיין אַלטער באַרבאַרישער קאָפּ זיך וואַלגערען אויף דער ערד...

—דער טויט שרעקט מיך נישט אָב, — האָט רבן-גמליאל רוהיג געענטפערט.

פיליפאס מיט זיינע גרויע, קרומע אויגען האָט בעטראַכט דעם אַלטען מאַיסטעטישען גרייז פון אויבען ביז אַראָב. פיליפאס האָט בעוואונדערט זיין מוטה און ענטשלאָסענהייט, ס'האָבען זיך ווידער בעוויזען זיינע קרומע ציין, און ער האָט שפּאָטיש אויסגערופען:

—מיר וועלען זעהן, ווער ס'וועט זיין שטאַרקער, צי דער סעלעווקעדישער קיניג אַנטיוכוס, צי אייער פערהוילענער גאָט, וואָס איהר האָט אייך איינגעבילדעט אין דער פאַנטאַזיע.

—דער געערטער הויפטמאַן צוזאַמען מיטן קיניג, קענען נור בעצוואונגען אונזערע קערפּערס אָבער אויף קיין פאַל נישט אונזער ווילען, אונזער גייסט. דאָס איז אַ טייל פון דער אונבעגרייפליכער געטליכקייט!

—הער אויס, געערטער גרייז, — האָט פיליפאס זיך אָנגערופען שוין רוהיגער, — איך אַלס מיליטער־מאַן, שעץ דיין העלדענמוטה. דו האָסט געוויס אַנ'איינפלוס אויף דיינע ברידער, מוזט דו זעהן צו ווירקען זיי זאָלען נישט אומזיסט אומקומען. זאָלען זיי אַרויסקומען און זיך אונטערגעבען דעם קיניגס בעפעהל, זאָלען זיי מחלל זיין אייער נאַרישען שבת, זאָלען זיי צוריקקעהרען אין זייער היים, קיין האָר פון קאָפּ וועט זיי נישט ווערען געמינערט. זאָלסט וויסען, אַז אין דעם היינטיגען טאָג

זענען שוין אומגעקומען אין די הייהלען איינינגע הונדערט אַזעלכע פאַנאַטיקער ווי איהר, אויסער אַ קליינער טייל, וועלכע האָט זיך אונטערגעגעבען דעם קיניג'ס פאָדערונג. אויב נישט, זאָלסט דו וויסען, וועל איך אָנצינדען פייערן ביי דער הייהל, און אייך אַלע דערשטיקען ווי די שטשורעס אין די נאָרעס. איך האָב ערפאַהרען, אַז רויך איז דער בעסטער מיטעל. אַז דער רויך וועט אָנהויבען צו שטיקען, וועט איהר שוין זעלבסט אַרויסקומען ...

רבן-גמליאל'ס מאַיסטעטיש בלייך פנים איז געוואָרען פערענדערט, זיינע גרויע ברעמען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן. דער אַלטער פרומער תלמוד-חכם האָט נישט מורא געהאַט פאַר זיין אייגען לעבען, ער איז שטענדיג געוועזען גרייט אומצוקומען אויף קדוש השם, נור לויט דעם רשע'ס רייד האָט ער מורא געהאַט, אַז ביי די שרעקליכע ענוים קשים וועלען די שוואַכערע נישט אויסהאַלטען, און זיי וועלען נישט קענען ביישטעהן דעם גרויסען נסיון... איז רבן-גמליאל'ן גלייך איינגעפאַלען עפעס אַ געדאַנק און ער האָט זיך געווענדט מיט הכנעה צו פיליפאָס'ן:

—איהר וועט ערלויבען אונז צו געבען א שעה צייט זיך צובעראַטען, איך וועל פרובען מיך אַדורכצוריידען מיט מיינע ברידער:

—אָט אַזוי, געערטער גרייז, זיי קלוגער! האָט פיליפאָס אויסגערופען מונטערער, — אָ זעה! מיינע סאָלדאַטען טראָגען שוין צונויף האָלץ ביים אַריינגאַנג פון דער הייל, אָנצוצינדען די פייערען ...

י צוויי זקנים, וועלכע זענען מיט געוועזען מיט רבן-גמליאל'ן האָבען צווייפעלהאַפט געשאָקעלט מיט די אַקסלען. „צי-שוין-זשע, איז זייער פרומער רבי נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון?...

זיי זענען צוריק אַריין אין דער הייהל, רבן-גמליאל האָט צונויפגערופען אַלע אָנוועזענדע, און האָט פאַר זיי געהאַלטען אַריה-רענדע רעדע. אָנפאַנגס איז זיין שטימע געווען שטיל, האָט זיך בעגאָסען לאַנגזאַם ווי בוימאייל, פון אויפרעגונג האָט זיין קול

געציטערט. נור שפעטער, איז עס געוואָרען וואָס אַמאָל שטאַרקער, מעכטיגער. רבן גמליאל האָט אָנגעהויבען:

--געטרייע קינדער פון פאָלק ישראל! מיט אַ שווערען נסיון פּרובט אונז דער אַלמעכטיגער גאָט. אויב מיר זענען ווערט צו טראָגען דעם ליכטיגען פאַקעל פון אונזער תורה, צו ווייזען אַלע פעלקער איהר מענשענליבע און מאָראַל, אַזוי ווי ס'האָבען נביאות געזאָגט אונזערע געטליכע נביאים. איצט איז אויפגעשטאַנען דער דעספּאָטישער קיניג, אַנטיוכוס הרשע, וואָס וויל מיט געוואַלד אַרויסרייסען פון אונזערע הערצער די איידעלע הימלישע געבאָטען פון דעם איינציגען גאָט, און איינפלאַנצען זיין העסליכע געצנדינערישע רעליגיע, מיט די פערדאָרבענע אויסגעלאַסענע זיטען. מיט איין מאָל וויל דער רשע אָפּמעקען, חלילה, פון דער וועלט, דאָס פונפצעהן הונדערט יעהריגע פאָלק ישראל.

—שוין פיעל אַזעלכע טיראַנען זענען אויפגעשטאַנען צו פערטיליגען דאָס פאָלק ישראל; פרעה, נבוכדנצר, המן און ס'וועלען נאָך אויפשטעהן הונדערטער אַזעלכע טיראַנען אין פערשידענע צייטען, וועמענס איינציגער בעגעהר וועט זיין אָבצומעקען אונזער פאָלק פון דער ערד. אָבער זייערע צייגער וועלען צובראָכען ווערען און זיי וועלען פערגעסען ווערען אין דער אונענדליכער אייביגקייט. און דאָס הארטנעקיגע פאָלק ישראל וועט ווייטער בלייבען פעסט ביי זיין גלויבען ווי אַ פעלז אין ים! ווייל מיט אונז איז דער אַלמעכטינער מיט זיין „פייערדיג געזעץ"! מיר פערמאָגען דעם שטאַרקען בטחון אין דעם אייזערנעם ווילענס קראַפט!...

רבן-גמליאל'ס מאַיעסטעטיש פנים איז „וואָרען ווי אָנגעצינדען מיט אַ געטליך פייער, זיין שטימע האָט וואָס אַמאָל שטורמישער געקלונגען און אָבגעהילכט אָן די שטיינערנע ווענט פון דער פייכטער הייהל, און ער האָט ווייטער גערעדט:

- אויב־וואויל איז אַנ'אַנדער צייט איז ערלויבט מחלל שבת צו זיין ווען עס האַלט ביי סכנות־נפשות, נור איצט אין דער צייט פון גזירת־שמד, אַז די רשעים ווילען מיט געוואַלד

אונז אָבריסען פון דער הייליגער תורה, מוזען מיר זאָגאַר אויף דעם מינדסטען רעליגיעזען מנהג זיך מוסר נפש זיין, אָפּפערען אונזער אייגען לעבען, און דערמיט הייליגען זיין גרויסען נאָמען. זאָל מען די רשעים דערווייזען, אַז מיט דער ברוטאַלער קראַפט קען מען נישט בעהערשען דעם אונבעזיגטען מענשליכען גייסט!

צווישען די פערזאַמעלטע איז געוואָרען אַ געזיפצעריי. אַלעמענס אויגען האָבען זיך אויפגעהויבען צום הימעל מיט אַ אייגערליכער מסירת נפש, די פרויען האָבען שטיל געשלאָכצט, און די טרערען האָבען זיך געגאָסען פון זייערע אויגען טייכענווייז. רבן גמליאל האָט איבערגעכאַפט דעם אָטעם, אַרומגענומען מיט זיין פייערדיגען בליק אַלע אַנוועזענדע און האָט ווייטער גערעדט:

— הערט אויס, איהר אוראייניקלעך פון גאָט'ס געליבטען אברהם, וועלכער האָט דער ערשטער אַנערקענט דעם גרויסען איינציגען גאָט, צוליעב וועמענס הייליגען נאָמען האָט ער זיך געלאָזט אַריינוואַרפען אין קאַלך-אויווען פון נמרוד, און זיין געליבטען איינציגען זוהן געוואָלט מקריב זיין אויף דער עקידה. זאָל דער טויט אייך אויך נישט אָבשרעקען. וואָרום דאָס גאַנצע קורצע מענשליכע לעבען, וועלכעס איז פול מיט ליידען און שמערצען, איז געגליכען, ווי אונזערע חכמים זאָגען, צו אַ פאָדערהויז פון דעם הימלישען פרעכטיגען זאַל, וואָס וואַרט אויף אונזערע געטליכע נשמות!...

—ברודער און שוועסטער! זאָל אונז דיענען אַ ביישפיעל דער אַלטער אלעזר פון אַנטיאָכיען, פון וועלכען די חיה־רעה אַנטיוכוס האָט פערלאַנגט, ער זאָל אַמוועניגסטען עסען כשר פלייש פאַרן מזבח פון זיין אָבגאָט צעאוס, בכדי מ'זאָל מיינען, אַז ער עסט פון זייערע קרבנות! האָט ער זיך פון דעם אויך ענטזאַגט, און איז אומגעקומען אויף קידוש-השם. אויך די צדקת חנה, וועלכע האָט איהרע זיהן געבראַכט אַ קרבן פאַר אונזער גאָט און זיין הייליגע תורה. זאָגאַר דער יונגסטער זוהן, נאָך גאָר

אַ יונג קינד, אַז אַנטיוכוס הרשע האָט כּלומרשט אַרבגעלאָזט זיין סיגנעט פון פינגער אויף דער ערד, און זיך געבעטען, אַז דאָס קינד זאָל זיך איינבויגען און דעם סיגנעט אויפהויבען בכדי דער קיניג זאָל נישט פערשעמט בלייבען פאַר זיינע שרים און זיי זאָלען מיינען, אַז ער בוקט זיך פאַרן אָפּגאָט,—האָט דאָס קינד מיט דרייסטקייט איהם ענטזאָגט און האָט אויך אויסגעהויכט זיין ריין יונג נשמה׳לע, אונטער דער מערדערישער שווערד פון טיראַנישען הענקער. די אומגליקליכע מוטער האָט פון פערצווייפלונג אַרויפגעקלעטערט אויף אַ דאך און זיך אַראָבגעוואָרפען נאָכצופאָלגען נאָך איהרע געליעבטע זיהן!...

—דעריבער גאָטס־קינדער, זאָלען אייערע הערצער ווערען ווי אייזען און אייערע גייסטער ווי קופער, איבערצוטראָגען דעם שווערען נסיון. מיר מוזען אָפּפערן אונזער לעבען פאַר דעם הויכען ציעל, צו דערהאַלטען די עקזיסטענץ פון אונזער גייסטיג־שטאַרקען פאָלק! זאָלען מיר דערווייזען, אַז מיר קענען שטאַרבען פאַר די הויכע געזעצען פון אונזער תורה, אום צו הייליגען דעם גרויסען נאָמען פון דעם מעכטיגען גאָט צבאות!...

און מיט זיין גאַנצען כּוח האָט רבן־גמליאל אויסגעשריען:

—שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד!

פון הונדערטער ברוסטען האָט זיך אַרויסגעריסען דער זעלבער דעוויז נאָך זייער פרומען רבי, נור די פייכטע שטייגער פון דער הייהל האָבען אָבגעהילכט מיט אַ פערשטיקטען עכאָ:

—„שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד!"

מ׳האָט גלייך אַרויסגעשיקט צוויי זקנים צו פיליפּאָס׳ן מיט אַ קורצע תשובה:

—מיר ווילען דעם קיניג נישט פאָלגען און מיר ווילען נישט מחלל זיין דעם הייליגען שבת!

פיליפּאס׳עס מורא׳דיג פנים איז געוואָרען רויט ווי שאַרלאַך, ער האָט אַרויסגעגעבען אַ שטרענגען בעפעהל די סאָלדאַטען און זיי האָבען אונטערגעצינדען די אָנגעגרייטע שייטערס

האַלץ. די געדיכטע קנוילען שטיקענדען רויך האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינצוקויקלען אין דער הייכל אַריין ווי אכזריות׳דיגע שלוחים פון פערניכטונג.

תמר איז געשטאַנען אָן אַ זייט מיט חנה׳ן אָנגעלעהנט אָן אַ שטיין. זי האָט מיט אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די ריהרענדע האַרציגע ווערטער פון רבן גמליאל. איהר פיהלענדע נשמה האָט איינגעזאַפט אין זיך ווי אַ שוואָם יעדע איינציגע פראַזע פון דעם פרומען געטליכען רבי, און פון איהרע בלויע פער׳חלומ׳טע אויגען האָט זיך געלאָזט אַ שטראָם טרערען, וואָס זענען גערונען אויף איהר שען בע׳חנ׳ט פנים. זי איז אויך געווען גרייט יעדע מינוט אומצוקומען אויף קדוש־השם, און האָט נור געוואַרט אויף דער דעצידירענדער מינוט, מיט אַ העלדישע ענטשלאָסענהייט. ס׳איז איהר געקומען אויפ׳ן געדאַנק, איהר געליעבטער יהודה; אַך! ווען אם ווענינסטען ער וואָלט דאָ איצט מיט איהר מיטגעוועזען. זיי וואָלטען ביידע צוזאַמען געשטאָרבען, זי וואָלט זיך נאָך ביי דער לעצטער מינוט אָנגעזעט מיט זיין שען פרעכטיג געשטאַלט. עס דוכט זיך איהר, אַז דער טויט וואָלט דעמאָלט געוועזען אַזוי זיס, אַזוי אַנגעבעהם...

אויך דערמאָנט זיך תמר אָן איהרע עלטערען, אָן אַלע בעקאַנטע. זי האָט געזוכט מיט די אויגען דעם געערטען אלטען פישער, נור זי האָט איהם נישט געזעהן. נאָכהער האָט זי איהם אַרומגעזוכט אין דער גאַנצער הייכל, אָבער אומזיסט. אלעזר איז ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען. גלייך די ערד וואָלט איהם פערשלונגען, איבער דער צייט האָט שוין דער רויך אין דער הייכל שטאַרקער אָנגעהויבען צו שטיקען. תמר האָט זיך צוריקגעקעהרט צו חנה׳ן, האָט מיט ליעבשאַפט אַרומגענומען און צוגעדריקט איהר געטרייע דיענסט צום האַרצען און זי האָט זיך ווידער איבערגעגעבען צו די זעלבע טרויעריגע געדאַנקען!...

IX

דער אַלטער אלעזר האָט זיך ערָאינערט, אַז שוין לאַנג, נאָך אין די צייטען פון כהן־גדול חוניו דעם צווייטען, אין די בלוטיגע מלחמות פון אנטיוכוס דעם גרויסען מיטן בעריהמ־טען סקאָפּאָס, האָט ער מיט נאָך אַנדערע ענטלאָפענע זיך אויפגעהאַלטען אַ צייט אין דער זעלבער הייהל. ער דערמאָנט זיך, אַז פון דער לינקער זייט איז געוועזען אַ געהיימער אַרויסגאַנג, וואָס האָט געפיהרט אויף יענער זייט באַרג אין וואַלד אַריין. אלעזר האָט אונבעמערקט אָנגעהויבען צו טאַפען ביי דער וואַנד, געפרובט צו ריהרען יעדען אַרויסשטאַרענדען שטיין ביז אַם ענדע האָט ער אָנגעטראָפען אויף א גרויסען שטיין, וועלכער האָט זיך אַ ריהר געטהון, ער האָט מיטן גאַנ־צען כח איהם אָבגעדרעהט און ווירקליך: ס'האָט זיך בעוויזען אַ שמאָל לאָך, וועלכעס איז געוועזען פערשיט מיט ערד און שטיינער, ער האָט מיט די הענט אַוועקגעגרובען די שטיינער, ביז וואַנען מ'האָט שוין געקענט ווייטער קריכען איינגעבויגען. אויף מאַנכע ערטער איז געוועזען דער אַדורכגאַנג העכער, וואו מ'האָט געקענט גלייך געהן, מאַנכע מאָל ווידער, איז ער געוועזען אַזוי נידעריג, אַז אלעזר האָט געמוזט קריכען ווי אַ שלאַנג אויפ'ן בויך. וואו מעגליך האָט ער ווידער אין דער פינסטערניש ווי אַ מוילוואורף אַוועקגעגראָבען די ערד מיט די שטיינער, ביז ס'האָט זיך בעוויזען אַ בלאַסער שיין. ער איז צוגעקומען צום שיין, ס'האָט זיך באַלד דערשפירט אַ פרישערע לופט נור דער אַרויסגאַנג איז נאָך געוועזען פערלעגט מיט אַ גרויסען שטיין און פון די זייטען וואו דער שטיין האָט נישט

צוגעפּאַסט האָבּען אַדורכגעלויכטען שמאָלע פּאַסען ליכט. אלעזר האָט נאָך אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע כּחות און נאָך פיל מיה איז איהם קוים געלונגען דעם שטיין אָבּצוקיר׳עווען אין אַ זייט. אַ שטראָם פרישע לופט האָט ראַפּטום אַריינגעפלאָסען אין דעם פערדומפּענעם פערשטויבּטען קאָרידאָר, וועלכער האָט אלעזר׳ן עטוואָס דערפרישט.

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ; די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען. אַ מחיה׳דיגע קיהלע לופט פון אַ שטילען וואַלד האָט איהם אַרומגענומען. ער האָט שווער אָבגעאָטעמט, אָבּגעווישט דעם שווייס פון פערשוויצטען פּנים און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט אין דער הייהל אַריין.

דאָרט איז געוועזען אונבּעשרייבּליך שוידערליך. אַ געדיכטער בּייסענדער רויך האָט אַריינגעדרונגען אין דער גאַנצער הייהל און האָט זיך אַריינגעריסען אין יעדען ווינקעלע. די ענוים קשים פון די קדושים איז גאָר נישט צו בּעשרייבּען: אַ טייל זענען שוין געלעגען פער׳חלש׳טע אויף דער ערד, אַ טייל האָבּען זיך נאָך איינגעגראָבען מיט די פּנימ׳ער אין דער ערד, צו בּעקומען פרישערע לופט, די מוטערס האָבּען זאָנאַר געפּרובּט מיט די קליידער צו פערהילען זייערע קינדער פאַרן שטיקענדען רויך. הוסטען מיט קרעכצען האָבּען אָנגעפילט די גאַנצע לופט!...

אלעזר איז צוריקגעקנמען אַ פערשוויצטער, אַנ׳אויסגעשמירטער מיט ערד און בּלאָטע פון אויבּען בּיז אַראָבּ. צווישען די געדיכטע וואָלקענס בּייסענדיגען רויך האָט ער בּיי דעם שוואַכען שיין פון די צאַנקענדע לעמפּלעך, אויסגעזוכט דעם גרייז-גרויען רבּן גמליאל׳ן, וועלכער איז געזעסען אָנגעשפּאַרט בּיי דער וואַנד אַ פער׳חלש׳טער. אלעזר האָט איהם אָנגענומען צוגעטראָגען צום אַרויסגאַנג, וואו דער רויך איז נאָך געוועזען שוואַכער, און האָט נור אַרויסגערעדט:

–קריכט אַרויס, געערטער רבּי, דורך דעם לאָך, וואָרום איהר בּעדאַרפט נאָך שטאַרקען די שוואַכערע...

רבּן-גמליאל דערשפּירענדיג אַ עטוואָס פרישערע לופט,

האָט זיך אינסטינקטיוו געלאָזט קריכן אויף אַלע פיער וואָס אַמאָל ווייטער.

דערנאָך האָט אלעזר ווידער אויסגעזוכט אין דעם שטיקענדן רויך תמר׳ן מיט חנה׳ן, וועלכע זענען געלעגן אויף דער ערד, האַלטענדיג זיך מיט ליבשאַפט ביי די הענד, און האָבן געוואַרט אויף דעם שרעקליכן טויט. ער האָט זיי מיט געוואַלד קוים צוגעפירט צום אַרויסגאַנג און בעפוילן צו קריכן איינע נאָך די צווייטע.

צום סוף האָט אלעזר הויך אויסגערופן אין דער הייהל:

— ווער עס וויל זיך ראַטעווען זיין לעבן און אַנטלויפן פון דאַנען, זאָל מיר נאָכגעהן.

אַ בעדייטענדע צאָל מענשען, אַזעלכע וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט פערלוירען זייער בעוואוסזיין האָבן זיך געלאָזט נאָך אלעזר׳ן און זענען איינציגווייז געקראָכן דורכן אַרויסגאַנג אויף אַלע פיער, אבי אַרויס פון דעם ערדישען גיהנום.

פערשוויצטע, פערשמירטע און אויסגעמאַטערטע זענען צווישען די אַנדערע אַנטלאָפענע אויך אַריינגעקומען אונזערע פיער בעקאַנטע אין אַ וואַלד אַריין, וואו די ריינע קיהלע לופט האָט זיי ערשט דערפרישט. ס׳איז שוין געוועזען גוט פינסטער אין וואַלד, נור די שטערען אויפ׳ן הימעל האָבן אַרויסגעפינקעלט פון צווישען די צווייגען און דאָס קיהלע אָבענד-ווינדטל האָט ווי מיט מוטערליכע ליבע געגלעט די אויסגעמאַטערטע פנים׳ער פון די מאַרטירער.

אלעזר האָט אָבער זאָגאַר אויף איין מינוט נישט געלאָזט די אַנטרינענע זיך אָפּרוהען, נור האָט זיי אַלץ ווייטער געיאָגט און געיאָגט, און אַלע פיער זענען אַנטלאָפען ווייט אַוועק פון די יונישע בעסטיאַלישע מערדערייען, וואָס זענען אָבגעשהון געוואָרען אין נאָמען פון דער העלעניסטישער ציוויליזאַציע!...

זיי זענען אַזוי געלאָפען מיט די לעצטע כחות, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַנ׳עק וואַלד. די וואונדערליכע בערג אפרים האָבן זיך אויסגעצייכענט אויפ׳ן טונקעל-בלויען האָרי-

זאָגט מיט פערשידענע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען, ווי עפּעס געהיימניספולע שוואַרצע גייסטער, וועלכע האָבען פערשטעלט מיט זייערע גיגאַנטישע פינסטערע סילועטען די לעצטע אויסגעלאָשענע מאַטע שטראַהלען פון די פערגאַנגענע זון אויף מעריב זייט. די דאָזיגע בערג האָבען זיך אויסגעשפּרייט ווייט, ווייט, ביז זיי זענען געוואָרען ווי צוזאַמענגעשמאָלצען מיט דער אונענדליכער פינסטערקייט פון דער נאַכט. מיליאָנען שטערן האָבען אַראָבגעלויכטען פון דערהויך ווי פערשידענע, קלענערע און גרעסערע בריליאַנטען, אין דער פרעכטיגער בלויער חופה, וואָס איז אויסגעשפּרייט ווי אַ קאַפּעל איבער דעם פער'כשופ'טען לאַנד יהודה. ס'איז געווען שטיל אַרום, נור דער וואַלד האָט שטיליטשקע גערוישט. גלייך ער וואָלט זיך עפּעס גע'סוד'עט און דערצעהלט שטילערהייד אויפ'ן אויער, ס'זאָל קיינער נישט הערען, די מענשליכע אכזריות אויף גאָט'ס שענער פרעכטיגער וועלט.,.

פון די ווייטע בערג האָט זיך דערטראָגען אַ מעכטיג געבריל פון אַ לייב, וועלכעס האָט שוידערליך אַדורכגעשניטען די שטילע לופט. דער ווידערקלאַנג זיינער האָט זיך נאָך לאַנג געקויקעלט מיט שטורמישע אַקאָרדען, ווייט, ווייט, צווישען די בערג.

די אַנטלאָפענע האָבען זיך פון מידקייט אַנידערגעזעצט אויף דער ערד אָבצורוהען, און מיט דער פולער ברוסט האָבען זיי געשלונגען די מילדע קיהלע אָבענד-לופט. דער ערשטער האָט זיך רבן-גמליאל אָנגערופען:

—זאָל מען לויבען זיין ליבען נאָמען, וועלכער האָט אונז זיין נס בעוויזען!... אָבער מיר האָבען נור אַרויסגעראַטעוועט אונזערע אייגענע זינדיגע נפשות, און די אָרימע שעפעלעך פון גאָט'ס סטאַדע הויכען דאָרט אויס זייערע הייליגע נשמות אין אַ פיינליכער גסיסה!...

—איידער כ'בין אַרויס פון דער הייהל, — האט זיך אלעזר אָבגערופען ווי פערשעמט — האָב איך נאָך הויך אויסגערופען פון דעם געפונענעם אַרויסגאַנג און פיעל פון די קדושים האָבען

זיך נאָך אונז אַרויסגעראַטעוועט! — ס'האָט געהערשט אַ ווײַלע צווישען אַלע אַ געדריקטע שטילקייט, נאָכהער האָט אלעזר געפרעגט מיט זאָרג: — איצט גיט מיר, געערטער רבי, אַן עצה וואו זאָל איך בעהאַלטען ינאַי'ס טאָכטער פון גפנים?

רבן-גמליאל האָט זיך אַ ווײַלע פערקלערט און דערנאָך האָט ער פאַמעליך אָנגעהויבען:

—איך וועל דיר זאָגען מיין זוהן, די בעסטע עצה וואָלט געווען זאָלסט קענען מיט איהר פאָהרען קיין אלעקסאנדריען, ווייל פיעל מענשען פון יהודה, וועלכע האָבען נור געהאַט די מעגליכקייט זענען אַהין אַנטלאָפען, וואָרום דאָרט הערשט איצט אַ מלך-חסיד וואָס נעמט אויף פריינדליך די אַנטלאָפענע. נור ס'איז אַ פראַגע פון וואַנען וועסטו נעמען געלד אויף הוצאות? אויסער דעם איז די רייזע געפעהרליך, וואָרום די רשעים רוהען איצט מחנות-ווייז ביי די האַפענס...

—געלד אויף הוצאות האַב איך נאָך גענוג, — האָט זיך אלעזר אָנגערופען! — און כ'האָב אויך אַ אָנגעשריבענעם פאַרמעט מיט חתימות פון צורר אַפּאלאָניוס זעלבסט, צוליעב וועלכען כ'וועל אומעטום האָבען אַ פרייען אדורכפאָהר.

און אלעזר האָט דערצעהלט פאַר רבן-גמליאל'ן די אַלע פאַסירונגען מיט תמר'ן און שמעי-הכרמלי אין די בערג, ווי אויך פון נידערטרעכטיגען דעמעטאוס מיט יוחנן-הגלילי. אַלץ האָט ער איהם דערצעהלט.

רבן-גמליאן האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, האָט נור יעדעס מאָל לייכט צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ, פון וועלכען זיין פאַטריאַכאַלישע באָרד האָט זיך מאַיסטעטיש בעוואויגען. נאָכדעם האָט ער פרום אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און אויסגערופען:

—גרויס זענען די חסדים פון אַלמעכטיגען!

—וואָס-זשע זאָל מען איצט טהון, רבי? — האָט אלעזר געפרעגט פערזאָרגט.

—מיר וועלען צוגעהן צום נאָהנטען דערפעל בית-רימה. איך וועל אָנשרייבען און דיר מיטגעבען אַ בריף צו חוניו'ן

דעם זוהן פון כהן־גדול חוניו דעם דריטען, וואָס וואוינט אין אַלעקסאַנדריע און וועלכער איז געוועזען מיינער אַ תלמיד מובהק; ווי כ'האָב געהערט איז ער דאָרט געוואָרען אַ קרוב למלכות. דאָרט וועט אייך זיין גאַנץ גוט און איהר וועט קאָנען איבערוואַרטען ביז דער שטורם וועט אַדורך איבערן לאַנד יהודה.

—אָבער איהר, רבי, פאָהרט אויך מיט אונז מיט! — האָט זיך אלעזר געבעטען.

—איך וועל שוין נישט אַוועקפאָהרען פון דאַנען — האָט רבן־גמליאל אויסגערופען מיט היץ. — איצט אין דער צייט פון גזירת־שמד דאַרף מען שטאַרקען די שוואַכע שעפעלעך, פיהרען אין גלייכען וועג די אָפּגעשטאַנענע און מיין אַלטען גרויען קאָפּ וועל איך שוין אַנידערלעגען אויף דער געליבטער ערד, אויף וועלכער גאָטס בליק איז אַ גאַנץ יאָהר געווענדעט!...

זיי זענען גלייך צוגעגאַנגען צום דאָרף בית־רימה און נאָך די זעלבע נאַכט האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט רבן־גמליאל'ס אַ בריף צו חוניו'ן, אלעזר, תמר און חנה צו דער זייט פון ים קיין יפו.

דריטע טייל

I

פ׳זענען אַדורכגעגאַנגען די הייסע זומער טעג, ווי אויך דער טרוקענער הערבסט; די מענשען אין לאַנד יהודה האָבען שוין אַראָבגעקליבען די פרוכטען פון די פּרדסים, די וויינטרויבען פון די וויינגערטנער, מ׳האָט שוין אַלץ איינגעזאַמעלט אין די שייערן, שפּייכלערס און קעלטערס. ס׳איז אויך שוין אַדורכגעגאַנגען דער פרעהליכער חג־האסיף, (איינזאַמלונגס יום־טוב, סכּות) מיט דער טראַדיציאָנעלער „שמחת בית השואבה", אָבער דער פרעהליכער יום־טוב איז דאָס יאָהר אַדורכגעגאַנגען אין לאַנד יהודה, שטיל, טרויעריג; די טראַדיציאָנעלע מנהגים האָט מען געפייערט אין דערהיים, אין בעהעלטעניש. די העברעער האָבען שוין נישט אַזוי ווי אַמאָל, עולה־רגל געווען קיין ירושלים, זיך אָנצוזעטען מיט דער הייליגער שמחה, מיטן בייסטיגען פערגעניגען אין פרעכטיגען בית־המקדש, נור גאָטס היכל איז געשטאַנען פעראומרייניגט, וויסט און לעער. דער פאַלשער כּהן־גדול מענעלעאַוס, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען די כּהונה־גדולה פאַר געלד, ביי דעם קעניג אַנטיוכוס הרשע, האָט זיך

אַרומגעדרעהט אין דעם לײדיגען היכל כּמעט אײנער אַלײן און האָט זיך נור אײנגעהאָרכט אין דעם װידערקלאַנג פֿון זײנע אײגענע טריט אין די הויכע זאַלען פֿון בית־המקדש.

ס׳זענען אָנגעקומען די טריבע רעגען־טעג, דער הימעל פֿון לאַנד יהודה האָט זיך פֿערצױגען מיט שװערע בלײערנע װאָלקענס און אַ געדיכטער רעגען האָט געגאָסען שױן אײניגע טעג, האָט אָנגעזעטיגט די דורשטיגע, האַרטע ערד און שפּע׳דיג צוריק אָנגעפֿילט די אױסגעטרוקענטע װאַסערן און די טײַכען. די שװאַרצע װאָלקענס אױפ׳ן הימעל האָבען אָהן אױפֿהער געגאָסען מיט דיקע טראָפּען רעגען, גלײך זײ װאָלטען אױך געװײנט מיט געדיכטע טרערען אױפ׳ן ביטערען גורל פֿון לאַנד יהודה.

אין שטעדטיל מודעים, װעלכעס ליגט אין אַ פֿערװאָרפֿען װינקעל, בישט װײט פֿון עמק-אילון. האָט זיך בעזעצט אַ מיוחס׳דיגע פֿרומע משפּחה כּהנים, װעלכע האָבען זיך גערופֿען חשמונאים און װאָס האָבען גערעכענט זײער יחוס נאָך פֿון כּהן-גדול צדוק׳ס הויז. די דאָזיגע משפּחה איז געװעזען אין יענע צײטען זעהר געאַכטעט און געשעצט בײ די העברעער, װײל ס׳האָבען זיך בײ זײ פֿעראײניגט גאָטספֿאָרכטיגקײט, חכמה מיט העלדענמוטה צוזאַמען. די זעלבע משפּחה האָט צוערשט געװאױנט אין ירושלים, און האָט פֿערנומען בּכּבוד׳דיגע אַמטען אין בית־המקדש אין די צײטען פֿון כּהן־גדול ישוע, אָדער װי די גריכען האָבען איהם גערופֿען יאַזאָן. נור פֿון דער צײט אָן, װען ס׳האָבען זיך געמאַכט די שרעקליכע בּהלות אין ירושלים, האָבען זײ זיך בעזעצט אין דעם שטילען שטעדטיל מודעים און דאָרט געפֿיהרט אַ בעשײדען, פֿרום לעבען. גלײכצײטיג האָבען זײ זיך פֿערשטענדיגט מיט אַלע אָנגעזעהענע פּרושים און פּאַטריאָטען אין לאַנד, נעפֿיהרט אַ פֿערביסענעם קאַמף מיט די העלעניסטען. אױך האָבען זײ זיך בעטײליגט אין אַ געהײמע אָרגאַניזאַציע, װעלכע האָט געשטרעבט בײ יעדער מעגליכער געלעגענהײט צו מאַכען אַנ׳אױפשטאַנד געגען די פֿער-

האַסטע יונים און האָבען געהאָפט צו בעפרייען דאָס פאָלק פון טיראַנישע בעדריקער.

אין אַ גרויס הויז אין מודעים אין אַ הינטער־געסעל, האָט געוואוינט דער עלטסטער פון די חשמונאים מתתיהו בן יוחנן מיט זיינע פינף זיהן: יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר און יונתן, אַלע שעָנע, הויכע, העלדישע מענשען, מיט הויכע רעליגיעזער און וועלטליכער בילדונג, מיט אַ אינערליכען שטאָלץ און פעסטען מוטה.

אין אַ גרויסען צימער נעבען פענסטער זיצט דער אַלטער מתתיהו פערקלערט און קוקט אויף די געדיכטע טראָפּענס רעגען וואָס פאַלען אָהן אויפהער פון הימעל און בעגיסען דאָס שטילע, קויטיגע הינטער-געסעלע. זיין מאַיסטעטיש און שטרענג פּנים דריקט אויס זאָרג מיט האַרץ-וועהטאָג. דער הויכער, בריי- טער שטערן איז טיעף געקנייטשט, זיין רונדע גרויע באָרד אַרום דעם שענעם אַריסטאָקראַטישען פּנים גיט איהם צו אַנ׳- אויסזעהן פון אַ געפאַנ:ענעם קעניג. זיין הויכע ריזיגע פיגור איז שוין עטוואָס איינגעבויגען, פון דעם שווערען ביטע- רען לאַסט, וואָס זיין געליבט פאָלק טראָגט איבער די לעצט צייטען.

ביים טיש זיצען מתתיהו׳ס עלטערע זיהן, יוחנן מיט שמעון און רעדען צווישען זיך שטילערהייד. ס׳זיצט אויך אונזער אַלטער בעקאַנטער שמעי הכרמלי און איז פערטיעפט אין אַנ׳אַלטער מגילה. דער אַלטער ירושלימער מאַגנאַט איז געוואָרען דורך די עטליכע וואָכען זעהר געעלטערט, אויסגע- מאַטערט. זיין גוטמוטיג שיינענדיג פּנים איז געוואָרען עהנליך צו דעם פאַרמעט פון דער אַלטער מגילה אין וועלכער ער איז אַזוי פערטיפט. עס זיצט אויך ביים טיש מתתיהו׳ס יונגסטער זוהן יונתן, אַנ׳אויסערגעוועהנליך שענער יונגערמאַן. ער איז אויך איינגאַנצען עהנליך צו יהודה׳ן. יונתן זיצט צוזאַמען מיט אונזער בעקאַנטען יוסף המרומי, וועלכען יהודה האָט מיט אַזאַ העלדישקייט אַרויסגעראַטעוועט אַ פערוואונדעטען אין יענער נאַכט, ווען זיי האָבען זיך אַדורכגעשלאָגען מיט שטורם דורך דעם

הויפטמאַן אַנטיפּאָס׳עס אַרמעע; יוסף-המרומי׳ס האַלז איז נאָך אַלץ אַרומגעבונדען און עס ווייזט זיך אָפּויר אַ צייכען פון אַ פערהיילטער וואונד.

אונזער בעקאַנטער העלד יהודה זיצט בעזונדער אין אַ זייט, די הענט צוזאַמענגעלעגט אויף דער ברוסט, מיט אַ שטרענג פערכמורעט פּנים. נור פון צייט צו צייט וואַרפען זיי־נע שוואַרצע אויגען שרעקליכע בליקען, אַמאָל אויף די אַנווע־זענדע, אַמאָל אין דרויסען אַרויס אויף די טריבע בלייערנע וואָלקענס, גלייך ער וואָלט געזוכט עפּעס אַ געגנער און וואָלט געוואָלט די גאַנצע וועלט אַרויסרופען צום קאַמף... ווארום פון דער צייט, וואָס ער האָט צוריקגעקעהרט פון לאַגער ביים נהר־הצפוני און האָט תמר׳ן נישט געטראָפען אין דערהיים, איז זיין האַרץ געוואָרען פערוואונדעט גלייך אַ פייל פון בויגען וואָלט עס אַדורכגעלעכערט. אָ, אַם ווענינסטען ווען ער וואָלט געוואוסט וואו זיין געליעבט וועזען געפונט זיך... עס קומט יהודה׳ן אויפ׳ן געדאַנק דער פערהאַסטער דעמעטעאוס. אַך, ווען ער זאָל איהם קענען ערגעץ בעגעגנען און זיך מיט איהם אָב־רעכענען!... דאַן די לעצטע געשעהענישען אין לאַנד האָבען שוין געגנצליך זיין פיהלענד האַרץ פערבלוטיגט. ער וואָלט גערן געלאָפען, געהאַקט, געבראָכען, געקעמפט, נור דעם פאָטער׳ס שטרענגער בעפעהל האַלט איהם אין געפענגעניש, ער איז עהנ־ליך צו אַ פערוואונדעטען לייב אין דער אייזערנער שטייג...

אין גאַנצען צימער האָט געהערשט אַ שרעקליכע, שווערע געדריקטע שטימונג.

דער אַלטער מתתיהו האָט אַוועקגעדרעהט דעם קאָפּ פון פענסטער, אַרומגענומען מיט אַ טריבען בליק אַלע אין צימער און אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין מעכטיגער ברוסט.

— וואָס זיפצסטו אַזוי שטענדיג, געליעבטער פאָטער? — האָט זיך שמעון אָנגערופען — מיט זאָרג ווערסטו גאָרנישט מאַ־כען, ס׳וועט דיר נור בלויז שאַדען צום געזונד.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט זיפצען? — האָט מתתיהו אויס־

געשריגן. — ווּעה איז מיר וואָס איך בין געבוירען געוואָרען, איך מוז צוזעהן דאָס אומגליק פון מיין פאָלק, גאָט׳ס בית־המקדש איז אין פעראומרייניגטע הענט, אונזער שעהנע ציהרונג — אין דער מאַכט פון אַ באַנדע רויבער. יהודה האָט פערלוירען איהר שעהנייט, פון אַ הערין איבער פעלקער איז זי אַ דיענסט געוואָרען !... צו וואָס־זשע זאָלען מיר נאָך לעבען ? !

— אָבער דאָס קלאָגען און זיפצען וועט אונז גאָרנישט העלפען — האָט יהודה מוטיג אויסגערופען — מיר בעדאַרפען עפּעס טהון !

— וואָס קענען מיר דען טהון ? — האָט מתתיהו ווייטער געקלאָגט, — אַז אַלע אָנפיהרער זענען געוואָרען פעריאָגט ווי אַ סטאַדע צופלאָשעטע שעפּסען פאַר די וועלף. גאָט׳ס צאָרן איז געוואָרען אויסגעגאָסען אויף דעם געליבטען לאַנד !

— מיר מוזען אָבער זעלבסט אַרויסטרעטען, צוזאַמענקלויבען די צופלאָשעטע... — האָט יהודה געענטפערט.

די טהיר פון צימער האָט זיך געעפענט, ס׳איז אַריינגעקומען אונזער בעקאַנטער אלעזר החורני אַדורכגעווייקט פון רעגען. דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסען שטראָמענווייז פון זיינע שוואַרצע האָר, פון זיינע קליידער און טראָף דעם וואָס ער איז געוועזען אַדורכגענעצט, געפרוירען, איז ער געוועזען פרעהליך געשטימט, אויף זיין שענעם פּנים איז געוועזען אויסגעגאָסען אַ מילדער שמייכעל; דאָס ערשטע האָט ער זיך מיט אַלע בעגריסט :

— פרידען אויף דיר, ליעבער פאָטער ! פרידען אויף אייך אַלע ! — האָט אלעזר אויסגערופען.

— אָבער וואָס איז אויף דיר מיין זוהן אַזאַ שמחה ? — האָט מתתיהו געפרעגט — דערצעהל אונז בעסער וואָס הערט זיך אין אייער פלוגה ?

—יואַרט אויס אַ ווײַלע, ליעבער פאָטער, איך וועל אַלעס דערצעהלען, כ׳וויל זיך נור אַביסעל אָבטרוקענען פון רעגען, כ׳האָב גישט אויף זיך קיין טרוקענעם פאָדים. — און האָט זיך צולאַכט

מיט אַ האַרציג געלעכטער, אויף וועלכען ס'איז נור פעהיג די געזונטע יוגענד.

אלעזר האָט אַראָבגענומען פון זיך דעם אָדורכגענעצטען מאַנטעל, אויפגעהאָנגען אַנטקעגען איבער דעם פייער, וואָס האָט געברענט אויפ'ן קוימען, אויפגעגאַרטעלט זיין לאַנגע שווערד און אוועקגעשטעלט. ער אַליין האָט זיך אויך אַנידערגעשטעלט ביים ברענענדיגען פייער, אָבגעווישט דאָס נאַסע פנים מיט די נאַסע הענט און האָט אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען:

— כ'האָב אַרומגערייזט צווישען די בערג אפרים ביי אַלע אָבטיילונגען, אָבער די טאַפּפערע קאַמעראַדען ווערען איצט פערשוואַרצט אין די רעגען-וועטערס. זיי וואַלגערן זיך גרופּעסווייז אין די וועלדער, אין געצעלטען, אין ביידלעך, ווייל אין די היילען איז געפעהרליך זיך אויפצוהאַלטען, וואָרום עס שלעפּען זיך אָפּט אַרום גרעסערע מחנות יונים, וואָס זוכען אַלץ די ענטלאָפענע פרושים, וועלכע וועקען דאָס פאָלק מיט פלאַמענדיגע ווערטער צו בלייבען טריי גאָט'ס הייליגע תורה. אויסער די איינע הייל „מערת-אליהו", וואו מיר האָבען בעהאַלטען דאָס געוועהר, האָבען צום גליק די שאַקאַלען מעהר נישט געפונען. פאַר עטליכע וואָכען איז דער טיראַן פיליפּאָס מיט אַ גרויסע אַרמעע בעפאַלען אין אַ שבת טאָג אַלע היילען, וואו ס'האָבען זיך געפונען הענכער טויזענד מענשען, זקנים, פרויען מיט קינדער און האָבען אויף אַ מערדערליכען אופן אַלע אומגעבראַכט, ווייל זיי האָבען נישט געפאָלגט אנטיוכוס'עס שמד-גזירות, אַ דאַנק די געטליכע פרושים, וועלכע האָבען מיט זייערע פייערדיגע רייד געלערנט דאָס פאָלק שטאַרבען אויף קידוש-השם און נישט אָבצוטרעטען אויף אַ האָר פון גאָט'ס געזעצען.

יהודה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט און האָט אויסגערופען מיט איראָניע:

— אונזערע געלעהרטע פרושים לערנען נור דאָס פאָלק שטאַרבען, אָבער צו זיי וואָלטען נישט פיל גלייכער געטהון.

ווען זיי זאָלען לערנען דאָס פאָלק לעבען און קעמפען פאַר דער פרייהייט !...

— זאָלסט וויסען, מיין קינד — האָט זיך מתתיהו אָנגערופען — מיר בעדאַרפען נישט גרינג־שעצען אונזערע פרומע פרושים; זיי זענען די זיילען פון פאָלק, דער פאַקעל, וועלכער בעלויכט דעם פינסטערען וועג פון ישראל, וואָרום ווען נישט די געצעהלטע קדושים, וועלכע זענען מקריב זייער לעבען אויף קידוש־השם און בעצייכענען מיט זייער בלוט די ערהאַבענע געזעצען פון דער תורה, וואָלט שוין חלילה פון פאָלק ישראל קיין שפור נישט געבליבען...

—אָבער מיר מוזען דאָך אויך עפּעס טהון, משה רבנו האָט אויך אָנגעשריבען אין דער תורה: „גאָט וועט בענשען אַלץ וואָס דו וועסט טהון". דאָס ערשטע דאַרף מען מתיר זיין, אַז אין דער צייט פון מלחמה, זאָל ערלויבט זיין צו קעמפען אין שבת, וואָרום די רשעים זוכען ספּעציעל אויס דעם הייליגען טאָג שבת, בכדי זיי זאָלען קענען אונז אויסקוילען אונגעשטערט גלייך ווי מען קוילעט געבונדענע שעפּסען!

— מיר זעלבסט טאָרען דאָס נישט טהון, נור מען מוז צוזוּיפרופען אַ בית־דין פון חכמים, זיי זאָלען מתיר זיין — האָט מתתיהו געענטפערט.

דער אַלטער שמעי, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, האָט אויך צוגעגעבען:

— ווען כ'בין נאָך געוועזען אין ירושלים, האָב איך גערעדט וועגען דעם ענין מיט מיין פריינד דעם געלעהרטען רבן־גמליאל בן טבאי, ער האָט אויך מסכים געוועזען, אַז ס'איז נויטיג, דאָס די סנהדרין זאָלען מתיר זיין דאָס קעמפען אין שבת.

— דאָס איז אונבעדינגט נויטיג — האַבען מתתיהו'ס אַלע זיהן אויסגערופען.

דער אַלטער מתתיהו האָט זיך ווידער פערקלערט, מיט דעם זעלבען טרויעריגען בליק האָט ער ווייטער ארויסגעקוקט אויף דעם שטילען געסעל. דער רעגען האָט מיטאָג־צייט שוין

געהאַט אויפגעהערט. נור אַ צפון-ווינד האָט נאָך געטריבען שוואַרצע, מורא׳דיגע וואָלקענס אויפ׳ן הימעל און דער ווינד האָט אין דרויסען געשטורעמט, צוגלייך מיט די שטורמישע הער־צער פון די הייסע איבערגעגעבענע פאַטריאָטען. נאָכהער האָט זיך מתתיהו ווידער געווענדעט צו אלעזר׳ן:

— דערצעהל מיר מיין קינד, צי די מענשען פון אייער פלוגה זענען נאָך אַלע דאָ? צי האָבען זיי זיך נישט געטראָפען ווען ס׳איז מיט די יונישע אָבטיילונגען?

— זיי זענען אַלע געזונד און פריש, איינגעטיילט אין קלענערע גרופּעס אויך קומען נאָך צו נייע מענשען, וועלכע בעטען זיך מ׳זאָל זיי געבען געוועהר, וואָרום אנטיגנוס מיט זיין קלוגען קאָפּ מאַנעווורירט אַזוי קונציג מיט די פּאַרטיזאַנישע אָבטיילונגען, אַז זיי מיידען אויס יעדע געפאַהר. אויך דער אַלטער בעטלער שמעון הפּרסי איז פיעל בייהילפיג, ווען ס׳דראָהט אַ געפאַהר גיט ער גלייך צו וויסען, נור די בעסטע פינף העלדען, אבטליון מיט זיינע זיהן, שרק און דן, אַזוי ווי זיי האָבען זיך אָבגעטיילט ביים נהר-הצפוני, אַזוי זענען זיי פערשוואונדען ווי אין וואַסער אַריין; אַנטיגנוס רעכענט, אַז זיי זענען געבליבען אין דער היים. יעדענפאַלס איז אַ שאָד די מענשען, זיי וואָלטען געקענט פיעל נוצען ברענגען.

— דאָס גלויב איך נישט, אַז זיי זענען געבליבען אין דערהיים מיט׳ן גוטען ווילען. — האָט יהודה אויסגערופען — דער בעדואינער איז מיר געווען אַזוי איבערגעגעבען, אַז ער וואָלט פון אַ פייער אַרויס צוריקגעקומען, דעסגלייכען אבטליון מיט זיי־נע זיהן האָבען געשוואוירען נזירות... ס׳האָט געמוזט מיט זיי עפּעס אַנ׳אומגליק פּאַסירען. אַם מעהרסטען בעדויער איך דעם גוטהערציגען שמיד, דער טאַפּפערער גבור איז בעשטאַ־נען פאַר אַ גאַנצע פלוגה!

— און וואו בעהאַלטען זיי די פערד? — האָט מתתיהו ווייטער געפרעגט.

— אָט מיט די פערד איז אַ שווערע פראַגע, פאַר איי־ניגע טעג האָבען די שאַקאַלען אונז אַוועקגערויבט אין גלגל עטליכע

צוואַנציג די בעסטע פערד.

— און וואו איז מיין „עורב ? — האָט יהודה געפרעגט איבערראַשט.

— דיין „עורב לעבט מיט אַ ע ביינער, אַנומעלט האָט ער דעם יונג, וועלכער האָט איהם געפיהרט צום וואַסער שיעור צוטראָגען. ער רייסט זיך אין פעלד אַריין, ער האָט מיך גלייך דערקענט און האָט צו מיר פרעהליך גע־הירזשעט.

— דאָס פערד וואָלט איך נישט אוועקגעגעבען פאַר אַ גרויס פערמעגען, דאָס פערד פערשטעהט מאַנכע מאָל מעהר ווי אַ נאַרישער מענש... — האָט נאָך יהודה צוגעגעבען.

— דעם אַלטען מתתיהו'ס פנים איז געוואָרען פערענדערט, ער האָט אַוועקגעדרעהט דעם קאָפּ פון פענסטער און זיך אָנ־גערופען :

— ס'געהען אַריין עפּעס דריי יונים, די רויבער האָבען שוין געטראָפען קיין מודעים אויך...

די טהיר האָט זיך געעפענט, ס'זענען אַריינגעקומען דריי בעוואָפענטע יונים און דער עלטסטער פון זיי האָט געפרעגט :

— צי דאָ וואוינט דער כהן, מתתיהו בן יוחנן ?

— דאָ.

— דער הויפּטמאַן אַפּעלעס פאָדערט פון כהן מתתיהו ער זאָל זיך בעטייליגען אין דער פייערליכער צערמאָניע, וואָס וועט פאָרקומען אין מיט'ן מאַרק, וואו מ'וועט שחט'ן קרבנות פאַר'ן גרויסען און מעכטיגען גאָט צעאוס.

יהודה האָט אַדורכגענומען די דריי יונים מיט פייערדיגע בלי־קען פון אויבען ביז אַראָב, זיינע נאָזלעכער האָבען זיך צושפּרייט פון כעס און ער האָט נור האַסטיג און שווער געאָטהעמט, אָבער מתתיהו'ס שטרענגער בליק האָט איהם בערוהיגט, גלייך ווי דער היפּנאָטיזירענדער בליק פון אַ דרעסירער אין אַ לייבען שטייג...

מתתיהו האָט זיך אַ ווײַלע פערקלעהרט, נאַכהער האָט ער זיך אָנגערופען צו די יונים :

— איך געה זאָפּאָרט.

מתתיהו איז אַריינגעגאַנגען אין דערבייאיגען אַלקעריל, האָט אַ וואונק געטהון אויף שמעונ׳ען, האָט איהם עפּעס וואָס איינגערוימט אין אויער, גענומען אויף זיך זיין מאַנטעל, צוגעגאַרטעלט פון אונטען די שווערד און איז גלייך אַרויסגעגאַנגען מיט די יונים.

מתתיהו איז געגאַנגען פאָראויס פאַר די יונים מוט האַסטיגע טריט, שטאָלץ, מיט מוטה, ווי אַ קעניג אויף אַ פּאַראַד, נור זיין מאַיעסטעטישע הויכע פיגור האָט זיך עטוואָס איינגעבויגען, ווי אונטער אַ שווערע לאַסט.

II

אין מיטען מאַרק פון שטעדטיל מודעים. שטעהט אויף אַ הויכען פּיעדעסטאל, אַרטיסטיש אויסגעשניצט פון האָלץ, אַ גרויס אורא׳דיג בילד פון גריכישען אָבגאָט צעאוס. נישט ווייט איז אויפגעשטעלט פון שטיינער אַ מזבח, ביי וועלכען עס ליגען געבינדען עטליכע חזירים, וואָס גיבען צו וויסען פון זייער אָנוועזענהייט מיט זעהר נישט קיין אַנגענעמען ריח און מיט הויכע גרילצענדיגע קולות. דער מאַרק איז פול מיט מענשען, מעהרסטען אָנהענגער פון העלעניזם און אַלטע פרומע העברעער, וועלכע די גריכישע סאָלדאַטען האָבען מיט געוואַלד צוזאַמענגעטריבען פון אַלע עקען שטאָדט זיי זאָלען זיך בעטייליגען אין דער געצען־זיענסט. צווישען די פערזאַמעלטע געפינט זיך אויך יונתן חשמונאי, מתתיהו׳ס יונגערער ברודער. ס׳זענען זיך אויך צוזאַמענגעלאָפען גרופּעס קליינוואַרג מיט פרויען, וועלכע ווילען זיך צוקוקען צו די פרעמדע צערעמאָניעס בלויז אויס פוסטער בייגעריגקייט. אַ וואַך סאָלדאַטען לערך הונדערט מאַן, שטעהן מיט די שפּיזען אין די הענט, אַרומגעשטעלט אין אַ האַלבען ראָד אַרום דעם בילד מיט׳ן מזבח, נעבען זיי שטעהט אַ גריכישער פּריסטער געקליידט אין אַ ווייסער לאַנגער טאָגע, מיט׳ן הויפּטמאַן אַפּעלעס, אַ הויכער ברייט־ביינינער יון געקליידט פּאַראַדנע מיליטעריש, מיט זילבערנע קנעפּ און מיט פערשיעדענפאַרביגע קאָקאַרדעס פון זיידענע בענדער אויף דער ברוסט. אַפּעלעס שטעהט מיט אַ טריאומפירענדע מינע און לעגט אַליין צו יעדעס מאָל האָלץ צום ברענענדען פייער אויפ׳ן מזבח.

דריי סאָלדאַטען האָבען צוגעפיהרט דעם אַלטען מתתיהו —

פאַר וועלכען די פערזאַמעלטע האָבען געמאַכט מיטרעספעקט אַ וועג צום מזבח. מתתיהו האָט מיט אַ מאַיעסטעטישען בליק אַרומגענומען אַלע אָנוועזענדע און ווען זיין בליק האָט זיך בעגעגענט מיט׳ן שטאָלצען בליק פון אַפעלעס׳ן, האָבען זיי זיך אַ לענגערע ווײַלע געמאָסטען אָהן ווערטער, ווי צוויי צורייצטע קעמפענדע לעמפּערטען...

אַם ענדע האָט זיך אַפעלעס אָנגערופען צו מתתיהו׳ן מיט דער זעלבער טריאומפירענדער מינע :

— אין נאָמען פון גרויסען קיניג אַנטיוכוס, פאָדער איך פון כהן מתתיהו, אַלס דער חשוב׳סטער אין שטאָדט, ער זאָל מקריב זיין אַ חזיר פאַר אַ קרבן, פאַר אונזער שטאַרקען גאָט צעאוס, וועלכער איז דער הערשער איבער אַלע געטער אויפ׳ן באַרג אלימפּוס. מתתיהו דאַרף ווייזען אַ וועג פאַר אַלע מ׳זאָל געהאָרכען דעם קיניגס בעפעהל, אַוועקוואַרפען די אַלטע פערשימעלטע, באַרבאַרישע רעליגיע און איבערנעמען דעם הויכען העלעניסטישען קולט, אַזוי ווי ס׳האָבען געטהון די העברע־ער אין אַנדערע שטעדט.

אין מתתיהו׳ס אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ שרעקליך פייער, ער האָט אַדורכגענומען אַפעלעס׳ן מיט זיין האַרטען דורכדרינגענדען בליק און האָט דרייסט געענטפערט :

— זאָגאַר ווען אַלע פעלקער וועלען געהאָרכען דעם קיניג און זיך אָבזאָגען פון דער גאָטהייט פון זייערע עלטערען און פון זייערע געזעצען, וועט אָבער די משפחה חשמונאים בלייבען געטריי דעם בונד מיט אונזער גאָט !

אַפעלעס׳עס פנים איז רויט געוואָרען פון כעס און ער האָט אויסגעשריהען צו מתתיהו׳ן :

— דו אַלטער פאַנאַטיקער, וועסט דיין חוצפה שפּעטער בעדויערען !...

אַפעלעס האָט אַ וואונק געטהון צו אַ העלעניזירטען העברעער, אַ געוויסען יאַזאָן, וועלכער איז געשטאַנען ביים מזבח; ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויס מעסער און מיט אַן׳ערנסטער

מ׳נע האָט ער געשחט׳ן אַ חזיר מ׳קריב צו זיין אַ קרבן צום אָפּגאָט.

מתּתיהו ווי ער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער שוין נישט געקענט מעהר איינהאַלטען זיין הייליגען צאָרן, האָט אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד פון אונטערן מאַנטעל, מיט אַנ׳אימפּעט זיך געוואָרפען אויפ׳ן פעררעטער און מאָטענטאַל איהם אַדורכגעשטאָכען מיט דער שווערד פאַר אַלעמען אין די אויגען. דאָס בלוט פון יאַזאָנ׳ס האַרץ האָט אַ שטראָם געטהון און זיך פערמישט מיט׳ן בלוט פון געשחט׳ענעם חזיר...

אַפּעלעס מיט די רעשט יונים זענען די ערשטע ווייל געוואָרען צוטומעלט, זיי האָבען זיך נישט געריכט אויף אַזאַ דרייסטען ווידערשטאַנד; וואָרום ביז איצט האָט מען אומעטום געפאָלגט דעם קעניג׳ס בעפעהל מיט אונטערטעניגקייט, ווען אויך ס׳איז נור געווען לפּנים. אָבער אַנ׳עפענטליכער ווידערשטאַנד איז נאָך נישט פאָרגעקומען, ס׳איז געווען פאַר די יונים אַן איבעררעשענד נייעס

צוויי סאָלדאַטען, וועלכע האָבען די ערשטע ערוואַכט פון איבערראַשונג האָבען זיך געוואָרפען אויפ׳ן אַלטען מתּתיהו מיט זייערע שפּיזען, אָבער איינער איז גלייך אַנידערגעפאַלען פון זיין שווערד אַ פערבלוטיגטער. דער צווייטער יון האָט זיך שוין געהאַט פערמאָסטען אויף מתּתיהו׳ן מיטן שפּיז, נור אומגעריכט איז אונטערגעלאָפען מתּתיהו׳ס ברודער, יונתן חשמונאי פון דער זייט מיט אַ שווערד אין דער האַנט און האָט מיט אַזאַ קראַפט אַ האַק געטהון דעם יון איבער די הענט, אַז ביידע הענט מיט אַ שטיק שפּיז זענען אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד.

צווישען די יונים איז געוואָרען אַ געפילדער, אַפּעלעס האָט געשריען צו די סאָלדאַטען:

— אַ בונט! אַ פערראַט!... צום געוועהר!...

די סאָלדאַטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אויסשטעלען אין געדיכטע רייהען אין קריעגס־אָרדנונג.

איבער דער צייט זענען געקומען צו לויפען מתּתיהו׳ס פינף זיהן מיט יוסף המרומי, וועלכע זענען געווען בעהאַלטען

אין אַנ׳אַלטער חורבה פון אַ שוהל, וואָס איז געשטאַנען האַלב איינגעפאַלן, נור טיילווייז האָבען אַרויסגעשטאַרט שטיקער אָבגעריסענע מויערן, מיט אויסגעבויגענע, גרייט צום איינפאַלען שטיקער געזימסען און מיט די ענטבלויזטע שווערדען זענען זיי אָנגעפאַלען אויף די קריעג׳ס־רייהען פון די יונים מיט אַ געוואַלדיגען אימפעט, ווי אַ שטורם-ווינד אין דער מדבר.

מתתיהו האָט זיך נאָך אויך געוואָרפען אויף דעם כהן, וועלכער איז געשטאַנען נעבען מזבח און מיט איין האַק פון דער שווערד איז זיין קאָפּ אַרויסגעפאַלען אויפ׳ן פלאַקערענדיגען פייער פון מזבח און זיין ווייסע טאָגע איז נור געוואָרען פעררויט פון אַ שטראָם הייס בלוט.

יהודה איז געווען עהנליך צו אַנ׳אויסגעהונגערטען לייב, וואָס מ׳לאָזט אַרויס פון דער אייזערנער שטייג. ער איז דער ערשטער אַריינגעפאַלען צווישען די פאָדערשטע רייהען סאָלדאַטען און מיט זיין לאַנגער שווערד האָט ער אַרויסגעשלאָגען די יונ׳ישע שפּיזען מיט די שווערדען פון די הענט, ווי שטיקלעך פלאַקס. יעדעס מאָל איז נור אַרויסגעפלויגען אין דער הויך מיט אַ סווישטש אַ יונ׳ישע שווערד, אָדער אַ שטיק איבערגעהאַקטער שפּיז און מענשליכע קערפּערס זענען געוואָרען איבערגעהאַקט אויף צוויי׳ען. באַלד נאָך איהם האָבען געהאַקט מיט די שווערדען יוחנן מיט שמעונ׳ען, אַז די יונ׳ישע קעפּ זענען געפלויגען ווי צייטיגע מילגרוימען פון די בוימער.

אַפּעלעס האָט דערזעהן די מורא׳דיגע שחיטה, וואָס יהודה מאַכט אָן צווישען זיינע סאָלדאַטען, איז ער צוגעלאָפען מיט זיין ריעזיגער שווערד און אויסגערופען צו יהודה׳ן:

— קום באַרבאַרישער טייוועל, ועסט דיך מיט מיר פערמעסטען!...

יהודה האָט אַדורכגענומען דעם געגנער מיט זיינע פייערדיגע אויגען, ער האָט אָבגעמאָסטען מיט׳ן בליק דעם געגנער׳ס קראַפט און ס׳איז אויסגעבראָכען צווישעןביידע העלדען אַ מורא׳דיגער שטרייט, אַ שטרייט אויף טויט און לעבען. באַלד אין דער ערשטער רגע האָט יהודה דערקענט אַפּעלעס׳עס מייס-

טערהאַפטע פעכטונגען, יהודה האָט עטליכע מאָל געפרובט אַנ־
צוגרייפען דעם געגנער מיט זיין לאַנגער שווערד. אַפעלעס האָט
זיך אָבער יעדעס מאָל קונציג פערשטעלט מיט זיין ריע־
זיגע שווערד, וועלכע ס׳איז איהם נישט געלונגען אַרויסצושלאָ־
גען פון דער האַנט. אַפעלעס, דערזעהענדיג די שוואַכע מאַנעוו־
רען פון יהודה, האָט מיט דרייסטקייט אָנגעהויבען איהם צו
אַטאַקירען צו דער זייט פון מזבח, אָבער יהודה האָט יעדעס
מאָהל מיט געשיקטקייט אָבגעשלאָגען מיט דער שווערד די אַטאַ־
קעס פון שונא, אַז ס׳האָט זיך נור געהערט דאָס מורא׳דיגע
קלינגען פון שטאָהל, מיט די האַסטיגע אָטהעמס פון די קעמ־
פענדע. אַם ענדע האָט אַפעלעס מיט אַ קונציגען מאַנעוור אויס־
געצויגען די שווערד אויף גלייך און געוואָלט טרעפען אין
יהודה׳ס ברוסט אַריין, אָבער יהודה האָט דאָס גלייך בעמערקט.
בליץ־שנעל איז ער אָבגעשפרונגען אין אַ זייט און מיט אַנ׳אונ־
געהויערער קראַפט דערלאַנגט אַפעלעס׳ן פון דער לינקער זייט אַ
האַק מיט דער שווערד, אַז האָט זי איהם דורכגעהאַקט
דעם אָרעם און זיך אַריינגעשניטען ביז צום בויך. אַפעלעס איז
אומגעפאלען ווי אַ שווערער קלאָץ, מיט׳ן קאָפּ אויפ׳ן פיעדעס־
טאַל פון זיין געעהרטען אָבגאָט צעאוס.

יוסף המרומי, אלעזר, מיט דעם יונגסטען מיזעניק יונתן,
האָבען זיך ווידער אַריינגעריסען פון הינטען אין די יונ׳ישע
רייהען. אלעזר אויף זיין שטייגער, מיט אַ שמייכעל אויפ׳ן שיי־
נענדען פנים, האָט געאַרבייט געשיקט מיט דער לאַנגער
שווערד, נישט ווי אין אַ מלחמה, וואו ס׳געהט אין לעבען, נור
ווי עפּעס אַנ׳אקראָבאַט אויף אַ פערוויילונגס אָרט. אויף רעכטס
און אויף לינקס האָט מען געזעהען ווי זיין שווערד טהוט נור
אַ פינקעל און ווערט פערשוואונדען, גלייך ווי עפּעס אַ פער־
כשופ׳טער שלאַנג וואָלט געשוועבט אין דער לופטען און מיט פאַנ־
טאַסטישע זיגזאַגען האָט זי זיך געוואָרפען ווי די געדיכטע בליצען
אין אַ שוואַרצען וואָלקען; יעדעס מאָל איז נור אַ פליה געטהון
אין דער הויך אַ יונ׳ישע שווערד און פון אַלע זייטען זענען
געפאַלען הרוגים, אָהן הענט, אָהן קעפּ, אַז דאָס בלוט האָט זיך

בעגאָסען טייבענוויז.

יוסף המרומי איז ווידער נישט אָבגעטרעטען פון יונגען יונתן אויף איין טריט, טראָץ דעם, וואָס ער זעלבסט האָט געקעמפט אויף אַלע זייטען, האָט ער מיט אויפמערקזאַמקייט בעאָבאַכטעט יעדע בעוועגונג פון דעם נאָך נישט ערפאַהרענעם קעמפער און וואו נור ער האָט געזעהען, אַז ס׳דראָהט יונתנ׳ען אַ געפאַהר, איז ער אונטערגעלאָפען מיט זיין שווערד און דער דרייסטער יון האָט בעצאָהלט מיט׳ן לעבען. יעדעס מאָל פלעגט יוסף המרומי נור אויסשרייען צו יונתן:

— היט זיך פון רעכטס!.., פערשמעל מיט דער שווערד דעם קאָפּ!...

און די יונים זענען אַלץ געפאַלען פון די חשמונאים׳ס שווערדען ווי סנאָפּעס תבואה אויפ׳ן פעלד.

ביסלעכווייז איז געוואָרען צווישען די יונ׳ישע רייהען אַ מיש־מאַש און מאַנכע האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען אַרויסצוציהען און אָבצוטרעטען.

די פערזאַמעלטע העלעניסטען, ווי נור זיי האָבען דערזעהען, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, זענען זיך באַלד אַלע צולאָפען ווי די איבערגעשראָקענע מייז. אָבער די צונויפגעזאַמעלטע פרומע העברעער, האָבען ערשט איצט אויך בעקומען דעם מוטה און האָבען זיך געוואָרפען אויף די יונים מיט וואָס יעדער איינער האָט געקאָנט: מיט שטיינער, מיט דרענגער, מיט אייזענס, מיט העק און ס׳איז געוואָרען צווישען די יונים נאָך אַ גרעסערע בהלה. און נאָכדעם ווי זיי האָבען נאָך דערזעהען, אַז זייער הויפּטמאַן, דער גבור אַפּעלעס ליגט טויט, האָבען זיך שוין אַ גרופּע יונים געלאָזט לויפען אין איילעניש מיט שרעק אין אַ זייטיג געסעל אַרויס פון שטעדטעל און מתתיהו מיט זיינע זיהן האָבען זיי פערפאָלגט.

די איבערגעבליבענע יונים האָבען זיך דערווייל איבער דער צייט אַרויסגעצויגען פון צווישען די אַטאַקירענדע, מיט שטיינער און אייזענס, העברעער און האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אָרדנונג אין אַ האַלב ראָד ביי דער אַלטער זורבה און

האָבען אָנגעהויבען צו שיסען פון בויגענס און זיך צו וועהרען מיט די לאַנגע שפּיזען; אייניגע העברעער זענען שוין געוואָרען פערוואונדעט, די רעשט האָבען זיך בעהאַלטען אין די דערבייאיגע הייזער און די יונ׳ישע פיילען זענען געפלויגען איבער׳ן מאַרק ווי בייזע פייגעל.

דער אַלטער מתתיהו, זיין ברודער יונתן, יהודה, אלעזר, מיט יוסף המרומי, זענען די ערשטע צוריקגעקומען פון נאָכיאָגען די יונים, מיעדע, פערשוויצטע, פערבלוטיגטע און ווי מתתיהו האָט דערזעהען, אַז די יונים האָבען זיך בעפעסטיגט נעבען דער חורבה, האָט ער דאָס אָנגעוויזען יהודה׳ן; יהודה האָט מיטגענומען אלעזר׳ן און דורך אַ זייטיג געסעל זענען זיי אונבעמערקט צוגעלאָפען פון הונטען פון דער צווייטער זייט חורבה. זיי האָבען אויך מיטגענומען דעם בעל-הבית פון דערבייאיגען הויז און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ שטאַל, וואו ס׳איז געשטאַנען אָנגעבונדען אויף אַ קייט, אַ בעוואוסטער ווילדער שטיער-אָקס, וועלכער האָט שוין פיעל מענשען געשטויסען. זיי האָבען דעם גרויסען מעכטיגען שטיער־אָקס אַרויסגעפיהרט, פערבונדען איהם דעם קאָפּ מיט אַ רויט טוך און אָבגעלאָזט גלייך אויף די בעפעסטיגטע יונים.

דער ווילדער אָקס איז פון דעם רויטען טוך געוואָרען נאָך מעהר צעווילדעוועט, ער האָט נור אַראָבגעבויגען זיין ריעזיגען קאָפּ מיט די הערנער צווישען די פעדערשטע פיס און זיך געלאָזט מיט אַ שרעקליכען אימפּעט גלייך אויף די יונים. איין יון האָט אויסגעציעלט דעם בויגען און געטראָפען אַ פייל דעם אָקס אין דער זייט אַריין, דער שטיער־אָקס, דערשפּירענדיג די וועהטאָג פון דער וואונד, האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט זיין ווילדקייט און ווי אַ הוראַגאַן איז ער אַריינגעפאַלען צווישען די געדיכטע קריעגס־רייהען פון די יונים, ס׳האָבען נישט געהאָלפען די שפּיזען מיט די שווערדען, מיט וועלכע די יונים האָבען זיך געוועהרט, דער אָקס האָט מיט זיינע ריעזיגע הערנער אָנגעמאַכט צווישען זיי אַ געוואַלדיגען חורבן, ווי עפּעס אַ שעקליכער פערניכטונג׳ס גייסט. אייניגע יונים האָט

ער מיט קראַפט אַוועקגעשליידערט און זייערע געדערים האָבען זיך נאָכגעשלעפט ביי זיינע הערנער, מאַנכע האָט ער געטרעטען מיט די ריעזיגע פיס, די איבערגעבליבענע ווידער זענען זיך צולאָפען און דער אָקס האָט זיי נאָכגעיאָגט אַ צעווילדעוועטער איבערין מאַרק.

ביסלעכווייז, פון אָנגעלאָפענעם בלוט פון די וואונדען, האָט דער אָקס פערקלענערט דעם אימפעט, פון מויל האָט זיך איהם געוואָסען אַ געדיכטע שוים און ער האָט נור האַסטיג געאַרבייט מיט די זייטען. יהודה, ווי ער האָט דערזעהען, אַז די יונים זענען זיך שוין צולאָפען אָהן אָרדנונג, איז ער פלינק אונטערגעלאָפען צו דעם שוין אויסגעמאַטערטען אָקס פון דער זייט און מיט אַ שרעקליכען קראַפט איהם אַריינגעשטאָכען די שווערד גלייך אין האַרץ אַריין, דער אָקס האָט נור אַרויסגעלאָזט אַ אָבגעהאַקטען מרוטש און האָט זיך אַנידערגעוואָרפען מיט זיין ריעזיגען קערפער אויף דער ערד אין טויטע קאָנוואולסען.

דאַן האָבען זיך ערשט געוואָרפען אויף די צופלאָשעטע יונים, מתתיהו מיט זיינע זיהן ווי אויך די אַנדערע איינוואוינער פון שטעדטיל, אַז קיין איינציגער פון זיי איז נישט אַנטרינען קיין לעבעדיגער.

אז מתתיהו האָט זיך שוין געהאַט אָבגעפאַרטיגט מיט אַלע יונים, איז ער צוגעקומען צו דעם אָבגאָט און מזבח, דאָס אַלעס צוהאַקט, צושטערט און פערוויסט.

מתתיהו האָט נאָך בעפוילען די איינוואוינער פון שטעדטיל, אָבצורוימען די הרוגים און צוזאַמענצוקלויבען דאָס געוועהר, באַלד האָט ער הויך אויסגערופען:

— וועמען ס'איז טייער אין הארצען גאָט'ס תורה, מיט'ן געליעבטען פאָלק ישראל און וויל דערווייזען, אַז ער איז געטריי דעם בונד מיט אונזער גאָט צבאות, דער זאָל געהן מיט מיר!

אויף דעם דאָזיגען אויפרוף האָט זיך פערזאַמעלט אַרום די חשמונאים אַ מחנה טאַפפערע פרייוויליגע, וועלכע האָבען

ערשט געעפּענט די אויגען און געזעהען, אַז מען דאַרף זיך נישט לאָזען אויסקוילען, ווי די געבונדענע שעפּסען, נור מען דאַרף קעמפּען מיט די יונים ביז צום לעצטען. נאָכדעם האָבען זיך די העברעאישע זיעגער, געלאָזט צו מתתיהו׳ס וואוינונג מיט טריאומפירענדע לויב-געזאַנגען:

„הודו לד׳ כי טוב"

„כי לעולם חסדו" !...

ביי זיך אין דערהיים האָט מתתיהו צוזאַמענגערופען זיין פרוי, די שנירען מיט די אייניקלעך און האָט בעפוילען זיי זאָלען זיך גלייך גרייט מאַכען אין וועג אַריין קיין גלגל צו זיינעם אַ קרוב, ער האָט אויסגעלאָזט זיין פעראָרדנונג מיט די דאָזיגע ווערטער:

— די רשעים וועלען זיך זיכער וועלען אין אונז נוקם זיין פאַר דער היינטיגער מפּלה פון זייער אָבגאָט מיט זייערע ברידער, זאָל מען זיי פאָרלויפיג אָבטרעטען פון וועג...

נאָך די זעלבע נאַכט האָט זיך מתתיהו מיט זיין גאַנצער מחנה געלאָזט אין וועג אריין דורך. דער נאַסער פינסטערער נאַכט צו די וויסטע בערג אפרים, צו שאַפען דאָרט אַ נייע עפּאָכע פאַר דעם בעדריקטען פאָלק ישראל, אַנ׳עפּאָכע פון ערוואַכונג פון נידריגער קנעכטשאַפט מיט׳ן אונטערטעניקייט, צו אַ לעבען פון זעלבסטווירדיגער פרייהייט און העלדענמוטה !...

III

די הייל, מערת־אליהו, וועלכע מתתיהו האָט אויסגעקליבען פאַר זיין הויפּט-קוואַרטיר און אַ לאַגער פאַר'ן געווער, געפינט זיך אין די בערג אפרים, צווישען גלגל און בית־רמה, אין אַ ווילדען געדיכטען וואַלד, וואו אויף אַ געוויסע שטרעקע בילדעט זיך אַ גרופּע נאַקעטע פעלזען און אַ שטראָם לויטער וואַסער פליעסט צווישען די פעלזען מיט אַ הויך גערויש. אויף איין אָרט שלענגעלט זיך דער שטראָם מיט אַ שמאָלען טיפען אָבגרונד, דורך וועלכען ס'איז נישט מעגליך אַדורכצוגעהן, נור ס'זענען אויסגעלעגט איבער'ן שמאָלען אָבגרונד צוויי לאַנגע בוילען, וועלכע מען קען צו יעדע צייט אַראָבנעמען און צוריק אַרויפלעגען. אויף דער צווייטער זייט שטראָם, אַז מ'געהט אַריבער איבער דעם פּראָוויזאָרישען בריקעל, אונטער אַ גרויסען באַרג, איז פערוואַקסען אַ שטרעקע מיט קליינע קשאַקעס, ווילדע מירטען מיט געבירגס-ווײַדען, (צפצפה). אַז מ'געהט אַדורך די קשאַקעס, קומט מען צו צו אַ הויכער פעלזען-וואַנד, וואו עס ליגען עטליכע גרויסע שטיינער און אַז מען דרעהט אָפּ איין שטיין, עפענט זיך אַ שמאָלער קאָרידאָר דורך וועלכען איין מענש קען קוים אַדורכגעהן. דורך דעם דאָזיגען קאָרידאָר קומט מען אַריין אין אַ נישט גרויסער הייל, אין וועלכער ס'געפינט זיך נאָך איינער אַ שמאָלער אַרויסגאַנג אויף דער צווייטער זייט באַרג. צי איז די הייל אַזוי בעשאַפען אין פעלז פון דער נאַטור? צי מענשען האָבען דאָס פון אור-אַלטע צייטען אויסגעהאַקט אין פעלז? איז אונבעוואוסט; נור די יעניגע, וועלכע ווייסען פון דער הייל, דערצעהלען אַ לעגענדע, אַז אין דער

וועלכער הייל האָט זיך געזאָלט אויפהאַלטען אליהו־הנביא אין דער צייט ווען ער איז אַנטלאָפען פאַר אַחאב׳ן, נאָך וועלכען זי האָט בעקומען דעם לעגענדאַרען נאָמען מערת-אליהו.

פאַר דעם שטראָם מיט׳ן אָבגרונד, ציהט זיך לענג-אויס אַ לאַנגער שמאָלער טהאָל, אין דעם טהאָל אַנטקעגען דעם דורכגאַנג צו דער הייל, זענען אויפגעשטעלט אייניגע געצעלטען פון לייוואַנד מיט עטליכע ביידלעך פון פרישע צווייגען, נאָך טיעפער אין וואַלד שטעהען צוויי לאַנגע נידריגע פּראָוויזאָרישע שטעלער, אויך פון צווייגען, וואו ס׳שטעהען דאָרט לערך פופציג פערד.

ס׳איז אין דרויסען אַ נאַסע, פינסטערע נאַכט, אַ קאַלטער צפון־ווינד טרייבט שווערע געדיכטע וואָלקענס און ס׳גיסט אַ רעגען מיט קאַלטע דיקע טראָפּען. נור דער וואַלד רוישט טרויעריג און דער ווינד שאָקעלט מיט די שפּיצען פון די בוימער, אַז ס׳איז אַ שרעק. ביי די פלאַקערנדע פייערן זיצען איינגעהילט אין די מאַנטלען און וואַרימען זיך, העבּרעאישע פּאַרטיזאַנער פון מתתיהו׳ס פלוגה, וועלכע האָבען געאָפּפערט זייער לעבען מיט זייער רוה און ווערען פערשוואַרצט, אין נויט און אין קעלט, אַבי צו העלפען זייער אונטערדריקט פאָטערלאַנד.

צווישען די פּאַרטיזאַנער זיצט אויך יהודה און מיט אינטערעסאַנטע שמועסען און לעהרעס פון די הייליגע ספרים, שטאַרקט ער דעם מוטה פון זיינע קאַמעראַדען און לינדערט אַמוועניגסטען די געדריקטע שטימונג, וואָס הערשט צווישען די מאַרטירער פון דער הייליגער אידעע. וואָרום דער אַלטער מתתיהו מיט די אַנדערע זיינע זיהן מיט אַן אָבטיילונג פּאַרטיזאַנער פון די פריש אָנגעקומענע, וואַנדערן אַרום אין די נאָהנטע שטעדטלעך און דערפער, וואו זיי צושטערען די אַלטע אָבגעטער מיט די מזבחות, וואָס די גריכען האָבען אויפגעשטעלט אַראָבצופיהרען דאָס פאָלק פון גאָט׳ס תורה; און גלייכצייטיג בעשטראָפען זיי די היימישע פעררעטער, די העלעניסטען, וועלכע העלפען צו די יונים אין זייערע טיראַנישע רדיפות.

אויך וואו זיי טרעפען אַזעלכע קינדער, וואָס די העלעניסטען האָבען נישט געלאָזט מל זיין, פלעגט דאָס מתתיהו מיט זיינע מענשען אויספיהרען לויט דעם דין פון תורת־משה.

פיעל מאָל איז מתתיהו'ן אויסגעקומען זיך אָנצושטויסען אויף אָבטיילונגען יונים און מיט זיי צו קעמפען; ווייל אַפּאָלאָניוס פלעגט אַרויסשיקען פון ירושלים אָבטיילונגען מיליטער, אויפצוזוכען די רעוואָלוציאָנערען און זיי פערניכטען. נור דער קלוגער מתתיהו האָט אָבער נעהאַט אַ געהיימען קאָנטאַקט מיט אַלע זיינע אָבטיילונגען, וועלכע זענען געווען צושפּרייט אין די בערג, דורך פערשיעדענע שפּיאָנען: בעטלערס, פּאַסטוכער, סוחרים מיט פּעק סחורות. זיי האָבען זיך שטענדיג אַרומגעדרעהט אויף אַלע וועגען און דורך בעשטימטע צייכענס האָבען זיי געגעבען צו וויסען אַלעס וואָס טהוט זיך אָב אין דער גאַנצער געגענד. אויב די גריכישע מחנה איז געווען אַ קליינע, האָט מען זיי פאַרנאַכט צווישען די ווילדע בערג, אַרומגענומען פון אַלע זייטען און אַלע אויסגעהרג'עט. אויב מ'האָט געטראָפען אַ גרעסערע מחנה, האָט מתתיהו אַזוי קונציג מאַנעווּרירט מיט זיינע אָבטיילונגען, אַז זיי האָבען זיך שטענדיג אַרויסגעגליטשט פון די גריכען און האָבען זיי נאָך געברענגט גרויסע שאָדענס.

אַנטיגנוס, עזריה, יוסף־חמרומי מיט זייערע אָבטיילונגען, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון נהר־הצפוני, האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דער געגענד פון שכם צוטיילט אין קלענערע גרופּעס און ווען ס'איז געווען נויטיג האָבען זיך אַלע פעראייניגט צו קעמפען מיט די יונים. און יהודה איז געשטאַנען אין רעזערוו, מיט אַ קליינע פּלוגה געפּאַנצערטע, וואָס איז בעשטאַנען נור פון פופציג פערד, ווייל די רעשט פערד, וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבען געהאַט צושטעלט טיילווייז אין די דערפער, האָבען די יונים מעהרסטענס אַוועקגערויבט. די דאָזיגע פּלוגה האָט מתתיהו געשוינט ווי דאָס אַפּעל פון אויג, נור שוין ביי אַ גרויס געפאַהר האָט מען זיי אויך בענוצט צום קאַמף; ווייטער האָט נור די פּלוגה געהאַט די אויפגאַבע צו היטען די־

הייל, מערת-אליהו, וואו די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט בעהאַלטען דעם אַרסענאַל מיט׳ן געוועהר מיט אַנדערע קריעגס־מכשירים און פערשיעדענע קאָסטבאַרע חפצים, וועלכע זיי האָבן געשעצט העכער פאַר זייער אייגען לעבען, ווייל דאָס איז געוועזען זייער האָפנונג אויף צו בעפרייען דאָס אונטערדריקטע לאַנד.

יהודה איז אַזוי געזעסען ביים פייער אין דער נאַסער, פינסטערער נאַכט און האָט געלעזען פאַר זיינע קאַמעראַדען די ענליכע צו זייער אַרט לעבען,—געשיכטע פון דוד המלך, וואָס האָט זיך אויך אַרומגעבלאָנקעט מיט אַ הייפעל טאַפּפערע העלדען, אין די היילען, אין די מדבריות און שאול המלך האָט זיי פערפאָלגט. טראָץ דעם אַלעם האָבען זיי גלייכצייטיג געשיצט דאָס פאָלק פאַר די טיראַנישע פלשתים; און שפּעטער איז דוד געוואָרען קעניג איבער׳ן לאַנד יהודה, געשאַפען פאַר׳ן לאַנד אַנ׳עפּאָכע פון פרייהייט, פון שלום, האָט ערהויבען דאָס לאַנד צו אַ קולטורעלען און מאַטעריעלען וואוילשטאַנד און איבערגעלאָזט פאַר׳ן פאָלק אַ דינאַסטיע מלכים אויף לאַנגע צייטען...

אָבער פלוצלינג האָט זיך דערהערט אין וואַלד אַ געשריי פון אַ נאַכט־פויגעל, וועלכער האָט זיך דריי מאָל איבערגע׳חזר׳ט. ס׳איז באַלד געוואָרען שטיל צווישען די פּאַרטיזאַנער. יהודה האָט איבערגעריכען זיין לייענען, ער איז גלייך אויפגעשפרונגען פון אָרט, האָט אָבגעענטפערט מיט דעם זעלבען קול פון נאַכט־פויגעל און האָט באַלד אַרויסגעגעבען אַ קורצען בעפעהל:

— צום געוועהר!... אויף די פערד!...

און יהודה זעלבסט האָט זיך געלאָזט פאָרזיכטיג אין דער פיסטערניש טיעפער אין וואַלד אַריין, צו דער זייט וואו דער פויגעל האָט געשריהען, ווען ער האָט דערהערט שטילע טריט, האָט ער נור געפרעגט, ווי בלויז אין דער פינסטערניש אַריין:

— ינאי?...

— יאָ, איך בין עס.

— וואָס איז?

— איך שטעה אויף דער וואַךביים וועג פון שילה, האָב איך דערהערט, אַז ס'בלאָנקען זיך אַרום עטליכע רייטער און לויט ווי כ'האָב בעמערקט אין קול דאָס שווערקייט, דאַרף עס זיין געפּאַנצערטע, נור איין זאַך איז מיר אַ וואונדער, כ'האָב דערהערט עטליכע ווערטער, זיי רעדען העבּרעיש...

— העבּרעיש?... — האָט יהודה איבערגע'חזר'ט — זאָל דאָס זיין העלעניסטען?... קום ינאי, מיר מוזען זיך ערקונדיגען!

יהודה האָט נור אַ טאַפּ געטהון זיין לאַנגע שווערד ביי דער זייט און ביידע האָבען זיך געלאָזט געהן אין דער פינס-טערניש, שטיל, פאָרזיכטיג, צו דער זייט וואו ינאי האָט גע-פיהרט. אַם ענדע האָט זיך יהודה אָבגעשטעלט, דער ווינד האָט דערטראָגען אונדייטליכע ווערטער פון אַ געשפּרעך, זיי האָבען זיך שטיל אונטערגע'גנב'עט אויף די שפּיץ פינגער נעהנטער. יהודה האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט, גוט זיך איינגעהערט, ס'דאַכט זיך בעקאַנטע קולות... און ער האָט אַרויסגערעדט ווי צו זיך זעלבּסט:

— יאָ כ'לעבען, ס'זענען זיי...

יהודה איז דרייסט צוגעגאַנגען נאָך נעהנטער און האָט אויסגעשריהען:

— ווער איז דאָרט?

ס'האָט זיך דערהערט אַ פרעהליכער אויסגעשריי פון שרק'ן

— אוי, מיין בעל־הבית! מיין טייערער בעל־הבית!...

זיי זענען צוגעריטען אַלע פינף, אבטליון מיט זיינע צוויי זיהן, דן און שרק; די שמחה וואָס איז געוואָרען ביי זיי איז גאָר נישט צו בעשרייבען. דן איז אַראָבגעשפּרונגען פון פערד, איז אַרויפגעפאַלען אויף יהודה'ן און האָט איהם צוגע-דריקט מיט אַ שטאַרקען קראַפט צו זיין אייזערנעם פּאַנצער און אָהן ווערטער, אַ דאַנק נור יהודה'ס פעסטען קערפּער־בוי, איז ער לעבען געבליבען. ווען דאָס וואָלט געטראָפען אַ שוואַ-

כערן וואָלט ער געבליבען אין דנ׳ס פעסטע אָרעמס דערשטיקט. אַם ענדע האָט נור דן אַרויסגעשטאַמעלט:

— אָ, כ׳האָב נאָך זוכה געווען צו זעהן מיין געליבטען אָנפיהרער!

דער וואַך-סאָלדאַט ינאי, וועלכער איז געוועזען פון די פריש אָנגעקומענע פרייווילליגע, איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט, ער האָט גאָרנישט געקענט פערשטעהן, ווער די פינף געפאַנצערטע זענען, וואָס ס׳איז מיט זיי אַזאַ שמחה.

— פון וואַנען קומט איהר? וואו זענט איהר אַזוי לאַנג געוועזען? — האָט יהודה געפרעגט.

דער ערשטער האָט זיך שרק אָנגערופען:

— אַ טייוולאָנישע פינסטערניש! מיר האָבען אין וואַלד פערבלאָנדזשעט, שפעטער וועט מען אַלץ דערצעהלען, נור זאָל מען צוערשט צוקומען צו אַ פייער, וואָרום מיר זענען אַדורכגענעצט ווי די העהנער, הונגעריג ווי די וועלף און געפרוירען ווי די הינט!

יהודה האָט זיי צוגעפיהרט צו די פייערן, וואו די גאַנצע פלוגה איז שוין געשטאַנען גרייט אויף די פערד אין קריעגס-אָרדנונג; ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צוריקצושטעלען די פערד און צוריק אויסטהון די פאַנצערס און יהודה האָט זיך ערשט צוגעקוקט ביים שיין פון די פייערן צו די אָנגעקומענע געסט. ס׳איז נעוועזען אַ גרויל אויף זיי צו קוקען; אַלע זענען געוועזען אויסגעמאַטערט, אויסגעמאָגערט, בעוואַקסענע נישט געשוירענע האָר. דנ׳ס ברייט פנים איז געוואָרען דאַר, אָבגעצעהרט. ס׳האָבען נר אַרויסגעשטאַרט צוויי בולט׳ע ביינער פון די באַקען און די אויגען זענען איהםאַריין טיעף אין קאָפּ. אויך דער שלאַנקער בעדואינער איז געוואָרען עהנליך צו אַ שטעקען, נור דער פאַנצער זיינער האָט ער אַוועקגעשטאַרט פון דער אויסגעדאַרטער ברוסט; דער אַלטער אַבטליון איז געוואָרען ווי עלטער מיט צעהן יאָהר, זיינע ברייטע פלייצעס זענען געוואָרען שטאַרק איינגעבויגען.

דן איז צוגעגאַנגען מיט שווערע טריט צום פערד, אָבגעבונדען פון זאָטעל אַ זעקל, צוגעגאַנגען צום פייער, אַרויסגענו-

מען פון זעקל אַ פערבלוטיגטען אָבגעהאַקטען מענשליכען קאָפּ...

אויף דנ׳ס אויסגעמאַטערטען פנים האָט זיך בעוויזען אַ קאָמיש־טרויעריגער שמייכעל און ער האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— דאָס איז פאַר מיין קציעה!... דער טיראַנישער קאָפּ וואָלט אייך בעדאַרפען פ׳על, זעהר פ׳על צו דערצעהלען!...

יהודה האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם פערבלוטיגטען קאָפּ, אַם ענדע האָט ער אויסגעשריהען איבערראַשט:

— אָ, דאָס איז דעמעטעאוס׳עס קאָפּ!

אויף יהודה׳ס פנים איז געוואָרען פערצויגען ווי עפּעס אַ שוואַרצער וואָלקען...

IV

אַז די אָנגעקומענע געסט האָבּען זיך אָבּגערוהט, דערוואַרימט און אָנגעגעסען, האָט זיך יהודה צו זיי געווענדעט:

— נו, איצט דערצעהלט עמיצער וואָס מיט אייך האָט זוינס פּאַסירט, וואָס איהר זענט געוואָרען אַזש אַזוי אויסגעדאַרט און פערמאַטערט.

— זאָל דן דערצעהלען, — האָט זיך אַבטליון אָנגערופען — וואָרום נור אַ דאַנק איהם זענען מיר אַלע דאָ, ווען נישט דן, וואָלטען מיר שוין ערגעץ געווען אין קנעכטשאַפט, אָדער געהאָנגען אויף דער תּליה.

אויף דנ׳ס פּנים האָט זיך ווידער בּעוויזען אַ טרויעריגער שמייכעל פון צופרידענהייט; ער האָט עטליכע מאָל אָבּגעהוסט און ענִיוּת׳דיג אַרויסגעשטאַמעלט:

— עי, איך, דער, יענער און דער שוואַרצער וועווריק האָט ווייניג צוגעהאָלפען? ס׳האָט געהאָלפען דער שטאַרקער גאָט פון אונזערע עלטערן!... איך בּין נישט קיין גרויסער רעדנער, זאָל דערצעהלען דער שוואַרצער וועווריק, ער האָט א געשליפען פּיסקעל!

— איך האָבּ שוין לאַנג געזאָגט, — האָט זיך שרק אָנגערופען, — אַז מ׳וואָלט אַרויפגעזעצט דעם קאָפּ פון ראש־בּית-דין אויף דנ׳ס קאַרק אַרויף, וואָלט עס געווען שוין איין מאָהל אַ מענש מיט אַ קאָפּ און מיט הענט...

אַלע אַרום האָבּען זיך פרעהליך צולאַכט פון דעם בּעדוּינער׳ס קאָמפּלימענט אויף דנ׳ס אַדרעס.

ס׳האָט זיך פערזאַמעלט אַרום פייער די גאַנצע פּלוגה, אַלע זענען געווען נייגעריג צו הערען די אינטערעסאַנטע גע־

שיכטע, יהודה זעלבסט איז אויך געוואָרען פעראינטערעסירט, און ער האָט בעפוילען דעם בעדואינער:

– נו דערצעהל-זשע דו, שרק!

דער רעגען האָט עטוואָס אויפגעהערט, מ׳האָט צוגעלעגט טריקען האָלץ אויפ׳ן פייער, אַ רויטע שיין האָט בעגאָסען די פנימ׳ער פון די פארטיזאנער; ס׳האָט זיך אויך אָבגעשלאָגען דער שיין פון פלאַם אויף די נאַסע צווייגען פון די בוימער און אויף די שפיצען פון די פעלזען אַנטקעגען דעם לאַגער. שרק האָט אָנגעהויבען זיין ערצעהלונג:

-- אַזוי ווי מיר פינף האָבען זיך אָבגעטיילט אין יענער נאַכט צו רייטען קיין גפנים, האָט עפעס דער רוח אָנגערעדט דנ׳ען, אַז ער מוז אויפזוכען די געפאַנגענע קציעה און זי אַרויסראַטעווען פון די גריכענס הענט. מילא, היינטיגע צייטען איז פאַרהאַן גרעסערע מיוחסים ווי דעם פאַסטוך יועזר׳ס טאָכטער קציעה, וועלכע ווערען געפאַנגען, פאַרקויפט אין גאָרנישט; אָבער דן, עפעס מעשה־שטן, האָט זיך איינגערעדט, אַז ער מוז זי אַרויסראַטעווען. ס׳האָבען נישט געהאָלפען אונזערע רייד; וואָס מיר האָבען גיט איינגעטענה׳ט, אַז ס׳איז זעהר געפעהרליך איצט אונטערצונעמען וועלכע ס׳איז שריט, וואָרום די יונים שלעפען זיך אַרום מחנות-ווייז איבערן גאַנצען לאַנד און ס׳איז פיעל גלייכער אָבצוהיטען אונזער פלוגה; אָבער דן ביי זיינס: ביין און ביין, ער מוז זי אויפזוכען. טאַקי נור מעשה-שטן. נו, פרעג איך אייך: האָט מען געזאָלט איהם אַליין לאָזען? איהר פערשטעהט דאָך, אַז ער מיט זיין ממזר׳ישען קאָפ וואָלט נישט ווייט פערקראָכען... הכלל מיר האָבען בעשלאָסען, אַז מ׳זאָל אַלע צוזאַמען פאָהרען. אויפן וועג האָט זיך אונז איינגעגעבען אַוועקצו׳לקח׳נען אַ גריכישע שולד-וואַך פון זייער לאַגער, וועלכע האָבען אויך געפיהרט געפאַנגענע, און מיר זענען פון איהם געוואָהר געוואָרען, אַז דער רשע דעמעטעאוס האָט אַוועקגעשיקט יועזר׳ן מיט קציעה קיין עכו. נו, פאָהרען מיר קיין עכו, מ׳האָט דען עפעס אַנ׳אַנדערע ברירה? צוליעב דנ׳ען מוז מען פאָהרען. הונטער עכו האָב איך איבערגעלאָזט מיינע חברה־לייט אין אַ

יונג וועלדעל, געלאָזט אויך מיין פּאַנצער מיט׳ן געוועהר, כ׳האָב נורן מיטגענומען אין בוזעם צוויי שטילעטען און כ׳האָב זיך געלאָזט אין שטאָדט אַריין. איך קום אין שטאָדט אַריין, דרעה זיך אַהין׳ דרעה זיך אַהער, כ׳געה צום האַפען, כ׳וויל זיך כלומר׳שט פערדונגען אויף אַרבייט; אַזוי לאַנג ביז וואַנען כ׳האָב געטראָפען אַנ׳אַרבייטער ביי די שיפען, אַנ׳אַראַבער, כ׳האָב זיך אָנגעהויבען איהם אויסצופרעגען, בקצור כ׳בין געוואָהר געוואָרען אַז אַ פעניציאַנער שקלאַפען-הענדלער, האָט אָבגעקויפט אַ גרויסען טראַנספּאָרט שקלאַפען און לויט ווי דער אַראַבער האָט מיר געשילדערט האָט זיך געפונען צווישען זיי אויך קציעה מיט׳ן פּאָסער. אין דעם זעלבען טאָג אין דערפריה איז אָבגעגאַנגען אַ שיף קיין עגיפּטען מיט׳ן פעניציאַנער און אַלע שקלאַפען, ווי אויך קציעה. איך בין גלייך צוריקגעקומען צו מיינע קאַמעראַדען און זיי געבראַכט די גוטע בשורה; הכלל, כ׳האָב גערעכענט אַז שוין, איצט איז אויס קציעה און מיר וועלען צוריקפאָהרען אין אונזער לאַגער אַריין.

דער בעדואינער האָט אָבגעהוסט, איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם און זיך אָנגערופען צו יהודהן:

— זאָל דער בעל-הבית אַזוי גוט זיין הייסען מיר דערלאַנגען נאָך אַ בעכערל וויין, ווייל ס׳איז מיר שוין טרוקען אין האַלז. וואָרום אַז כ׳דערמאַן מיך, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען איבער דעם „העלפאַנט" ווערט מיר טרוקען אין מויל...

מ׳האַט גלייך דערלאַנגט שרק׳ן אַ בעכער וויין, ער האָט אויסגעזופּט מיט איין ציה, אָבגעווישט דאָס מויל, ווידער אָבגעהוסט און ווייטער דערצעהלט:

— יאָ, ווי האַלט איך?... אַז מיר פאָהרען צוריק אין לאַגער אַריין, אין אָנהויב האָב איך געמיינט אַז אונזער דן, ווען ער וועט דערהער׳ען די גוטע בשורה, וועט ער שרייען, פילדערן, ער וועט איינלעגען וועלטען. אָבער ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט גאָר פערקעהרט: דן איז געוואָרען שטום ווי אַ פיש, ער האָט גאָר נישט גערעדט, נור עפּעס אַ מאָדנע פייערל האָט זיך אָנגעצונדען אין זיינע אויגען, ער האָט נור אויף זיין שטייגער קורץ אַרויסגעשטאַמעלט:

„פֿאָהרט איהר צוריק אין לאַגער אַריין, איך וועל בלייבען אין גפנים, כ'מוז אָבהאַקען דעמעטעאוס'ן דעם קאָפּ!..." מיר אַלע קוקען איהם אָן ערשטוינט, צו איז ער שוין אינגאַנצען משוגע געוואָרען, צו וואָס? דעמעטעאוס רוהט ביים באַרג כרמל מיט אַ לאַגער פון אַ טויזענד יונים און דן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז האָבען דעמעטעאוס'עס קאָפּ?.. איך טראַכט מיר, הלואי וואָלסט דו נישט איבערלאָזען דיין נאַרישען קאָפּ ביי דעמעטעאוס'ן!

אָבער וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען, אַז מיר האָבען אָנגעקוקט דן'ען און זיין קאָמיש-טראַגישע מינע, האָט אונז אַדורכגענומען אַזאַ רחמנות, אַז מיר האָבען אַלע בעשלאָסען מיטצופאָהרען קיין גפנים. וואָרום ווי קען מען לאָזען אַזאַ שפּיל-פויגעל איינעם אַליין, און נאָך דערצו מיט אַ צודרעהטען קאָפּ? בעזונדער, דעמוטעאוס'ען, ווייסט איהר, האָבען מיר אַלע אויך שטאַרק ליעב געהאַט...

מיר זענען געקומען קיין גפנים, די פערד מיט'ן געוועהר האָבען מיר איבערגעלאָזט ביי אבטליון'ס ברודער אבנר'ן און מיר געהען אַרום און קלערען תחבולות ווי אַזוי צו צוקומען צו דעמעטעאוס'ן. אָבער אונזערע העלעניסטלעך, זיי מוזען דאָך זיין געטריי די יונים; אַזוי ווי מ'האָט אונז נור דערקענט, האָט מען באַלד געגעבען צו וויסען און ביינאַכט ווען מיר זענען אַלע געשלאָפען ביי דן'ס מוטער, האָבען די יונים אַרומגערינגעלט דאָס הויז און איידער מיר האָבען צייט געהאַט זיך אומצוקוקען זענען מיר שוין אַלע געבונדען. דעמעטעאוס האָט זיך מיט אונז דערפרעהט ווי מיט אַ געפונענעם אוצר און ער זעלבסט האָט אונז בעגלייט בכבוד-גדול קיין עכו און האָט אונז אַלע צוזאַמען איינגעזעצט אין אַ שעהן שטייגעל אַריין, טאַקי ווי ס'געהער צו אַזעלכע בכבוד'יגע געסט ווי מיר זענען. אַ גליק נאָך, וואָס די פערד מיט'ן געוועהר זענען געבליבען ביי אבנר'ן.

איך קוק זיך אַרום אין דעם געפענגעניש, וואָס מ'האָט אונז אַריינגעפיהרט, נישט קשה כ'לעבען, אַ נאַסער, פינסטערער

קעלער, נור אין דערהייך ביים געוועלב פון דער מויער איז פערזעצט אַ קליין פענסטערל מיט אייזערנע קראַטען, דורך וועלכען ס׳שיינט אַריין אַביסעל ליכטיגקייט. אין ווינקעל ליגט אַביסעל פייכט שטרוי אויף אַ געלעגער אין אַן׳אייזערנע טהיר האָט זיך פערשלאָסען, דורך וועלכע מ׳האָט אונז צוויי מאָל אין טאָג אַריינגעגעבען עסען. פון די וועכטערס האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז דעמעטעאוס האָט בעקומען אַ דרינגענדען בעפעהל צו קומען קיין אַנטיוכיה און מיר זיצען דערווייל מיט נחת אין דעם פרעכטיגען פאַלאַץ, הלואי אויפ׳ן קעניג אנטיוכוס געזאָגט געוואָרען !..

ווי לאַנג מיר זענען אַזוי געזעסען ווייס איך נישט, ווייל מיר האָבען שוין פערגעסען דעם חשבון פון די וואָכען, נור מיר זענען ווידער געוואויר געוואָרען, אַז דעמעטעאוס איז צוריקגעקומען פון אנטיוכיה. נו, איצט בעדאַרף מען זיך ריכטען פון איהם אויף אַ שענעם קבלת-פנים; בררר... אַזוי ווי איך דערמאָן זיך, לויפט מיר אַ שוידער דורך די ביינער ! איך קוק זיך גוט אַרום אין אונזער זאַל, איז מיר עפּעס איינגעפאַלען אַ געדאַנק און איך רוף זיך אָן צו דנ׳ען :

— דן, האָסט דאָך עפּעס אַ פּאָר ידים, פּרוב נור אָקאָרשט אַ ריהר צו טהון דאָס פענסטערל אין דערהויך!...

מיר האָבען אַרויסגענומען עטליכע ציגעל אין דער וואַנד, געמאַכט ווי שטיגלעך, נאָכהער האָבען מיר אַלע אונטערגעשטופּט דעם „העלפאַנט״, ביז ער האָט זיך קוים צוגעקריגען צום פענסטערל. ער האָט אָנגענומען מיט זיינע ברייטע לאַפּעס די אייזערנע קראַטען; כ׳האָב געכאַפּט אַ בליק אַרויף צו דנ׳ען, דאָס לעצטע ביסעל בלוט איז איהם אַריינגעפלאָסען אין פּנים אַריין און די אָרעמס זענען איהם געוואָרען ווי אָנגעדראָלען פון אָנשטרענגען די מוסקולען. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קראַך און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען צו שיטען שטיקלעך ציגעל מיט ליים; מיר האָבען זיך אַ ווײלע איינגעהערט, אַ גליק ס׳האָט קיינער נישט דערהערט, ווייל אינדרויסען האָט געגאָסען אַ שלאַקס-רעגען און אַ שטאַרקער ווינד האָט געבלאָזען. אין ווײלע אַרום

האָט דן געפּרובט נאָך אַ ציה צו טהון דאָס פענסטערל, די טיפע אייזענס האָבען זיך אַרויסגעבראָכען און האָבען זיך אַרויסגעצויגען פון דער וואַנד. מיר האָבען איהם געהייסען צוריק פערזעצען דאָס פענסטערל, צוזאַמענגעשאַרט די ציגעל מיט׳ן ליים אונטערן שטרוי אַרונטער און גלייך ווי גאָרנישט, שט, שאַיל.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען ס׳איז געוואָרען שטיל אויפ׳ן הויף פון געפענגעניש, נור אַ געדיכטער רעגען האָט געגאָסען אָהן אויפ- הער, האָבען מיר ווידער אונטערגעהויבען דנ׳ען. ער האָט שוין לייכט אַרויסגענומען דאָס פענסטערל מיט די קראַטען; מיט גרויס מיה, האָט ער זיך קוים אַרויסבעקומען אין דרויסען אַרויס, נאָך איהם איינציגווייז מיר אַלע און מיר לאָזען זיך געהן אין דער פינסטערניש. ווען מיר וואָלטען געגאַנגען שטיל, וואָלט זיכער קיינער נישט דערהערט, מיר וואָלטען געוועזען ענטלאָפען אונבעמערקט און גאָרנישט. אָבער דן, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו טאָפּטשען מיט זיינע ברייטע לאַפּעס ווי אַ העלפאַנט אין דער בלאָטע, מן-הסתם האָבען די גריכען דערהערט און מיט אַמאָל האָבען זיך אַ שיט געטהון נאָך אונז, זעקט דראבעס מיט די שפּיזען אין די הענט. צום גליק זענען געלעגען אויפ׳ן הויף אויסגעאַרבייטע הילצערנע שפּאַרען, מיט וועלכע מ׳האָט רעמאָנטירט אַ געביידע, אונזער דן האָט געכאַפּט אַזאַ האָלץ פון דער ערד, אָנגענומען מיט ביידע הענד, האָט נור צעשפּרייט זיינע ביידע פיס און האָט געטהון איין שאַר מיט׳ן ברעט אין דער לופט, זענען אַלע יונים געוואָרען מיט איין מאָל אָבגעשוואַכט, ווי עפּעס אַ מחנה שוואַכע פליגען. אין פערלויף פון אייניגע מינוטען, זענען מיר שוין אַלע געוועזען אויף דער צווייטער זייט צוים פון געפענגעניש.

דער בעדואינער האָט ווידער איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם, האָט אַרומגענומען אַלע אָנוועזענדע מיט זיינע ווילדע אויגען, נור אַ שטילער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין אויסגעדאַרטער ברוסט, אָבער די אָנוועזענדע האָבען איבער איהם געיאָגט מיט בייגעריגקייט:

— נו, דערצעהל שוין ווייטער, דערצעהל!

— וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, מיר האָבען זיך גע-לאָזט לויפען אויס דעם געפענגעניש, ווי די בייזע שדים און נאָך די זעלבע נאַכט אום פאַרטאָג צו, זענען מיר שוין געווע-זען אין גפנים. איך מיט דנ׳ען האָבען גענומען אונזערע כּלים אין די הענד אַריין און אַ גאַנצען טאָג מיט אַ נאַכט האָבען מיר זיך אַרומגעדרעהט אין וואַלד, נעבען לאַגער פון די יונים און געוואַרט צו פאַקען דעמעטעאוס׳ן. ערשט צומאָרגענס אין דער פריה, איך קוק אַפער פון אונטער די קשאַקעס, וואו מיר האָבען זיך געראַט בעהאַלטען, מיין דעמעטעאוס מיט זיין אַדיוטאַנ געהן אויפ׳ן שפּאַציר צום באַרג כרמל און פלאַפלען עפּעס הויך מיר זענען צו זיי אונטערגעלאָפען אונבעמערקט פון הינטען. דאָס ערשטע האָב איך מכבד געווען דעם אַדיוטאַנט מיט מיי. שפּיז אין רוקען אַריין און דן איז צוגעלאָפען פערסאָפּעט צו דעמעטעאוס׳ן מיט אַ פראַגע:

— וואו האָסטו, הונט איינער, מיין קציעה׳?...

און כ׳האָב נור דערהערט ווי דנ׳ס „פיילכעל״ האָט אַ מורא׳דיקען סווישטש געטהון אין דער לופט...

דן האָט געכאַפּט דעמעטעאוס׳עס פערבלוטיגטען קאָפּ, צו-געדריקט צום האַרצען, ווי אַ מוטער טוליעט צו איר איינאונ-איינציג קינד צו דער ברוסט; מיר האָבען צוריקגעקעהרט קיין גפנים, אָנגעזאָטעלט די אויסגערוהטע פערד און אָט זענען מיר אַהער געקומען...

דער בעדואינער האָט אַרומגענומען מיט זיין ווילדען בליק אַלע אָנוועזענדע, בכדי זיך איבערצוצייגען, וואָס פאַר אַ רושם ס׳האָט אויף זיי געמאַכט זיין ערצעהלונג, נאַכהער האָט ער זיך געווענדט צו יהודה׳ן:

אָ, טייערער בעל־הבית, ס׳איז מיר שוין ווידער געוואָרען ביטער אין מויל. אַלץ איבער דעם נאַרישען „העלפאַנט״.

יהודה האָט בעפוילען צו ברענגען פון געצעלט אַרויס צייי לאָגלען וויין און אַלע האָבען געטרינקען פאַר׳ן געזונד פון טאַפּפערען גבור און מיט הויכע אויסגעשרייען געלויבט זיין העלדישען טהאַט. אָבער דן האָט זיך אויסגעדרעהט פערשעמט

אין אַ פינסטער ווינקעל, גלייך ער וואָלט בעגאַנגען עפּעס אַ פערברעך און האָט נור שטיל אַרויסגעמורמעלט:

— עי, דער שוואַרצער וועוורוק האָט ליב פיעל צו פּלוישען!...

די פּאַרטיזאַנער האָבען זיך שוין געקליבען צו לעגען שלאָפען, יהודה האָט נאָך צושיקט אויף אַלע זייטען פרישע מענשען צו טוישען די וואַכען. אָבער ווי זענען אַלע געוואָרען ערשטוינט, אַז איינער פון די געטוישטע וואַכען האָט געברענגט צו פיהרען דעם אַלטען בעטלער, שמעון-הפּרסי. ער איז געגאַנגען מיט די לירע אונטער'ן אָרעם, צוגעהינקט אויף זיין קוליע און איז געוועזן נאָך מעהר איינגעהויקערט ווי שטענדיג, אַדורכגעווייקט פון רעגען, צוזאַמענגעקאָרטשעט, געפרוירען. ער איז צוגעקומען שטיל שווייגענדיג צום פייער, האָט זיך נור אין קורצען בעגריסט:

— פרידען אויף אייך, גאָטס קעמפער;

נאַכהער האָט ער ווידער שטיל-שווייגענדיג אַוועקגעלעגט די לירע. אויסגעטהון זיין אויבער מלבוש מיט די טראַנטעס, פון וועלכע ס'האָט גערינען דאָס וואַסער שטראָמענווייז, האָט זיך געוואַרימט פון אַלע זייטען ביים פייער, זיין פּנים איז געוועזן שטרענג, פערכמורעט און ער האָט אויסגערופען מיט אַ ירגזון:

— הינט זאָלען אַרומלויפען אין אַזעלכע נעכט, נישט קיין מענשען: כ'בין שוין קוים לעבעדיג געקומען!

יהודה האָט גלייך פערשטאַנען, אַז ס'איז עפּעס וויכטיגעס געשעהן, וואָס דער בעטלער איז געקומען אין אַזאַ פינסטערער נאַכט, ער האָט איהם אָנגעגאָסען אַ גרויסען בעכער וויין, וועלכען שמעון-הפּרסי האָט אויסגעצויגען אין איין אָטעם, האָט זיך אַרומגעווישט פון רעגען, ווייטער געוואַרימט ביים פייער און געוואַרט אַז מ'זאָל איהם צוערשט פרעגען נאָך וואָס ער איז געקומען. אָט ענדע האָט איהם יהודה געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ וויכטיג נייעס האָסטו אונז געבראַכט, ליבער שמעון?

— געוויס איז עס וויכטיג, ווען ס'וואָלט נישט געווען וויכטיג, וואָלט איך נישט געקומען אין אַזאַ טייוולאָנישע נאַכט!

דיינע פערדינסטען פאַר'ן פאָלק וועט מען דיר קיינמאָל נישט פערגעסען — האָט זיך יהודה אָנגערופען מיט אַנערקענונג צו שמעונ'ען.

יהודה'ס ווערטער האָבען דעם אַלטען בעטלער אויפגעמונטערט, ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים פייער, צוגעשאָקעלט מיט זיינע גרויע ברעמען און זיך אָנגערופען צו יהודה'ן:

— זיי אַזוי גוט און זעץ דיך נעבען מיר אַנידער, וואָרום מיר האָבען אַדורכצושמועסען אַ גאַנצען סטראַטעגישען פּלאַן פון דיין פאָטער, איך בין נעכטען געוואָהר געוואָרען ביי די יונים, אַז אַפּאָלאָניום האָט אַרויסגעשיקט דעם בעוואוסטען רשע פּיליפּאַס, מיט טויזענד פוס-געהער און צוויי הונדערט געפּאַנצערטע רייטער, ער זאָל אויפזוכען אין די בערג אפרים דיין פאָטער מיט זיינע זיהן און איין מאָל פאַר אַלע מאָל, — נישט דערלעבען זאָל ער — מאַכען אַ סוף צו דעם אויפשטאַנד. איך האָב דאָס גלייך צו וויסען געגעבען דיין פאָטער און ער מיט אַנטיגנוס'ען האָבען אויסגעאַרבייט דעם פאָלגענדען פּלאַן: יוסף המרומי מיט זיינע לייכטע רייטער, זאָלען מיטאָגס-צייט אָבוואַרטען פּיליפּאַ'סן ביי גלגל. זיי זאָלען אָנהייבען די יונים צו אַטאַקירען און באַלד זאָלען זיי זיך כלומר'שט מאַכען אַנטלויפען צו דער זייט פון אַנטיפּאַטריס. זעלבסטפערשטענדליך, אַז פּיליפּאַס'עס געפּאַנצערטע רייטער וועלען זיי נאָכיאָגען, אַזוי אַרום וועט מען קענען די יונים פערנאַרען צווישען די זומפּען פון מי-הירקון, דעמאָלט זאָלסטו, יהודה, בעהאַלטענדיג זיך מיט דיין פּלוגה צווישען די בערג נאָך בית-רמה, בעאָבאַכטען, אויב איהר וו„ט דערזעהן אַ רויך פון אונטערגעצינדענע שייערס, דאַן זאָלט איהר בעפאַלען די שווערע רייטערס פון הונטען, וואו זיי וועלען זיין צעשפּרייט צווישען די זומפּען, נאָכיאָגענדיג יוסף המרומי'ס רייטער, און דעמאָלט וועט איר זיי קענען ביסלעכווייז פערניכטען. דאַרפסט וויסען, יהודה, אַז די געפערליכסטע זענען

די געפּאַנצערטע, וואָרום מיט די יונ'ישע פוסגעהער וועט זיך שוין דיין פאָטער מיט זיינע אָבטיילונגען איינציגווייז אָברע־בענען.

און שמעון הפרסי האָט נאָך אַרויסגענומען אַ פּאַרמעט מיט צייכענס פון די דערמאָנטע ערטער, וואָס מתתיהו האָט אויפגעצייכענט, אַז יהודה זאָל זיך בעסער אָריענטירען איבער דעם געפלאַנטען אָנפאַל, אין וועלכען יהודה האָט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט פערטיעפט.

די פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגענומען די ידיעה מיט אַ גרויסע צופרידענהייט, ס'האָבען זיך דערהערט צווישן זיי דראָהענדע אויסגעשרייען:

— אַ טויט אויף פיליפּאָס'ן! פאַר'ן ערמאָרדען מיין אַלטען פאָטער מיט דער מוטער אין דער הייל! — אַ צווייטער האָט געשריהען:

— נקמה, פאַר מיין ווייב מיט די קליינע קינדער!

מאַנכע האָבען געשריהען, אַז מ'וועט כאַפּען פיליפּאָס'ן זאָל מען אים פערברענען לעבעדיגערהייד, אַזוי ווי ער האָט פערברענט די קדושים אין די היילען; מאַנכע ווידער, אַז מ'זאָל פון איהם שניידען שטיקער פלייש און בעשיטען מיט זאַלץ, פאַר זיין אַכזריות.

אָבער יהודה האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט בערוהיגט די אויפגערעגטע געמיטער מיט האַרציגע ווערטער:

— ליבע קאַמעראַדען, פוסטע נקמה דאָס איז אַ מדה נור פון געצענדיענער; מיר, העברעער בעדאַרפען זיך ניט לאָזען בעהערשען פון די ווילדע, נידריגע ליידענשאַפטען. אונזער ציעל איז נור צו בעפרייען דאָס לאַנד פון די טיראַנען, בכדי מיר זאָלען קאָנען לעבען פריי, לויט די געזעצן פון אונזער תורה; מיר בעדאַרפען זיך נישט רעכענען מיט פערזענליכע נקמות, נור מיט דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד פון גאַנצען פאָטערלאַנד. דעריבער מוז יעדער איינציגער פון אונז קעמפען קאַלטבלוטיג, אַבי צו בעזיעגען דעם ביטרען און מעכטיגען שונא און דאָס בעשטראָפען די

בכורים, זאָל מען איבערלאָזען פאַר אונזער גרויסען גאָט פון נקמה!

דן, ווי ער האָט דערהערט אַז מען גרייט זיך צו אַ מלחמה, האָט זיך שטיליטשקע צוריק צוגעשאַרט צום פייער, אַרויסגענומען און בעטראַכט פון אַלע זייטען זיין „פיילכעל", געשאָקעלט דערמיט אין דער לופט. אויף זיין אויסגעמאַטערטען פנים האָט זיך בעוויזען זיין אַמאָליגער שמייכעל און ער האָט שטיל אַרויסגערעדט צו זיך זעלבסט:

—אַ, כ'האָב שוין לאַנג נישט געאַרבייט מיט'ן „פיילכעל"... נישט איין יון וועט אַנידערלעגן דעם קאָפּ פאַר קציעה'ן!...

און אַז דער אַלטער שמעון הפרסי האָט דערזעהן דן'ען מיט שרק'ן, איז צו זיין שמחה גאָרנישט געווען קיין גרעניץ; און דערנאָך אַז מ'האָט איהם געוויזען דעמעטעאוס'עס קאָפּ, האָט ער אַרומגעטאַנצט אויף זיין קוליע ווי אַ קליין קינד, ער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס זיין פרייד אויסצודריקען; ענדליך איז ער אַרויפגעפאַלען אויף דן'ען און איהם געקושט, נאָכהער האָט ער מיט פרייד אויסגערופען אָנווייזענדיג אויף דעם פערבלוטיגטען קאָפּ:

— איהר ווייסט? דער ביטערער פוקס האָט שוין אויף מיר אויך געהאַט פערלעגט אַנ'אויג, ער האָט בעשטימט צעהן טאַלענטען גאָלד פאַר מיין קאָפּ און פאַר יהודה'ס קאָפּ הונדערט טאָלענטען!

יהודה האָט נאָך אַרויסגעגעבען נויטיגע פעראָרדנונגען מ'זאָל אַלעס צוגרייטען אויף מאָרגען פריה אין וועג אַריין און בעפוילען די פלוגה זיך לעגען שלאָפען, אום זיך אויסצורוהען צו דער מאָרגענדיגער אַרבייט. די פייערן האָבען זיך אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז אויסצולעשען, און אַ נאַסע פינסטערע נאַכט האָט פערשפרייט איהרע שוואַרצע פליגעל איבער די טרייע, איבערגעגעבענע זיהן פון לאַנד יהודה.

ז

די שטאָדט אַלעקסאַנדריע אין מצרים ליגט ביים מיטעל־לענדישען ים, אויף דעם אָרט וואוהין דער גרויסער טייך נילוס פאַלט אַריין; אין די צייטען פון אונזער ערצעהלונג האָט די שטאָרט אַלעקסנדריע דערגרייכט די גרעסטע שטופע פון אויפבליהונג, וואָרום אַ חוץ וואָס זי איז געוועזן די רעזידענץ פון די גריכישע דינאַסטיע פטאָלאמעער, איז זי געוועזן די צווייטע שטאָדט נאָך רוים מיט איהר רייכטום און גרויסען האַנדעל. אויף די ברייטע, געלבליכע וואַסערן פון נילוס, האָט מען געבראַכט צו פיהרען קיין אלעקסנדריע אויף פערשידענע שיפען און באַרקעס כלערליי סחורות און פראָדוקטען פון אַ האַלבער וועלט. פון צענטראַל־אַפריקא האָט מען געליפערט קיין אלעקסנדריע העלפענביין און נעגרישע שקלאַפען, פון עטיאָפיען (כוש) — גאָלד, עדעלשטיינער און בשמים. פון פרוכטבארען נידער־און־מיטעל־עגיפטען האָט מען געפיהרט גרויסע טראַנספּאָרטען תבואה, וועלכע איז פערקויפט געוואָרען דעם מעכטיגען צובאַלעוועטען רוים. עס פלעגען אַריינקומען אין דעם גרויסען פאָרט פון אלעקסאנדריע, שיפען פון דער גאַנצער קולטורעלער וועלט אין יענע צייטען. פון בערבעריען, קליין־אַזיע, גריכענלאַנד, רוים, פעניציע. אין אלעקסאנדריע פלעגט מען טרעפען אַלערליי מענשען פון גאָר דער וועלט, ס'האָבען זיך געהערט פערשידענע שפראַכען און דיאַלעקטען, אָנהויבענדיג פון דער אַלטער עטיאָפישער שפראַך, ביז די שפראַכען פון די ווייטע רוימישע קאָלאָניעס, גאַליען, בריטאַניען א. ז. וו.

חוץ דעם איז אלעקסאנדריע געוועזן דער צענטר פון

דער אַלטער גריכישער ציוויליזאַציע. נאָך אַטהען זענען געוועזען אין אלעקסנדריע די העכסטע שולען פאַר פילאָזאָפיע, קונסט און אינדוסטריע. מאַלעריי מיט סקולפטור האָבן שטאַרק אויפגע־בליהט, די גריכישע ליטעראַטור האָט אויפגעלעבט אין דער קעניגליכער ביבליאָטעק אין אלעקסאנדריע האָט זיך געפונען אַ גרויסע זאַמלונג פון ביכער און מאַנוסקריפטען פון אור-אַלטע צייטען, ווי אויך גרויסע זאַמלונגען פון פערשידענע קונסט-ווערק. אויך האָבען אויפגעבליהט אין דער גרויסער שטאָדט פאַבּ־ריקאַציע אין טעכניק, מ׳האָט דאָרט אויסגעאַרבייט געוועהר, פערשידענע קריעגס מכשירים און צערשטערונגס-מאַשינען צו פעסטונגען ווי אויך כלערליי טייערע שטאָפען מיט וועב. דער וועב פון מצרים האָט געיִשמ׳ט אין דער אַלטער וועלט מיט זיין איידעלער אויסאַרבייטונג און האָט זיך טייער געצאָהלט. פּרעכטיגע פּאַלאַצען און טעמפּלען מיט שענע גערטנער האָבען בעצירט די רייכע שטאָדט, וועלכע איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט ריעזיגע מויערן אין הויכע טורעמס.

די גרויסע שטאָדט איז בעשטאַנען פון פינף טיילען, אָדער בעצירקען, וועלכע האָבען געטראָגען די נעמען פון די ערשטע אותיות פון גריכישען אַלף־בית. די רייכסטע שטאָדט־טייל ד ע ל־ת אַ, וועלכע איז געלעגען ביים ברעג ים און נעבען קאַנאַל פון נילוס, איז געוועזן בעוואוינט דורכאויס מיט אויסגעוואַנדערטע העברעער פון יהודה, וועלכע האָבען זיך שוין העכער הונדערט יאָהר ביסלעכווייז בעזעצט אין עגיפּטען, וואו זיי האָבן געהאַט פון די פּטאלאמעער פולקאָמע גלייכבערעכטיגונג צוגלייך מיט די געבוירענע גריכען. און איצט נאָך די שרעקליכע שמד-רדי־פות פון אנטיוכוס הרשע אויפ׳ן פאָלק ישראל האָבען מאַסען מענשען אויסגעוואַנדערט פון יהודה און זיך בעזעצט אין גאַנץ עגיפּטען. פון קירענאַיקא ביז ליביען. וואו ס׳איז שוין געווען בעדייטענדע העברעאישע קהלות. די אַלע איינוואוינער פון יהודה האָט דער קעניג פילאָמעטער זעהר פריינדלעך אויפגענו־מען, ווייל מיט דער הילף פון די העברעער האָט ער געהאָפט אָבצווערסען פאַר זיך צעלעסיריען פון די סעלעווקידער.

אין דער שטאָדט-טייל דעלתא האָבען די ענערגישע הענ-
דער געהאַט אין זייערע הענד דעם גאַנצען מסחר מיט תבואות
איפ'ן ים, ווי אויך פון איידעלשטיינער מיט ציערונג; אויסער
דעם האָבען זיך געפונען צווישען זיי געלעהרטע, פילאָזאָפען און
קינסטלער, וועלכע האָבען גלייכצייטיג געלערנט און גע-
שטאָלצירט מיט תורת-משה און מיט די הויכע ליטעראַטור פון
די געטליכע נביאים.

ביים קאַנאַל פון נילוס שטעהט אויף אַ בערגעל אַ שע-
נער פּאַלאַץ אין אַלט-גריכישען סטיל, הויכע זיילען פון קאָ-
רינטישען מאַרמאָר מיט קינסטלערישע גזימסען בעפּוצען דעם
פראָנט פון דער גרויסאַרטיגער געביידע און אַ טעראַסע פון
פערשידענאַרטיגע טראָפּישע געוויקסען מיט בלומען, איז אויס-
געשפּרייט פון דער זייט גאַס איבער דער גאַנצער לענג פון דעם
פּרעכטיגען פּאַלאַץ, וועלכע פערשפּרייטען אַרום אַ פער'שכור'די-
גען אַראָמאַט און די טעראַסע איז פערצוימט מיט קינסטלערישע
אייזערנע קראַטען, וועלכע שטעלען פאָר אַ וואונדערליכע סע-
צעסיע פון פאַנטאַסטישע בלומען. פון הינטען ציהט זיך ביז צום
נילוס אַ גרויסאַרטיגער גאָרטען פון פערשיעדענע פרוכטען-ביימער,
מיט שלאַנקע און ברייטע צושפּרייטע פּאַלמען, וועלכע האָבען
אַרויס געגעבען עפּעס אַ געהיימניספולען גערויש ביים מינדסטען
בלאָז פון אַ ווינדטעל.

אויפ'ן הויף צווישן פּאַלאַץ און גאָרטען, אין שאָטען פון
פּאַלמען און ציפּרעסען שפּריצט אין דערהויך מיט עטליכע דינע
שטראָמען קיהל וואַסער, אַ ריעזעגער פאָנטאַן און בעשיט מיט
אַ מחיה'דיגען קיהלען שטויב דעם גאַנצען רוים אַרום און וועל-
כער בעדעקט ווי מיט אַ טוי די לאַנגע, ברייטע פּאַלמען-בלעטער
מיט די העלפאַרביגע בלומען און די פערשיעדענע אַרטיסטיש-
צוזאַמענגעשטעלטע קלאָמבען. נור די גליהענדע שטראַהלען
פון דער זון שלאָגען אָב אין דעם וואַסער'דיגען שטויב,
פערשיעדענפאַרביגע קאָלירען פון אַ רעגען-בויגען; און ווייסע
מאַרמאָר-בענק מיט טישלעך זענען אויסגעשטעלט צווישען די
קלאמבען אין דעם קיהלען שאָטען פון די פּרעכטיגע, שמעקענ-

יגע בוימער. דאָס שענע, פער'כשופ'טע ווינקעל איז בעשטימט פאַר די איינוואוינער פון פּאַלאַץ צו פערברענגען דאָרט די הייסע מיטאָג שעה'ן.

אין דעם דאָזיגען פּאַלאַץ וואוינט דער יונגער געלעהרטער חוניו דער פיערטער, אַ זוהן פון געוועזענעם כהן-גדול אין ירושלים, חוניו דעם דריטען, וועלכער איז אַנטלאָפען פון ירושלים קיין אַלעקסאַנדריע נאָך אין די ערשטע בהלות אין יהודה מצד אנטיוכוס הרשע; דער ירושלים'ער, געבילדעטער, הויכער אַריסטאָקראַט האָט שטאַרק נושא־חן געווען ביים קעניג פילאמעטר. דער קעניג, אויסער, וואָס ער האָט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און בעשאנקען מיט דעם פּרעכטיגען פּאַלאַץ און מיט אַנדערע טייערע מתנות, האָט געהאַלטען דעם העברעישען קלוגען געלעהרטען פאַר זיין ערשטען ראַטגעבער און אין די שפּעטערע צייטען האָט ער בעשטימט חוניו'ן אויך פאַר דעם גרעסטען אָנפירער פון זיין אַרמעע.

ס'איז אַ הייסער נאָכמיטאָג. די זון האָט שוין אָבגעקעהרט עטוואָס צו מעריב, צו דער זייט פון דער וויסטע ליביע און האָט נאָך אונגעהויער געברענט מיט איהרע גליהענדע שטראַהלען אויף די מויערן פון אַלעקסאַנדריע און אָנגעפולט די לופט מיט אַ שטיקענדע היץ; עס איז שטיל אַרום, נור עס דערטראָגט זיך פון נילוס אַ שטילער פּליעסק פון וואַסער און מאַנכע מאָהל דערטראָגט זיך פון דער זייט ים אַ לייכטיטשקע ווינדטעל און טהוט אַ גלעט איבער די געדיכטע צושויבערטע קעפּ פון די פּאַלמען, וועלכע גיבען אַרויס אַ שטיל אנגענעהם גערויש, ווי אַ זשומעריי פון טויזענטער אינזעקטען, אָדער ווי אַ נישט-דייטליכער ווידערקלאַנג פון עפּעס אַ ווייטער, פער'כשופ'טע נישטפערשטענדליכער מוזיק פון אונטער דער ערד און דאָס וואַסער פון פאָנטאַן שפּריצט מאָנאטאָנע, ווי אַ דינער רעגען אין שפּעטען הערבסט.

אויף אַ ווייסער מאַרמאָר־באַנק, אין שאָטען פון אַ בליהענדע אַקאַציע אַקעגען דעם פאָנטאַן זיצט חוניו'ס פרוי מרים, אַ שעהנע דיקע פרוי, געקליידעט אין אַ זיידענע העלבלויע לאַנגע טאָגע, וואָס איז אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ ברייטע

באַנד פון זעלבען קאָליר און איז פאַרשלייפט פון הונטען מיט אַ קאָקאַרדע. אויפ'ן האַלז טראָגט זי לאַנגע שנירען גרויסע פערל, וועלכע הענגען אַראָפּ אויף איהר ווייטע פולע ברוסט. אויף די פינגער טראָגט זי גרויסע גאָלדענע פינגערלעך. מרים איז איצט פערנומען מיט'ן אויסשטיקען אַ העלפאַרביגען דיוואַן. נעבען איהר זיצט חוניו'ס אַ יונגערע שוועסטער העלענא, אַ ברונעט מיידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן מיט גרויסע, קלוגע שוואַרצע אויגען. איהרע לאַנגע, שוואַרצע ווי העבאַן, האָר, זענען פערקעמט אַרונטער און צוזאַמענגענומען פון הונטען אויפ'ן גריכישען אַרט, מיט אַ געדיכטען קאָקס; אַ לייכטע, ווייסע טוניקע, אויך פון גריכישען שניט נעמט אַרום איהר שלאַנקע פיגור. די טוניקע איז פון אויבען אין גאַנצען אויסגעשניטען, נור צוויי גאָלדענע מייסטער־האַפט-אויסגעאַרבייטע קלאַמערס פערהאַלטען זי אויף די נאַקעטע אַקסלען און ענטבלויזען די ווייסע ארעמס און דעם נאָך ווייסערען האַלז. גאָלדענע בראַנזאָלעטען אויסגעזעצט מיט איידעלשטיינער בעפוצען די ווייסע אַלבאַסטער־הענד. אויף די קליינע ענטבלויזטע פיסלעך טראָגט זי לייכטע געהאָפטענע פאַנטאָפעלעך מיט גאָלדענע קלאַמערקעס; זי האַלט אין דער לינקער האַנד אַ גריכישע מגילה און מיט דער רעכטער האָט זי אונטערגעשפאַרט דעם קאָפּ אויפ'ן מאַרמאָר-טישעל און הערט מיט אויפמערקזאַמקייט.

פון דער צווייטער זייט טישעל זיצט אויף אַ לעהנשטוהל אונזער בעקאַנטע תמר. זי איז אָנגעטהון איינפאַך און בעשיידען: אין אַ העל קלייד פון דאָרפישען שניט, מיט וועלכען זי וויל זיך נישט שיידען. און אַ שוואַרצע, זיידענע שארף פערשלייפט איבערן אָרעם, אַ צייכען פון טרויער אויפ'ן אומגליק פון איהר פאָלק. נור איהרע בלאָנדע לאָקען אויפ'ן בע'חנ'טען קאָפּ זענען בעציערט מיט ווייסע בלימעלעך, וועלכע גיבען איהר צו אַ בעזונדערען חן; איהר שען פנים בליהט ווי די רויז פון שרון. נור אַ לייכטער וואָלקען פון מעלאַנכאָליע בעדעקט איהר בליהענד פנים און די בלויע, פערחלומ'טע אויגען קוקען ווייט, אין בלויען הימעל אַריין. זי האַלט אָנגעשפאַרט אויף

דער ערד אַ גרויסע האַרפּע און שוועבט מיט די לאַנגע ראָזע פינגער, איבער די סטרונעס וועלכע גיבען אַרויס וואונדערלי־כע, מעלאָדישע טענער.

שוין אייניגע וואָכען ווי תמר ווילט דאָ מיט אלעזר׳ן און מיט חנה ביי חוניו׳ן. עס פעלט זיי אין דעם הויז גאָרנישט, צו עסען און צו טרינקען בעקומען זיי ווי אין אַ קעניגליכען הויף. חוניו׳ס פרוי, די גוטע מרים, האָט ליעב בעקומען תמר׳ן ווי איהרע אייגענע קינדער; און אויך ביי די איידעלע שענע העלענאַ, איז תמר בעליעבט ווי אַן׳אייגענע שוועסטער. זי קען זיך אויף איין מינוט נישט אָפּרייסען פון תמר׳ן. זיי לעזען צוזאַמען די העברעאישע גע־שיכטע און די פלאַמענדיגע פערזען פון די נביאים, ווי אויך די גריכישע פּאָעטען און די פילאָזאָפען. העלענאַ ווערט ענטציקט פון תמר׳ס ברייטער וועלט-אנשויאונג און איהר שנעלער אָריענטאַציע אין די שווערסטע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אָבער אַממערסטען ווערט העלענאַ בעגייסטערט פון תמר׳ס שפּיעלען. העלענא׳ס פּער־פיינערטער—אין דער גריכישער סביבה,—געשמאַק, ווערט בעצויבערט פון תמרס טאַלאַנט אין שפּילען און זינגען. נאָר אין איין זאַך זע־נען די צוויי חבר׳טעס נישט איינשטימיג און זיי פיהרען צווישען זיך דיסקוסיעס. העלענא איז אין דער מיינונג, אַז טראָץ דעם, וואָס מען דאַרף לערנען און שטודירען די העברעאישע תורה און די רעליגיעזע דאָגמען פון די העברעאישע פּרושים, וועלכע פערמאָגען אין זיך פיעל הויכע מאָראַלישע און הומאַ־ניטאַרע געזעצען, דאַרף מען אָבער אויך שטודירען די גריכישע פּאָ־עטישע מיטאָלאָגיע, איבערנעמען די גריכישע איידעלע מאַניערען, בעניסען פון פולע פערגעניגענס, וואָס די נאַטור האָט געגעבען צו פערזיסען דאָס קורצע מענשליכע לעבען. תמר דאַגעגען, איז אין דער מיינונג, אַז לערנען דאַרף מען אַלץ, וואָס דערהויבט און פערפיינערט דעם מענשליכען גייסט מיט זיין אַרט דענקען. אָבער דאָס אמת׳ע גליק און צופרידענהייט בעקומט מען נור ביים בעשיידענעם אַרט לעבען, ווייל דאָס העכסטע איז די מאָראַל און די עטיק. אַז דער מענש געפינט זיך אין אַ סביבה פון בעפריעדיגטע און גליקליכע, דעמאָלט שפּירט ערשט

זיין נשמה, דאָס פערגעניגען, צוגלייך ווען ער בעוואונ-
דערט די שענע קונסט, מוזיק, מיט די שעהנע נאַטור-
ערשיינונגען. די פילפאַרביגע גריכישע מיטאָלאָגיע, וועלכע איז
געבויט אויפ׳ן יסוד פון מענשליכע בעגריפען און ליידענשאַפ-
טען איז נור אַ שענע טעמא פאַר דיכטער און קינסטלער, אָבער
זי קען נישט צופרידענשטעלען דעם מענשענ׳ס מיסטיציזם און
גלויבען, אַזוי ווי עס בעפרידיגט די העבּרעאישע טעאָלאָגיע,
וועלכע שילדערט אונז א הויכע אונבעגרייפליכע גאָטהייט.
דעריבער דאַרפען מיר, העבּרעער, לעבען נור לויט די דינים פון
אונזער תּורה אין דער אייגענאַרטיגער קולטור פון אונזער
פאָלק.

אָבער יעדעס מאָל נאָך די הייסע דיסקוסיעס בלייבען די
צוויי חבר׳טעס ביי זייערע פריהערדיגע מיינונגען. די שענע
לעבענסלוסטיגע העלענא שפרינגט אויף פון אָרט, טהוט אַ פרעה-
ליכען טאַנץ אַרום תמר׳ן, הויבט זי אָן צו קושען און שעפ-
טשעט איהר אין אויער אַריין:

– איך וויל אָבער פערגעניגען, ליעבען און לעבען, נור
לעבען, לעבען!...

און ביידע חבר׳טעס צולאַכען זיך מיט אַ קלינגענד גע-
לעכטער.

איבער דער גאַנצער צייט, וואָס תמר ווילט אין אַלעק-
סאַנדריע, פעהלט איהר די אמת׳ע פרעהליכקייט. זי קען זיך קיין
אָרט נישט געפונען. זי שפירט אין האַרצען אַ שטילע בענקשאַפט
נאָך די פעלדער און בערג אין גליל, נאָך איהרע געליעבטע
עלטערן. ווער ווייסט וואו זיי געפינען זיך איצט אין די בלו-
טיגע צייטען? נאָך מעהר בענקט זי נאָך יהודה׳ן, וועלכער האָט
אַזוי בעצוואונגען איהר פיהלענד האַרץ מיט זיין איידעלקייט,
העלדענמוט און הייסען פאַטריאָטיזם. זי האָט איהם פערלאָזט
אין לאַגער ביים באַרג חרמון אָן דער שפיץ פון אַ פלוגה אי-
בערגעגעבענע קעמפפער פאַר׳ן פאטערלאַנד. זיי האָבען אַלץ גע-
האָפט צו בעפרייען דאָס לאַנד פון די בעדריקער און איצט,
ווער ווייסט וואָס מיט איהם איז געוואָרען אין דעם מורא׳דיגען

יבן, וואָס הערשט אין לאַנד יהודה. דאָס האַרץ שרעקט איהר
״ן בלויזען געדאַנק, זי וואָלט גערן אַוועקגעטריבען פון זיך
טרויעריגע געדאַנקען, אָבער ווי אויף להכעיס, קריכען זיי
יק אין איהר קאָפּ אַריין און נאָגען אונב׳רחמנות׳דיג איהר
ס, יונג האַרץ, ווי גיפטיגע שלאַנגען. ביינאַכט אין חלום זעהט
יהודה׳ן, ווי ער פליהט אויף זיין שוואַרצען „עורב״ מיט
׳ ריעזיגער שווערד אין דער האַנד און די גריכען פאַלען
ם איהם ווי די פליעגען; און אָט זעהט זי איהם ווידער
חלום, ווי ער ליגט אויף דער ערד, זיין שען סימפּאַטיש
ז איז בלאַס און אַ שטראָם רויט בלוט פליסט פון
אַדורכגעלעכערטען שווערען פּאַנצער... זי כאַפּט זיך
ז פון שלאָף, אַ קאַלטער שווייס בעדעקט זי אין גאַנצען, נור
ר פיהלענד האַרץ קלאַפּט האַסטיג: טיק, טאַק... טיק, טאַק..
אין חוניו׳ס פּאַלאַץ לעבט תּמר אין וואוילטאָג ווי אַ פּרינ־
זין. כאָטש העלענא פיהרט זי אָפט אַרום איבער די פּרעכ־
נ שטאָדט און ווייזט איהר אַלע מערקווירדיגקייטען. אַלע
וויילונגס־ערטער און די צירקען, דאָך אָבער, קענען נישט
רידיגען תּמר׳ן און לינדערן איהר בענקשאַפט אין האַרץ־
נניש, נישט די פּרעכטיגע פּאַלאַצען און אויך נישט די
ע גערטנער.

תּמר׳ס בעליעבטער שפּאַציר איז ביים ברעג ים. זי קען
ט אָבשטעהן גאַנצע שעה׳ן און קוקען אויף די שוימענדע
לעס, ווי זיי יאָגען זיך אָהן אויפהער איינע נאָך די צווייטע
דער אונענדליכער, ווייטער, וואַסער־פלעכע, ביז זיי ווערען
צונויפגעגאָסען ווייט, ווייט, מיט׳ן ראָזען־בלויען האָריזאָנט
הימעל. די העלע שטראַהלען פון דער ברענענדיגער זון,
עלען זיך אין די רוישיגע כוואַליעס. זיי שפּיגלען זיך אַ
וואַסער און צוברעקלען זיך אויף טויזענדער קליינע פּייער־
ווי פערשיעדענע גרויסע און קליינינקע בריליאַנטעלעך
טען אַרומגעטאַנצט אין די טונקעל־בלויע כוואַליעס מיט
ווייסע שוימיגע רוקענס. תּמר הערט זיך איין אין דעם

גרויש פון ים, עס דוכט זיך איהר אַז זי הערט דאָס זעלבע
גערויש וואָס אין דערהיים ביים באַרג כרמל. טיילמאָל שטעלט
זיך איהר פאָר, אַז זי הערט עפּעס ווי היימישע קולות אין וואַ-
סער און די כוואַליעס טראָגען איהר אַ גרוס פון דער וייטער
היים, פון דעם געליעבטען לאַנד יהודה און פון דעם שענעם
העלד, וועלכער איז ביי איהר אַזוי טיעף איינגעקריצט אין
האַרצען...

נור די איינציגע תמר׳ס טרייסט איז די האַרפע. דורך ד
טענער פון דעם אינסטרומענט גיסט זי אויס איהר בענקשאַפט
די טרויעריגע, האַרצרייסענדע מעלאָדיעס, וואָס צוגיעסען זין
אין דער לופט פון אונטער איהרע פינגער, טרייסט אַביסעל איה
איבערפולט, ליידענד האַרץ; די וויינענדיגע אַקאָרדען פון ד
סטרונעס גלעטען און לאַשטשען איהרע צעוועהטאָגטע, פיעלענד
נשמה ווי אַ היילענדער באַלזאם. זי שפיעלט אַזוי לאַנג, ביז
דערשפירט אַ וועהטאָג אין די פינגער און אַ מיעדקייט אין ז
הענד.

אַזוי לעבט תמר שוין איינגע וואָכען אין דעם גאַס
פריינדליכען הויז פון דער רייכער, אַריסטאָקראַטישער פאַמילי
פון חוניו דעם פיערטען אין דער רוישיגער לוסטיגער שטאָד
אַלעקסאַנדריע, די רעזידענץ פון דעם העלעניסטישען און שטו
־ישען לעבען.

VI

אַזוי ווי דאָס קליינע קרענצעל שעהנע פרויען זענען געזעסען אין שאָטען פון די בוימער, אין דעם פער׳כשופ׳טען ווינקעל ביים פאָנטאַן און האָבען זיך איינגעהערט אין די וואונדערליכע טענער פון תמר׳ס האַרפע, וועלכע צוגיעסען זיך אין דער שטילער לופט מיט וויינענדיג-בענקענדיגע אַקאָרדען, איז אַרויסגעקומען פון גאָרטען דער אַלטער פישער, אלעזר, פערשוויצט, מיט אַ גרוב־אייזען אין דער האַנד. ער האָט זיך שטילשווייגענד אַנידערגעשטעלט הינטער תמר׳ס פלייצע, אָבגעווישט דעם פערשוויצטען שטערן, אַראָפּגעלאָזט זיינע לאַנגע ברעמען איבער די אויגען און אויך זיך איינגעהערט אין די זיסע, טרויעריגע טענער פון דער האַרפע; זיין שטרענג פערכמאַרעט פנים האָט זיך אויסגעוויזען צו זיין, ווי הייטערער. אַנ׳ אויסדרוק פון אינערליכער גייסטיגע ערהאבונג איז געוועזען אויסגעגאָסען אויף דעם אַלט־פערהאָרעוועטען געזיכט.

אין די דאָזיגע טענער האָט אלעזר געהערט עפּעס היימישעס פון דעם ווייטען לאַנד יהודה, פון ברעג ים ביים כרמל, פון די געליעבטע טהאלען ביים טייך קישון, פון די פרעכטיגע בערג נפתלי, פון דאָרף גפנים...

תמר האָט אויפגעהערט צו שפּילען, אַוועקגעשטעלט די האַרפע אונטער אַ בוים, איהרע פער׳חלומ׳טע אויגען זענען פאַרלאָפען מיט אַ פייכטקייט און זי האָט זיך פערקלערט.

די גוטע מרים האָט זיך אָנגערופען צו אלעזר׳ן:

— צו וואָס בעדאַרפסט איהר, געעהרטער גרייז, אַזוי שווער אַרבייטען אין גאָרטען, קאַרג איז דאָ גערטנער מיט שקלאַפען?

גלויבט מיר, גנעדיגע מרים, — האָט אלעזר געענטפערט, — אַז די אַרבייט איז מיין בעסטע פערוויילונג, איך וואָלט נישט געקענט איבערהאַלטען דאָס לעדיג געהן.

— און וואָס פלעגט איהר טהון אין דערהיים, אין יהודה?

— אָ, אין יהודה איז עפּעס אַנדערש...

און דער אַלטער פערהאַרטעוועטער פישער האָט נור אַ מאַך געטהון מיט זיין אויסגעאַרבייטער,—פולער מיט דיקע אָדערן־ האַנד.

די לוסטיגע העלענא איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט זיך געווענדט צו תמר'ן:

— ווייסט, וואָס כ'וועל דיר זאָגען, תמר? די היץ איז שוין נישט אַזוי גרויס, מיר וועלען זיך אַביסעל דורכשפּאַציערען אין שטאָדט. מיר וועלען געהן צו די פעניציאַנער יובילייער־קראָמען, מען זעהט דאָרט שענע, פּרעכטיגע זאַכען; דו וועסט דיר אויך עפּעס קויפען צו דעם קומענדען געבורטסטאָג פון מיין ברודער.

תמר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר טרוים ווי פון שלאָף און האָט געענטפערט:

— יאָ,ווירקליך, איך וואָלט אויך גערן זיך דורכשפּאַצירט, ליעבע העלענא. דאָס מאָל וועלען מיר געהן צום האפען פון ים, דאָרט זעהט מען פערשיעדענע מענשען פון אַלע לענדער און מ'קען טרעפען אויסוואַנדערער פון יהודה, וועלכע קומען אָפט צו פאָהרען. אפשר וועלן מיר עפּעס געוואָהר ווערען פון דער היים.

— נו, זאָל זיין צום האפען, וועט מען שוין די פעניציאַנער איבערלאָזען אויף אַ צווייט מאָל.

העלענא האָט געטהון אַ הויכען פּאַטש מיט די הענדטלעך. באַלד האָט זיך בעוויזען אַ יונגע, שוואַרצע שקלאַפין; העלענא האָט עפּעס בעפוילען און די שוואַרצע נעגערקע האָט פאַר זיי אַרויסגעבראַכט לייכטע, קורצע מאַנטלען, אַזאַ אַרט פּעלערינקעס, וועלכע ביידע חבר'טעס האָבען אויף זיך גראציעז אָנגעהאָנגען און פערשפּילעט פון פאָרענט מיט גאָלדענע העקעלעך און זיך גע-

גרייט צום אַוועקגעהן. דער אַלטער אלעזר האָט אויפגעהויבן זיינע לאַנגע ברעמען צו די צוויי שענע מעדלעך ווי מיט אַ געבעט און שעמעוודיג אַרויסגעשטאַמעלט:

— ווען ס'זאָל אייך נישט פערדריסען, וואָלט איך אייך בעגלייט צום האַפען, דאָרט שלעפען זיך אַרום פערשיעדענע אויס־וואורפען...

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען. — האָט תמר געענטפערט.

און די פרעהליכע העלענא האָט וויציג אויסגערופען:

— קומט, געעהרטער גרייז, אָבער איהר וועט געהן נור מיט מיר, נישט מיט תמר'ן. נישט אמת, אַז איך בין שענער?...

אויף אלעזר'ס פערכמאַרעט פנים האָט זיך אויך בעוויזען אַ שמייכעל און די פרעהליכע העלענא האָט ווידער גראַציעז געגעטאַנצט צו מרימ'ן:

— נו איצט, געליעבטע שוועגערין, פערבלייב אין פריעדען. מיר געהען מיט תמר'ן צום האַפען אוןביידע פאָהרען מיר אַוועק קיין ארץ-ישראל זוכען זיך חתנים אין די בערג יהודה, אַזעלכע ווי שולמית שילדערט איז שיר השירים — און זי האָט לוסטיג אונטערגעזונגען:

„זיין קאָפ איז ווי גינגאָלד
„זיינע לאָקען געקרויזט
„שוואַרץ ווי די קראָה!..."

די גוטמוטיגע מרים האָט נאָכגעקוקט מיט ליעבשאַפט נאָך די אַוועקגעהענדע און נאָכגעשריהען:

— געה שוין, געה, דו לייכטזיניגע סאַרגע!

דער אַלטער אלעזר האָט גענומען אין דער האַנד אַריין אַ דיקען שטעקען און איז פאַמעליך נאָכגעגאַנגען די צוויי רייצענדע חבר'טעס, אויף אַ בעדייטענדע שטרעקע פון הונטען.

אַ גאַנצען וועג האָט העלענא זארגלאז געפלוידערט, זי האָט זיך אָנפערטרויט תמר'ן, אַז איהר ברודערס אַ פריינד, דאזיטעאס, וואָס קומט אָפט צו זיי צו גאַסט, דער אין מיליטערישען אוני־פאָרם פון קעניגס גוואַרדיע, אַ זעהר שענער, קלוגער און גע־בילדעטער יונגערמאַן, ליעבט זי זעהר הייס און זיי האָבען

פון האַפען האָט געבלאָזען אַ לייכט קיהל ווינדטעל און צושפרייט די וואָלקענס שטויב, וואָס האָבען זיך געהויבען פון אונטער די פיס, פון דער פערזאַמעלטער — פון אַ האַלבער וועלט, — רוישיגער מענשען־מאַסע.

אויפ'ן פלאַץ איז געוועזען אַ געפילדער. מענשען האָבען געשריהען אויף פערשידענע שפראַכען און דיאַלעקטען; נור קליינע גרופּעס מיליטער מיט לאַנגע שפּיזען אין די הענד האָבען זיך אַרומגעדרעהט און געהאַלטען אָרדנונג.

דאָ זענען געוועזען אויסגעמישט אַריסטאָקראַטישע מאַקעדאָניער און האַלב־נאַקעטע שוואַרצע אַפריקאַנער, שטאָלצע רוימער, ברוטאַלע בעדואינער, פעניציאַנער, גאַליער, קאַרטאַגער, העברעער און די ווילדע איינוואוינער פון די אַזען אין ליביען. מאַנכע מאָל פלעגט מען טרעפען אויך אַ ווילדען סקיט פון ווייטען צפון, אַ בעוואַקסענעם מיט לאַנגע העלע, ווי פלאַקס, האָר, און העלע בלויע אויגען, איבערגעהאַנגען איבער די פּלייצעס מיט אַ פעל פון אַ חיה. די גאַנצע שטורמישע מאַסע האָט געשריהען, גערוישט, געלאָפען, געשטופּט זיך, געהאַנדעלט, געטראָגען פּעק, געריטען, געאַמפּערט זיך און געפילדערט, ווי אין אַ בינשטאָק.

תמר, וועלכע האָט אַזאַ בילד נישט בייגעוואוינט אין שטילען לאַנד יהודה, איז געוואָרען איבערראַשט און זי האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל צו הלענען:

— אַז איך הער זיך איין אין דעם מיש־מאַש פון די שפראַכען, קומט מיר אויף די געדאַנקען דער ביבלישער טורם בבל, וואָס דער דור־הפלגה האָט געמאַכט אין לאַנד שנער...

אין האַפען האָבען זיי געזעהען אַ גאַנצען וואַלד מיט מאַשטען פון די שיפען, וואָס שטעהען דאָרט אויף די אַנקערס; די חברטעס האָבען אָבגעדרעהט רעכטס און געגאַנגען אויף אַנ'אויסגעשיטע גרעבלע, וועלכע פיהרט צו ביז צום האַפען, וואו די שיפען קומען אָן.

דאָרט האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר זייערע אויגען אַ ניי־

עשלאָסען, אַז אויף דעם בעפאָרשטעהענדען חוניו'ס געבורטס-
אָג, זאָל ער בעטען ביים ברודער איהר האַנד... און העלענא
אָט זיך צולאַכט מיט איהר קלינגענדען געלעכטערל, אַ צו-
רידענע פון לעבען.

העלענא האָט נאָך צוגעגעבען, אַז דאזיטעאס האָט מיט
יהר פאַמיליע צוזאַמען מיט דריי יאָהר צוריק אויסגעוואַנדערט
ון ירושלים און מיט דער הילף פון איהר ברודער חוניו איז
ר אין אַ קורצע צייט געוואָרען אָפיציר פון דער קעניגליכער
וואַרדיע און עס שטעהט איהם נאָך פאָר אַ גלענצענדע קאַר-
ערע.

זיי זענען דורכגעגאַנגען איינינע שמאָלע, קרומע געסלעך,
יז זיי זענען אַרויפגעקומען אויף אַ ברייטע גאַס, וועלכע פיהרט
ום צפון-טויער פון שטאָדט. דאָ איז די גאַס שוין געוועזען
עהר בעלעבט, מ'האָט געפיהרט פון האַפען און צוריק שווערע
עגען מיט פערשיעדענע סחורות, ווי אויך שווער בעלאָדענטע
עמלען עזלען, און שווערע העלפאַנטען. דאָ האָט מען
זוין געזעהען אַלערליי פרעמדע מענשען אין פערשיעדענאַרטיגע
אָסטיומען. טיילמאָל האָבען די חבר'טעס בעגעגענט אַ שטאָלצען
וימער אַרומגעהיעלט אין אַ ברייט מאַנטעל; דאָס פנים אויסגע-
אָלט און מיט אַנ'אויסגעבויגענע אדלער-נאָז. נאָך האָט מען בע-
עגענט אַ שוואַרצען קאַרטאגער מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ
רויסען טורבאַן אויפ'ן קאָפּ; מאַנכע מאָל האָבען זיי בעגעגענט
האַלב-ווילדען אַראַבער, איינגעהיעלט אין זיין ברודיגען טלית
זיט שוואַרצע פאַסען.

פיל מאָל האָבען זיך די אַדורכגעהענדע אָבגעשטעלט און
אָכגעקוקט מיט בעוואונדערונג די צוויי רייצענדע העברעערינס.

אַם ענדע זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון דעם ריעזיגען
ויער, איבער וועלכען ס'האָט אַרויסגעשאָסען אין דער הויך אַ
קאָלאָסאַלער טורם מיט אַנ'אייזערנער גאַלעריע, אויף וועלכער
ו'איז געשטאַנען אַ שולד-וואַך, האַלטענדיג אין דער האַנד אַ
שפיעז מיט אַ העקעל צוזאַמען. באַלד ביים אַרויסגאַנג פון טויער
האָבען די חבר'טעס דערשפירט אַ פרישערע לופט ווי אין שטאָדט.

בילד: אויף דעם גרויסען בלויען אונבעוועגליכען ים־טאָוועל, שטעהן אויסגעשטעלט הונדערטער קלענערע און גרעסערע שיפען, גלייך ווי עפּעס אַ מחנה טונקעלע, לעגענדאַריש־גיגאַנטישע פויגעל וואָלטען אַרומגעשוואומען אין וואַסער. די שיפען צושפּרייטען זייערע ווייסע קאָלאָסאַלע פליגעל פון די זעגלען, גרייט צום אַוועקפליהען. כלערליי קליינע שיפלעך געפיהרט מיט וויעסלעס גליטשען זיך אויף די גלאַטע, שאַפּירענע וואַסער־פלעכע, איבערלאָזענדיג נאָך זיך עטוואָס טונקעלערע שטעגלעך ווי נאָך אַן אַקער אייזען אין פעלד. די שיפּע שטראַלען פון דער זון שפּיגלען זיך וואונדערלעך אָב מיט געבראָכענע פייערדיגע שפּיזען אין די בלויליכע וואַסער־בייטען. דאָ הערשט אויך דאָס זעלבע פערשידענאַרטיגע געשריי, מ׳פיהרט אַהין און צוריק אַלערליי פּעק מיט קאַסטענס סחורה און די האַלב־נאַקעטע שיפערס אַרבייטען מיט די וויעסלעס און פילדערן אויף הונדערטער קולות.

דער אַלטער אלעזר מיטן דיקען שטעקען אין דער האַנד, האָט זיך אָנגעלעהנט אויף אַ באַריערע און האָט אויפמערקזאַם אָבסערווירט ווי די שיפערס אַרבייטען מיט די וויעסלעס און ווי אַ פּאַכמאַן קריטיקירט אין די געדאַנקען זייערע מאַנכע, נישט געלונגענע בעוועגונגען.

אָבער די חבר׳טעס האָבען בעמערקט אַן אַ זייט, אַ געדיכטע גרופּע מענשען, וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום אַן אייגענאַרטיג בילד: ביי אַ בימה, צוזאַמענגעשלאָגען פון ברעטער, איז געשטאַנען אַ טונקעלער פעניציאַנער מיט אַ געקרויזטען קאָפּ און שוואַרצע טיפע אַרומלויפענדע אויגען און האָט יעדעס מאָל אַרויפגעפירט אויף שטיגלעך אַ האַלב־נאַקעטען קנעכט צו פערקויפען, געלויבט זיין סחורה אין טאָג אַריין און דאַביי אויסגעשריהען מיט הילכיגע קולות:

—קויפט אַ קנעכט פון די בערג בשן מיט ריזיגע קערפּערנע מוסקולען און הענט פון אייזען!

אַ נידריגער גריך מיט אַ דיקען בויך איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה, האָט בעקוקט דעם קנעכט פון אַלע זייטען,

בעקלאָפּט איהם אין דער ברוסט, אויסגעגלייכט די הענד, אונטער־געהויבען די פיס, אַלץ בעטראַכט מיט גרויס מבינות, נאַכהער איהם אויפגעעפענט דאָס מויל, בעטראַכט די ציין; אַם ענדע האָט ער זיך אָנגעהויבען צו דינגען מיטן פעניציאַנער, וועלכער האָט געוואָלט בעקומען די העכסטע פרייז, דער פעניציאַנער האָט יעדעס מאָל נאָכגעלאָזט פון פרייז. דער יון האָט דערלעגט, ביז דער לעצטער האָט בעצאָלט פאַרן קנעכט און האָט איהם מיט זיך אַראָבגעפיהרט פון דער בימה.

דער פעניציאַנער האָט ווידער אַרויפגעפירט אַ יונג פער־חיינט מיידעלע פון אַ יאָהר צוועלף, מיט אַ שוואַרץ־געקרויזט קעפעל און העלע שאַפירענע אויגען און האָט ווייטער הויך געשריהען:

—קויפט אַ שען בלומעלע פון סיריען, אַ נישט־ענטוויקעל־טע ליליע פון די ברעגעס פרפר, נאָך מיט דער יוגענד טוי...

ס׳האָבען זיך אַ לאָז געטהון אויף דער בימה אַרויף עטלי־כע קונים מיט אַמאָל צו דעם רייצענדען יונגען מלאכל. דער בייציגער פעניציאַנער, ווי נור ער האָט דאָס דערזעהן, האָט זיין פערשוויצט פנים אויפגעשטראַהלט און ער האָט געהעכערט דעם פרייז פון זיין קרבן.

תמר האָט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי מען פערקויפט מיט אַזאַ גלייכגילטיגקייט די שקלאַפען, צוגלייך מיט פערד און שעפסען, האָט דאָס אַ שטאָך געטהון איהר איידעלע נשמה און זי האָט אויסגע־רופען מיט האַרצוועטאָג צו העלענען:

—עס ערגבערט מיר אויך אין מח די זעלבע פראַגע פון קהלת: „פאַרוואָס געוועלטיגט איין מענש איבערן צווייטען איהם שלעכטס צו טהון?”

—די וועלט איז שוין אַזוי בעשאַפען, — האָט העלענא גע־ענטפערט.

—אָבער צי וואָלט נישט געקענט זיין די זעלבע וועלט אַזוי ווי זי איז, נור מענשען זאָלען זיין בעסער?...

תמר האָט נור אַ שטילען זיפץ געטהון און זיך טרויעריג פערקלערט; העלענאס איידעל, פרעהליך פנים איז אויך געוואָרען

פערצויגען מיט אַ פינסטערען וואָלקען.

דער פעניציאַנער האָט ווידער אַרויפגעפיהרט אויף דער בימה אַ הויכע יונגע פרויענצימער, נאַקעט ביז צו דער גאַרטעל. צופלאָסענע לאַנגע שוואַרצע האָר האָבען זיך געשלענגעלט מיט געדיכטע לאָקען אויף איהרע נאַקעטע רונדע אַקסלען און אויף די ווייסע פולע-ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַקטע-ברוסט; זי האָט נור שעמעוודיג פערלעגט די הענד אויפ'ן האַרץ און די אויגען מיט די לאַנגע שוואַרצע ברעמען אַראָבגעלאָזט און געשטאַנען אונבעוועגליך צוטומעלט, ווי אַנ'אמת'ע סטאַטוע און דער פעניציאַנער האָט געשריהען שוין מיט אַ הייזעריג קול:

— ווער קויפט אַ פרעכטיגע בלום פון לאַנד יהודה? גלידער ווי געטאָקט, אַ ביוסט ווי אויסגעגאָסען פון בראָנז...

אַ הויכער, שווארצער קאַרטאַגער מיט אַ גרויסען טורבאַן אויפ'ן קאָפ, האָט שוין אָנגעהויבען בעטראַכטען מיט זיינע ווילדע, פייערדיגע אויגען די שענע קלאַסישע פיגור פון די וואונדערליכע שקלאַפין און צוגעטרעטען צו פערהאַנדלען מיטן פעניציאַנער.

תמר האָט זיך גוט איינגעקוקט, איהר פנים האָט זיך פלוצלינג פערענדערט און זי האָט איבערראַשט אויסגעשריהען; זי האָט דערקענט אין דער יונגער פרויענצימער, קציעה, דעם פאַסטוך יועזר'ס טאָכטער פון רמתיים...

אָבער תמר האָט שנעל ערוואַכט פון איבערראַשונג און האָט גלייך צוגעשיקט אלעזרן צום פעניציאַנער, אַז ער זאָל מיט אַלע מעגליכקייטען אויפהאַלטען דעם פערקויף, ביז זי וועט זיך צוריק אומקעהרען פון שטאָדט.

דער פעניציאַנער האָט בעטראַכט מיט זיינע לויפענדע אויגען אלעזרן פון קאָפ ביז צו די פיס און, איבערצייגענדיג זיך אין דעם ערנסט פון אלעזר'ס רייד, האָט זיך בעוויזען א צופרידענער שמייכעל אויף דעם פעניציאַנער'ס פערשוויצט פנים, ווייל ער האָט געהאָפט ביי דער געלעגענהייט אַרויסצובעקומען פאַר די געפאַנגענע זעהר אַ הויכען פרייז. ער האָט זי

צוריקגעשטעלט צווישען די נישט־פערקויפטע קנעכט און דער־ווייל ארויפגעפירט אנדערע צו פערקויפען.

אין אונגעפעהר א קליינע צייט, איז צוגעפאָהרען א רייכער וואָגען, געשפּאנט אין צוויי ווייסע ווי מילך, פערשוויצטע פערד, פון וועלכען ס'איז אויסגעשטיגען א הויכער מאן, פון א יאָהר עטליכע דרייסיג, געקליידט אין א רייכען אוניפאָרם פון דער קעניגליכער סוויטע. א קורצע, שוואַרצע באָרד האָט ארומגענומען זיין איידעל בלאַסליך פנים, א הויכער ברייטער שטערן מיט טיעפע ווינקלען ביז אין די שוואַרצע האָר אריין און צוויי גרויסע קלוגע אויגען וואָס האָבען געלויכטען, ווי צוויי ליכט. זיין גאנץ וועזען האָט אויסגעדריקט מאַיסטעטישעס, פול שטאָלץ און ערהאַבענע עהרענפורכט; דאָס איז געוועזען דער העבּרעאישער געזעצליכער כהן־גדול, חוניו דער פיערטער.

נאָך איהם זענען נאָך אויסגעשטיגען פון דעם וואָגען תמר מיט העלענא'ן און אלע צוזאַמען זענען צוגעגאַנגען צום פעניציאַנער, וואו די אַנוועזענדע האָבען געמאַכט פאַר זיי מיט רעספעקט א וועג. דער ביטרער פעניציאַנער, דערזעהענדיג פאַר זיך א הויכגעשטעלטע פערזאָן פון קעניגליכען הויף האָט זיך נידריג מיט הכנעה פערנויגט און אויסגערופען מיט חנופה:

—איך האָב איבערגעלאָזט די שקלאַפין לויט זיין בעפעהל, און כ'האָף, אז זיין עקסעלענץ וועט נישט פערלאַנגען מיין עולה, וואָרום מ'האָט מיר אָנגעבאָטען פאַר די זעלטענע בלום א הויכען פּרייז.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, חוניו איז אדורכגעקומען מיטן גייציגען פעניציאַנער און האָט אויסגעלייזט קציעה מיטן פאָטער יועזר צוזאַמען.

איבער דער צייט זענען נאָך אָנגעקומען אייניגע רייכע העברעער פון שטאָדט, וועלכע האָבען אויסגעלייזט ביים פעניציאַנער נאָך פיעל געפאַנגענע העברעער, וואָרום פון לאַנג אָן האָבען אין אלע לענדער די יודען זעהר הויך געשעצט די מצוה פון פדיון שבויים.

קציעה, אַז זי האָט זיך דערוואוסט פון איהר בעפרייאונג און האָט דערזעהן פאַר זיך תמרן, האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר האַלז אַנ׳אָבגעהאַקטער, נישט פערשטענדליכער אויסגע־שריי, זי איז אָהן ווערטער אַרויפגעפאַלען אויף תמרס האַלז און איז געבליבען אַ לאַנגע ווײַלע אַזוי הענגען אונבעוועג־ליך. נור צוויי קוואַלען טרערען האָבען געפלאָסען פון איהרע אויגען ...

VII

אין חלום זעהט זיך תמר ווי זי איז אין דערהיים אין נפנים, זי געהט אויפ׳ן באַרג כרמל צווישען איהר פאָטערס וויינגערטנער. שוואַרצע, מורא׳דיגע וואָלקענס האָבען זיך פערצויגען אויפ׳ן הימעל און זי דערזעהט אַ ווי גרויסע מחנה שוואַרצע קראָהען האָבען זיך פערשפרייט איבער די וויינגערטנער און האָבען אונ׳ברחמנות׳דיג אונטערגעגראָבען מיט זייערע נעגעל די וויינשטאָקען און געפּיקט די גרעסטע און שענכטע וויינטרויבען. זי וואָלט זיי גערן פערטריבען, זי זוכט עפּעס אויפצוהויבען פון דער ערד מיט וואָס די קראָהען צו פערטרייבען אָבער איהרע הענט זענען ווי צוגעשמידעט, זי קען מיט קיין אבר נישט ריהרען. נור פּלוצלינג דערזעהט זי פון דערווייטענס ווי פון די בערג אפרים זענען אַרויסגעפלויגען עטליכע אָדלערס און מיט די ברייטע מעכטיגע פּליגלען האָבען זיי געמאַכט אַ קרייז אַרום באַרג כרמל, נאָכדעם האָבען זיי זיך געוואָרפען מיט די שאַרפע קרומע שנאָבלען אויף די מחנה קראָהען, וועלכע איז זיך צופלויגען מיט גרילצענדיגע געשרייהען צו דער זייט פון ים.

נאָך זעהט זי אין חלום, ווי ס׳איז אַרויסגעשוואומען פון צווישען די שוואַרצע וואלקענס דאָס שיינענדע געשטאַלט פון איהר געליעבטען יהודה, דער מעשענער העלם אויף זיין קאָפּ האָט וואונדערליך אָבגעגלאַנצט און מיט אַ ריעזיגער שווערד אין דער האַנד האָט ער מורא׳דיג געפאָכעט אין דער לופט; זי וויל איהם רופען, צוציהען זיין אויפמערקזאַמקייט און עס רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון איהר ברוסט... זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף...

זי קוקט מיט אָפענע אויגען אין דער טונקעלקייט פון דרייסן שלאָף-צימער און זי דערקענט די שטעהענדע נעבען איהר בעט, העלענא׳ן. א שיינענדע, א פרעהליכע און מיט איהר קלינגענדען געלעכטער האָט העלענא אויסגערופען צו תמר׳ן אין איין אָטהעם:

וואָס האָסט דו אַזוי געשריהען? צי האָסטו דערזעהען אין שלאָף אנטיוכוס עפּיפאַנעס?... אַי דו פעפערין, אַזוי לאַנג שלאָפט מען?... די זון שטעהט דאָך שוין הויך!.

און העלענא האָט לייכט צוגעטאַנצט, אונטערגעהויבען די שווערע פּערסישע קאָטאַרע ביים פענסטער און אַ העלער שטראָם ליכטיגקייט האָט ראַפּטום אַריינגעפּלאָסען אין צימער און האָט פערבלענדעט אויף אַ ווײַלע תמר׳ס פערשלאָפענע אויגען און זי האָט זיך אָנגערופען איבערראַשט:

— אוי העלענא, כ׳האָב געזעהען עפּעס אַ וואונדערליכען חלום!... אָבער העלענא האָט זי נישט געלאָזט ווייטער ריידען, נור האָט אַלץ פרעהליך געפּלאַפּעלט אין איין אָטהעם:

— געה שוין, געה, וואַרף אַוועק די נאַרישע חלומות, שטעה אויף! מ׳דאַרף זיך אַנשטענדיגער אָנקליידען, ווייל ס׳וועלען זיין חשוב׳ע געסט צום פריהשטיג....

— הער זיך איין, ליעבע העלענא, ס׳האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט....

אָבער העלענא לאָזט תמר׳ן גאָר נישט צום וואָרט קומען, שהוט אַ לייכטען טאַנץ און רופט אויס פרעהליך:

טרעף, תמר, ווער ס׳וועט זיין ביי אונז צום פריהשטיק?.. דער בעריהמטער פילאָזאָף ניקנור, און דאָ-זי-טע-אָס, — זי האָט לאַנג אויסגעצויגען דעם דאָזיגען נאָמען, און זיך צעלאַכט מיט איהר זילבערן געלעכטערעל און האָט ווייטער גערעדט:

— כ׳וועל אַריינרופען די נעגערקע זאַמבי מיט דיין חנה׳ן, מיר מוזען זיך גרייט מאַכען אויפצונעמען די געסט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען אַריינגעקומען אין גרויסען עס-זאַל ביידע חבר׳טעס, וועלכע האָבען געשיינט ווי צוויי פערשיעדענפאַרביגע בלומען, וואָס זענען נאָך בעמיט טוי פון אַ הייטערען פריהמאָרגען; דורך די אָפענע

בע פענסטער פון דער זייט ביים גאָרטען, האָט אַ לייכטיטשקע ווינדטעלע אַריין געטראָגען מחיה׳דיגע ריחות פון בלומען מיט געוויקסען און געוויעגט די געהאָפטענע פאָרהאַנגען ביי די פענסטער.

ביים לאַנגען טיש איז געזעסען אויבען אָן אויף אַ רייך געבעטען פּאָטעל מיט אַ שטראַהלענדיג פּנים, דער בעל הבית חוניו, נעבען איהם איז געזעסען די שענע מרים מיט דעם צוויי יעהריגען חנניה אויף דער שויס, און דער עלטערער חלקיה פון אַ יאָהר פיער האָט זיך געשפּיעלט מיט אַ הילצערן שווערדעל, מיט וועלכען ער האָט געפּאָכעט אין דער לופט, נאָכגעמאַכט פערשיעדענע פעכטונגען; ביידע קינדער זענען געווען עהנליך צו דער מוטער מיט זייער דיקליכקייט, נור מיט זייערע שוואַרצע קעפּלעך און שוואַרצע פייערדיגע אויגעלעך זענען זיי עהנליך געוועזען צום פאָטער. ס׳האָט קיינער נישט געקענט פאָראויס זעהען, אַז די צוויי קליינע רייצענדע מלאכים׳לעך, וועלען זיין אין שפּעטערע צייטען די גרעסטע מיליטער־אָנפיהרער ביי די קעניגין קלעאָפּאטרא אין זיי וועלען פיהרען זיעגרייכע מלחמות מיט איהר זוהן לאַטוראָס פון אינזעל ציפּערן, ווען זיי וועלען פערטרייבען פון לאַנד יהודה אין די צייטען פון חשמונאי׳שען קעניג ינאי־אלעקסאנדער.

ביים ווינקעל פון טיש איז געזעסען דער אַלטער אלעזר מיט זיין פערכמאַרעט פּנים; די לאַנגע ברעמען אַראָבגעלאָזט. ער איז געזעסען נישט דרייסט, מיט דרך-ארץ. אויך קציעה האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אין צימער, צוגעהאָלפען דערלאַנגען צום טיש, געריייניגט, געפּוצט, גע׳בעל־הבית׳יוועט; איבער די עטליכע טעג, וואָס זי איז ביי חוניו׳ן אין פּאַלאַץ, איז זי שוין געוואָרען די ווירטין אין הויז. זי אַרבייט, רוימט און פּאָרעט זיך ביי יעדער בעל-הבית׳ישקייט, גלייך זי וואָלט שוין דאָ געוועזען יאָהרען לאַנג; זי האָט שוין צוריק בעקומען איהר שיינענד לאַכענדיג פּנים און עס בעוויזען זיך פון צווישען איהרע זאַפטיגע ליפּען די צוויי שורות ווייסע ציין.

בעגענאיבער אויף דער צווייטער זייט טיש איז געזעסען

ניקנור שוין אַ מענש אין די יאָהרען מיט אַ הויכען געוועלבטען שטערן און טיעפע לויכטענדע אויגען. ניקנור איז געוועזען געאַכט אין גאַנץ אלעקסאנדריע פאַר אַ דענקער; נעבען איהם איז געזעסען דאָזיטעאָס, אַ שעהנער יונגערמאַן פון עטליכע־און צוואַנציג יאָהר, מיטעלער וואוקס, מיט אַ געקרויזטען קאָפּ און גרויסע, בלויע אויגען; ער איז געקליידעט מיליטעריש, ריין און נעט. זיין גאַנצע פיגור און די בעוועגונגען זענען לייכט, גראַציעז, ער צייכענט זיך אויס מיט אַ פלינקען שאַרפזיניגען קאָפּ און מיט אַ געשליפען מויל; אַז ער רעדט, גלייך פּערעל וואָלטען זיך איהם געשיט פון מויל, מיט דער זעלבער לייכטקייט רעדט ער גריכיש, רוימיש, אַראַמעיש און דערצו מיט בע'חנ'טע זשעסטען פון אַ שעהנעם אָראַטאר.

אַז די צוויי חבר'טעס זענען אַריינגעקומען אין עס-זאַל האָט זיך דאָזיטעאס אויפגעכאַפּט פון אָרט, מיט גראַציעזע הויפּישע מאַניערען זיך העפליך מיט זיי בעגריסט; העלענא האָט זיך לייכט פערדויטעלט און זיך אַנידערגעזעצט נעבען דאָזיטעאָס'ן, תמר האָט פערנומען אַן'אָרט צווישען מרים'ן און אלעזר'ן, מיט וועלכען זי האָט פריינדליך שטיל גערעדט, וועלענדיג דערמיט פערטרייבען זיין איינזאַמקייט.

מ'האָט דערלאַנגט צום טיש און ס'האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די אַנוועזענדע אַ פרעהליך וואַרים געשפּרעך.

אַם ענדע האָט זיך דאָזיטעאס געווענדעט צו חוניו'ן:

— ווייסט, ליעבער פריינד, כ'האָב דיר צו דערצעהלען וויכטיגע נייעס פון קעניגליכען הויף; נעכטען אָבענד איז אויסגעבראָכען אַ קריעג צווישען קעניג מיט זיין ברודער פיסקאָן, מען שושקעט זיך אין הויף אין דער שטיל, אַז דער קעניג זאָל איהם געענצליך פערטרייבען פון עגיפטען....

— דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג, — האָט זיך חוניו אָנגערופען, — אַז צווישען די צוויי ברידער וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען, דער דיקבייכיגער פיסקאָן איז אַ גרויסער עגאָאיסט און דערצו אַ געפעהרליכער אינטריגאַנט; עס חלומ'ט זיך איהם נאָך אַלץ, אַז ער איז קעניג אין עגיפטען, וואָרום אין דערצייט פון

זער ערשטער בעלאַגערונג פֿון אַלעקסאַנדריע דורך אַנטיוכוס'ן ווייסט איהר דאָך, אַז דער יונגער קעניג פֿילאָמעטער מיט זיינע צוויי אַפּטרופּסים אוילעאוס און לענעאוס זענען דעמאָלט אַנטלאָפֿען און די שטאָדט האָט אויסגעקליבען פֿיסקאָנ'ען פֿאַר אַ צייטווייליגען קעניג און האָט זיך העלדיש פֿערטיידיגט; אָט דאָס קען ער נישט פֿערגעסען.

— אָבער דער עלטערער פֿילאָמעטער איז דאָך דער געזעצליכער טראָנפֿאָלגער? — האָט דאָזיטעאס געפֿרעגט!

—ווירקליך, און דערצו האָט פֿילאָמעטער זיינע אָנהענגער צווישען די אָנפֿיהרער פֿון מיליטער, מיט די גרעסטע געלעהרטע. וייל פֿילאָמעטער איז אַנ'עדעלער, אַ גוטמוטהיגער, מיט אַלע פֿיבערען פֿון זיין נשמה שעצט ער הויך די וויסענשאַפֿט און קונסט, ער בּערדיענט ריכטיג דעם נאָמען פֿילאָזאָף; ער האָט זאָגאַר לעצטענס אָנגעהויבען שטודירען די העברעאישע שפּראַך און וואָלט זיך גערן בעקענט מיט דער העברעאישער תורה און ליטעראַטור.

— אויף וואָס דען שטיצט זיך פֿיסקאָן? — האָט דאָזיטעאס ווידער געפֿרעגט.

— פֿיסקאָן האָט אָבער אויך זיינע אָנהענגער צווישען די לייכטזיניגע הויפֿלייט, וועלכע ער חנפֿה'ט און מאַכט פֿאַר זיי אָפֿט רייכע מאָהלצייטען מיט אויסגעלאַסענע אָרגיעס; בעזונדער שטיצט ער זיך אויפ'ן רוימישען סענאַט, וועלכער האָט ליעב אויסצונוצען אַזעלכע געלעגענהייטען צו זיינע עראָבערישע אַפּעטיטען.

דער געלעהרטער ניקנור, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט פֿערקלערט האָט זיך אָנגערופֿען:

—ס'איז אַ טרויעריגע ערשיינונג. די אַלטע צוויי ברידער קין און הבל לעבען נאָך צו יעדער צייט און אין יעדער עפּאָכע; אונטער די צוריסענע טראַנטעס פֿון די אָרימע דיענער, ווי אויך אונטער די פּורפּורענע מאַנטלען פֿון די קעניגען!...

— דאָס איז גאַנץ ריכטיג. — האָט חוניו אויסגערופֿען און האָט ווייטער גערעדט. — דאָס איז אויך אַ וואונדערליך ערשיינונג, די צוויי ברודער אונטערשיידען זיך איינער פֿון צווייטען

די טאָג פון נאַכט. פילאמעטער איז אַ גוטער, אַ געלערטער. אין דערצו אַ שעהנער. פיסקאן אָבער איז אַ העסליך בעשעפעניש, אַ שלעכטער מענש, אינטריגאַנט, אַנ׳אויסגעלאַסענער שכור און אַנ׳אויסוואורף, ער האָט באמת פערדיענט זיין ביינאמען, וואָס מען רופט איהם „קאַקערגעטעס״* פאַר זיין רשעות.

— ער איז געראָטען אין זיין פעטער, — האָט דאָזיטעאס צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל, — ער איז עהנליך מיט זיין מילדקייט צו זיין מוטער׳ס ברודער אנטיוכוס עפיפאנעס....

אויף חוניו׳ס איידעל פנים האָט זיך בעוויזען אַ ביטערער אירָאנישער שמייכעל און ער האָט ווייטער דערצעהלט:

אַנומעלט ווענדעט זיך פיסקאן מיט אַזעלכע מינע אַזוי ווי ער איז געוואָהר געוואָרען אַז ס׳בעדאַרף פאָרקומען מיין געבורטס טאָג, וועט ער מיך בעעהרען מיט זיין אַנוועזענהייט אויף דער פייערליכקייט אין מיין וואוינונג; דאָס איז אויך אַ דיפּלאָמאַטישע חניפה אויף מיין אדרעס, צוגעוואונען מיין סימפּאַטיע, אַז איך זאָל ווערען איינער פון זיינע אָנהענגער; איך בין זאָגאַר זעהר נישט צופריעדען פון דעם הויכען כבוד, אָבער מפני דרכי שלום קען איך איהם נישט ענטזאַגען.

— געוויס איז נישט זעהר געוואונשען דאָ דער בעזוך פון דעם ראַפינירטען סאַטיר.... — האָט זיך אָנגערופען דאָזיטעאס און האָט געוואָרפען אַ בליק אויף זיין שעהנע העלענא.

חוניו׳ס שיינענדיג פנים איז געוואָרען פערצויגען ווי מיט אַ וואָלקען און האָט זיך עפּעס פערקלערט. די שענע מרים איז געוואָרען ענטציקט פון די בשורה און האָט איבערראַשט אויסגערופען:

— דעם קעניג׳ס ברודער וועט טאַקי זיכער קומען? מען בעדאַרף זיך דאָך עפּעס פאָרצובערייטען....

נאַכהער האָט זיך דאָזיטעאס אָנגערופען מיט אַ שטראַלענ-

---

* דאָס וואָרט קאַקערגעטעס בעדייט אין אלט־גריכישען אַ שלעכטער מענטש, ארשע.

דיג פּנים:

— מיר האָבען זיך אַזוי פערשמועסט פון דעם שענעם פיסקאן, און כ'האָב גאָר פערגעסען אייך צו דערצעהלען וויכטיג נייעס פון לאַנד יהודה.

ביי דעם וואָרט לאַנד יהודה, זענען אַלע געוואָרען בערוישט ווי דורך אַ צויבערקראַפט, און האָבען אויפגעשפּיצט די אויערן. דאָזיטעאס האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— נעכטען האָב איך געטראָפען ביים האַפען עטליכע בעקאַנטע משפּחות, אויסוואַנדערער פון יהודה. זיי דערצעהלען. גאָר וואונדערליכע נייעסען. אַ געוויסער כּהן מתתיהו חשמונאי פון שטעדטעל מודעים האָט געמאַכט אַן עפענטליכען אויפשטאַנד געגען די „קולטור־טרעגער" פון משוגענעם אנטיוכוס; ווען ס'איז געקומען אין שטעדטעל מודעים דער קאָמענדאַנט אַפּעלעס מיט אַ אָבטיילונג מיליטער, מקריב זיין חזרים־קרבּנות פאַר צעאוס'ן, איז אויף זיי אָנגעפאַלען מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן און קיין איינציגער פון די יונים איז נישט אַרויס לעבעדיג; איצט פיהרען זיי אַ פּאַרטיזאַנען־קאַמפּף אין די בערג אפרים און צערשטערען אין דער גאַנצער געגענד אַלע יוני'שע מזבּחות מיט די אָבגעטער. מ'זאָגט, אַז זיי האָבען שוין אַ גרויסע פּלוגה געאיבט מיליטער.

תּמר, דערהערענדיג דאָס דאָזיגע נייעס איז געוואָרען אַ פערציטערטע. דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען האַסטיג צו קלאַפּען און איהרע אויגען האָבען געלויכטען ווי צוויי בריליאַנטען; זי האָט זיך דערמאנט אין איהר היינטיגען חלום. דער אַלטער אלעזר איז אויך געוואָרען פערענדערט, די אָדערן אויף זיין דיקען האַלז זענען געוואָרען דיקער, זיין פערכמורעט פּנים האָט אויפגעשטראַהלט, ער האָט אויפגעהויבען די לאַנגע ברעמען און אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַ פייער, ווי ביי אַן אויסגעהונגערטען לעמפּערט, וואָס דערשמעקט אַ סטאַדע שעפּסען; זאָגאַר קציעה, וועלכע האָט געהאָלפען אַראָבּרוימען פון טיש, איז געבליבען שטעהן הונטער תּמר'ס פּלייצע, מיט אַ קריעגעל אין דער האַנד ווי פערשטיינערט. זי האָט נור עטוואס אויפגעעפענט איהרע דיקליכע ליפּען, אויפגעשפּיצט די אויערן און געהאָרכט.

אויף חוניו׳ן האָט אויך די נאַכריכט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זיין בלאַס פּנים איז געוואָרן לייכט פאַררויטעלט און ער האָט זיך אָנגערופן צו דאָזיטעאָס׳ן:

— און וואָס זאָגט צו דעם אַלעם אַפּאַלאָניוס אין ירושלים?

— לויט ווי מען דערציילט, איז אַפּאַלאָניוס שוין נידערגעשלאָגן פון די פאַרשפּיעלטע שלאַכטן.

„ער שיקט יעדעס מאָל נייע אָבטיילונגען אויפצוזוכן די רעוואָלוציאָנערן, אַבער זעהר ווייניג קומען צוריק; מען דערציילט, אַז ערשט נישט לאַנג האָט אַפּאַלאָניוס אַרויסגעשיקט אַ גאַנצע אַרמעע פוסגעהר און געפּאַנצערטע ריטער אונטער דער אָנפיהרונג פון בעוואוסטען פיליפּאָס, אבער די פּאַרטיזאַנער האָבען זיי ביזלעכווייז פאַרנאַרט צווישען די בערג אפרים אין די זומפּען נעבען מי-הירקון און פון זיי אַלע האָט זיך נאָר פיליפּאָס מיט גאָר אַ קליינער צאָהל מיליטער, קוים אַרויסגעראַטעוועט מיט׳ן לעבען; ווי ס׳ווייזט אויס, איז דער מתתיהו אַ גוטער טראַטעג. דו קענסט איהם חוניו?״

— דעם אַלטען מתתיהו קען איך גוט, ער איז געוועזען אַ לאַנגע צייט „ממונה״ (אויפזעהער) אין בית־המקדש, ביי מיין פעטער דעם כהן גדול ישוע; ער איז אַ קלוגער, געלעהרטער, פרומער מאַן, אָבער ווי אַזוי קען זיך אונטערשטעלען אַ קליין הייפעל מיליטער אַרויסצוטרעטען אַנטקעגען אַזאַ מעכטיגען לייב?

— מ׳זאָגט—האָט דאָזיטעאָס ווייטער דערציילט,—אַז דעם מתתיהו׳ס זיהן זענען גרויסע העלדען און ס׳קומען צו צו זיי יעדעס מאָל פרישע קעמפער. ווי געוועהנליך ביי אַזעלכע אומשטענדען פעהלען ניט קיין גוזמאות מיט וואונדערליכע לעגענדעס; מ׳דערציילט, אַז דעם מתתיהו׳ס אַ מיטעלסטער זוהן, יהודה, האַקט אַדורך מיט דער שווערד אייזערנע פּאַנצערס מיט העלמען, לייכט ווי קרויט און ווען ער בעווייזט זיך אויפ׳ן שלאַכט-פעלד אויף אַ שרעקליך שוואַרץ פערד, צולויפען זיך דאַן די יונים, ווי די מייז. די גריכען האָבען שוין אויסגעטראַכט אַ לעגענדע, אַז דאָס שוואַרצע פערד איז אַ שד, אַ בעזער גייסט, וועלכען דער העברעער האָט בעהערשט מיט כשוף; אויך דערציילט מען עפּעס

אַזעלכע אונגלויבליכע גוזמאות, אַז ס׳גערפינט זיך צווישען די פּאַרטיזאַנער אַ שמיעד, אַ ריעז, וועלכער ברעכט אייזערנע שפּיזען ווי שטרוי. און ער האָט עפּעס אַ משונה׳דיגע ריעזיגע שווערד נאָך פון גלית-הפלשתי, אַז ער טהוט אַ קלאַפּ מיט דער שווערד, שניידט ער דורך אַ רייטער מיט׳ן פּאַנצער און מיט׳ן פערד צוזאַמען; די גריכען זאָגען אויף איהם, אַז הערקולעס איז אויפגעשטאַנען פון קבר און איז צוגעשטאַנען צו די העברעער.

ביים דערמאָנען דעם נאָמען יהודה, איז תמר׳ס שען פּנים געוואָרען ווי אָנגעצינדען, זי האָט נישט געקענט איינזיצען, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, עטוואָס זיך אויסגעבויגען איבער׳ן טיש צו דאָזיטעאָס׳ן און געשלונגען יעדעס וואָרט פון זיין מויל; אויך קציעה, דערהערענדיג וועגען די גבורות פון שמיעד, האָט זי נור אַ וואונק געטהון צו תמר׳ן, איהר פּנים האָט אויפגעשטראַהלט און ס׳האָבען זיך בעוויזען איהרע ווייסע ציין.

דאָזיטעאס האָט פערענדיגט זיין ערצעהלונג מיט פאָלגענדע ווערטער:

— יעדענפאַלס דאַרף דער יהודה זיין עפּעס אַנ׳אויסערגעוועהנליכער מענש.

— אָט, דער אַלטער מאַן קען איהם גוט.—האָט חוניו אויסגערופען, אָנווייזענדיג אויף אלעזר׳ן. זיי האָבען שוין געפיהרט צוזאַמען קאַמפּען מיט די יונים.

דאָזיטעאס האָט זיך גלייך געווענדט צו אלעזר׳ן:

— איהר זיצט אַזוי שטיל, געעהרטער גרייז, דערצעהלט אונז אויך עפּעס וואונדער פון דעם יונגען חשמונאי!

— איך קען אייך נור דאָס זאָגען אויף יהודה׳ן, — האָט אלעזר זיך אָנגערופען, — ער איז ענליך צו אַ צורייצטען לייב אין דער צייט פון מלחמה און צו אַ גוטע, פרומע טויב אין דער צייט פון שלום.

חוניו האָט זיך טיעף פערקלעהרט, אין די ווינקלען פון זיין בּרייטען שטערען האָבען זיך בּעוויזען בּלויליכע אָדערלעך, אַ צייכען פון מח-אַנשטרענגונג; ניקנור האָט זיך געווענדעט צו חוניו׳ן מיט אַ פראַגע:

צי וואָלט נישט געווען די געוואונשטע צייט, אַז מיט דער הילף פון די פּאַרטיזאַנער זאָל איצט פילאָמעטער אַרויסטרעטן און אָבּרייסן צעלעסיריען פון די סעלעווקידער?

— איך טראַכט זיך איצט דערויף דעם מח,—האָט חוניו געענטפערט. איך קלער פערשיידענע תחבולות, מ׳זאָל קענען אויסנוצן דעם פּאָליטישן מאָמענט; ס׳איז אָבער אַלץ בחנם, איבער פיעל סבות.

— וואָס איז?

— ערשטענס פערמאָגט פילאָמעטער אַ שוואַכע אַרמעע. צווייטענס איז דער מלוכה-אוצר אויך לעדיג, דריטענס וועט איצט פילאָמעטער זיך נישט וועלען אַריינלאָזען אין מלחמות, ווייל טיסקאַן וואַרט ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו פערכאַפּען דעם טראָהן...

דער אַלטער אלעזר האָט זיך שטילערהייד אויפגעהויבען פון אָרט, איז נישט-דרייסט צוגעגאַנגען צו חוניו׳ן און האָט שטיל אַרויסגעשטאַמעלט:

—איצט דאַנק איך אייך פאַר אייער גאַסטפריידנשאַפט, ינאַי׳ס טאָכטער פון גפנים לאָז איך איבער אונטער אייער השגחה און איך פאָהר צוריק קיין יהודה. עס קען מעגליך זיין, אַז איך זאָל נאָך עפּעס נוצען ברענגען פאַר אונזער ליידענדען פאָלק, איך וואָלט געוואָלט, אַז מיינע אַלטע ביינער זאָלען בלייבען אין דער געליעבטער ערד!... איך וועל מיך פערדונגען צו אַרבייטען אויף אַ שיף, וועט מען מיך אַ היים פיהרען...

— איהר דאַרפט אייך נישט פערדונגען, געעהרטער גרייז,—האָט חוניו געזאָגט. די אינטערעסען פון מיין פאָלק זענען נאָך ביי מיר ווערט אייערע בעשיידענע הוצאות.—גלויבט מיר, ליעבע פריינד,—האָט זיך חוניו געווענדט צו אַלע אַנוועזענדע,—אַז איך זעלבסט וואָל אויף פליגלען גערן געפלויגען אין הייליגען לאַנד און כ׳וואָלט מיין לעבען געאָפּפערט פאַר דעם געליעבטען פאָטערלאַנד מיט דעם הייליגען בית-המקדש, פאַר וועלכען מיין זעליגער פאָטער איז אויך אומגעקומען דורך אַ פעררעטערישער האַנד; נור צום בעדויערן בין איך צוגעבונדען מיט אייזערנע קייטען אין קעניגליכען הויף, איך מוז שטענדיג שטעהן אויף דער וואַך און שוצען אונזערע היגע ברידער פון

די שאַרפע ציין, פון די צווייפיסיגע חיות, וואָס וואַרטען זיי אײנצושלונגען!...

אַלעמענס פנימער ביים טיש זענען געוואָרען ערנסט. ס'האָט אַלעמען בעהערשט אַ געדריקטע שטימונג; דער אַלטער פישער האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון זאַל, זיך צוצוגרייטען אין וועג אַריין צו פאָהרען צו זיינע אַלטע וואַפען-חברים, וועלכע קעמפען מיט אַזאַ מסירת-נפש צו בעפרייען דאָס הייליגע לאַנד פון די טיראַנישע בעדריקער.

VIII

אין פּאַלאַץ פון כהן-גדול חוניו איז יום-טוב׳דיג, ס׳איז
אַנ׳אונאָרדנונג און אַ גערודער. די דינערשאַפט און די שקלאַ-
פען לויפען אַרום פערפאָרעט, מ׳טראָגט פונאַנדער אין די זאַלען
בלומען, פערשיעדענע שפייזען, ווײַן פון די קעלערס אין גרויסע
פעניצישע, גלעזערנע קריגען; און איבער דעם אַלעמען רעגירט
קציעה, אומעטום זעהט מען איהר קלאַסישע פיגור מיט׳ן נאַאי-
ווען שמייכעל אויף איהר שײַנענדיגען פּנים. זי שוועבט אַרום
מיט אַ בונטעל שליסלען אין דער האַנד, רוישט, פילדערט און גלייכ-
צייטיג הערט זיך אָפּט איהר ריין, הילכיג געלעכטער.

דורך די אָפענע פענסטער פון פּאַלאַץ דערטראָגען זיך מע-
לאָדישע טענער פון אַ מוזיק-אָרקעסטער. ס׳הערען זיך לוסטיגע
געשפרעכען און געלעכטערן, מ׳ווילט זיך פרעהליך צוליעב דעם
געבורטסטאָג פון בעליעבטען און געערטען אין גאַנץ אלעקסנדריע,
חוניו. באַלד אין דערפריה זענען אָנגעקומען פערשיעדענע געסט
אין קאָטשען, לעקטיקעס, אָדער רייטענדיג אויף פערד. ס׳איז זיך צונויפ-
געקומען די העכסטע אַריסטאָקראַטיע פון אלקעסנדריע, אַלע אָנ-
געזעהענע העברעער פון שטאָדט, גריכישע גרויסע-לייט, מיליטער-פּאָר-
שטעהער און מיטגלידער פון דער קעניגליכער פאַמיליע. זאָגאַר דעם
קעניג׳ס ברידער פיסקאָן געפינט זיך אויך צווישען די געסט. ער
איז נאָך אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע צוואָנציג, נידריגען
וואוקס מיט ברייטע פלייצעס און אַ דיקען בויך. אַז ער געהט
אויף זיינע קרומע, קורצע פיסלעך, וואַקעלט ער זיך אויף רעכטס
און לינקס; זיין ברייט, בלאַס פּנים, די שפּיציגע נאָז מיט די
דיקע ליפּען, ווי אויך דער שעלמישער שמייכעל, וואָס שוועבט

שטענדיג אויף זיין העסליך פּנים, זאָגען עדות אויף אַ לייכטזיניגע, שטורמישע נאַטור. זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגען, מיט דעם הויכען ווייסען שטערן דערמאָנען עפּעס מאַיעסטעטישעס, אַ ירושה פון די גרויסע פּטאַלאמעער.

פון פּיסקאַנ׳ען טרעט נישט אָב כמעט אויף איין מינוט זיין בעסטער פריינד פריקאס, אַ געוועזענער מילעטער-אָנפיהרער ביי פּיסקאַנ׳ס פאָטער, פּטאָלאמעאָוס דעם פינפטען; פריקאס איז שוין אַ מענש אין די יאָהרען, פון מיטעלען וואוקס, אַ ברייטביינעגער מיט אַ דאַר שטרענג פּנים און מיט אַ פּאָר גרויע, דורכדרינגענדע, ווילעד אויגען פון אַנ׳אכזר. זיין בעגעהן זיך מיט מענשען איז איידעל, קאָרעקט פון אַ דורכגעטריבענעם הויף-מאַן און לויט ווי מ׳זאָגט אויף איהם, זאָל ער זיין אַ שאַרפזיניגער, איבערגעשפּיצטער דיפּלאָמאַט. ער איז פּיסקאַנ׳ס ראַטגעבער און רעכטע האַנד.

אויפ׳ן געבורטסטאָג-פעסט איז אויך אנוועזענד דאָזיטעאָס. ד׳איז געקליידט ווי שטענדיג, מיליטעריש, ריין און נעט. זיינע קלוגע, בלויע אויגען לויכטען פון אינערליכען גליק און צופרידענהייט. ער האָט זיך פערקליבען מיט העלענא׳ן צווישען די קלאָמבעס ביים פאָנטאַן און דאָרט פיהרען זיי צווישענאיינאַנדער אַ וואַרם ליבליך געשפּרעך, וויא אַ פּאָר פערליעבטע טויבען. די לעבענס-לוסטיגע העלענא איז אויסער זיך פאַר פרייד, זי שפּירט זיך אויפ׳ן זיבענטען הימעל. איהר שעהן איידעל פּנים שיינט פון גליק, זי פלאַפּעלט פרעהליך מיט דאָזיטעאָס׳ן און יעדעס מאָל הערט זיך איהר קלינגענד זילבערן געלעכטערל; דאָזיטעאָס קוקט אין איהרע שוואַרצע טיעפע אויגען און פון צייט צו צייט כאַפּט ער איהרע אלבאסטער הענד און קישט זיי ליידענשאַפטליך.

חוניו׳ס פרוי, די גוטמוטיגע מרים צוזאַמען מיט תמר׳ן עמפאַנגען די פריש אָנגעקומענע געסט. תמר געהט אַרום מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויף איהר בליהענד פּנים, נאָר אַז מען קוקט זיך גוט איין בעמערקט מען צווישען איהרע ברעמען און ברייטען, ווייסען שטערן, אַ בעהאַלטענעם יואָלקען פון אַנ׳אינערליכען געהיימען שמערץ. אויף מרים מיט הערענא׳ס פערלאַנג געהט תמר אויפ׳ן געבורטסטאג געקליידט אויפ׳ן גריכישען אַרט;

אַ העלע סעלעדין-זיידענע טוניקע נעהמט אַרום איהר גראַציעזע ביוסט און ענטבלויזט דעם מאַרמאָר-האַלז מיט די קלאַסישע הענט, אויף וועלכע ס'זענען אַרומגענומען אין געשטאַלט פון שלאַנגען, גאָלדענע בראַנסאָלעטען אויסגעזעצט מיט טורקוסען; און אַ לאַנג העל־בלוי זיידען קלייד פאַלט מאַיעסטעטיש אויף די קלייגע געהאָפטענע פאַנטאָפעל. איהרע בלאָנדע האָהר שלענגלען זיך מיט געקרייזטע לאָקען אויף דעם געטאָקטען האַלז און נאַקען, נור אויפ'ן בעהנ'טען קאָפּ זענען די האָר צוזאַמענגענומען מיט אַ לויכטענדען דיאַדעם פון קליינע פערלען און אַ שטרויס פון איהרע, געליבטע קליינע ווייסע בלומעלעך, שלאָגט אָב אונשולדיג, חנ'ודיג פון צווישען די גאָלדענע לאָקען; זי זעהט אויס אין דער קליידונג ווי אַ פערכשופ'טע פרינצעסין פון ווייטען צפון...

פיסקאַן, אַז ער האָט דערזעהן תמר'ן, איז ער געבליבען ווי פערשטיינערט און אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַ העליש פייער. ווען חוניו האָט פאַר איהם פאָרגעשטעלט תמר'ן, אַלס זיינס אַ ווייטע קרובה פון לאַנד יהודה, האָט ער אויסגערופען ערשטוינט:—איהר שפּאַסט פון מיר, זי איז נישט קיין סעמיטישער טיפּ, זי איז מעהר עהנליך צו אַ פרינצעסין פון די ווייטע בערג אררט.

— איך וואָלט מיר נישט ערלויבט צו שפּאַסען פו זיין מאַיעסטעט-האָט חוניו געענטפערט.—זי איז ווירקליך אַ העברעערין.

— אַ וואונדערליך לאַנד דאָס לאַנד יהודה, אין וועלכען ס'בליהען אַזעלכע בלומען...

נאָכהער האָט זיך פיסקאַן געווענדט מיט אַ קאָמפּלימענט צו תמר'ן:

ס'זענען וואונדערליכע צייטען. די געטינס פון אָלימפּ האָבען בעוויליגט אַראָבצונידערען צו די איינפאַכע מענשען; כ'קען אויף קיין פאַל נישט גלויבען, אַז דאָס בעשיידענע לאַנד יהודה זאָל אַרויסגעבען אַזעלכע פּרעכטיגע געוואוקסען, גיכער וואָלט איך געגלויבט אויף דעם פערכשופ'טען לאַנד ארקאַדיען...

תמר האָט זיך לייכט פעררויטעלט, גראַציעז זיך פערנייגט

פאַר פיסקאַנ׳ען און געענטפערט:

— איך בין ווירקליך אַ טאָכטער פון דעם בעשיידענעם לאַנד יהודה, מיט וועלכען איך שטאָלציר! אייער מאַיעסטעט וועט מיר ענטשולדיגען, עס וואַדטען אויף מיר די פונקציעס פון בעל-הבתי׳שקייט...

פיסקאַן האָט נאָך געוואָלט עפעס אַרויסריידען, אָבער תמר איז לייכט פערשוואונדען צווישען די געסט, ווי אַ פול-פאַרבי־גע׳ס שמעטערלינג אין גאָרטען; פיסקאַן איז געבליבען שטעהן ווי צוטומעלט, זיין ברייט העסליך פנים איז געוואָרען פערצוי־גען ווי מיט אַ וואָלקען און זיינע אויגען אָבען אַ מאָדנע בליץ געטהון.

מ׳האָט געגעבען אַ צייכען צום מיטאָג. דער אָרקעסטער האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען; די געסט זענען זיך צונויפגעקומען פון גאָרטען און פון די טאַראַסען אין גרויסען עס-זאַל אַריין און האָבען זיך אויסגעזעצט ביי לאַנגע טישען; אויבען אָן איז געזעסען דעם קעניג׳ס ברודער פיסקאַן, ביי דער לינקער האַנד זיין פריינד פריקאָס, פון דער רעכטער איז געזעסען חוניו מיט דער שענער מרים, דערנעבען תמר, וועלכע האָט גע-פיהרט אַנ׳אינטערעסאַנטען געשפּרעך מיט׳ן געלערטען פילאָזאָף ניקנור. פון דער צווייטער זייט טיש זענען געזעסען דאָזיטעאָס מיט העלענאַ׳ן און האָבען זיך ליבליך געקוקט אין די אויגען אַריין; איבער דער גאַנצער צייט האָט פיסקאַן נישט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פון תמר׳ן. זיין פנים האָט בעקומען אַנ׳אויסדרוק פון אַ חיה, וואָס לאָקערט אויף אַ פערציקונג. ער האָט פון אויפ־רעגונג געטרונקען וויין איין בעכער נאָכ׳ן צווייטען.

נאָכ׳ן מיטאָג האָט עמיצער פון די געסט געלאָזט פאַלען אַ וואָרט, אַז תמר שפּיעלט וואונדערליך אויף דער האַרפע. פיסקאַן האָט ביי דער געלעגענהייט זיך אויפגעכאַפּט פון טיש און געווענדעט זיך צו תמר׳ן:

— כ׳וואָלט אויך געוועןן אַ בעלן צו הערען די הימלישע מוזיק פון די געטליכע איינוואוינערינס פון הייליגען אָלימפּוס.

— אָבער צום בעדויערען,—האָט זיך תמר אָנגערופען,

— מיר, העברעער, פערמאָגען איצט נור טרויעריגע ליעדער, וועלכע וועלען זיין מאַיעסטעט נישט ווילען...

— זאָל זיין טרויעריגע, האָט געענטפערט פיסקאן. אויף פיעל פון די געסט האָבען געבעטען תמר׳ן זי זאָל שפיעלען. מ׳האָט גלייך אַריינגעבראַכט תמר׳ס האַרפע און חוניו זעלבסט האָט זיך אויף אָנגערופען:

— זינג, ליעב קינד, פאַר די געעהרטע געסט אונזער נאַצי־יאָנאַל ליעד „על נהרות בבל".

תמר האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דער האַרפע ביים פענ־סטער, זי האָט אויפגעהויבען איהרע שענע, פערחלומ׳טע אויגען ווי צום הימעל און אָנגעהויבען צו שפילען; ס׳האָבען זיך אַ שאָט געטהון פון אונטער איהרע פינגער אַפּער, וויינדענדיג-בענקענדיגע טענער, ווי אַ יאָמער פון אַ היימלאָזען נע־ונד׳ניק, די סטרו־נעס האָבען האַרצרייסענד געשלאָכצט ווי אַ ברוגז׳דיג קינד, ווי דאָס וואָיען פון אַנ׳אויסגעהונגערטען שאקאל, טייל־מאָל, ווי דאָס צוויטשעריי פון אַ פויגעלע ווען עס געפינט זיך אין די נעגעל פון אַ שפּאַרבער. אויף אַלעמענ׳ס פנימער פון די אַנוועזענדע העברעער האָט געשוועבט אַ מעלאַנכאָלישער טרויער. זאָגאַר פיסקאנ׳ס פנים האָט פערלוירען זיין פריהערדי־גען אויסדרוק פון אכזריות און אונטער דער ווירקונג פון דער צאַרטע מוזיק איז עס געוואָרען ווי מילדער און איידעלער.

תמר האָט צוגעזונגען מיט איהר ריינער סאפראן־שטימע:

„ביי די טייכען פון לאַנד בבל
זענען מיר געזעסען
און געוויינט דערמאָנענדיג אָן ציון.
אויף די ווערבעס האָבען מיר
געהאָנגען אונזערע האַרפען,
דען די פיינגער אונזערע
האָבען דאָרט פון אונז פערלאַנגט,
דאָס מיר זאָלען ליעדער זינגען,
און די שפּאָטער:—זינגט דאָך אונז
ליעדער פרעהליכע פון ציון!"

ווי-זשע קאָנען מיר דאָ זינגען
גאָטעס ליעד אין פרעמדען לאַנד!
אויב איך וועל, ירושלים
דיך אַמאָל פערגעסען,
זאָל די רעכטע האַנד מיינע
אויף אייביג מיר אָבדאַרען;
זאָל מיין צונג צום גומען קלעבען,
אויב איך וועל דיך נישט דערמאָנען,
אויב איך וועל, ירושלים
נישט געדענקען אין מיין גרעסטער פריידי".

חוניו האָט יעדעס מאָל אויפ'ן אָרט איבערזעצט פיסקאנ'ען יעדען פערז פון דעם הייסען ליעד. ווען תמר איז צוגעקומען צו די ווייטערדיגע פערזען, האָבען איהרע אויגען געבליצט און די אקארדען פון די סטרונעס האָבען זיך געוואָרפען אין גרויסען זאַל ווי די שטורמישע כוואַליעס פון ים, אָדער זיי האָבען זיך געקויקעלט ווי די ווייטע דונערן; טיילמאָל האָבען זיך טענעע אַרויס־געריסען פון די סטרונעס ווי אַ ווילד געקלאַפעריי פון שטאָל מיט בראָנז אויף האַרטע פעלזען.

תמר האָט ווייטער בעגייסטערט געזונגען:

טאָכטער בבל'ס, דו בערויבטע,—
גליקליך דער, וואָס וועט בעצאָהלען
דיר פאַר אַלע דיינע מעשים,
וואָס דו האָסט אונז אָבגעטהון;

גליקליך דער, וואָס וועט אָננעהמען
מיט דער פויסט די קינדער דיינע
און וועט זיי דעם קאָפ צושפּאַלטען
אויף שאַרפע, שאַרפע שטיינער.

אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען און אויסגעשרייען: חן, חן, האָבען פערהילכט דעם גרויסען זאַל. אַלע אַנוועזענדע העברעער זענען געבליבען איבערראַשט פון די שטורמישע מעלאָדיע, ווי אויך פון די פייערדיגע ווערטער פון נאַציאָנאַלען פאָעט; נאָר פיסקאָן האָט אַראָבגעלאָזט די ברעמען איבער די אויגען און האָט אויס־גערופען מיט איראָניע:

— אַ שטרענג פאָלק זענען די העברעער, זייער נקמה איז גרויזאַם. מיין פעטער אנטיוכוס דאַרף ציטערן פאַר זייער ווילדע נקמה!

אָבער חוניו האָט איהם גלייך געענטפערט:

—ווירקליך, די העברעער זענען שטרענג מיט זייער נקמה צו זייערע בעדריקער, וועלכע רייסען זיי אַוועק מיט געוואַלד פון געליעבטען לאַנד און פון זייער הייליגען ציון; אָבער טריי און איבערגעגעבען זענען זיי צו די מילדע הערשער, וועלכע בעגעהען זיך מיט זיי מענשליך. דעם בעסטען בעווייז האָסטו מאַיעסטעט, פון די געטרייע העברעער דאָ אין עגיפטען.

פיסקאן האָט זיך אַ ווילע פערקלערט און נאָכהער זיך אָנגערופען:

— ווי כ'האָב געהערט, איז יעצט אפאלאניוס אין ירושלים בעאונרוהיגט פון די באַנדעס העברעער, וועלכע האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד, זיי האָבען שוין אומגעבראַכט פיעל סעלעוקידישע אָבטיילונגען און מאַכען אָן אין לאַנד הורבנות; יעדענפאַלס, ווייזט אויס, זענען נאָך די העברעער אין יהודה אונקולטורעל, ס'איז שווער אין זיי איינצופלאַנצען די העלעניסטישע ציוויליזאַציע...

ענטשולדיגט, מאַיעסטעט,—האָט חוניו אויסגערופען מיט היץ,— פאַרוואָס אין עגיפטען אונטער דער הערשאַפט פון די טאָלעראַנטע פטאָלאָמעער האָבען זיך די העברעער אין אַ קורצע צייט ערוואָרבען די העלעניסטישע קולטור און ציוויליזאַציע? ס'געפינען זיך שוין צווישען זיי אויך פילאָזאָפען, קינסטלער, שריפטשטעלער און פאָעטען!

— דאָס איז דערפאַר, ווייל אין עגיפטען ווערט יעדע רעליגיע טאָלערירט. מיר, העברעער, האָבען פולקאָמע גלייכבערעכטיגונג, קומט שוין ממילא מיט דער צייט אויך די ציוויליזאַציע; אָבער דער קעניג אנטיוכוס פערשוועכט ברוטאַל די נאַציאָנאַלע און די רעליגיעזע געפיהלען פון פאָלק און נאָך דערצו מיט אַזאַ אכזריות, וואָס מ'זעהט עס נור ביי ווילדע באַרבאַרען!...

— איך זעלבסט האָב בייגעוואוינט,—האָט תמר זיך אויך

אָנגערופען און אין איהרע שעהנע אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַ פייער.— איך האָב געזעהען מיט מיינע אויגען, ווי מ׳האָט אויפגעהאָנגען אַ פרוי מיט איהר נייגעבוירען קינד, נור צוליעב דער איינציגער זינד, וואָס איז בעשטאַנען אין אויספיהרען אַ גע־וויסע רעליגיעזע מצוה... איך בין איך זעלבסט געוועזען אין אַ הייל, וואו דאָס סעלעווקידישע „ריטערליכע״ מיליטער האָט דער־שטיקט מיט רויך הונדערטער מענשען, אַלטע לייט, קראַנקע פרוי־ען און קליינע קינדער. נור איינציגע פון אונז האָבען זיך, על פי נס, אַרויסגעראַטעוועט. און דאָס הייסט קולטור און ציוויליזאַציע?... — פיסקאַן, איינקוקענדיג זיך אין די רייצענדע העלדין, די שטעהט אַזוי דרייסט אין אַן׳אַרויסרופענדע פּאָזע, איז ער נאָך מעהר ווילדער געוואָרען. דער איבערפלוס פון ווײַן, וואָס ער האָט געטרונקען ביים מיטאָג, האָט איהם ביסלעכווייז בעראוישט. זיין ברייט, העסליך פנים האָט בעקומען אַ ווילדען אויסזעהן און אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַ פייער פון תאוה; ער האָט זיך דאַן געווענדט צו תמר׳ן:

— די געטער האָבען נישט דערלאָזט, אַז די העכסטע שענע שאַפונג פון זייערע הענד זאָל אומקומען דורך טיראַנען. פון היינט אָן נעם איך דיך, רייצענדע געטין, אונטער מיין שוץ און רועה וועט זיין דעם יעניגען, וואָס וועט זיך ערלויבען דיך צו בעליידיגען! איצט, שענע אפראדיטא, ערלויב מיט מיר זיך דורכ־שפּאַצירען אין גאָרטען. איך זאָל בעוואונדערן דיינע קלוגע רייד מיט דיין פּרעכטיג געשטאַלט.

ענטשולדיגט, מאַיעסטעט,—האָט תמר געענטפערט—איך קען מיר נישט ערלויבען אַזאַ הויכען כבוד, ווייל איך בין פערנומען מיט בעל־הבית׳ישקייט.

זי האָט זיך העפליך פערנויגט און איז פערשוואונדען מיט דער האַרפּע צווישען די געסט; פיסקאַן איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, ער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ דרייסטען אָבזאָג פון תמר׳ן. אויף זיין בלייך פנים זענען אַרויסגעטרעטען רויטע פלעקען פאַר כעס.

— די אויגען זיינע האָבען בעקומען דעם אויסדרוק פון אַ

זיה און ער האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

אָ אַ חוצפּה פון אַ באַרבאַרישער פּעיע! דאָס הייסט קולטור, כ'וועל זי...

חוניו, דערזעהענדיג זיין אויפרעגונג, האָט פּרובירט איהם צו בערוהיגען, אַז זי איז אַ נאַאיווע פּראָווינצערין און ס'איז איהר פרעמד די העכערע, אַריסטאָקראַטישע עטיקעטע; אָבער פיסקאָן האָט זיך נישט געוואָלט בערוהיגען, ער האָט זיך וואָס מעהר געהיצט:

דאָס איז אַ גראָבהייט... כ'וועל זי שוין אָנלערנען!...

פריקאַס האָט אָנגענומען פיסקאָנ'ען ביי דער האַנד, צוגעפיהרט צום אָפענעם פענסטער און שטיל איהם איינגערוימט אין אויער:

— בעהערש דיך, מאַיעסטעט! איבער עפּעס אַ באַרבאַרישע פּעיע קענסט דו מאַכען צו נישט אונזערע אַלע דיפּלאָמאַטישע פּלענער; אַז דו וועסט צוריקקומען פון רוים מיט אַ גוטען ערפאָלג, וועל איך זי דיר שוין צושטעלען.... איצט בעהערש דיך! — נאָכהער האָט פריקאָס אויסגערופען אויפ'ן קול:

מיר וועלען דאַנקען דעם געעהרטען חוניו'ן פאַר זיין גאַסט־פריינדשאַפט און אַהיימפאָהרען; דו האָסט פערגעסען מאַיעסטעט, אַז מיר מוזען זיין נאָך מיטאָג אויף אַ וויכטיגע בעראַטונג?

פריקאס האָט כמעט מיט געוואַלד אָנגענומען דעם אויפגערעגטען און שכור'ן פיסקאָנ'ען ביי דער האַנד, זיי האָבען זיך קאַלט געזעגענט און אַרויסגעגאַנגען פון פּאַלאַץ. חוניו מיט'ן פילאָזאָף ניקנור האָבען זיי אַרויסבעגלייט מיט ערנסטע פּנימער; פריקאס האָט אַ וואונק געטהון צו פיער ריעזיגע נעגערס, וועלכע זענען געשטאַנען אין שאָטען מיט אַ רייכע בעפּוצטע לעקטיקע; זיי זענען שנעל אונטערגעלאָפען און מיט גרויס מיה האָט פריקאָס אַריינגעזעצט דעם שכור'ן פיסקאָנ'ען אין די לעקטיקע אַריין און די שוואַרצע שקלאַפען האָבען זיך געלאָזט מיט האַסטיגע טריט צום קעניגליכען פּאַלאַץ.

אויפ'ן וועג האָט דער ווייז פיסקאָנ'ען אַלץ מעהר בערוישט, ער האָט זיך געהיצט און געזידעלט אַלע העברעער צוזאַמען;

ס׳האָבען זיך געשיט אָהן אויפהער פון זיין מויל אָבגעהאַקטע פראַזען:

— אַ חוצפה פון באַרבאַרען... דעם צוקונפטיגען קעניג פון עגיפטען אָבגעזאָגט אַ שפּאַציער?... כ׳וועל זי אָנלערנען, כ׳וועל אָנלערנען אַלע העברעער, די כיטרע באַרבאַרען!... איך פאָהר גלייך קיין רוים, כ׳וועל נור בעקומען פון סענאַט הילף, וועל איך אָנלערנען מיין ברודער אויך, וואָס ער צובאַלעוועט די באַרבאַרען... כ׳וועל איהם שוין אײנגאַנצען אַראָבזעצען פון בענקעל!... אָבער כ׳האָב נאָך נישט געזעהען אין מיין לעבען אַזאַ טייוולאָנישע שענהייט, איהרע לאָקען, איהרע אויגען, איהר ביוסט... אַז כ׳וועל צוריקקומען פון רוים מוז זי זיין מיינע! כ׳וועל זי אָנלערנען!... זי וועט זיין ביי מיר אַ שקלאַפין, זי וועט וואַשען מיינע פיס!...

XI

אין וואַלד ענטקעגען די פעלזען, פאַר דער הייל „מערת אליהו“, לאַגערט יהודה׳ס געפּאַנצערטע פלוגה, וועלכע האָט זיך לעצטענס אויסגעצייכענט מיט איהר העלדישע אַטאַקע אויף פילי־פּאס׳עס אַרמעע, וואָס איז געוועזען פיערפאַכיג מעהר ווי די פּאַרטיזאַנער; נור אַ דאַנק יהודה׳ס גבורות מיט זיין מסירת־נפש, ווי אויך די גוטע סטראַטעגיק פון די אָנפיהרער, איז פילאפּאס׳עס אָבטיילונג גענצליך צערשטערט און פערניכטעט געוואָרען.

ס׳איז שוין אַדורכגעגאַנגען די ערשטע רעגען־צייט, וואָס הייסט אין ארץ־ישראל „יורה“, ווי אויך דער שפּעטערער רעגען „מלקוש“; די העלע זון האָט צוריק אויפגעשיינט, די בוימער און די געוויקסען זענען געוואָרען אויפגעפרישט, די גרעזער אויף די לאַנקעס און אויף די בערג האָבען זיך פריש פערגרינט און שלאָגען אָב וואונדערליך אַקעגען די גאָלדענע שטראַהלען פון דער לויכטענדע זון. די גאַנצע נאַטור האָט ווי אויפגעלעבט און אין דער לופט שפּירען זיך שוין די מילדע, פערכשופטע ריחות פון קומענדען פריהלונג.

אָבער צווישען די פּאַרטיזאַנער הערשט אַ געדריקטע שטי־מונג, אַלעמענס פּנימער זענען ערנסט, פערזאָרגט, ווייל זייער געליעבטער הויפּט־אַנפיהרער, דער פרומער מתתיהו, וועלכער האָט דער ערשטער געוויזען אַ וועג, אַז מען דאַרף מיט דער שווערד אין דער האַנד מוטיג אַרויסטרעטען געגען די בעדריקער, איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען; דער אַלטער יודישער כהן און אַריסטאָקראַט האָט נישט געקענט איבערטראָגען דאָס שענדען פון הייליגען בית־המקדש, דאָס פערשוועכען גאָט׳ס תורה מיט די

טיראַנישע שמד-גזירות אויף זיין געליעבט פאָלק און זיין איידעל פיהלענדע נשמה האָט טיעף געוועהטאָגט איבער דעם אומגליק פון זיין אָרעם פאטערלאַנד. אויסערדעם, די שווערע בלוטיגע קאַמ־פען און דאָס אַרומוואַלגערן זיך אין די היילען און די וועלדער, האָבען אָבגעשוואַכט דעם אויסגעמאַטערטען אָרגאַניזם און ער איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען.

דער אַלטער מתתיהו ליגט אין דער הייל „מערת־אליהו״ אויף אַן׳איינפאַך אָרעם געלעגער; אויף אַ טאפטשאן פון צוזאַ־מענגעקלאַפּטע ברעטער, אונטערגעבעט מיט טרוקען גראָז און מאָך, צוגעדעקט מיט זיין ברייטען וואָלענעם מאַנטעל. צוקאָפּענס הענגט זיין לאַנגע שווערד מיט׳ן שווערען שילד, אויף וועלכען ס׳איז אויסגעצייכענט דער העברעאישער טראַדיציאָנעלער הערב, אַ „מגן־דוד״ מיט זעקס שפּיצען; אָפּען פאַר איהם ליגט אַ קליין ספר־תורה׳לע, אין וועלכער מתתיהו לעזט אָפט די געטליכע ווערטער, פאַר וועלכע ער האָט געאָפּפ׳רט זיין געזונד און זיין לעבען; איצט איז זיין איידעל מאַיעסטעטיש פנים פערענדערט, אויסגעמאַ־טערט, געלבליך, די אויגען זענען אַריין טיעף אין קאָפּ, נור עס שיינט נאָך אין זיי אַ שוואַך פייערל פון חכמה און העלדענמוטה; נעבען מתתיהו׳ס געלעגער זיצט יהודה. זיין שעהן פנים האָט אָנ־געוואוירען דעם פריהערדיגען אויסדרוק פון שטרענגקייט און ענערגיע, ס׳איז דערויף אויסגעגאָסען אַ טיעפער אינערליכער וועה־טאָג, וועלכער דריקט און׳ברחמנות׳דיג דאָס גרויסע, פיהלענדע האַרץ, וואָס ווערט צעריסען, קוקענדיג אויף זיין געליעבטען פאָ־טער, דעם טיכטיגען און מוטיגען אָנפיהרער פון דעם נאָך נישט־פערענדיגטען אויפשטאַנד, וואָס האָט געזאָלט בעפרייען דאָס אָרימע, אונטערדריקטע פאָלק פון פרעמדען יאָך און איצט, ווען ער ליגט אַזוי ערנסט קראַנק, קאָן דאָך, חלילה, צערשטערט ווע־רען דער גרויסער הייליגער פּלאַן, וואָס האָט שוין אַזויפיעל בלוט פערשלונגען.

ס׳שטעהן אויך ביים פאָטערס קראַנקאַן־בעט די איבריגע זיהן: יוחנן, שמעון, אלעזר, און יהונתן, אַלע מיט ערנסטע, פער־זאָרגטע פנימער. אין אַ ווינקעל זיצט זייער מוטער די פרומע שושנה

און פערגיסט טייכען טרעהרען, ווארום דער אלטער מתתיהו, פיהלענדיג, דאס די טעג פון זיין לעבען זענען געצעהלטע, האט ער בעפוילען צונויפרופען זיינע העלדישע זיהן און זיין געליבטע פרוי, מיט וועלכע ער וויל זיך געזעגענען און בענשען פאר'ן טויט און בעאיינפלוסען די זיהן מיט דעם הייליגען העלדענמוטה צו פערענדיגען די אנגעהויבענע שווערע ארבייט ביז צום סוף. מיט גרויס מיה און אנשטרענגונג האט ער זיך אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער און מיט א הימלישער בעגייסטערונג האט ער אנגעהויבען זיין לעצטע צוואה:

געליעבטע זיהן מיינע! איך שפיר, אז מיינע כחות זענען שוין ערשעפט, אז אונזער גרויסער גאט־צבאות וועט מיך אין גיכען רופען פאר זיין אלמעכטיגען טראהן; אלערשטענס, מיינע קינדער, זאלט איהר מיין טויטען קערפער בעגראבען אין אונזער פאמיליען-קבר אויפ'ן בארג ביי מודעים און מיינע ביינער זאלען ליגען צוזאמען מיט מיינע גרויסע עלטערן; איצט, ליעבע קינדער, בעשווער איך אייך ביי דער הייליגער תורה, וועלכע ליגט דא פאר אייך, אז נאך מיין טויט זאלט איהר פערענדיגען די אנגעהויבענע הייליגע ארבייט צו בעפרייען אונזער געליבט, אונטערדריקט פאלק און צוריקשטעלען צו זיין ערשטער פראכט דאס פעראומרייניגטע הייליגע בית-המקדש!...

— מתתיהו'ס קול איז געווען שוואך, ס'האט טיילווייז געציטערט און ס'האט איהם פערפעהלט אטהעם; ער האט אדורכגענומען זיינע העלדישע זיהן מיט א טריעבען בליק און האט ווייטער גערעדט מיט די לעצטע כחות:

— בכדי די גרויסע אויפגאבע זאל האבען מעהר ערפאלג, איז אונבעדינגט נויטיג, אז איהר אלע זאלט אייך אונטערווארפען אונטער'ן בעפעהל פון איינעם, וואס זאל אנפיהרען מיט'ן אויפשטאנד; דעריבער מיין זוהן שמעון! דיך אלס זאכטען און געלאסענעס בעשטים איך פאר א ראטגעבער, ווי אזוי צו פיהרען די מלחמות; און דיך, יהודה, אלס מעהר טאפפערן און טאלאנטפולן סטראטעג, בעשטים איך פאר א „משיח-מלחמה" (מיליטער-אנפיהרער), דו זאלסט ווייטער מיט ענטשלאסענהייט פיהרען דעם הייליגען

קאַמפף מיט די פערהאַסטע גריכען ביז'ן סוף; און איהר אַלע זאָלט זיין געהאָרכזאַם איינער דעם צווייטען, איהר זאָלט נישט שוינען אייער בלוט און אייער לעבען, איהר זאָלט עס אָבגעבען אַלס קרבן פאַר'ן בונד מיט אונזער גאָט-צבאות, פאַר זיין הייליגער תורה, פאַר'ן בעליעבטען בית-המקדש און מזבח!...

מתתיהו האָט פערענדיגט זיינע בעגייסטערטע ווערטער און איז אַנידערגעפאַלען אונמעכטיג אויפ'ן געלעגער, אָטעמדיג שווער. די אויגען פון זיינע מוט'גע זיהן האָבען זיך פערצויגען מיט אַ פייכטען גלאַנץ און ס'האָט זיך אין זיי אָנגעצינדען אַ פייער.

אין איינינע טעג אַרום האָט דאָס גרויסע, פיהלענדע האַרץ שוין אויפגעהערט צו קלאַפען. מתתיהו האָט אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה אין דער הייל „מערת-אליהו”, צווישען זיינע העלדישע זיהן און איבערגעגעבענע פריינד, די אָנפיהרער פון די פאַרטיזאַנער.

–אין אַ פינסטערער נאַכט האָבען אַלע מתתיהו'ס זיהן און אַ קליין הייפעל גבורים פון די פארטיזאַנער, צווישען וועלכע ס'האָט זיך געפינען אויך אונזער בעקאַנטער שמיד דן, איבערגעטראָגען דעם טויטען קערפער אויפ'ן בעשטימטען אָרט פון קבר.

ס'איז געוועזען טרויעריג צו צוזעהן ביי די פייערן פון די שטורקאַצען, ווי דער איינפאַכער, פראָסטער גבור דן, וועלכער פלעגט געהן גלייכגילטיג אין קאַמפף געגען אַ גאַנצע אָבטיילונג געפאַנצערטע יונים מיט אַ קינדישען שמייכעל אויף זיין ברייטען פנים, איז איצט, זיין פנים, ביי דער לויה פון געליעבטען אָנפיהרער, געוועזען אויסגעקרימט און פון די ברייט געעפענטע קינדישע, נאַאיווע אויגען, האָבענזיך אויף דעם גוטמוטיגען פנים געקייקעלט גרויסע ווי פערל, טרעהרען. די בעגלייטער האָבען אַוועקגעטראָגען דעם געעהרטען און געשעצטען טויטען קערפער און האָבען איהם מקבר געוועזען אויפ'ן באַרג פון מודעים אין די פאַמיליען-קברים.

אויף זיין קבר איז געוואָרען אויפגעשטעלט אַ גרויסער, איינפאַכער שטיין, אויף וועלכען ס'איז געוועזען אויסגעקריצט אַ קורצע אויפשריפט:

„פּ. נ. מתתיהו בן יוחנן פון דער כהנים־גדולים-משפחה,
„אַנ׳אוראייניקעל פון פנחס בן אלעזר, וועלכער
„האָט אויך דער ערשטער מיט געוועהר אין האַנד
„געקעמפט פאַר׳ן גאָט פון ישראל!״

אַלע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבען צוזאַמען געקעמפט מיט דעם מוטיגען, קלוגען העלד, ווי אויך דאָס גאַנצע פאָלק, וואו אַהין נאָר די טרויריגע בשורה איז אָנגעקומען, האָבען טיעף גע-טרויערט אויפ׳ן טויט פון דעם גאָטספאָרכטיגען קעמפער, וועלכער האָט אַוועקגעגעבען זיין לעבען פאַר דער אויפלעבונג פון פאָלק און פאַר זיין רעליגיעזע פרייהייט!

X

נאָכ׳ן פּאָטערס טויט האָט יהודה איבערגענומען די אָנפירונג איבער אַלע פּאַרטיזאַנער־אָבטיילונגען, צו וועלכע ס׳פלעגן יעדן טאָג צוקומען נייע פרייוויליגע פון אַלע עקן לאַנד, פון לבנון ביז באר-שבע; פויערן האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע אַקער־אייזנס, בעלי־מלאכות זייערע ווערקשטאַטן. אויך די פרומע פּרושים, וועלכע פלעגן ווי שטילע שעפעלעך אויסשטרעקן דעם האַלז אונטער דער מערדערישער שווערד פון שונא, זענען געקומען אין די בערג אפרים, גענומען זיך צו דער שווערד מיט׳ן שפּיז, בכדי צו פערטיידיגן דאָס פאָלק און זיין תורה. זאָגאַר פיעל פון די העלעניסטען, אַז זיי האָבן צוגעזעהן דאָס אכזריות פון די יונים, האָט זיך אין זיי דערוועקט דער נאַציאָנאַלער געפיהל, זיי האָבן געעפענט די אויגען און זענען אויך געקומען קעמפען געגען די בעדריקער. אומעטום זענען געוואָרען איינגעאָרדענט איבונגס-פלעצער, וואו די פריש-אָנגעקומענע פרייווילינע האָבן זיך געלערנט שיסען פון בויגענס, פעכטען מיט שווערדען און זיך בעקענען מיט דער קריעגס-טעכניק.

ס׳איז שוין פונאַנדערגעטיילט געוואָרען צווישען די אויפשטענדיגע דאָס גאַנצע געוועהר פון אַרסענאַל אין דער הייל „מערת אליהו". מ׳פלעגט אויך שטילערהייד ברענגען געוועהר פון לאַנד פלשתים, פאַר וועלכען מ׳האָט געצאָהלט הויכע פרייזען און ס׳האָט נאָך אַלץ פערפעהלט, אַזוי פיעל מענשען זענען צוגעקומען; שפּיזען מיט פיילען פלעגן די פּאַרטיזאַנער זעלבסט אויסאַרבייטען פון פערשיעדענעווירטשאַפטליכע כלים. ס׳זענען צו דעם צוועק ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרען אין די בערג קוזשניעס,

וואו שמיעדען האָבּן בּייטאָג און בּיינאַכט געקאָוועט פערשיעדען געוועהר. אַממערסטען האָט געאַרבּייט אונזער בּעקאַנטער דן. מ׳האָט איהם געזעהען שטענדיג אַרבּייטען אַ פערשוויצטען, אַ פערסמאַלעטען, ער האָט שוועהר געסאַפּעט, ווי אַ מיעך; און אַז עמיצער פון די שמיעדען האָט אויסגעקאָוועט אַ שאַרף בּיי אַ שפּיז, וועלכעס איז איהם נור נישט געפעלען, האָט זיך צוגאָסען אַ קינדערשער שמייכעל אויף זיין נאַאיווען פּנים, ער האָט לייכט איבּערגעבּראָכען אין די הענד דעם שפּיז און אַרויסגעשטאַמעלט:

דאָס קען דיענען אַלס שפּיעלכעל פאַר קליינע קינדער!

שמעון חשמונאי, וועלכען מ׳האָט גערופען מיט׳ן בּיינאמען תרתי, האָט אָנגעפיהרט בּיי די פּאַרטיזאַנער מיט דער אָרגאַניזאַציע און ווירטשאַפט. ער האָט איינגעקויפט געוועהר, אַכטונג געטהון אויף די פערשיעדענע אַרבּייט. אויף מאַנכע ערטער אין די בּערג האָט ער אויסגעמויערט שאַנצען, געמאַכט גרובּען, אויפגעשטעלט שליידער-מאַשינען צו שוצען זיך פון אַ גרעסערען אָנפאַל מצד די יונים. אויך האָט ער געזאָרגט צו שאַפע פּראָוויאַנט פאַר די מענשען מיט די פערד און צושיקט אויף אַלע וועגען און שטעדט שפּיאָנען, וועלכע האָבּען אָבּסערווירט יעדע בּעוועגונג פון שונא און גלייך צו וויסען געגעבּען אין דער הויפּט-קוואַטיר בּיי דער הייל „מערת אליהו”.

יהודה איז בּעשטימט געוואָרען אַלס מיליטער-הויפּטמאַן, ער האָט אָנגעפיהרט מיט די שלאַכטען, לויט דעם פּלאַן, וואָס ער צוזאַמען מיט שמעונ׳ען האָבּען אויסגעאַרבּייט. ער האָט צוגעטיילט פריווילליגע יעדען אין אַנ׳אַנדער אָבּטיילונג מיליטער; אַ טייל פון זיי צו יוסף המרומי׳ס לייכטע רייטער, אָדער צו דער אָבּטיילונג פוסגעהר, מיט וועלכע ס׳האָט אָנגעפיהרט דער קלוגער, איבּערגערעכענטער אנטיגנוס המודעי. די שטאַרקסטע און טאַפּפערסטע האָט יודה צוגעטיילט צו זיין געליעבּטער „פלוגה” געפּאַנצערטע, וועלכע האָט שוין איצט געצעהלט צוויי הונדערט רייטער אויף פערד און האָט זיך גערופען צווישען די פּאַרטיזאַנער מיט׳ן נאָמען „מכבים”, צוליעב דעם פאָהן, וואָס די פלוגה האָט געטראָגען בעת די קאַמפען; דאָס איז געוועזען אַ רויטער זיידענער פאָהן אויס-

געהאָפטען מיט גאָלדענע פעדים דער העבראַישער הערעב אַ „מגן־דוד״ און פיער גרויסע אותיות: מ.כ.ב.י. די איניציאַלען פון דעם פערז אין דער שירה פון משה רבינו: „מי כמוך באלים י־ה״ (ווער פון די געטער איז גלייך צו דיר, גאָט פון ישראל). פון דער זעלבער פלוגה האָט שפּעטער יהודה אויך בעקומען דעם נאָמען „יהודה המכבי״, און אויך די גאַנצע עפּאָכע האָט מען נאַכהער גערופען די מכבים־עפּאָכע. פאַר די דאָזיגע געפאַנצערטע מכבים האָבען די גריכען געציטערט, ווי פאַר בייזע געשפּענסטער, זאָגאַר גרעסערער אָבטיילונגען יונים, אַז זיי האָבען נור דערזעהען די שווערע העבראַישע רייטער מיט די מעשענע העלמען אויף די קעפּ און דעם רויטען פאָהן, וואָס האָט געפלאַטערט אין דער לופט, זענען זיי זיך צולאָפען אין אַלע זייטען, ווי אַ מחנה צו־פלאָשעטע פויגעל. אַזאַ שרעק האָבען די העלדישע „מכבים״ אָנגעוואָרפען מיט זייער רויטען פאָהן!

שוין אַ ל.ג:ע צייט האָבען די יונים מורא געהאַט צו קומען אין דער געגענד פון די בערג אפריב, ווארום יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען נור פּרובירט אַריינצודרינגען צווישען די בערג, זענען זיי געוואָרען אַזוי קונציג אַרומגענומען דורך יהודה׳ס אָב־טיילונגען, אַז נור איינצעלע פון זיי האָבען זיך אַרויסגעראַטע־וועט לעבעדיגערהייד.

יהודה האָט אין די לעצטע צייטען בעקומען אַ ידיעה פון ירושלים, וואו ער האָט אויך געהאַט זיצען זיינע פערטרויאונגס־מענער, אַז אפּאלאניוס האָט געשיקט קיין אנטיוכיען נאָך הילף און ער קלויבט זיך צוזאַמענצונעמען אַ גרעסערע אַרמעע אום אַרומ־צורינגלען דאָס גאַנצע לאַנד אפרים און מאַכען אַ סוף צום אויפשטאַנד.

טיילמאָל פלעגט יהודה זיך לאָזען מיט יוסף־המרומי׳ס לייכטע רייטער אויף אַ ווייטען אויספלוג, נעהנטער צום ים אין עמק־השרון, וואו ס׳פלעגען דורכמאַרשירען גריכישע אָבטיילונגע קיין ירושלים; אין אַ פינסטערע נאַכט האָט יהודה אָבגעוואַרט די גריי־כען אויפ׳ן וועג, אָנגעמאַכט טצווישען זיי אַ שחיטה, צוגערויבט זייער געוועהר מיט די פערד און צוריקגעקעהרט אין די בערג; אַמאָל

פלעגט ער אויף זיין פאָטערס שטייגער, אַריינקומען אומגעריכ־טערהייד אין אַ שטאָדט, צערשטערען די גריכישע אָבגעטער מיט זייערע מזבחות און צוריק איינפיהרען די יודישע רעליגיע. גאָר שטרענג פלעגט ער בעשטראָפען די פעררעטער, די העלעניס־טען, וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען צום פערשטאַרקונג פון געצען־דינעריי און גריכישע קולטען אין לאַנד.

אין אַ הייסען זומער־טאָג פאַרנאַכט־צו, די זון האָט שוין אַראָבגענידערט צו דער זייט פון ים און האָט זיך אַראָבגעלאָזט הינטער די פעלזען, געגענאיבער דעם לאַגער ביי „מערת־אליהו"; די היץ איז שטיקענד, אַ שטילע מיעדקייט בעהערשט די נאַטור אַרום; אין וואַלד איז שטיל, ס'ריהרט זיך נישט קיין בלאַט אויף אַ בוים. אונטען אין טהאָל איז שוין אַלץ איינגעהילט אין אַ טונקעלען שאָטען, נור די שטומע ריעזען פון וואַלד, די גיגאַנ־טישע בוימער שטעקען אַרויס אין דער הויך זייערע גרינע צו־פלאָשעטע קעפּ און צוואָגען זיי אין דעם גאָלדענעם ים־ליכטיג־קייט פון דער נידריגער זון פון הונטער די פעלזען אַפער, פון וועלכען זיי בעקומען אויך אַ וואונדערליך־גרינליכען גאָלד קאָ־ליר. עס דערטראָגט זיך אין דער שטילער לופט נור דאָס מאָנאָ־טאָננע גערויש פון שטראָם אין טיפען אָבגרונד, עטוואָס ווייטער הערט מען פון צייט צו צייט דאָס האַסטיגע קלאַפּען פון האַמערס אין דער קוזשניע; פון טהאָל דערטראָגען זיך אָבגעהאַק־טע אויסגעשרייען פון אלעזר החורני, וועלכער מושטרירט די נייע אָנגעקומענע געפּאַנצערטע רייטער אויף די פערד. די איב־ריגע זעלנער פּאַשען די פערד אויף דער לאָנקע, איינינגע זענען פערנומען ביי די פייערן און גרייטען צו נאַכט־עסען.

יהודה האָט זיך פערקליבען אין אַ זייט. ער זיצט אָנגע־שפּאַרט אונטער אַ בוים, זיין שען ענערגיש פּנים איז פערזאָרגט. ער איז נור וואָס צוריקגעקומען פון עמק השרון, וואו ר'איז געוועזען די נאַכט מיט יוסף המרומי'ס רייטער אויף אַנ'איבער־פאַל אויף אַ גריכישע אָבטיילונג. זיי האָבען צוגענומען פיעל טראפעען, געוועהר, וועלכעס וועט זיין זעהר נוצליך פאַר די פריי־שע פרייוויליגע; אָבער יהודה שפּיערט אַ מיעדקייט אין די־

גלידער, ער איז שוין פיעל נעכט כסדר נישט געשלאָפען. אין קאָפּ ווירבלען ביי איהם פערשיעדענע געדאַנקען. די שרעקליכע קלאַנגען, אַז אפּאלאניוס זאַמעלט אַנ׳אַרמעע אָנצופאַלען אויף די יודען, בעשטעטיגען זיך וואָס אַמאָל מעהר. און ווער ווייסט, וואָס ס׳קען דערפון ווערען?... אָבער ער טאָר נישט ארויסווייזען קיין פחד, נישט אָבצושוואַכען דעם מוט ביי די העלדישע חברים.

ער דערמאָנט זיך באַלד, אַז זיין פערצווייפלונג איז ניט בעגרינדעט. אָט האָט זיין פאָטער געהאַט גאָר אַ קליין הייפעל גבורים, נאָך וועניגער געאיבטע אין מלחמה־קונסט, יעדאָך האָבען זיי בעזיעגט די פיעל שטאַרקערע פון זיי, גריכען. ער האָט שוין אַ היבשע אַרמעע איינגעאיבטע קעמפער און אויסגעפּרובירטע אין פיעל שלאַכטען, אָנפיהרער, מיט אַ שטאַרקען העלדענמוט, וועלכע פעראַכטען דעם טויט,—האָט ער זיכער נישט וואָס מורא צו האָבען.

נור ביי יעדער פרייער מינוט, נאָגט זיין האַרץ אונברחמנות׳דיג, ווי אַ וואָרם דער געדאַנק וועגען תמר׳ן. זי שוועבט פאַר זיינע אויגען אין איהר פּרעכטיג געשטאַלט, מיט איהר רייצענד סימפּאַטיש פּנים; עס דוכט זיך איהם אויס, אַז ער הערט איהרע קלוגע, זיסע רייד. אויך ערכאינערט ער זיך ווידער איהר העלדענמוט, פּאַטריאָטיזם, איהר שפּיעלען און זינגען, וועלכעס פלעגט אַזוי גלעטען דאָס האַרץ און בעצוואונגען די נשמה מיט עפּעס אַנ׳אונגאַטירליכען, הימלישען כח. נור אין די פערכשופ׳טע טרערען פון דער טורקעלטויב אין פריהלינג געפינט זיך עפּעס עהנליכס צו איהר זיס קול; אָבער זי איז פון איהם אַזוי גיך פערשווונדען, ווי אַ שעהנער חלום, ווי אַ מיראַזש אין דער מדבר!... שוין נישט איינמאָל, ווי ער האָט זיך געוואָלט לאָזען אויפ׳ן לאַנד תמר׳ן אויפזוכען, אפשר וועט איהם פּאָרט געלונגען צו געפונען איהר שפּור; נור דער הייליגער חוב צום אונטערדריקטען פאטערלאַנד, די טרערען פון די אלמנות און יתומים, דאָס בלוט פון די אומגעקומענע קדושים האַלט איהם אויף זיין פּאַסטען ווי מיט אייזערנע צוואַנגען; ס׳איז דאָ אַזוי פיעל אַרבייט

מיט אַזוי פיעל פעראַנטוואָרטליכקייט, אַז איין נישט געלונגע־נער טריט קען מאַכען צו נישט דעם גאַנצען הייליגען פּלאַן...

מאַנכע מאָל פאַלט איהם איין אַ געדאַנק, ער וועט אויף אַ צייט איבערלאָזען די פאַרטיזאַנער ביי איינעם פון זיינע ברי־דער און ער זעלבסט וועט אַדורכוואַנדערן דאָס גאַנצע לאַנד פון עק ביז עק, ער מוז תמר'ן געפונען; ער וועט קומען זאָגאַר ביז אין די רעזידענץ אַנטיוכיען, צווישען בעיואָפּענטע מחנות יונים, ער וועט געהען אויף שווערדען און שפּיזען, ער וועט זי ברענגען פון דער צווייטער זייט ים, פון אונטער דער ערד אַפּער; ער מוז אַרויסבעקומען תמר'ן, זיין טייערען שאַץ, דעם זעלטענעם ברילליאַנט!

אָבער דער הייליגער חוב?

אום צופערטרייבען זיין האַרץ-נאָגעניש מיט די שווערע רעיונות, כאַפּט זיך יהודה אויף פון אָרט און געהט אָפּ מיט מ׳עדע טריט צו דער קוזשניע, וואו עס געהט צו אַ לעבהאַפטע אַרבייט: מ׳קאָוועט ניי געוועהר, מען פערריכט דאָס אַלטע, בלויז נור דער ווידערקלאַנג פון די שווערע האַמערס קלינגט אָב אין וואַלד אין שטילען פאַרנאַכט.

יהודה האָט זיך אַנידערגעזעצט און זיך צוגעקוקט מיט פערגעניגען צו דער דרינגענדער אַרבייט; אין דעם איז געקומען צו רייטען אויף אַ פערשוויצט פערד איינער פון די צושטעלטע וואַכען און האָט געמעלדען יהודה'ן:

—ס׳איז געקומען מיטן וועג פון שומרון אַנ׳אַלטער מאַן מיט אַ גרופּע יונגע לייט, זיי זאָגען, אַז זיי ווילען צושטעהן צו אונז. צי קאָן מען זיי אַהערברענגען?

—ווער זענען זיי?

—דער אַלטער האָט זיך אָנגערופען מיט׳ן נאָמען אלעזר דער פישער. יהודה איז אויפגעשפרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהון און האָט אויסגערופען אין איין אָטהעם:

—ברענג זיי שוין אַהער, אין איין אויגענבליק!

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, דער אַלטער אלעזר איז גע־קומען מיט אַ מחנה יונגע פישערס פון ברעג ים ביים כרמל.

אַלע הויכע, געקליבענע יונגען, מיט אָבגעבּרענטע פּנימער אָן אויסגעאַרבּייטע הענד; אלעזר איז געגאַנגען אויף זיין שטייגער שטילשווייגענד, פערכמאַרעט, נור אַז ער האָט דערזעהן יהודה׳ן מיט די אַלטע קאַמעראַדען און די גרויסע הויפענס געוועהר, האָט זיין פערכמאַרעט פּנים אויפגעשטראַהלט און ער האָט בעגייסטערט אויסגערופען:

— פריעדען אויף אייך, הייליגע קעמפער!

דער ערשטער האָט יהודה בעאונרוהיגט אויסגעשריהען:

— און וואו איז תמר?...

— זי געפינט זיך אויף אַ זיכער אָרט און אָט האָסטו פון איהר אַ בּריעף. יהודה האָט מיט די אויגען געשלונגען די שורות פון תמר׳ס בּריעף, זיין פּנים האָט וואָס אַמאָל מעהר אויפגעשטראַהלט און ס׳האָט געשיינט ווי די לויטערע זון, וועלכע בעווייזט זיך ראַפּטום פון אונטער די וואָלקענס אַפּער, אין אַ רעגען־טאָג; זיינע שוואַרצע, קלוגע אויגען זענען פערלאָפען מיט אַ פייכטקייט. דאָס זענען געוועזען טרערען פון פרייד.

אויך האָט אלעזר געבּראַכט אַ בּריעף פון חוניו׳ן, געשריבּען מיט הויכע מליצות, אין וועלכען ער בּעגריסט די העלדישע קעמפער און וואונשט זיי ערפאָלג ביי דער „הייליגער אַרבּייט״ און גלייכצייטיג רוהמט חוניו פאַר יהודה׳ן תמר׳ן די „זעלטענע בלום פון כרמל״, וועלכע פערשפּרייט איהר וואונדערליכען אַראָמאַט אויך ביי די בּרעגעס פון נילוס א. א. וו.

יהודה האָט נאָכ׳ן איבּערלעזען דעם בּריעף זיך געווענדעט צו אלעזר׳ן:

— בעסטער פריינד, ווי לאַנג כ׳וועל לעבּען, וועל איך נישט פערגעסען דיין טריישאַפט. און יעצט דערצעהל אונז די אַלע געפאַהרען, וואָס איהר זענט אַדורכגעגאַנגען, פון וועלכע תמר שרייבּט אין בּריעף, אַז נור אַ דאַנק דיין העלדישקייט און איבּערגעגעבּענהייט איז זי ניצול געוואָרען.

דער אַלטער אלעזר האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קלאָץ נעבּען דער קוזשניע און האָט אָנגעהויבּען צו דערצעהלען זייער גאַנצע רייזע פון גוש־חלב ביז אלעקסאַנדריען; אַלע בעקאַנטע

פּאַרטיזאַנער האָבען זיך פערזאַמעלט און אויסגעהערט דעם אַלטענ׳ס ערצעהלונג מיט גרויס נייגעריגקייט.

דער שמיעד דן, דערוויסענדיג זיך, אַז אלעזר דערצעהלט זיינע וואונדערליכע פּאַסירונגען, איז ער אַרויסגעלאָפען פון קוזשניע אַ פּעררישטער מיט פערקאַטשעטע אַרבעל, האַלטענדיג אין זיינע ריעזיגע הענד אַ שווערע צוואַנג אין וועלכער ס׳האָט נאָך געשטעקט אַ רויט שטיק אָנגעגליהט שטאָל; און אין דער פּאָזע איז ער געבליבען שטעהן, ווי אַנ׳אויסגעהאַקטע סטאַטוע, די פוס פונאַנדערגעשטעלט, די הענד מיט׳ן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און פון אונטער זיין ברייטע גאָמבע האָט אַרויסגעשטאַרצט דאָס קורצע צושויבערטע בערדיל. אויף זיין שוואַרצען פעררישטען פּנים איז געוועזען אויסגעגאָסען אַ קינדערשער שמייכעל, אין וועלכען ס׳האָבען זיך פעראייניגט, אי פערוואונדערונג, אי שעצונג צום אַלטען העלד, און גלייכצייטיג, אַ נאַאיווע אינערליכע פרייד פון אַ יונג קינד, וועלכעס געפינט אַ שפּילעכעל און אַזוי איז ער געשטאַנען און אויסגעהערט מיט אויפגעשפּיצטע אויערען אלעזר׳ס ערצעהלונג.

אָבער ווען אלעזר איז צוגעקומען צו דער שטעלע ווי חוני מיט תמר׳ן האָבען אויסגעלייזט קציעה פון די פּעניציאַנער, איז דן׳ס פּנים געוואָרען ראַפּטום פערענדערט. ער האָט אויפגעעפענט דאָס מויל, פון וועלכען ס׳האָבען זיך אַרויסגעוויסט צוויי שורות שטאַרקע ציין און אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַ פייער: זיין גאַנץ וועזען איז געוואָרען פערוואַנדעלט אין אַ גרויסען פראַגע-צייכען און ער האָט אַרויסגעמורמעלט ווי צו זיך זעלבסט

זאָל דאָס זיין אמת?...

— כ׳איז אמת, —האָט אלעזר געענטפערט. —אַלעס וואָס איך דערצעהל איז אמת. דן האָט אַוועקגעוואָרפען די צוואַנג מיט׳ן שטיק שטאָהל, איז צוגעשפּרינגען צו אלעזר׳ן און איידער אלעזר האָט צייט געהאַט זיך צו בעדענקען, האָט דן איהם געכאַפּט אויף די הענד ווי אַ פּיצעלע קינד, צוגעדרוקט צום האַרץ און אָנגעהויבען הייס צו קישען, גלייך ווי אַ מענש, וועלכער איז פון זינען אַראָב, האָט ער מיט׳ן אַלטען פישער פרעהליך

פרומגעטאַנצט, איהם געהויבען ווי אַ שפּענדיל אין דער הויך און צוגעברומט מיט זיין באַסאָווע שטימע:

— אָ, מיין קציעה איז נאָך דאָ!....

נאכהער, אַז ער האָט צוריק אַנידערגעשטעלט אלעזור'ן אויף דער ערד, האָט דער אַלטער פישער נאָך שטאַרקער פערכמאַ־רעט דאָס פּנים, אַראָבגעלאָזט די לאַנגע גרויע ברעמען איבער די אויגען און בייז אויסגעשריהען:

— געה שוין, געה, צו אַלדע רוחות!... ער האָט מיך אין גאַנצען אויסגעדריסט...

XI

די ערוואַרטעטע צייט איז אָנגעקומען. יהודה האָט בעקומען ידיעות פון ירושלים, אַז אַפּאָלאָניוס טרעט שוין אַרויס מיט זיין אַרמעע צו געהן אין די בערג אפרים; מ'האָט געשיקט שפּיאָנען אויף אַלע וועגען, זיי זאָלען בעאָבאַכטען יעדען טריט פון שונא און יהודה האָט צוזאַמענגערופען אַלע זיינע ברידער, ווי אויך די אָנפיהרער פון די בעזונדערע אָבטיילונגען און זיי האָבען אָבגעהאַלטען אַ בעראַטונג. מאַנכע און צווישען זיי אויך אנטיגנוס, זענען געווען אין דער מיינונג, אַז מ'זאָל זיך בעפעסטיגען אין די בערג און פיהרען אַ פערטיידיגונגס־קאַמף; אָבער שמעון און יהודה און אַ טייל פון די אָנפיהרער זענען געווען געגען דיעזען פּלאַן, נאָר מ'זאָל אַרויסטרעטען געגען אַפּאָלאָניוס'ן אין אַן אָפענעם קאַמף און אומגעריכטערהייד זאָל מען ראַפּטום בעפאַלען דעם שונא. זייער פּלאַן האָבען זיי מאָטיווירט דערמיט, וואָס אַ פערטיידיגונגס־מלחמה דאַרף זיך לאַנג פערשלעפּען, און ביז ס'וועט זיי געלונגען דעם שונא אָבצושוואַכען, וועלען זייערע קעמפער פערלירען דעם מוט און פיל פון זיי וועלען אַנטלויפען; צווייטענס, מוז מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך צוזאַמענטרעפען מיט'ן שונא אויג אויף אויג און אָפען איהם בעזיעגען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל בעקומען צוטרוי צו די פאַרמיזאַנער און קומען זיי צו הילף מיט געלד און מענשען; וואָרום" נאָכ'ן בעזיעגען אַפּאָלאָניוס'עס אַרמעע איז נאָך נישט קיין סוף צו די מלחמות, מ'דאַרף זיך נאָך ריכטען אויף אַ גרויסען אָנפאַל מצד דעם קעניג אַנטיוכוס זעלבסט און דעמאָלט דאַרף מען ערשט האָבען אַ גרעסערע קראַפט.

יהודה האָט פערענדיגט מיט דיעזע ווערטער:

—ס׳איז שוין אַדורכגעגאַנגען מעהר ווי אַ יאָהר צייט, ווי אונזער זעליגער פאָטער האָט גענומען די שווערד אין האַנד אַריין און אַרויסגעטרעטען אָפען געגען די בעדריקער; און וואָס האָט מען איבער דער גאַנצער צייט עפּעס ממשות׳דיגעס אויפגעטהון? אויסער די קליינע צאָהל איבערגעגעבענע פּאַרטיזאַנער, וועלכע קעמפען מיט אונז צוזאַמען, האָבען מיר פּאָרלויפיג גאָרנישט; ווייל דאָס גאַנצע פאָלק שטעהט נאָך אויפ׳ן שייד-וועג און ווייסט נישט וואו צו געהן, צי זיי זאָלען נאָכגעהן דעם פעררעטער, דעם פאַלשען כהן־גדול מענעלאַאוס מיט זיין סוויטע די העלעניסטען, וואָס זייער ציעל איז אַראָבצופיהרען דאָס געליבטע פאָלק פון זיין תורה, אָדער זיי זאָלען נאָכגעהן אונז און האלטען זיך ביי דער אמונה פון אונזערע עלטערן? דאָס פאָלק וואָלט זיכער געוואָלט אונז נאָכגעהן, נאָר דאָס אָרימע פאָלק איז פערציווייפעלט, זיי האָבען נישט קיין צוטרוי צו אונזער כח, צו אונזער ערפאָלג... דעריבער, געליבטע חברים, דער גורל פון פאָלק ליגט איצט אין אונזערע הענד, מיר מוזען איינשטעלען אונזער אייגען לעבען און קעמפען פאַר די עקזיסטענץ פון פאָלק, פאַר אונזערע פרויען און קינדער; עס דאַרף אונז נישט אָבשרעקען די גרעסערע צאָהל פון שונא. מיר וועלען זיי בעזיעגען, ווייל מיט אונז איז דער שטאַרקער גאָט צבאות, לד׳ הישועה!״ (ביי גאָט איז די הילף).

—לד׳ הישועה! מות ליונים! — האָבען אַלע אָנוועזענדע אויסגערופען בעגייסטערט.

אין דעם זעלבען טאָג האָט יהודה אַרויסגעשיקט דעם בעדואינער שרק, וועלכער האָט זיך איבערגעקליידט פאַר אַ וואַנדערענדען פעניציאַנער, מיט אַ פּעקעל ביליגע סחורה אויף די פּלייצעס, ער זאָל זיך אַרומדרעהען אין דער געגענד פון רמה און אַז אַפּאַלאָניוס׳עס חיילות וועלען אונטערקומען זאָל ער גלייך געבען צו וויסען; און דעם אַלטען בעטלער שמעון הפרסי אויף זיין קוליע, מיט די טאָרבעס אָנגעהאָנגען און די לירע אונטער׳ן אָרעם, האָט יהודה געשיקט אין דער געגענד פון

אילון. דאָס זענען געווען די הויפּט-וועגן מיט וועלכע אפּאָלאָניוס האָט בעדאַרפט קומען פון ירושלים. אַלע אָנפיהרער האָט יהודה אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די אָבטיילונגען, וואו זיי זענען צעשטעלט, זאָלען זיין גרייט ביים ערשטען סיגנאַל אין וועג אריין.

צומאָרגענס פאַר מיטאָג האָט אַרומגעוואַנדערט אין דער געגענד צווישען גבע און רמה דער פעניציאַנער שרק מיט אַ פּעקעל סחורה, אויסשליסליך פאַר פרויען: קעם, פעכערס, האַלזבענדער, קאָלירטע סטעגעס, קליינע קריגעלעך שמעקענדיג אייל, ראָזע פאַרבען צום פנים, שוואַרצע פאַרב צו די אויגען א. אַ. וו.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער און האָט הויך געלויבט זיינע מינים סחורה; אָבער די איבערגעשראָקענע איינוואוינער האָבען נישט געהאַט דעם קאָפּ צום יונגען פעניציאַנער מיט זיינע סחורות, זיי זענען געווען פערצווייפעלט פון די שרעקליכע קלאַנגען, אַז ס׳געהט פון ירושלים אַ בעדייטענדע אַרמעע גריכען מיט דעם אכזר אַפּאָלאָניוס אן דער שפּיץ און אַז אַ צווייטע אַרמעע האָט זיך געלאָזט דורכ׳ן טהאָל אַילון אַרומצורינגלען די בערג אפרים, אומצוברענגען די פרומע חשמונאים און אַלע זייערע אָנהענגער; די אַלטע פרויען האָבען געהויבען זייערע אויגען צום הימעל און געזיפצט, עס זאָל נישט חלילה ווערען אויסגעלאָשען דער לעצטער פונק פון גאָטס תורה, די לעצטע האָפנונג פאַר׳ן פאָלק ישראל... מאַנכע פון די דאָרפסלייט, מורא האָבענדיג פאַר די רויבערישע באַנדעס, זענען זיי מיט זייערע פרויען און קינדער אַנטלאָפען אין די בערג. מאַנכע האָבען בעגראָבען אין דער ערד זייער האָב און גוטס, אומעטום האָט געהערשט אַ טרויער, שרעק און פאַניק.

שרק איז געגאַנגען מיט דעם פעקעל סחורה אויף דעם וועג קיין רמה. ביי אַ בערגעל האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אָברוהען אין שאָטען, וואו עס האָבען געוואקסען עטליכע הויכע טייטעל-פאַלמען. ער האָט געוואָרפען שאַרפע בליקען מיט זיינע ווילדע אויגען אַרום אויף דער גאַנצער געגענד. אָבער ארום איז געווען פוסט, נאָר די פויגעלעך זענען אַרומגעפלויגען

צווישען די גרינע תבואות און האָבען פרעהליך געצווישערט: פלוצלינג האָט שרק אויפגעשפּיצט די אויערן, ער האָט צוגעלעגט דאָס אויער צו דער ערד און האָט דערהערט נישט דייטליכע קולות און א גערויש. ער האָט מיט אַ שטריק זיך אַרומגעגאַרטעלט צוזאמען מיט דער העכסטער פּאלמע, אַז ביים ארויפקלעטערן זאָל ער זיך קאָנען אָברוהען. אויפ׳ן ווייטען האָריזאָנט האָט ער דערזעהען א וואָלקען שטויב, פון וועלכען ס׳האָבען זיך ביסלעכווייז ארויסגעוויזען פערשידענע גריכישע מחנות, פוסגעהער און רייטער, שווערע וועגען, געשפּאַנטע אין עטליכע פּאָר אָקסען און שליידער-מאַשינען. ער האָט זיך פלינק ווי אַ קאַץ אַראָבגעגליטשט פון בוים און געוואָלט זיך אומקעהרען מיט די דאָזיגע ידיעה צו די פּאַרטיזאַנער. אומגעריכט זענען פלוצלינג ארויסגעריטען פון אונטער׳ן בערגעל אַפּער עטליכע גריכישע רייטער פון אַפּאָלאָניוס׳עס אַוואַנגאַרד; שרק האָט שנעל אָבגעדרעהט אין פעלד אַריין צווישען די תבואות, אָבער ס׳איז שוין געוועזען צו שפּעט, די רייטער האָבען איהם דערזעהען און איינער פון זיי האָט זיך געלאָזט מיט א גאַלאָפּ אויפ׳ן פערד און איהם גלייך דעריאָגט. שרק איז אָבגעשפּרונגען אָן אַ זייט, אַדורכגעלאָזט דאָס צוקאַכטע פערד, אָנגעכאַפּט זיך פון הינטען ביים פערדס עק און ווי אַ טיגער איז ער מיט איין שפּרונג אַרויף אויפ׳ן פערד. ער האָט מיט איין האַנד זיך אָנגעכאַפּט ביים זאָטעל און אין דעם זעלבען אויגענבליק מיט דער צווייטער האַנד אַריינגעשטאָכען דעם יון אַ שטילעט אין דער פּלייצע און אַ פערבלוטיגטען אראָבגעוואָרפען פון פערד. שרק האָט זיך אריינגעזעצט אין זאָטעל און איז פערשוואונדען מיט׳ן פערד ווי אַ ווינד אין פעלד.

צומאָרגענס נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, איז שוין יהודה געוועזען מיט אַלע זיינע אָבטיילונגען אין בארות, וואו אַפּאָלאָניוס האָט גערוהט מיט ז״ין אַרמעע אין די געצעלטען; די גריכען האָבען זיך גאָרנישט געריכט אויף די העברעער. אַפּאָלאָניוס זעלבסט איז נאָך געשלאָפען אין זיין געצעלט, נור אַז די יונים האָבען דערזעהען פון דערווייטענס די העב-

רעאישע אָבטיילונגען, איז געוואָרען אין זייער לאַגער אַ געפילדער, ס'האָבען זיך דערהערט אַליאַרם־סיגנאַלען פון טרומפייטען און ס'האָט נישט לאַגג געדויערט ווי זיי האָבען זיך אין דער גיך אָנגעהויבען אויסשטעלען אין קריעגס-אָרדנונג. אפּאָלאָניוס זעלבסט האָט אָבער זעהר גרינגגעשעצט דעם אָנפאַל פון די פאַרטיזאנער. ער איז ארומגעריטען אויף זיין ריעזיג פערד און געפאָרמירט אין איילעניש די אָבטיילונגען צום קאמף; ער האָט צושטעלט זיינע אָבטיילונגען פוסגעהער און רייטער אויף אַ ברייטע שטרעקע, בכדי ער זאָל קאָנען ארומנעהמען די העברעער פון אַלע זייטען און פינף הונדערט געפאַנצערטע רייטער האָט ער איבערגעלאָזט אין רעזערוו; יהודה האָט מיט זיין אָדלער־בליק גלייך ארומגענומען דעם גאַנצען מלחמה-פּלאַן, ער האָט אָוועקגעשיקט זיין ברודער שמעון און אנטיגנוס'ן מיט בעדייטענד שטאַרקע אָבטיילונגען אויפ'ן רעכטען פליגעל און האָט זיי בעפוילען צו האַלטען זיך פעסט אויף זייער פּאָזיציע, נישט אָבטרעטען אויף איין טריט. זיין ברודער יוחנן מיט אַן'אָבטיילונג פוסגעהער און יוסף המרומי מיט זיינע לייכטע רייטער האָט ער געשיקט אויפ'ן לינקען פליגעל און בעפוילען, אַז באַלד ביי דער ערשטער שלאַכט זאָלען זיי פלומרש'ט אָבטרעטען, ווי ווייט מעגליך אַוועקצוציהען דעם שונא פון צענטער, צו דער זייט פון מכמש און נאַכהער זאָל יוסף המרומי אונטערקומען מיט זיינע רייטער פון הינטען אויף אַפּאָלאָניוס'ען אין לאַגער אַריין. יהודה זעלבסט מיט די רעשט אָבטיילונגען זענען בליץ-שנעל, איידער די גריכען האָבען צייט געהאַט זיך ווי געהעריג אויסצושטעלען, אַרויפגעפאַלען אויף אַפּאָלאָניוס'ען אין דער מיט שלאַכט-פעלד מיט אַזאַ קראַפט און אימפעט, אַז די יונ'ישע עמיטעלסטע רייהען זענען באַלד געוואָרען צערשטערט, פיעל זענען געוואָרען דער'הרג'עט, פיעל פערוואונדעט. ס'איז געוואָרען זווישען זיי אַ שרעקליכע פּאַניק און זיי האָבען אָנגעהויבען זיך צוריקציהען אין לאַגער אריין.

אַפּאָלאָניוס האָט דאַן זיך גענומען פאָרמירען אויף די העברעער זיין רעזערוו, די געפאַנצערטע רייטער; יהודה האָט

אָבער בעצייטענס דאָס בעמערקט און ער האָט בעפוילען דורך א סיגנאַל, אַז א טייל פון די קעמפענדע זאָלען זיך גלייך צו־ריקציהען אין אָרדנונג און צושפרייטען זיך איבער די דערביי־איגע לאָנקעס און זומפען; די גריכען זענען געוועזען זיכער, אַז די פּארטיזאַנער האָבען זיך דערשראָקען פאר זייערע גע־פּאַנצערטע און אַנטלויפען אין שרעק. דעמאָלט האָבען זיך די געפּאנצערטע יונים אויך צושפרייט, נאָכיאָגענדיג די אַנטלויפענדע העברעער; אָבער די שווערע צוקאָכטע פערד זענען אַרויף מיט אַנ׳אימפּעט אויפ׳ן זומפיגען באָדען פון דער לאָנקע און האָבען זיך נישט געקאָנט ריהרען. פיעל פון זיי זענען געוואָרען פער־זונקען ביז צו די בייכער, אויף וועלכע די לייכטע העברעאישע פוסגעהער האָבען זיך געוואָרפען מיט די שווערדען און מיט די לאנגע שפּיזען.

די אַנדערע טייל געפּאַנצערטע יונים האָבען ווידער נאָכ־געיאָגט יהודה׳ן אויפ׳ן באַרג אַרויף, וואו ער איז כלומרש׳ט אַנטלאָפען מיט אַ טייל קעמפער און אַ פלוגה רייטער. נור די גריכישע שווערע געפּאַנצערטע רייטער, אַרויפרייטענדיג אין פולען גאלאָפּ אויפ׳ן באַרג, זענען, זייערע פערד געוואָרען שרעקליך אָנגעמאַטערט און דאַן האָבען זיך די העברעער צוריק אויסגע־דרעהט צו זיי און אָנגעהויבען צו קעמפען, ווי די צורייצטע ליי־בען; איבער דער צייט איז אָנגעקומען אַפּאָלאָניוס זעלבסט מיט גרויסע אָבטיילונגען פוסגעהער און ס׳האָט זיך ענטוויקעלט אַ שרעקליכע שלאכט. ס׳זענען געפאַלען הרוגים און פערוואונדעטע פוןביידע צדדים. גריכען איז געוועזען אין אַ פיעל פאַכיגע־צאָהל מעהר און דעריבער האָט געדראָהט די העברעער אַ גע־פאַהר אין גאַנצען צו ווערען אַרומגענומען דורך די יונים; אָבער פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל. פון דער זייט זענען אַרויסגעריטען מיט אַ רעש דריי פלוגות געפּאַנצערטע מכבים מיט עזריה און אלעזר החורני אָן דער שפּיץ. זייער רויטער פאָהן האָט מאַיעסטעטיש געפלאטערט אין דער קיהלער מאָרגען־לופט און אָבגעגלאַנצט צוזאַמען מיט די מעשענע העלמען אַנט־קעגען דער לויטערער, אויפגעהענדער זון. דעמאָלט איז פאָרגע־

קומען אויפ׳ן שלאַכט־פעלד עפּעס שרעקליכעס. די מכבים זענען אַרויפגעפאלען אויף די גריכישע, נעדיכטע קריעגס-רייהען ווי אַ פייערדיגע לאַווינע פון אַ וואולקאַן, וואָס פערניכטעט אלץ אויפ׳ן וועג, מיט זייער בעקאַנטען דעוויז:

לד׳ הישועה! מות ליוגים!

אומעטום, וואו די מכבים זענען אדורכגעריטען, האָבען זיי אָבגערייניגט גאנצע שטרעקעס פון די יונים. ס׳זענען נאָר געבליבען ליגען הויפענס הרוגים און פערוואונדעטע, צוהאַקטע העלמען, צובראָכענע פאַנצערס און שילדען, שטיקער שפּיזען מיט שווערדען און פגרים פון פערד.

ווי אַ שטורם האָבען די ערשטע אַטאַקירט די גריכען עזריה און אלעזר החורני. אלעזר׳ס לאַנגע שווערד האָט געמאַכט בליצענדיגע זיגזאַגען אין דער לופט און ס׳זענען געפאַלען יונ׳ישע קעפּ, ווי זאַנגען אויפ׳ן פעלד פון אַ געאיבטען שניטער. דער שמיעד דן האָט זיך בעוויזען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד אויף זיין שוואַרצען פערד מיט׳ן ווייסען צייכען אויפ׳ן שטערן און מיט׳ן מורא׳דיגען „פיילכעל” אין דער האַנד. אויף זיין ברייטען פנים האָט געשוועבט אַ נאַאיווער שמייכעל. וואו נור ער האָט דערזעהען אַ געדיכטע רייהע קעמפּענדע יונים, איז ער אַריין צווישען זיי ווי אַ מלאך המשחית און אויף דעם זעלבען אָרט איז געבליבען אַ הויפען צוהאַקטע פערד און מענשען, פערבלוטיגטע שטיקער אייזען, בראָנז, מעש און שטאָהל...

יהודה איז אַרומגעפלויגען אויף זיין פערשוויצטען „עורב” איבער׳ן גאַנצען שלאַכט־פעלד, ווי אַן אָדלער אין די בערג. זיינע שוואַרצע לאָקען האָבען געפלאַטערט אין דער לופט ווי מורא׳דיגע שוואַרצע שלאַנגען; אויף מאַנכע ערטער וואו ער האָט דערזעהען אַ געפאַהר פאַר זיינע חברים, האָט ער זיי צוגעשיקט הילף, אָדער ער זעלבסט איז אָנגעפאלען אויף די יונים מיט זיין לאַנגער שווערד און אָנגעמאַכט צווישען זיי חורבנות. נאַכהער איז ער ווידער צוגעלאָפען אויף אַ צווייטע פּאָזיציע און האָט נישט אַראָבגעלאָזט איבער דער גאַנצער צייט קיין אויג

פון גאנג פון דער מלחמה און גלייכצייטיג אָבסערווירט יעדע
בעוועגונג פון די יונ'ישע אָבטיילונגען.

נאכהער האָט מען דערזעהען פון בארג אַראָב, ווי ס'זע-
נען אומגעריפט אָנגעקומען פון גריכישען לאַגער אַרויס, יוסף
המרומי מיט זיינע רייטער און האָבען זיך געלאָזט אויף די
קעמפענדע מיט אַ ווילד געקוויטשעריי און מיט הויכע אויסגע-
שרייען; דאָ האָבען זיך שוין די גריכען גענצליך פערלוירען, זיי
האָבען גערעכענט, אַז נישט אַנדערש, ווי אַנ'עגיפטישע אַרמעע
איז געקומען צו הילף די פאַרטיזאַנער און זיי האָבען זיך גע-
לאָזט לויפען אין אַלע זייטען; אומזיסט האָט אַפּאָלאָניוס געוואָלט
איינהאלטען די צופלאָשעטע יונים. זיין אריסטאָקראַטיש פנים
איז געוואָרען בלייך ווי קרייד, ער האָט געשריהען, געפלוכט,
געפאָכעט מיט זיין ריעזיגער שווערד, אָבער ס'האָט גאָרנישט
געהאָלפען. די צושראָקענע מחנות יונים זענען אַנטלאָפען אָהן
אָרדנונג אין אַלע עקען, ווי סטאַדעס גאַזעלען אין די וויסטעס
פון חררון און די צוהיצטע מכבים האָבען זיי נאָכגעיאָגט און
דער'הבג'עט פון אַלע זייטען.

דער יונגער יונתן האָט זיך אויך געלאָזט נאָך די אַנט-
לויפענע יונים און איז ווייט אַוועק פון זיינע חברים. איינער
פון די געפּאַנצערטע גריכען האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פערד,
איז אָנגעפאַלען אויף יונתן'ען און איהם שווער פערוואונדעט
אין אָרעם. יונתן איז אַ פערבלוטיגטער אַראָבגעפאַלען פון פערד.

אַפּאָלאָניוס איז געשטאַנען פון דערווייטענס אויפ'ן ווייסען
פערד מיט זיין סוויטע, אַ דערשראקענער און אַ פערצווייפעל-
טער. די העברעאישע קעמפער האָבען זיך שוין יעדעס מאָל צו
איהם דערנעהנטערט. ער האָט אויף איין טריט נישט אַוועקגע-
לאָזט פון זיך דעם בעריהמטען גבור זיינעם דאָרימענעסען, אַ
דיקען יון מיט שרעקליך ברייטע פלייצעס און הענד ווי קלעצער;
פון דעם דאָזיגען דאָרימענעסען האָט מען דערצעהלט אויסערגע-
וועהנליכע גבורות.

דער צובאַלעוועטער, דעם קעניג אַנטיוכוס'עס ליבלינג
אַפּאָלאָניוס, וועלכער האָט זיך זעלבסט זעהר ליעב געהאט, האָט

בעלעגט זיין גאַנצע האָפענונג אויף דעם גבור דארימענעס, אַז ער וועט איהם פערהיטען אין אַ קריטישען מאָמענט פון די צווילדעוועטע „באַרבאַרישע" העברעער. די גריכען, וועלכע זענען געוועזען מיט אַפּאָלאָניוס'ען האָבען אָנגעוויזען דארימנע־ס'ען דעם העבּרעאישען הערקולעס, דן, ווי ער יאָגט זיך אין פעלד נאָך אַ גופאַנצערטען יון; דארימענעס האָט צוגעדרוקט זיין ריעזיג פערד מיט די שפּאָרען און זיך געלאָזט ווי אַ שטורם־ווינד אויף דן'ען.

די מחנות קעמפענדע, צוקוקענדיג זיך פון דערווייטענס צו דיעזער סצענע, האָבען איינגעהאַלטען דעם אָטהעם און מיט שפּאַנונג געגאַרט צו זעהען דעם סוף פון בעגעגעניש פון דיביידע ריעזען. דן איז איהם געלאַסען אַנטקעגען געריטען און ביידע גבורים האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען. דארימענעס האָט מיט כח ראַפּטום איינגעהאַלטען די ציגעל פון צוקאָכטען פערד, אַז ס'האָט זיך מיט די הינטערשטע פיס איינגעגראָבען טיעף אין דער ערד און מיט די פעדערשטע פיס געשטעלט זיך קאַפּויר און גלייכצייטיג האָט דער יון אויפגעהויבען זיין ריעזיגער שווערד איבער דן'ס קאָפּ. זיין „פיילכעל", אָבער דעם יון'ס זעץ מיט דער שווערד איז געוועזען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זיין שווערד האָט זיך איבערגעבראָכען אויף צוויי העלפטען און פון זעלבען אימפּעט האָט זיך דן'ס „פיילכעל" אויך אַרויסגעגליטשט פון דער האַנד און אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד. דאַן האָבען זיך ביידע ריעזען אָנגעכאַפּט מיט די בלויזע הענט ביי די העלזער און אָנגעהויבען זיך צו שטיקען. דן האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעשפּאַרט מיט איין פוס אויף דער סטשעמיע פון זאָטעל, אַז דער פּאַס פון זאָטעל האָט געפּלאַצט. ער האָט זיך אַראָבגעגליטשט פון פערד און אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם יון און ביידע זענען אַראָבגעפאַלען אין די שווערע פּאַנצערס ווי צוויי שווערע קלעצער אויף דער ערד.

ביידע ריעזען ראַנגלענדיג זיך אויף דער ערד, האָבען זיי אויסגעגראָבען אונטער זיך אַ טיעפען גרוב. מ'האָט גור

געהערט דאָס מורא'דיגע קלינגען מיט דעם גרילצענדיגען גערויש פון זייערע פּאַנצערס.

אַם ענדע האָט זיך דארימענעס מיט זיינע שטאַרקע ציין געוואָלט צוקריגען צו דן'ס האַלז, אָבער דן האָט איהם אויפניי אָנגעכאַפּט מיט כּח ביים גאָרגעל און געשטיקט...

אַפּאָלאָניוס האָט דערזעהענדיג מיט ערשטוינונג, אַז זיין אַרמעע איז שוין פולקאָם צעקלאַפּט, דער ריעז דאָרימענעס איז אויך פון איהם געלם געוואָרען און די שרעקליכע מכּבּים מיט זייער רויטען פאָהן קומען אָן אַלץ נעהנטער און נעהנטער, האָט ער איבערגעלאָזט די צוקלאַפּטע אָבטיילונגען און איז אין שרעק צוזאַמען מיט זיין אַדיוטאַנט אַנטלאָפען.

אָבער יהודה מיט זיין שאַרפען בליק האָט דאָס באַלד בעמערקט. ער האָט פעסט צוגעדריקט מיט די שפּאָרען זיין „עורב". דאָס אַראַבּישע פערד, גלייך ווי עס וואָלט פערשטאַנען, אַז זיין בעל-הבית געהט איצט אָן זיין גרעסטער געשיקטקייט, האָט ער אויסגענוצט די גאַנצע ענערגיע און כּח; עס האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ אויפ'ן ברוסט, אויסגעצויגען דעם האַלז און זיך געלאָזען שווימען אין דער לופט מיט אַ שנעלקייט פון אַ הוראַגאַן. נאָר אַ וואָלקען שטויב האָט פערדעקט דאָס פערד מיט'ן רייטער צוזאַמען און יהודה האָט דערשפּירט אין פּנים אַ שאַרפען ווינד...

ער האָט אָנגעיאָגט די רייטערס. אַפּאָלאָניוס האָט אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד און פּרובירט זיך מיט איהר צו פאַרטיידיגען, אָבער די שווערד איז מאָמענטאַל אַרויסגעפלויגען אין די הויך פון זיין האַנד און אַפּאָלאָניוס'עס אַריסטאָקראַטישער קאָפּ מיט'ן זילבערנעם העלם איז אַראָבגעפאַלען אָן אַ זייט און דער קערפּער זיינער האָט זיך שווער אַראָבגעקויקעלט אויף דער ערד, ווי אַן'אונטערגעזעגטער צעדער אין לבנון; יהודה האָט צוגענומען אַפּאָלאָניוס'עס טייערע שווערד, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער געקעמפּט אין אַלע מלחמות ביז זיין לעצטען אָטעם!

יהודה האָט איבערגעלאָזט אַ קליינעם טייל פון זיינע אָבטיילונגען צו פערבאַנדאַזשירען די פערוואונדעטע, אויפצורוימען

די הרוגים, צוזאַמענצונעהמען דאָס רויב מיט'ן געוועהר פון די גריכען און נאָך דעם זעלבען טאָג האָט ער זיך געלאָזט מיט זיינע העלדישע „פלוגות" צום טהאָל אַילון, אויפצוזוכען די רעשט אַפּאָלאָניוס'עס אַרמעע, וועלכע זיי האָבען שוין לייכט בעזיעגט.

דאָס איז געוועזען דער ערשטער יהודה־המכבי'ס אָפענער נצחון איבער די צעווילדעוועטע האָרדעס פון די סעלעוקידישע טיראַנישע בעדריקער, דער ערשטער קלאַנג פון צוהאַקטע קייטען פון קנעכטשאַפט,—אַ קלאַנג וואָס האָט אָבגעשלאָגען מיט טויזענדער עכאָס אין די פערבלוטיגטע הערצער פון דעם אויסגעמאַטערטען יודישען פאָלק.

פיערטער טייל

I

אין אַ הייטערער שטילער זומער-נאַכט, ביים זאַמדיגען ברעג ים, וואָס ציהט זיך, ווי אַ שמאָלער פּאַס פון פרוכטבאַרען שרון ביז צום היסטאָרישען באַרג כרמל, רייטען שטיל אַ גאַנצע „פּלוגה” העברעאישע לייכטע רייטער. דער לויטערער הימעל פון ארץ ישראל איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער געגענד, ווי אַ גרויסע אונענדליכע טונקעל-בלויע יריעה, פון וועלכער עס פינקלען אַראָב מיט אַ פּער׳כשופ׳טען רייץ קלענערע און גרעסערע שטערן, גלייך טויזענדער שרפים פון הימעל וואָלטען אַדורכגעקוקט מיט פייערדיגע אויגען אויף דעם דאָזיגען געבענשטען לאַנד. אַ לויטערע לבנה בעגיסט מיט אַ רייצענד זילבער-ליכטיגקייט דעם גאַנצען רוים אַרום און וואַרפט אויך איהרע בלאַסע שטראַהלען אויף דעם הייפעל געטרייע קינדער פון לאַנד, וועלכע האָבען זיך אויסגעצויגען אויף די פערד לענג-אויס, ווי א לאַנגע, ריהרעוודיגע שלאַנג. די שאָטענס פון די פערד און מענשען בעוועגען זיך קוים אויפ׳ן גלייכען זאַמדיגען באָדען.

פון לינקס איז אויסגעשפּרייט דער גרויסער ים, אָנגעפּילט מיט נאַכט-סודות, וועלכער גיסט זיך צוזאַמען מיט׳ן שאַפירענעם האָריזאָנט און בעקומט דאדורך א וואונדערליכען בלוי-ווייסליכען גלאַנץ. פון רעכטס צייכענען זיך אונדייטליך אויפ׳ן ווייטען האָריזאָנט וועלדלעך, פּרדסים און פאַנטאַסטישע בערג, וואָס זעהען אויס פון דערווייטענס ווי פערהילט אין א זילבערנעם וואָלקען. ס׳איז שטיל אין דער קיהלער נאַכט-לופט. ס׳הערען זיך נאָר די ריטמישע טריט פון די פערדישע קאָפּיטעס און מאַנכע מאָל

דערטראָגט זיך פון די פרדסים אַנ'אויסגעשריי פון אַ נאַכט־פויגעל, אָדער עס שניידט אַדורך די שטילע לופט דאָס וואָיען פון אַ שאַקאַל אין די ווייטע בערג.

פאָראויס רייט אויף זיין שוואַרצען „עורב" יהודה המכבי מיט'ן אָנפיהרער פון די לייכטע רייטער, יוסף המרומי. ביידע זיצען אויף די פערד פערטיפט אין די געדאַנקען. אין יהודה'ס קאָפּ ווירבלען איצט די אַלע איבעררעשענדע געשעהענישען, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען איינס נאָכ'ן אַנדערן אין אַזאַ קורצער צייט. ער דערמאָנט זיך דעם גרויסען זיעג איבער אפּאָלאָניוס'ן פון די קליינע צאָהל פּאַרטיזאַנער. נישט לאַנג און באַלד נאָכדעם, ווען דער סירישער הויפטמאַן העראָן איז אָנגעקומען מיט זיינע גרויסע מחנות מיליטער און די פעררעטערהעלעניסטען האָבען זיי געפיהרט מיט זייטיגע וועגען אין די בערג, געמאַכט זיי בעקוועמער אָנצופאַלען אויף די פּאַרטיזאַנישע אָבטיילונגען. ער געדענקט נאָך גוט, ווי די העבּרעאישע קעמפער, דערזעהענדיג פון דער הויכער געגענד פון בית חורון די גרויסע גריכישע מחנות, האָבען זיי אין פערצווייפלונג אויסגעשריהען: „ווי אַזוי וועלען מיר קאָנען בעזיעגען אַזאַ מעכטיגען שונא?" דעמאָלט אָבער האָט יהודה געשטאַרקט די געפאַלענע געמיטער מיט הייסע ווערטער, דערמאָנענדיג זיי, אַז זיי קעמפען פאַר זייערע פרויען, קינדער און פאַר זייער צוקונפט. און ווירקליך, ס'איז געשעהען אַ וואָונדער. ווי די צערייצטע לייבען האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף העראָן'ס אָבטיילונגען און האָבען איינע נאָך דער צווייטער פערניכטעט. אַכט הונדערט יונים זענען געבליבען טויט אויפ'ן שלאַכטפעלד און הערון מיט די צוקלאַפטע חיילות זענען אַנטלאָפען אין לאַנד פלשתים.

איצט, נאָך די דאָזיגע נצחונות האָט שוין יהודה געווינען דעם פולקאָמען צוטרוי ביים גאַנצען פאָלק ישראל, ווי אויך ביי די אַרומיגע פעלקער; אַלע בעוואונדערן זייער העלדענמוטה און יהודה'ס געניאַלע סטראַטעגיק צו פיהרען מלחמות מיט'ן מעכטיגען קעניג אַנטיוכוס. זאָגאַר די פערביסענסטע שונאים פון די העברעער, די שומרונים, ווייזען שוין אויך איצט אַרויס סימפּאַ־

טיע און אַכטונג צו דעם העלדישען פאָלק. פאָרלויפיג האָבען זיך די גריכען אַרויסגעצויגען פון גאַנצען לאַנד, זייערע אָבגעטער מיט די מזבחות זענען צערשטערט, די רעליגיעזע רדיפות אויף די העברעער האָבען אויפגעהערט און צו יהודה׳ס אָבטיילונגען קומען צו יעדען טאָג נייע קעמפער. ווען יהודה דערמאָנט זיך דאָס אַלעס, קוועלט אָן זיין האַרץ פון פרייד און ער דערשפירט אַן׳אינערליכען גייסטיגען תענוג, וועלכער פולט אָן זיין הויכע, פיהלענדע נשמה.

נאָך די לעצטע נצחונות שטעהט שוין זאָגאַר אָפען פאַר יהודה׳ן דער וועג קיין ירושלים, וואו דער פעררעטערישער כהן גדול מענעלאַאוס מיט זיינע אָנהענגער און די רעשט פערבליבענע יונים האָבען זיך בעפעסטיגט אין די ריזיגע מויערן פון דער הייליגער שטאָדט. טיילמאָל לויפט יהודה׳ן אַדורך אַ געדאַנק, ער זאָל איינגעמען ירושלים, צוריקשטעלען און אָבריינינען דעם צערשטערטען בית המקדש. עס פעהלען איהם אָבער אויס די נויטיגע צערשטערונגס-מאַשינען אויפצוברעכען די מויערן.

יהודה ווייסט אָבער אויך, אַז זיין איצטיגער נצחון איז נאָך נישט פולקאָם. אַנטיוכוס הרשע וועט נישט רוהען און וועט נאָך אַנטקעגען איהם אַרויסשיקען אַ גרעסערע אַרמעע, מען דאַרף זיך אויף דעם ריכטען. דער דאָזיגער טרויעריגער געדאַנק וואַרפט אַ שוואַרצען שאָטען אויף די גאָלדענע חלומות וואָס ער וועבט איצט אין זיין פאַנטאַזיע...

יהודה האָט אָבער אַ שטאַרקען בטחון, אַז דער גרויסער גאָט צבאות, וועלכער האָט זיי אַרויסגעהאָלפען פון גרויסע נויטען, וועט זיי ווייטער נישט פערלאָזען, ער וועט זיי העלפען אין קריעג מיט זיין מעכטיגער האַנד און מיט זיין אויסגעשטרעקטען אָרעם!

נעכטען האָט יהודה דערהאַלטען אַ ידיעה, אַז צום באַרג כרמל קומען אָפט מיט׳ן ים יונים פון דער בעפעסטיגטער שטאָדט עכו, כלומרשט מיט׳ן אויסרייד אויפצומאָהנען שטייערן

און מיט דעם אויסרייד בערויבען זיי וואָס נאָר מעגליך די אָר־טיגע יודישע בעפעלקערונג. יהודה האָט געוואָלט ארויסשי־קען יוסף המרומי אַליין מיט זיינע רייטער צו בעשטראָפען די דרייסטע אָנפאַלער, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע אַלטע זכרונות, וואָס זענען פערבונדען מיט'ן באַרג כרמל, האָט ער בעשלאָסען אויך מיטצופאָהרען מיט דער פלוגה, אפשר וועט ער עפּעס געוואויר ווערען פון זיין תמר'ן, וועלכע איז ביי איהם אַזוי טיעף איינגעבאַקען אין האַרצען...

זיי רייטען אַזוי שטילשוויגענד אין דער הייטערער פער־כשופ'טער לבנה-נאַכט, עס בעווייזט זיך שוין ביים בלאַסען שיין פון דער לבנה דער מאַיעסטעטישער באַרג כרמל. שרק, וועלכער איז גערייטען מיט נאָך צוויי רייטער אויף אַ בעדייטענ־דער שטרעקע פאָראויס האָט פלוצלונג געגעבען אַ צייכען מיט אַ לאַנג אויסגעצויגען וואָיען פון אַ שאַקאַל. די גאַנצע פלוגה האָט זיך באַלד אָבגעשטעלט און די רייטער האָבען זיך איינ־געהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. יהודה האָט אויפגעשפּיצט די אויערן און דערהערט, ווי ס'האָט זיך דער־טראָגען אַ ווייטער אונדייטליכער פּליעסק פון וויאָסלעס אויפ'ן ים.

יהודה האָט געלאָזט שטעהן די פלוגה, ער איז צוגעריטען צו שרק'ן אוןביידע האָבען זיך געלאָזט רייטען שטיל צו דער זייט פון ים, פון וואַנען דער פּליעסק האָט זיך דערטראָגען. זיי זענען צוגעריטען נענטער און האָבען שוין דייטליך דערזעהען ביים שיין פון דער לבנה, ווי דריי שיפלעך זענען שטיל צוגעשוואומען צום זאַמדיגען ברעג און אַ גרופּע מענשען האָבען אָנגעהויבען טראָגען פון ברעג פערשידענע פּעק צו די שיפלעך. יהודה האָט געגעבען אַ סיגנאַל מיט'ן טראָמפּייט צו זיין פלוגה און ער מיט שרק'ן האָבען זיך געלאָזט ווי אַ שטורם אויף די רויבער. דאָס הייפעל יונים, דער־זעהענדיג די צוויי רייטער, וועלכע פאַלען אָן אויף זיי, האָבען זיך דאָס גאָר גרינגגעשעצט, זיי האָבען זאָגאָר נישט איבערגע־ריסען זייער אַרבייט צו טראָגען די פּעק צו די שיפלעך, נאָר

אייניגע פון זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט די שפיזען אויף יהודה'ן און שרק'ן. דאַן האָט יהודה אַרויסגעצויגן זיין גרויסע שווערד, וועלכע ער האָט צוגענומען ביי אַפאָלאָניוס'ן און צוזאַמען מיט שרק'ן זענען זיי אַרויפגעריטן אויף די אָנפאַלער ווי צוויי לעמפערטן אויף אַ סטאַדע שעפסן. אין דער שטילער לופט האָט זיך געהערט דאָס סווישטשען פון שווערדן, און פערשטיקטע, אָבגעהאַקטע אויסגעשרייען און אין אייניגע מינוטן איז געוואָרן פון די עטליכע יונים אַ הויפן פגרים. די גריכן ביי די שיפן האָבן אויפגעהויבן אַן'אַלאַרם און פון דערביי'איגען בערגעל, וואו ס'זענען געשטאַנען עטליכע יונ'ישע געצעלטן, איז באַלד אָנגעלאָפן אַ קליינע אָבטיילונג בעוואָפנטע סאָלדאַטן. אָבער אין דעם זעלבן אויגענבליק האָבן שוין אויך בעוויזן אָנצוקומען יוסף-המרומי מיט זיינע רייטער און האָבן מאָמענטאַל אַרומגערינגעלט די גאַנצע מחנה יונים.

צו אַ שלאַכט איז אָבער שוין מעהר נישט געקומען, ווייל די גריכן, דערזעהענדיג, אַז די העברעאישע רייטער האָבן זיי אַרומגענומען פון אַלע זייטן, זענען זיי געוואָרן אַזוי איבערגעשראָקען, אַז זיי האָבן גלייך אַוועקגעוואָרפן דאָס געוועהר און מיט געבעט זיך אונטערגעגעבן. די העברעער האָבן די געפאַנגענע געבונדן די הענד, צוגענומען דאָס גאַנצע געוועהר און יהודה האָט דאָס אַלעס דורך אַ טייל פון זיינע רייטער גלייך אָבגעשיקט אין לאַגער אַריין אונטער גלגל. די שיפלעך האָט מען אַרויסגעצויגן גלייך אויפ'ן ברעג אַרויף, די אַלע אָנגערויבטע חפצים און פראָדוקטן האָט מען צוזאַמענגענומען אויף איין אָרט, ביי וועלכן יהודה האָט איבערגעלאָזט אַ וואַך, ביז וואַנען ס'וועלן קומען די בערויבטע בעלי־בתים עס אָבנעמען.

די לבנה האָט זיך איבער דער צייט שוין אַראָבגעלאָזט אין ים אַריין און פון הינטער'ן באַרג כרמל האָט זיך בעוויזן אויפ'ן האָריזאָנט אַ העל'ע פורפורענע שיין. ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגען.

נאָכדעם ווי מ'האָט אַלעס איינגעאָרדענט ביים ברעג ים,

איז יהודה, יוסף המרומי און די רעשט רייטער אַוועקגעריטען אויף דער צווייטער זייט כּרמל צום דאָרף גפנים. יהודה, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין שרעק און פלעגט זיך וואַרפען מיט קאַלטבלוטיגקייט אויף גאַנצע אָבטיילונגען יונים, איז איצט, ווען ער איז צוגעקומען נעענטער צו גפנים,—האָט זיין לייבען־האַרץ אָנגעהויבען האַסטיגער צו שלאָגען, ס'האָט איהם אַרומגענומען עפּעס אַ געהיימער, אונפערגעסלייכער געפיהל...

ביידע פריינד: יהודה און יוסף המרומי, וועלכע האָבען פון אָנפאַנגס אָן צוזאמען מיטגעמאַכט אַלע בלוטיגע, פּאַרטיזאַנישע שלאַכטען, ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט נאָך געקרעכצט אונטער'ן שווערען יאָך פון די טיראַנישע קולטור-טרעגער, האָבען זיי שוין צוזאַמען געקעמפט פאַר די פרייהייט אין געשמידט זייער גייסט צו גרויסע, שיוערע אונטערנעמונגען. איצט, נאָך די אַלע נצחונות, ווען זיי רייטען ווידער צוזאַמען אין דעם רייצענדען פריהמאָרגען, ביי דעם פרעכטיגען באַרג כּרמל, דערמאָנען זיך די צוויי פריינד די אַלע איבערגעלעבטע געשעהענישען.

יהודה ווייזט אָן זיין וואָפען־חבר דאָס אָרט ביים ברעג ים, וואו ער האָט געהאַט זיין ערשטען צוזאַמענשטויס מיט די יונים, ווען זיי האָבען אין אַ פינסטערער נאַכט בעפרייט פון געפאַנגענשאַפט אבטליונ'ען מיט זיין זוהן. ס'איז שוין אַדורך פון יענער צייט אָן מעהר ווי צוויי יאָהר. וויפיעל איז דאָס אָרימע פאָלק אויסגעשטאַנען אין די דאָזיגע צוויי יאָהר? און זיי אַליין, וויפיעל האָבען זיי שוין איבער דער צייט מיטגעמאַכט?...

יהודה האָט זיך אויך איצט פערטרויערט פאַר זיין פריינד זיין בענקשאַפט נאָך תמר'ן. ער האָט אָנגעהויבען מיט זיין מילדע שטימע:

—זאָלסט וויסען, געליבטער פריינד, אַז אין רעש פון מלחמה, ביי דעם קלאַנג פון שווערדען, פאַנצערס מיט'ן פערדישען געיעג, ווערט דאָס זיסע אָנגעוועהטאָגטע געפיהל ווי פערטויבט און בערוישט? נור ווען ס'ווערט שטילער פון די

מלחמה-קאַמפּען, דעמאָלט הויבט ווידער אָן צו נאָגען און קלע־מען ביים האַרצען.

—איצט וואָלט מען אָבער שוין געקענט ברענגען תמר׳ן פון אַלעקסאַנדריע,—האָט זיך יוסף המרומי אָנגערופען.

יהודה האָט זיך אַ ווײַלע פערקלערט, נאָכהער האָט ער אַרויסגערעדט ערנסט:

—מיר וועלען זײַן ביי ינאַי אין גפנים, וועט מען זיך צוזאַמען וועגען דעם ענין בעראַטען.

—ס׳איז נישט דאָ וואָס זיך צו בעראַטען, מ׳קאָן זי אַהיימברענגען.

—די צייטען זענען אָבער אונרוהיג.—האָט יהודה אויסגע־רופען פערזאָרגט.—דערמאַן זיך, ליעבער יוסף וואָס דער אַלטער פישער האָט זיך אָנדערצעהלט, וויפיעל דאָס אָרימע טייבעלע איז אויסגעשטאַנען איבער׳ן וועג פון די רשעים? ווען איך דער־מאַן זיך, געהט מיר אַדורך אַ שוידער דורך די ביינער!

און ווי בעגייסטערט פון זיינע זכרונות האָט יהודה צו־געגעבען: דו האָסט נישט, יוסף, קיין אַהנונג, וואָס פאַר אַ זעל־טענער טייערער פערל דאָס איז! אַך, איהר בעשיידענע פרומע חכמה פון אַ געלעהרטען פרוש, איהר שפּיעלען און זינגען, איהר העלדענגייסט און דער בע׳חנ׳טער צניעות׳דיגער רייץ... דאָס איז אַ לויכטענדער קאָמעט-שטערן, וועלכער שיינט איינמאָל אין אַ יובל!...

אין אַלעקסאַנדריע ביי חוניו׳ן איז איהר זעהר גוט, פאָר־לויפיג איז זי דאָרט זיכער, ער וועט זי היטען און ציטערן איבער איהר גורל, ווי איבער אַנ׳אייגען קינד!

—ווען־זשע קאָן זי קומען?—האָט יוסף געפרעגט.

—נאָך דער דעצידירענדער שלאַכט מיט׳ן קעניג אַנטיאָכוס, אַז מען וועט אָבריינגען גאָט׳ס היכל און צוריקשטעלען די הייליגע עבודה אין בית-המקדש!... נישט לאַנג ווי כ׳האָב אַוועק־געשיקט שמעון הפרסי מיט זיין לירע קיין אַנטיאָכיען, ער וועט שוין געוואויר ווערען די גאַנצע סיטואַציע, וואָס דער בלוט-דורשטיגער טיראַן רעכענט איצט צו טהון. דערווייל, ליבער

פריינד, מוז מען אַוועקוואַרפֿן די פּערזענליכע פֿערלאַנגען, זאָל דאָס הארץ ליידען און פּלאַצן פֿאַר בענקשאַפֿט.

זיי זענען צוגעריטען מיט דער פּלוגה צו ינאַי׳ס פֿערמע. די זון איז שוין געהאַט אויפֿגעגאַנגען פֿון דער צווייטער זייט טייך קישון און זי האָט זיך מאַיעסטעטיש אויפֿגעהויבען העכער פֿון די פּורפּור־ראָזע, מיט גאָלדענע זוימען וואָלקענדלעך. זי האָט אַ שיט געטהון מיט גאַנצע סנאָפּעס גאָלדענע שטראַהלען אויף ינאַי״ס פּרדס, אויף די העלע אתרוגים מיט די רויטליכע מילגרוימען און די זעלבע שטראַהלען האָבען זיך אויך וואונדערליך אָבגעשפּיגעלט אין ינאַי׳ס ווייסען הויז, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין דעם גרינעם ים...

II

אין יגאַי'ס הויז האָט זיך איבער דער צייט ווינציג וואָס געענדערט. אין די אַלע שטורעמדיגע טעג פון די קאַמפען האָבען די יונים געשווינט דאָס פאַר יעדען אָפּענע, בּכבוד'יגע הויז; ס'איז אַלץ געבליבען ווי פריהער, אויכער די גרויסע סטאַדעס בהמות מיט די קעלערס וויין, וואָס די יונים האָבען ביסלעכווייז צוגערויבּט. דער אַלטער גוטער ינאַי האָט זיך במשך פון דער צייט ציעל מעהר געעלטערט און זיין שענע פּאַטריאַרכאַלישע פיגור איז געוואָרען איינגעבויגען פון די שווערע איבערלעבענישן, וואָס דאָס לאַנד האָט איבערגעטראָגען אין די לעצטע צוויי יאָהר. אויך בענקט ער זעהר נאָך זיין געליעבטע טאָכטער תּמר. אַנפאַנגס האָט ער גאָרנישט געוואוסט וואו זי איז אַהינגעקומען. ערשט שפּעטער האָט ער בעקומען אַ ידיעה, אַז תמר געפינט זיך אין אַלעקסאַנדריע ביי חוניו'ן. פון איין זייט האָט איהם געפרעהט וואָס זיין טאָכטער געפינט זיך אין אַ זיכער אָרט, צווישען אַ הויכער יחוס'דיגער משפּחה; נאָר פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער זעהר געבענקט נאָך זיין געליעבט קינד, וועלכע ער האָט אַזוי פיעל געלערנט און געהאָפט, אַז זי זאָל זיין זיין טרייסט אויף דער עלטער.

תּמר'ס מוטער, די שטילע בעשיידענע שולמית,—האָט פון דער צייט אָן, וואָס תמר איז פון זיי אַוועקגעפאָהרען, פערלוירען איהר אַמאָליגע שענהייט; זי הערט נישט אויף צו וויינען פון בענקשאַפט און איהרע אויגען זענען שטענדיג רויט פון פערגיסען טרערען נאָך „איהר פרעכטיגע בלום", ווי זי האָט גערופען תמר'ן.

היינט פריה, אַז ינאי האָט דערזעהען פאַר זיין הויז די העברעאישע רייטער, וואָס האָבען זיך קונה-שם געוועזען מיט זייער העלדישקייט אין די לעצטע מלחמות, האָט זיין פּנים אויפגעשטראַהלט פון פרייד און ווען ער האָט דערקענט זיין אַמאָליגען בעקאַנטען, דעם איצטיגען פאָלקס-העלד יהודה׳ן, האָבען זיך דעם אַלטען ינאי געשטעלט טרעהרען אין די אויגען פאַר שמחה און ער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס זיין התפעלות אויסצודרוקען. ער האָט אַלע זעהר פריינדליך עמפפאַנגען, מיט יהודה׳ן און יוסף המרומי האָט ער זיך הייס צוקושט, ווי מיט אייגענע קינדער, ער האָט זאָגאַר די פערד פון די העלדען אַרומגענומען מיט ליעבשאַפט.

ינאי האָט גלייך צונויפגערופען די דינערשאַפט, בעפוילען אַריינצושטעלען די פערד אין די לעדיגע שטאַלען, צו שחט׳ען עטליכע בהמות פון די איבערגעבליבענע און ער האָט געמאַכט פאַר אַלע אַ סעודה מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגליך געוועזען אין דעם שטילען פערוואָרפענעם ווינקעל.

נאָך מיטאָג האָט יהודה אויספיהרליך דערצעהלט אַלע פּאַסירונגען פון דער צייט אָן ווען זיי האָבען זיך צעשיידט. אויך האָט ער איבערגעגעבען די אַלע איינצעלהייטען וועגען תמר און שמעי אין רפתיים, ווי אַזוי דעמעטעאוס איז זיי בעפאַלען מיט אַן אָבטיילונג געפאַנצערטע רייטער און אין אַ וואָסערער געפאַהר זיי זענען דעמאָלט געוועזען, נור צום גליק, איז ער, יהודה, אָנגעקומען מיט די פּאַרטיזאַנישע מחנות...

שלומית, וועלכע איז געזעסען און אויסגעהערט יהודה׳ס ערצעהלונג, אַז ער איז געקומען צו דעם טראַגישען מאָמענט. ווען די יונים האָבען געוואָלט בינדען און אַוועקפיהרען תמר׳ן, האָט די אַלטע פון איבערראַשונג אַ פערצווייפעלטען געשריי געטהון און איז געפאַלען אין אָהנמאכט, אַז ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט זי אָבגעמונטערט.

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען אַ דיענער און האָט געמאָלדען ינאי, אַז ס׳איז געקומען אַ אונבעקאַנטער מאַן, וועלכער וויל זיך דורכאויס מיט איהם זעהען. ינאי איז גלייך אַרויס

פון צימער און מיט ערשטוינונג איז ער געוואויר געוואָרען, אַז דער דאָזיגער כאַן איז אַ געוועזענער איינוואוינער פון גליל, וועלכער איז נאָך די ערשטע בהלות אין לאַנד אַנטלאָפען קיין אַלעקסאַנדריע און איצט ווען ער האָט דערהערט, אַז דער אַלמעכטיגער האָט געהאָלפען זיין פאָלק דורך די העלדישע חשמונאים, איז ער מיט נאָך איניגע העברעער צוריקגעקומען אין זייער בעליעבטע היים.

נאָך גרעסער איז געוואָרען ינאַי׳ס פרייד און איבערראַשונג, ווען דער פרעמדער האָט איהם אָבגעגעבען אַ בריעף פון זיין תמר׳ן און ער האָט איהם דערצעהלט, אַז דער בעליעבטער און הויכגעשעצטער אין אַלעקסאַנדריע כהן-גדול חוניו, האָט איהם זעהר געבעטען אָבגעבען דעם בריעף ינאַי אין גפנים.

מיט אַנ׳אויפגעשטראַהלט פנים האָט ינאַי אַריינגעפיהרט דעם אונבעקאַנטען אין צימער אַריין צו די געסט און די שמחה ביי אַלע איז געוואָרען אויסערגעוועהנליך. תמר׳ס מוטער שולמית האָט אויעסניי אָנגעהויבען צו וויינען פאַר פרייד, זאָגאַר דעם אַלטען ינאַי האָבען זיך די טרעהרען געשטעלט אין די אויגען. דעם אָנגעלעגטען גאַסט האָט מען פערבעטען צום טיש און פון אַלע זייטען האָבען זיך געשיט פראַגען: ווי אַזוי די העברעער לעבען דאָרט אין עגיפטען? ווי אַזוי דער קעניג פילאָמעטער בעציהט זיך צו זיי? א. ז. וו.

יהודה ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אונבעקאַנטער קומט פון אַלעקסאַנדריע, איז ער אַ צוקאָכטער אויפגעשפרונגען פון אָרט און האָט איהם אויך אָנגעהויבען אויספרעגען: צי ער זעלבסט האָט געזעהען תמר׳ן? ווי אַזוי זי זעהט אויס? און צי זי בענגט אַהיים?

דער אונבעקאַנטער איז אָנפאַנגס געבליבען ווי צוטומלט, ער האָט נישט געוואוסט וואָס און ועמען פריהער צו ענטפערן. שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער אונבעקאַנטער גאַסט איז איינער פון די אָנגעזעהענסטע מענשען אין גליל, אַ הויך געבילדעטער, זאָגאַר אין די גריכישע חכמות, אַ געלעהרטער מאַן מיט׳ן נאָמען יוסף בן זכריה. זיצענדיג ביים טיש האָט יוסף

מייסטערהאַפט געשילדערט דאָס לעבען פון די יודען אין עגיפּטען, אַז דער איצטיגער קעניג בעציהט זיך צו אונזערע ברידער זעהר פריינדליך, זיי האָבען דאָרט פולקאָמע רעכט, צוגלייך מיט די גריכען. אין האַנדעל און מלאכה פערנעמען די העברעער אין לאַנד אַ בעדייטענדען פּלאַץ; עס געפינען זיך צווישען זיי אויך פיעל פילאָזאָפען און קינסטלער.

אויך האָט יוסף בן זכריה דערצעהלט, אַז דער כהן-גדול חוניו איז אין עגיפּטען פיעל געשעצט און געערט און ער איז אויך זעהר בעליעבט ביים קעניג. ער איז זאָגאַר געוואָרען ראַטגעבער און צוליעב איהם האָבען די יודען בעקומען פיעל פּריווילעגיעס. ווייטער האָט יוסף איבערגעגעבען, אַז ער איז געוועזען ביי חוניו אין פּאַלאַץ און האָט געזעהען תמר'ן מיט נאָך אַ יונגע פרויענצימער, אַנ'אויסגעלייזטע געפאַנגענע פון גליל העליון. תמר שפּירט זיך זעהר גוט אין דעם רייכען אַריסטאָקראַטישען הויז, אַלע אין פּאַלאַץ שעצען זי און ליעבען. נור דאָס איינציגע וואָס בעטריבט איהר לעבען, איז די בענקשאַפט נאָך איהרע עלטערן אין פּאַטערלאַנד.

—פאַרוואָס זענט איהר צוריקגעקומען, ווען ס'איז דאָרט אזוי גוט?—האָט ינאי געפרעגט מיט אַ בעהאַלטענער איראָניע.

—ערשטענס, האָט יוסף געענטפערט, איז די גליקליכע גאַסטפריינדשאַפט נישט געזיכערט אויף שטענדיג, מ'איז דאָרט אויך אין גלות. דער יוד שפּירט זיך פּאָרט ווי אין אַ פרעמד לאַנד, וואו ער איז אָנגעוויזען אָן יעדען בלאָז פון אַ ווינדעל... און וואָס וועט זיין, אַז ס'וועט אויפשטעהן אַנ'אַנדער קעניג? אויסערדעם, מיר יודען פון יהודה קאָנען זיך נישט צופּאַסען צו דער גריכישער סביבה און צו זייערע זיטען, מיט וועלכע אונזערע דאָרטיגע ברידער זענען שוין אַדורכגעדרונגען. אויבוואָהל עס ווערען אָבגעהיטען די דינים פון תורת-משה מיט די רעליגיעזע מנהגים און עס געפינען זיך דאָרט אומעטום שוהלען, וואו ס'ווערט געלערנט תורה, דאָך בענקט זיך נאָך דער הייליגער ערד, נאָך דעם היימישען שענעם בלויען הימעל, נאָך די פּרעכטיגע בערג! די נשמה געהט אויס נאָך דער פערכשופטער רייגער לופט פון גאָטס געבענשטען

לאַנד. יעדער באַרג, יעדער בוים, יעדע אַלטע מויער איז אַ גאַנצע מגילה פון אונזער אַלטער, רייכער געשיכטע!...

ביי די לעצטע ווערטער האָבען זיך יוסף'ן געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, טרעהרען פון בעגייסטערונג און ליע־בע צו דעם רייצענדען לאַנד, צו דער געליעבטער מוטער ערד!

שפּעטער, אַז ינאי האָט אָנגעוויזען אויף יהודה'ן, דאָס ער איז דאָס דער פאָלקס-העלד יהודה המכבי, איז יוסף אין הייסען עקסטאַז געפאַלען פאַר איהם אויף די קניהען און גע־קושט די זוימען פון זיינע קליידער. יהודה אָבער האָט איהם גלייך אויפגעהויבען פון דער ערד, מיט זיין עניוות האָט ער געטרייסט דעם געטרייען זוהן פון פאָלק און זיי האָבען זיך צוקושט מיט ברידערליכער ליעבשאַפט. דאַן האָט יוסף מיט דעם זעלבען ענטוזיאַזם אויסגערופען:

—בעפעהל, געטליכער העלד, איך געה מיט דיר מיט אין פייער און אין וואַסער!

—אַזעלכע איבערגעגעבענע זיהן דאַרף איצט האָבען דאָס פאָטערלאַנד-האָט יהודה געענטפערט—פון היינט אָן בלייבען מיר פריינד!

נאָכדעם האָט ינאי פאַר אַלע איבערגעלייענט תמר'ס בריעף. זי שרייבט צו די עלטערן, אַז זי שפּירט זיך זעהר גוט אין דעם פרומען גאַסטפריינדליכען הויז, זי האָט בעקומען אַ געליעבטע חבר'טע הוניו'ס שוועסטער, די שענע און געבילדעטע העלענאַ, מיט וועלכער זי פערברענגט דאָרט די צייט און זי וואָלם געקאָנט געניסען פון די אַלע פערגניגענס אין דער שע־נער, רייכער שטאָדט, נור איהר האַרץ רייסט זיך אַהיים, ס'איז איהר בענגליך נאָך די עלטערן, נאָך דעם פּרעכטיגען כרמל, נאָכ'ן גאַנצען לאַנד... אויסער דעם איז איצט אין עגיפּטען פּישט איינגאַנצען רוהיג, מען ריכט זיך אויף שטורמישע געשע־הענישען. ביידע קעניגליכע ברידער, פילאָמעטער און פיסקאָן רייסען זיך אַרום איבער'ן טראָהן אין עגיפּטען. פון דעם פיסקאָן האָט זי שוין זאָגאַר געהאַט אונאַנגענעהמליכקייטען... אַ גליק וואָס ער איז אַוועק קיין רוים. מען ריכט זיך אָבער יעדען טאָג

אַז ער זאָל צוריקקומען און צווישעןביידע ברידער זאָל אויס-
ברעכען אַ געוואַלדיגע מלחמה. דעמאָלט שטעהט איהר ערשט
פּאָר, תּמר'ן הייסט עס, אַ געפאַהר. אַם ענדע בעט תּמר אין
איהר בריעף דעם פאָטער, אַזוי ווי מען הערט דאָ אויך, אַז
די העלדישע חשמונאים האָבען פערטריבען די יונים פון לאַנד,
זאָל דער פאָטער זעהען זי דורכאויס אַהיימצונעמען.
ווייטער שרייבט אויך תּמר, אַז זי האָט וועגען דעמזעל-
בען געוואָלט בעטען הילף ביי איהר בעקאַנטען פון לאַנג, דעם
איצטי בעריהמטען יהודה חשמונאי, זי איז אָבער נישט
דרייסט געוועזען, זי האָט נישט געוואָלט צוליעב איהרע פער-
זענליכע אינטערעסען אָוועקציהען דעם איידעלען העלד'ס אויפ-
מערקזאַמקייט פון דער הייליגער פאָלקס-זאַך. אויסער דעם, רע-
כענט זי, אַז אין דעם רעש פון די מלחמות האָט ער שוין
פערגעסען זייער אַמאָליגע פריינדשאַפט... און זי בעט דעם פאָ-
טער אויסדריקליך, ער זאָל זעהען מיט אַלע מעגליכקייטען זי
אַהיימצונעמען.

יהודה איז געזעסען אונגעדולדיג איבער דער גאַנצער צייט.
מ'האָט דערקענט אויף זיין פנים, אַז ער פיהרט מיט זיך אַן
אינערליכען קאַמף. זיין הויכער שטערן איז געוואָרען גערינ-
צעלט, די אויגען האָבען אויסגעדריקט, אי טיעפען ליעבעס-
שמערץ, אי מיטלייד צו תּמר'ן. אַממערהסטען האָבען איהם גע-
שטאָכען די לעצטע ווערטער פון תּמר'ס בריעף: „אַז אין דעם
רעש פון מלחמות האָט ער פערגעסען אָן זייער אַמאָליגער פריינד-
שאַפט" אַך! מיט וואָסער איראָניע קלינגען אָט די דאָזיגע ווער-
טער אין זיין אָנגעוועהטאָגט האַרץ? אַזוי פיעל נעכט איז ער
נישט געשלאָפען נור תּמר'ס בילד האָט געשוועבט פאַר זיינע
אויגען און זי ווייסט זאָגאַר נישט פון דעם אַלעמען!...
פלוצלינג האָט זיך יהודה אויפגעכאַפּט פון אָרט און זיך
געווענדעט צו ינאי:

—וואָס האָט איהר בעשלאָסען איצט צו טהון?
—איך זעלבסט ווייס נאָך נישט וואָס!—האָט ינאי פער-
צווייפעלט געענטפערט.—יעדענפאַלס ליעבער פריינד ווייסטו בע-

סער ווי אַזױ די קריעגס־סיטואַציע זעהט איצט אויס און אין דער הינזיכט ביזט דו מעהר קאָמפּעטענט פאַר מיר, גיב מיר אַנ׳עצה!

—אויב עס דראָהט דאָרט תמר׳ן אַ געפאַהר, וועל איך זי שוין אַהיימברענגען!—האָט יהודה אויסגערופען מיט היץ.—און אַז זי וועט אַהיימטומען, וועל איך זי פערהיטען פון יעדען געפאַהר!

נישט לאַנג נאָכדעם האָבען זיך אַלע מיט׳ן בעל־הבית פריינדליך געזעגענט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל און די גאַנצע פלוגה האָט זיך אויעגעפּאָרמירט אויף די פערד אין וועג אריין. מ׳האָט אויך צוגעגרייט אַ פערד פאַר יהודה׳ס נייעם פרייוד יוסף בן זכריה, וועלכער האָט שוין נישט געוואָלט אָב־טרעטען פון די געטרייע קעמפער פאַר דער פרייהייט. אַלע האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין צוריק אין זייער לאַגער אין די בערג אפרים.

אויפ׳ן וועג האָט זיך יוסף המרומי געווענדט צו יהודה׳ן מיט אַ פראַגע:

—ווען קלערסטו צו שיקען נאָך תמר׳ן קיין אַלעקסאַנ־דריע?

—כ׳וועל זיך נאָך וועגען דעם בעראַטען מיט אַנטוגנוס׳ן און מיט מיין ברודער שמעון. מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווארום אויפ׳ן ים געפינען זיך נאָך די סעלעווקידישע שיפען. אָבער ווי מיר שיינט, וועט זיין דער פּאַסיגסטער מענש פאַר דער דאָזיגער אויפגאַבע דער אַלטער פישער אלעזר, ווייל אין דעם פאַל פאָדערט זיך נישט נאָר כח און העלדענמוטה, נאָר פערשטאַנד און קאַלטבלוטיגקייט.

די אויסגערוהטע פערד האָבען לייכט אַוועקגעטראָגען די העלדישע רייטער, אַז כ׳האָט זיך נאָר אויפגעהויבען איבער זיי אַ וואָלקען שטויב און דאָס געוועהר זייערס האָט וואונדערליך אָבגעגלאַנצט אַנטקעגען די ברענענדיגע שטראַהלען פון דער שוין נידעריגער זון. און אזוי האָט זיך די פלוגה געדרעהט ווי אַ ריעזיגער שלאַנג אויפ׳ן שמאָלען וועגעל, וואָס געהט דורך זיג־זאַגיש צווישען די צייטיגע תבואות אין פרוכטבאַרען טהאָל עמק יזרעאל.

III

דער אוידיענץ־זאַל פון קעניגליכען פאלאַץ אין אַנטיוכיען איז איינגעאָרדענט מיט'ן רייכסטען קאָמפאָרט און מיט דער גרעסטער פראַכט פון יענער צייט. ס'הערשט דאָ אַ מישמאַש פון אַ געשמאַקלאָזען, פערשווענדערישען רייכטום. דאָ זענען אויסגעמישט אָהן אָרדנונג די גרעסטע קולטור־שאַפונגען פון מזרח און מערב; עס הערשט דער אונגעהויער רייכער פערנעם פון די דעספאָטישע פערסישע הערשער, ווי אויך דער אויסגעלאַסענער צעבאַלעוועטער וואוילטאָג פון מאַקעדאָניע און רוים. צוויי רייהען קינסטלערישע זיילען פון ווייסען מאַרמאָר האַלטען אונטער דאָס הויכע געוועלב פון דעם קאָלאָסאלען זאַל און אין די ווינקלען זענען אויסגעשטעלט די שענסטע קונסט־בילדער פון אַטהען צוזאַמען מיט די עקזאָטישע, נאָך פרימיטיווע קונסט־ווערק פון ווייטען אָריענט: עילם און מדי. ביי די ווענט צווישען אַפריקאַנישע בלומען שטעהען נידריגע פערסישע סאָפעס, בעצירט מיט גאָלד און העלפאַנדביין און בעדעקט מיט געהאָפטענע דיוואַנען. די מאָזאַאיק פון באָדען איז אויסגעפלאַסטערט מיט פערשידענפאַרביגע שטיינערנע פליטען, וועלכע שטעלען פאָר אַ סעצעסיע פון וואונדערליכע בלומען מ'ט אַלט־עגיפטישע העראָגליפען אין פערשידענע קאָליר־שאַטירונגען. אויף די דאָזיגע שטיינער זענען אויסגעלעגט געשטיקטע פערסישע טעפּיכער, וואָס בלענדען די אויגען מיט זייערע וואונדערבאַרע פאַרבען. די ווענד זענען אויסגעמאָלט מיט קינסטלערישע בילדער און לאַנדשאַפטען פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע און זענען בעהאָנגען

מיט אַלערליי אָרנאַמענטען אויסגעזועצט מיט עדעלשטיינער, ווי אויך מיט פערשידענע גיעזוערנע קונסט־ווערק פון פעניציע.

אַנטקעגען דעם אַריינגאַנג, ביי דער וואַנט, שטעהט אויף אַ הויכען פּיעדעסטאַל פון ווייסען קאָרינטישען מאַרמאָר, דער קעניגליכער טראָהן, מיט אַ זיידענער חופּה פון אויבען, וואָס איז בעצירט מיט גאָלד און פּערעל. אויף די אַלבאַסטרענע טרעפּלעך, וואָס פיהרען אַרויף צום טראָהן, איז אויסגעשפּרייט אַ לאַנגער פּורפּורענער דיוואַן. אומעטום פינקעלט, שימערירט און פערבלענדט די אויגען פון גאָלד, פּערעל, עדעלשטיינער, העלפאַנדביין און טייערע שטאָפען.

אַן אַ זייט אויף אַ פּערסישע סאָפע זיצט דעם קעניגס ברודער פון אַלעקסאַנדריע, אונזער בעקאַנטער פּיסקאַן. נעבען איהם זיצט זיין „רעכטע האַנד” פּריקאַס. זיי וואַרטען אויפ'ן קעניג אַנטיוכוס'ס אוידיענץ.

פּיסקאַן זיצט אויפגעבראַכט, קוקט יעדעס מאָל אונגעדול־דיג צום אַריינגאַנג און רעדט מיט היץ צו פּריקאַס'ן:

—אַי, עס פעהלט מיר שוין אויס געדולד אויסצונוצען די חסדים פון די גרויסע הערשער!

—האָב געדולד, מאַיעסטעט—האָט זיך אָנגערופען פּריקאַס, און אויף זיינע ליפּען האָט געשוועבט אַ כיטרע, מעפיסטאָפעל־שער שמייכעל.—אַז מ'וויל צוקומען צום פערלאַנגטען ציעל, מוז מען געדולדיג זיין. אין רוים האָט מען פאָרלויפיג געהאט אַ דורכפאַל...

—כאַפּט זיי דער רוח, די רוימישע דעספּאָטען!—האָט פּיס־קאַן צאָרניג אויסגערופען.

—אָבער, אַז מען דאַרף אַדורכפיהרען אַ פּלאַן, מוז מען זיין אונטערטעניג; שפּעטער זעהט מען שוין, ווי דער ווינד בלאָזט...

—און וואָס רעכענסטו, געטליכער פּריקאַס, וועל איך נאָך בעזיצען דעם טראָהן אין אַלעקסאַנדריע?—האָט פּיסקאַן פּלוצלינג אַ פרעג געטהון.

–גאַנץ זיכער, מאַיעסטעט, נור מ׳דאַרף נישט קאַרגען קיין מיה און אַרבייט.

–אַך, כ׳וואָלט געוואָלט די צייט זאָל שוין קומען! מיינע פריינד אין אַלעקסאַנדריע וואָלטען זיכער צו מיר צוגעשטאַנען, דעם פערהאַסטען טרוימער פילאָמעטער, וואָלט איך גענצליך פערטריבען פון עגיפטען, וואָרום די עגיפּטישע קרוין געהער צו מיר; און דאַן וואָלט איך די רייצענדע העברעערין, וועלכע כ׳האָב דעמאָלט געזעהן ביי זייער פּריסטער חוניו, פראַנק און פריי צוגענומען פאַר זיך...

–וואַרף אַוועק, מאַיעסטעט, די קינדערשע קאַפּריזען! – בעהאַלט זיי אויף אַנ׳אַנדער מאָל. איצט זענען פאַרהאַן מעהר ערנסטע פראַגען...

–אָבער געליעבטער פריקאַס,–האָט פּיסקאַן געפּלאַפּעלט ווי צומישט.–דו שפּירסט דאָס גאָרנישט, כ׳קאָן דיר מיט ווערטער נישט איבערגעבען, וויפיעל די באַרבאַרישע העברעערין האָט מיר דעם קאָפּ פערדרעהט, זי האָט בעהערשט מיינע געפיהלען ווי דורך אַ כשוף... איך גלויב זאָגאַר נישט אין דעם, אָבער איך קאָן קיין נאַכט רוהיג נישט איבעשלאָפען. מ׳זאָגט, אַז די העברעער זענען גרויסע מכשפים. מען דערצעהלט, אַז דער אָנפיהרער פון די העבראַאישע רעוואָלוציאָנערען איז אויך אַ גרויסער מכשף. מיט אַ קליין הייפעל פּאַרטיזאַנער האָט ער צוקלאַפּט די גרויסע סירישע אָבטיילונגען. די העברעער זאָגען, אַז זייער גרויסער גאָט בעווייזט זיי וואונדער, אָבער מענשען זענען אין דער מיינונג, אַז דאָס געשיהט דורך כשוף.

און דערבייאיגען זאַל האָט זיך דערהערט אַ געשושקעריי און אַ בעוועגונג. די דינערשאַפט זענען אַרומגעלאָפען אויף די שפּיץ-פינגער און ס׳האָבען זיך דערהערט שטימען: „דער קעניג געהט!” פּיסקאַן און פריקאַס האָבען זיך אויך אויפגעשטעלט און געוואַרט מיט עהרענפורכט.

אַנטיוכוס איז אריינגעקומען אין בעגלייטונג פון זיין

סוויטע און הויף־לייט. מיט שטאָלצע טריט איז ער אַריין אין זאַל. ער איז געווען געקליידעט לייכט אין אַ זיידענע, גרינ־ליכע טוניקע, איבער די אַקסלען אַריבערגעוואָרפען אַ לייכטען פורפורענעם מאַנטעל. אַנטיוכוס איז נאָך געווען אין די מי־טעלע יאָהרען, אָבער זיין פנים איז שוין געווען אויסגעמאַ־טערט, געלבליך, געריינצעלט פון צעלאָזענעם אַרט לעבען און אויף זיין הויכען שטערן האָט געשוועבט אַ מעלאַנכאָליע. זיינע מאַטע אויסגעלאָשענע אויגען זענען אַריין טיף אין קאָפּ און זע־בען אונרוהיג ארומגעלאָפען. אַלע בעוועגונגען זיינע זענען געווע־זען אונגעדולדיג, נערוועז. אַנטיוכוס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן אַקסעל פון זיין נאָהנטען קרוב, דעם פּרינץ ליזיאַס, וועלכער איז לעצטענס געוואָרען זעהר בעליעבט ביים קעניג און איז געווען זיין ראַטגעבער. ליזיאַס איז געווען אַ שענער, עלע־גאַנטער גריך, ער האָט זיך געהאַלטען שטאָלץ, מאַיעסטעטיש, מיט שענע מאַניערען; זיין ווייסער ברייטער שטערן מיט די שוואַרצע, גרויסע לויכטענדע אויגען, האָבען עדות געזאָגט אויף זיין הויכער אינטעליגענץ און דאָס קלוגע, געקינצעלטע שמייכע־לע, וואָס האָט שטענדיג געשוועבט אויף זיינע דינע ליפּען האָט געצייגט אויף זיין גרויסען פערשטאַנד מיט׳ן שטאַרקען ווילענס־קראַפט.

צווישען די הויף־לייט האָט זיך אויך געפונען דער אונז בעקאַנטער פיליפּאָס מיט זיין גרויסען קאָפּ און מיט די קרומע, דורכדרינגענדע אויגען. דורך זיין געשליפען מויל און מיט ני־דערטרעכטיגער חניפה, איז איהם געלונגען צו געוואונען די סימ־פּאַטיע פון דעם האַלב-משוגענעם קעניג אַנטיוכוס, וועלכער האָט איהם אין אַ קורצער צייט דערהויבען צווישען די גרעסטע פון זיינע הויף-לייט. אָבער דיביידע גרויסע לייט, דעם קעניגס ליבלינגען, פיליפּאָס און ליזיאַס האָבען זיך געהאַסט אויף לעבען און טויט.

אַנטיוכוס איז אַריינגעקומען אין זאַל, ער האָט דערקענט פיסקאַנ׳ען און א׳ז גלייך צו איהם צוגעגאַנגען. פיסקאַן האָט זיך פאַר׳ן קעניג טיעף פערנויגט. אַנטיוכוס האָט איהם פריינדליך

אויסגעשטרעקט די האנד און פרעהליך אויסגערופען:

—א, וואס מאכסטו, געליעבטער פיסקאן? כ׳זעה איין, [illegible] עס געהט דיר נישט שלעכט, דער בויך וואקסט...

פיסקאן האט פערלעגען געשמייכעלט, נאכהער האט ער זיך אנגערופען צו אנטיוכוס׳ן מיט א געבעט:

—מעכטיגער קעניג פון די סעלעווקידער! איך בין געקומען צו דיר ווי צו א פעטער בעטען הילף; דער ברודער מיינער פילאמעטער האט צוגערויבט ביי מיר די קרוין פון אלעקסאנדריע און מיך פערטרייבט ער...

אנטיוכוס האט נישט געלאזט פיסקאנען פערענדיגען דעם זאץ און האט נערוועז גערעדט אין איין אטהעם:

—ווי א געטרייער פעטער בין איך שוין צוויי מאל געקומען צו אייך מיט מיין ארמעע אונטער אלעקסאנדריע. איך האב געוואלט אייער טובה, איהר האט אבער נישט פערשטאנען מיינע גרויסע פלענער... מיט דער שווערד אין דער האנד זענט איהר מיר אנטקעגען געקומען! קיין רוים נאך הילף געשיקט!

—דאס אלץ האט געטהון מיין ברודער פילאמעטער, ער איז שולדיג!—האט פיסקאן פערלעגען געשטאמעלט.

אנטיוכוס האט זיך אונרוהיג א דרעה געטהון, מיט זיינע לויפענדע אויגען אדורכגענומען פיסקאנען און האט ווייטער נערוועז גערעדט:

—צו וואס זאל איך דיך אויפנעמען אפיציעל, מיט אלע צערעמאניעס? מיר זענען דאך אייגענע... א, דו ביזט פון פנים אינגאנצען עהנליך צו דיין מוטער, מיין זעליגע שוועסטער. נו, זאל טען זיך דא צוזאמען אנידערזעצען אויף דער סאפע, אט אזוי... אוי! די פיס טראגען שוין נישט, ס׳איז שווער צו שטעהען!

אנטיוכוס האט אנידערגעזעצט פיסקאנ׳ען נעבען זיך אויף דער סאפע. די סוויטע האט זיך ארומגעשטעלט און דער קעניג האט זיך ווייטער אויסגעשמועסט מיט זיין שוועסטערס זוהן:

—איך וויים אלעס, ביזט געוועזען אין רוים נאך הילף... און וואס האט מען דיר דארט געענטפערט?

—איך האָב מיך געזעהען מיט דעם אָנפיהרער, דעם בעריהמטען עמילוס פּאַאולוס, ער האָט מיך זעהר פריינדליך אויפגענומען, נאָר לײדער קײן הילף קאָן ער מיר פאָרלויפיג נישט געבען, ווייל נאָך דער אומגליקליכער שלאַכט פאַר צוויי יאָהר, מיט דעם מאַקעדאָנישען קעניג פּערזעאוס נעבען פּינדאַ, מוזען די רוימער האַלטען אין מאַקעדאָניע זייערע לעגיאָנען. די כיטרע פוקסען האָבען שוין אָנגעשטעטעט אויף אונז גריכען זייערע רויבערישע אויגען. זיי גרינגשעצען אונז און קוקען פון דער הויך!...

—זיי זענען אָבער אַ בראַוו פאָלק, די רוימער!—האָט אַנטיוכוס אויסגערופען.—איך געדענק זיי גוט, ווען כ'בין נאָך געווען אין רוים אַלס משכון. הארטע יונגען זענען זיי דאָס! כ'האָב ליעב זייער גליאַדיאַטאָרען-שפּיעל... אָ, כ'האָב געהאַט גרויסע פּלענער געגען די רוימער אויך. נור איהר זייט שולדיג! ווען עגיפּטען וואָלט געוועזען אין מיין האַנד, וואָלט איך די רוימער אויך געוועזען אַראָבגעבויגען זייערע שטאָלצע קעפּ. אָבער איצט איז שוין פערפאַלען!

פּיסקאַן האָט אַלץ ווייטער פערצווייפעלט געשטאַמעלט:

—אָבער העלף מיר ארויס געגען מיין טיראַנישען ברודער, מעכטיגער אַנטיוכוס עפּיפאַנעס!

—איך וואָלט דיר, מיין קינד, זעהר געוואָלט העלפען אויך צוליעב אָנצולערנען דיין אונדאַנקבאַרען פילאָמעטער, ס'איז אָבער איצט נישט מעגליך, כ'האָב מיינס גענוג פון אַלע זייטען.

אַנטיוכוס האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, מעלאַנכאָליש זיך פערקלערט און זיינע אויגען זענען אונגעדולדיג אַרומגעלאָפען. ער האָט זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט, זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ ביטער פערצווייפלונג פון אַ משוגענעם.

פיליפּאָס מיט זיינע קרומע אויגען האָט דאָס דערזעהען און האָט זיך אָנגערופען צו אַנטיוכוס'ן:

—גרויסע הערשער! איך וועל אַריינרופען די הויף-מוזיקער מיט די טענצערינס, וועלען זיי דיך פערווײלען צו פערטרייבען דיין מרה-שחורה.

—זאָל זיי דער סטיקס*) פערשלונגען!—האָט אַנטיוכוס נערוועז אויסגערופען.—זיי זענען מיר שוין פערמיאוס׳ט, די אונפערשעמטע אויסגעלאַסענע ציגען!

—גנעדיגער הערשער,—האָט זיך פרינץ ליזיאַס אַריינגעמישט.—צווישען די הויף-לייט דרעהט זיך אַרום אַן׳אַלטער אינוואַליד, א הינקענדיגער אויף אַ קולע; ער האָט מיטגעמאַכט אַלע גרויסע מלחמות מיט דיין העלדישען פאָטער אַנטיוכוס דעם גרויסען, טאַקי אין די מלחמות האָט ער בעקומען דעם הינקענדיגען פוס. דער דאָזיגער אינוואַליד זינגט און שפילט צו אויף אַ לירע פערשידענע ראַפסאָדיעס פון די סעלעווקידישע העלדישע נצחונות, אַז ס׳איז אַ פערגניגען צו הערען, דאָס איז דער צווייטער האָמערוס. זאָל איך איהם אַריינרופען?

אַנטיוכוס׳עס פנים האָט בעקומען אַ פרייערן אויסדרוק און ער האָט אויסגערופען נערוועז:

—רופט איהם שוין אַריין. זאָל ער מיר זינגען פון שווערדען, שפיזען, פון מאָרד און בלוט!...

אַנטיוכוס האָט זיך בורייט בעזעצט אויף זיין טראָהן, די הויף-לייט, צווישען וועלכע ס׳האָבען זיך אויך געפונען פיסקאַן און פריקאַס, האָבען זיך אויסגעזעצט פון ביידע זייטען אין אַ האַלב-ראָד און מ׳האָט אונגעדולדיג געוואַרט אויף דעם „צווייטען האָמערוס".

אינגיכען האָט אַ דיענער אַריינגעפיהרט דעם אַלטען שמעון הפרסי, הינקענדיג אויף זיין קוליע מיט דער לירע אונטער׳ן אָרעם. ער איז געוועזען עטוואָס לייטישער געקליידעט און ריין אָרומגעוואַשען. ער איז האַסטיג צוגעלאָפען צום קעניגס טראָהן, געפאַלען מיט׳ן פנים אויף דער ערד, האָט מיט ענטוזיאַזם געקושט די זוים פון קעניגס פורפורענעם מאַנטעל און אויסגערופען מיט בעגייסטערונג:

---

*) סטיקס, דער שרעקליכער טייך ביי די אַלטע גריכען, דורך וועלכען די געשטאָרבענע רייזען אַדורך אויף יענער וועלט.

--אָ, כ'האָב נאָך זוכה געווען מיט מיינע אַלטע אויגען צו זעהען דעם יורש פון מיין גרויסען אָנפיהרער און הערשער! ער איז געווען דער ליעבלינג פון גאָט הערַאקלעס*). זאָל זיין גרויסע גשמה רוהען אין געטליכען עליזעאום!**)

אַנטיוכוס'ן האָט די חניפה אויפגעמונטערט און זיין פנים האָט אויפגעשטראַהלט. ער זעלבסט האָט אויפגעהויבען דעם אַלטען אינוואַליד פון פאַר זיינע פיס און האָט זיך פריינדליך אָנגערופען:

—איך וועל בעלוינען דיינע פערדיענסטען, העלדישער גרייז, נור זינג מיר איצט עפעס פון די אַלטע סעלעווקידישע זיעגערישע מלחמות!

שמעון הפרסי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד פאַר'ן טראָהן, די פיס אַרונטערגענומען הינטער זיך אויפ'ן פערסישען אַרט, ער איז אַדורכגעלאָפען מיט די פינגער איבער די סטרונעס פון דער לירע און האָט אָנגעהויבען צו זינגען מיט זיין מעכטיגער טענאָר-שטימע. תחילת האָט זיין קול עטוואָס געציטערט פון איבערראַשונג, אָבער וואָס ווייטער איז עס געוואָרען שטאַרקער און קלינגענדיגער. ער האָט געזונגען אַ ראַפסאָדיע, ווי אַנטיוכוס דער גרויסער פיהרט אַ מלחמה מיט די ווילדע מחנות פון סקאָפאָס'ן און די סעלעווקידישע קעמפער בעווייזען גבורות.

אַלע הויף-לייט זענען געוואָרען ענטציקט פון דעם שענעם ליעד, וואָס איז געווען פול מיט פאַטאָס און העלדענגייסט. אַנטיוכוס זעלבסט האָט אויך ברייט געעפענט די אויגען און געהאָרכט מיט אויפמערקזאַמקייט.

שמעון הפרסי האָט פערענדיגט זיין ליעד. אַנטיוכוס'ן איז ווידער געוואָרען לאַנגווייליג און ער האָט אַ מאַך געטהון מיט

---

*) הערַאקלעס, דער גאָט פון מלחמה ביי די אלטע גריכען.

**) עליזעאום, דער גן־עדן, וואו די צדיקים געניסען גליק פאַר זייערע מעשים טובים.

דער האַנד, אַז ס'איז שוין גענוג דאָס זינגען. שמעון הפרסי האָט זיך שנעל, אונבעמערקט פערקליבען אין אַ ווינקעל און אַנטיוכוס האָט זיך געווענדט צו זיין סוויטע:

—איצט, מיינע געטרייע פריינד, זאָל מען זיך נעמען צו בעקלערען די פלענער, ווי אַזוי צוריק אויפצוהויבען די סעלעוקידישע מאַכט און צו בעשטראָפען אונזערע קנעכטישע פעררעטער!

—צום בעדויערן, איז אָבער אונזער אַרמעע צו קליין.—האָט דער פרינץ ליזיאַס נישט דרייסט אַרויסגעשטאַמעלט.

—איך וועל דינגען סאָלדאַטען, צוזאַמענשטעלען אַ גרויסע אַרמעע, איך מוז אָנלערנען די שונאים מיינע, די אויפגעשטאַנע קנעכט!

און אַנטיוכוס האָט זיך געווענדט מיט אַ פראַגע צום פעלדהער פטאָלאָמעאוס, דעם זוהן פון דאָרימענעס, וועלכער איז אויך געזעסען צווישען דער סוויטע:

—זאָג מיר געטרייער פטאָלאָמעאוס, פון וויפיעל סאָלדאַטען בעשטעהט היינט אונזער אַרמעע?

פטאָלאָמעאוס האָט פערקנייטשט דעם שטערן, אַ ווײלע זיך פערקלערט, נאַכהער האָט ער זיך אָנגערופען:

—ליידער איז איצט אונזער אַרמעע זעהר קליין! אויף דער צווייטער זייט עאופראַט (פרת), ווי אויך אין מדי קאָן זיך געפינען אַ צוואַנציג טויזענד מאַן און אין סיריע מיט קליין אַזיע נישט מעהר ווי צעהן טויזענד, אויסער פערד מיט העלפאַנטען...

דער קעניג האָט זאָגאַר נישט געוואַרט ביז פטאָלאָמעאוס וועט פערענדיגען זיין בעריכט, נאָר ער האָט ווידער נערוועז אַ פרעג געטהון פיליפאָס'ן:

—דו פיליפאָס ביזט נישט לאַנג געקומען פון די לענדער אויף יענער זייט עאופראַט, זאָג מיר גענוי, וועלכע פעלקער זענען אַלץ אַנטקעגען מיר אויפגעשטאַנען? זאָג דעם אמת, זאָלסט גאָרנישט פאַר מיר פערהוילען!

פיליפאָס איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָט פערלעגט די הענד אויפ'ן האַרץ, געמאַכט אַ טרויעריגע מינע און אַרויסגעזאָגט ווי מיט אַ וויינענדיג קול:

—מעכטיגער קעניג! כ׳וואָלט נישט געוואָלט אָנפילען מיט טרויער דיין איידעל האַרץ איבער די אונטערייע הינט, וואָס האָבען געוואַגט אויפצוהויבען זייערע בלוטיגע הענד געגען די הויכע דינאַסטיע פון גרויסען סעלעווקוס...

-דערצעהל אַלעס, געליעבטער פיליפאָס, זאָג דעם ריינעם אמת:

פיליפאָס האָט געמאַכט אַ טרויעריג פנים און האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

—דיין סאַטראַפּ פון פאַרטהיען (ניי פערסיע) דער נידערטרעכטיגער אַרזאַצעס, האָט בעפרייט זיין פאָלק און האָט זיך ערקלערט אַלס אַ זעלבסטשטענדיגער הערשער. אויך אָרטאָקסיאַס דער קעניג פון אַרמעניע האָט ווידערשפעניגט געגען דיין גרויסען טראָהן און האָט אויפגעהערט צו צאָהלען שטייערן. אין פעניציע, די איינוואוינער פון אַרד און אַנדערע שטעדט האָבען אויך אויפגעהערט צו צאָהלען די שטייערן, וועלכע געהערען צו דיר, גרויסער הערשער! היינט-זשע ווידער די פערהאַסטע העברעער אין לאַנד יהודה, ווייסט דאָך שוין פון לאַנג, האָבען געמאַכט אַנ׳אויפשטאַנד און האָבען צושלאָגען אונזערע אָבטיילונגען; דיין בעליעבטער אַפּאָלאָניוס איז געוואָרען דער׳הרג׳עט, העראָן מיט די איבערגעבליבענע פון זיין אַרמעע זענען שענדליך אַנטלאָפען! אָט זיי, די באַרבאַרען דאַרף מען אָנלערנען פאַר זייער חוצפה, נור דו, קלוגער הערשער, מיט דיין חכמה וועסט וויסען ווי אַזוי זיי צו בעשטראָפען.

ביי די לעצטע ווערטער איז פיליפאָס׳עס העסליכע פנים רויט געוואָרען, ער האָט זיך איצט דערמאָנט זיין מפלה בעת׳ן קאַמפף פון די חשמונאים אין די בערג אפרים. דער פריגץ ליזיאַס מיט זיין שמייכעלע אויף די ליפען, האָט נור געוואָרפען אַ פעראַכטענדען בליק אין דער זיין פון פיליפאָסע׳ן.

אויף אַנטיוכוס׳עס אויסגעמאַטערטען פנים זענען אַרויסגעטרעטען רויטע פלעקער פון כעס, די אויגען זיינע זענען נערוועאיש אַרומגעלאָפען אין קאָפּ, און פון זייז מויל האָבען זיך געשיט ווערטער, פשוט פער און שוועבעל:

—דאָס אומווירדיגע פאָלק, די העברעער, וועל איך אינגאַנצען פערטיליגען פון דער וועלט, עס זאָל נאָך זיי קיין זכר נישט בלייבען! כ'האָב געוואָלט זיי דערהויבען צו אַ הויכער קולטורעלער שטופע צוגלייך מיט אונז, גריכען, ווייל ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ס'געפינען זיך צווישען זיי פעהיגע און געלעהרטע מענשען, וואָס וואָלטען אומשטאַנד געווען צו טראָגען דאָס ליכט פון דער הויכער העלעניסטישער ציוויליזאַציע. זיי האָבען אָבער נישט געקאָנט אָבשאַצען מיינע איידעלע געדאַנקען און געמאַכט אַנטקעגען מיר אַנ'אויפשטאַנד! זיי האָבען פערניכטעט מיינע אָבטיילונגען מיט די געטרייע אָנפיהרער! אַש מיט שטויב וועל איך פון זיי מאַכען!

—איך וועל דינגען מילימער—האָט זיך אַנטיוכוס ווייטער געהיצט.—צונויפשטעלען אַ גרויסע אַרמעע, מיט איין העלפט וועל איך זעלבסט אָנפיהרען אויף דער צווייטער זייט עפראַים און איך וועל האַרט בעשטראָפען די נידערטרעכטיגע קנעכט אַרזאַצעס און ארטאקסיאַס'ן. אין קייטען וועל איך זיי ברענגען קיין אַנטיוכיען! דו, קלוגער פיליפאָס, ביזט בעקאַנט אין יענע לענדער, וועסטו מיך בעגלייטען אין אַלע מלחמות... און דיך געטרייער ליזיאַס, בעשטים איך פון היינט אָן פאַר אַ שטאַטהאַלטער איבער גאַנץ סיריע, דו זאָלסט בלייבען רעגענט און ערציהער פון מיין מינדעריעהריגען טראָהנפאָלגער. צוזאַמען מיט'ן העלדישען פטאָלאָמעאוס, וועט איהר צונויפנעהמען מיליטער מיט העלפאַנטען, וויפיעל ס'וועט נור מעגליך זיין און דאָס גאַנצע האַרטנעקיגע פאָלק אין יהודה וועט איהר אויסראָטען. איהר זאָלט נישט שוינען קיין אַלטע לייט, נישט קיין פרויען און קליינע קינדער, נור אַלע פערניכטען, עס זאָל קיינער נישט בלייבען! אויסער זייער אָנפיהרער, ווי זיי רופען איהם דאָרט „מכבי", זאָלט איהר אַהערברענגען לעבעדיגערהייד. איך זעלבסט וועל זיך מיט איהם אָברעכענען!...

אַנטיוכוס האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט ווייטער געדונערט מיט'ן לעצטען כח:

—פערטיליגען די באַרבאַרען! און דאָס פרוכטבאַרע לאַנד

יהודה וועלען מיר בעזעצען מיט אַנדערע מעהר געטרייע פעלקער, נור דאָסמאָל געשעהען באַלד, איידער זיי האָבען צייט זיך בעסער צו בעוואָפענען...

אַנטיוכוס'עס פנים איז געוואָרען שרעקליך, ווילד, אויף זיינע ליפען האָט זיך בעוויזען שוים און אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ שרעקליך פייער ווי ביי אַ פערוואונדעטע חיה.

—אָבער מעכטיגער הערשער...—האָט דער פרינץ ליזיאַס געפרובט נאָך עפּעס איבערצולעגען.

—קיין שום טענות!—האָט דער צוהיצטער אַנטיוכוס אויסגעשריען אויפ'ן גאַנצען קול, אַז ס'האָט אָבגעהילכט איבער'ן גאַנצען קאָלאָסאַלען זאַאַל. אָהן טענות! איך בין הערשער, איך בעפעהל, זאָל עס ווערען ווי אַמשנעלסטען אויסגעפיהרט.

פון פרינץ ליזיאַס'עס דינע ליפּעלעך איז אויף אַ ווייל פערשוואונדען דאָס קלוגע שמייכעלע, נור זיינע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען אַ קוים בעמערקטען בליץ געטהון.

דער אַלטער שמעון הפרסי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אין אַ ווינקעל צווישען די בלומען, אונטער אַ מאַרמאָרענער סטאַטוע פון אַ נאַקעטע אַפראָדיטע, אַז ער האָט דערהערט די שרעקליכע פלענער פון אַנטיוכוס הרשע אויפ'ן פאָלק ישראל, האָט ער איבערגעבויגען זיין גרייז-גרויען קאָפּ איבער זיין לירע און האָט כלומרש'ט אָנגעהויבען צו פערריכטען די צולאָזטע סטרונעס פון אינסטרומענט. אָבער די לאַנגע גרויע ברעמען זיינע האָבען עפּעס מאָדנע אָנגעהויבען צו ציטערן און פון זיינע אויגען זענען אַראָבגערינען עטליכע גרויסע טרעהרען, וועלכע האָבען זיך פאַוואָלינקע געקייקעלט אויף זיין גערינצעלטען פנים און האָבען אַראָבגעקאַפּעט אויף דער אַלטער לירע אַרויף...

נאָכדעם, אַז אַנטיוכוס איז ווייטער געבליבען זיצען פער'מרה־שחורה'ט מיט אַ פערשטאַרטען בליק, האָט מען אַרומגעזוכט אין גאַנצען פּאַלאַץ דעם גרייז-גרויען זינגער, ער

אָל צוריק אויפמונטערן דעם טרויעריגען קעניג מיט זיינע וואונדערליכע לידער. מען האָט איהם אַרומגעזוכט אין גאַנצען הויף, אָבער מען האָט איהם שוין נישט געפונען, דער אַל-טער זינגער איז ערגעץ פערפאַלען געוואָרען, ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין...

IV

אין דער שטאָדט מצפה, וועלכע ליגט ווייט צוויי שעה גאַנג פון ירושלים, רוישט און קאָכט ווי אין אַ קעסעל; די גאַנצע שטאָדט איז איבערפולט, אויך נאָך הינטער דער שטאָדט זענען אויפגעשטעלט געצעלטען און ביידלעך, וואו עס רוישט און זידט פון מענשען, קעמלען, אייזלען, פערד און וועגען. דאָס קליינע שטעדטעל איז פערפלייצט דורך די גרויסע מענשען-מאַסע, וואָס האָט זיך פערזאַמעלט פון גאַנץ יהודה אין דער אַלטער, ביי די יודען פערהייליגטער, שטאָדט.

ווייל ווען ס'האָט זיך פערשפרייט אין יהודה דער קלאַנג, אַז אַנטיוכוס הרשע האָט בעשלאָסען צו פערטיליגען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, איז געפאַלען אַן אימה אויף דעם אויסגעמאַטערטען פאָלק, יעדען האָט אַרומגענומען אַ שרעק און אַ פערצווייפלונג. די פראָמינענטע און חשוב'ע יודען האָבען זיך אָנגעטהון אין זעק, געשיט אַש אויפ'ן קאָפּ, אַלס צייכען פון טרויער. מ'האָט געפאַסט תעניתים, תפילה געטהון צו גאָט, ער זאָל מיט זיין גרויס רחמנות אָבווענדען דאָס אומגליק פון זיין אויסדערוועהלט פאָלק. זאָגאַר פיעל פון די העלעניסטען, וועלכע האָבען צוערשט סימפאַטיזירט מיט די גריכען און געהאַט איבערגענומען זייערע זיטען און אויסגעלאַסענע פערוויילונגען, האָבען איצט, דערהערענדיג די מערדערישע פלענער פון אַנ-

זטיוכוס׳ן, זיך צוריק אומגעקערט צו זייער פאָלק און זיי זענען אויךגעקומען צו דער גרויסער פאָלקס-פערזאַמלונג אין מצפה.

וואָרום באַלד ווי שמעון הפרסי האָט געבראַנגט די טרויעריגע ידיעה פון אַנטיוכוס׳עס פּלאַן, האָבען די ברידער חשמונאים אַרויסגעשיקט שליחים איבער׳ן גאַנצען לאַנד, אַז אַלע העברעער זאָלען זיך פערזאַמלען צו קלערען עצות, ווי אַזוי זיך צו ווערען און פערהיטען דאָס פּאָלק פון פולקאָמען אונטערגאַנג. אין דער זעלבער שטאָדט מצפה, נאָך מיט נײַן הונדערט יאָהר צוריק, ווען די שונאים פון יודישען פאָלק, עמון און פלשתים האָבען געשטרעבט צו פערניכטען די יודען, האָט דער געטליכער נביא שמואל אויך דאָרט אַהין פערזאַמעלט דאָס פאָלק און האָט אויסגעוועהלט שאול׳ן פאַר אַ מלך, וועלכער דאָט מיט איבערגעגעבענקייט געפיהרט זיעגערישע מלחמות און געשיצט זיין פאָלק געגען די בלוטדורשטיגע שונאים. אין די שפּעטערע צייטען, נאָכ׳ן חורבן ירושלים דורך נבוכדנצר דעם קעניג פון בבל, אַז מ׳האָט די איינוואוינער פון יהודה פערטריבען אין גלות אַריין, האָבען זיך די איבערגעבליבענע פערזאַמעלט אויך אין דער זעלבער שטאָדט מצפה, צו גדליהו בן אחיקם און האָבען דאָ אויפגעשטעלט אַ מקדש, תפילה צו טהון פון דעמאָלט אָן איז דידאָזיגע שטאָדט געוואָרען ביי די העברעער פערהייליגט.

דעריבער אויך איצט אין פאָלקס נויט, האָבען זיך אין דער שטאָדט מצפה פערזאַמעלט די פערצווייפעלטע איינוואוינער פון יהודה, אונטער דער אָנפיהרונג פון זייער בעליעבטען פאָלקס העלד יהודה המכבי. אויך זענען זיך צונויפגעקומען די פרומע פרושים צו שטאַרקען דעם מוטה ביים פאָלק און זיי זענען אַרויסגעטרעטען מיט פייערדיגע רעדעס געגען די אָבטריניגע, די העלעניסטען; זיי האָבען אויפגעפאָדערט צו פערלאָזען די פרעמדע אָבגעטער און מנהגים, צוריקקעהרען זיך צו דעם גאָט פון זייערע עלטערן און זייער הייליגער תורה. לויט דעם בעפעהל פון די פרושים האָבען אַלע פערזאַמעלטע דעם

זעלבען טאָג געפאַסט, אַלע האָבען געטראָגען טרויער-קליידער.

אויף אַ גרויסען פלאַץ הונטער דער שטאָדט, וואו ס'איז געוואָרען אויפגעשטעלט אַ פראָוויזאָרישע בימה, איז ערשיענען אונזער בעקאַנטער רבן-גמליאל. די גרייז-גרויע האָר פון זיין קאָפּ און די לאַנגע באָרד זענען געוועזען צופלאָשעט, בעשיט מיט אַש און אויף די אַקסלען האָט ער געטראָגען אַ זאַק. דאָס פנים זיינ'ס האָט געפלאַמט מיט אַ געטליך פייער. אין די הענד האָט ער געהאַלטען אַ ספר-תורה, וועלכע ער האָט ליידענשאַפט-ליך צוגעדריקט צו זיין אַלטער, איינגעדאַרטער ברוסט און ער האָט אויסגעשריהען צו די פערזאַמעלטע מיט זיין גאַנצען כח:

— אָט, פון דער הייליגער תורה וועלען אונז די רשעים אַוועקרייסען! זאָל מען זיך נישט לאָזען ביז צום לעצטען טראָ-פען בלוט!...

צווישען די פערזאַמעלטע איז אויסגעבראָכען אַ האַרצרייסענדער יאָמער. רבן-גמליאל האָט פונאַנאַנדערגעוויקעלט די ספר-תורה און האָט פאָרגעליינט די שירה „האזינה”, וואו עס ווערט געשילדערט אין פלאַמענדיגע ווערטער אַלע איבערלעבענישן פון פאָלק ישראל: דער אַרויסגאַנג פון מצרים און דאָס וואַנדערן אין דער שרעקליכער מדבר, און ווי „גאָט האָט איהם געהיטען, ווי דאָס אַפּעל אין אויג” „ווי אַן'אָדלער גע-טראָגען אויף זיינע פליגלען” אין דעם געבענשטען לאַנד אַריין. ווייטער ווערט פאָראויסגעזאָגט אין דער שירה, אַז פון וואויל-טאָג וועט ישראל פערלאָזען זיין בעשעפער, „מיט אומווירדיגע אָבגעטער וועלען זיי איהם דערצערנען!” און דער גאָט פון נקמה וועט זיי בעשטראָפען מיט כל'ערליי צרות. ער וועט איבערגע-בען זיינע געליבטע קינדער אין די הענד פון זייערע פיינד, וועלכע וועלען זיי אונברחמנות'דיג דריקען. און מיט אַ פאָטער-ליכער שטראָף צו אַ פערזינדיגטען זוהן שרייט גאָט: „זיי האָבען מיך געאייפערט נישט מיט אַ גאָט, האָבען מיך דערצערנט מיט זייערע נישטיגע אָבגעטער; איך וועל זיי אויך אייפערן מיט אַ נישטיג פאָלק, מיט אַ נידערטרעכטיגער נאַציע וועל איך זיי דערצערנען!”. אַם ענדע טרייסט משה-רבינו דאָס פאָלק ישר-

ראל, אַז דער שטאַרקער גאָט וועט זיך פאָרט דערבאַרמען איבער זיינע קינדער „ער וועט אָנשאַרפען מיט אַ גלאַנץ זיין מעכטיגע שווערד", ער וועט נקמה נעמען פון די פיינד, „און צוריק בעפרידיגען זיין לאַנד און זיין פאָלק!"

אַלע אַנוועזענדע האָבען טרויעריג אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, אויך די פריהערדיגע אַנהענגער פון „העלעניזם" זענען געשטאַנען מיט צעבראָכענע הערצער און יעדעס מאָל האָבען זיך נור אַרויסגעריסען פון די פערוועהטאָגטע ברוסטען לאַנגע שווערע זיפצען. רבן- גמליאל האָט אַרומגענומען די פערזאַמעלטע מיט זיין בעגייסטערטען בליק און האָט טרויעריג אויסגערופען:

— הערט זיך איין קינדער פון ישראל! אַ שווערער וואָלקען האָט זיך איצט פערצויגען איבער אונזערע קעפּ. דער רשע אנטיוכוס האָט בעשלאָסען מיט זיין אכזריות אונז אַלעמען צופערטיליגען פון דער וועלט! דאָס איז אַ שווערע שטראָף פאַר אונזערע זינד, וואָס מאַנכע פון אונז זענען אָבגעטרעטען פון דעם לעבעדיגען גאָט און האָבען זיך בעהעפט צו אומווירדיגע געצען, אַזוי ווי כ'האָב אייך ערשט פאָרגעליינט פון דער הייליגער ספר-תורה. דעריבער דאַרפען מיר איצט פערגעסען די אַלע פריהערדיגע מיספערשטענדנישען און מיר מוזען זיך פעראייניגען אַרויסצוטרעטען אַלע ווי איינער אונטער דעם פאָהן פון גאָטס-אויסדערוועהלטען „משיח-מלחמה", יהודה המכבי. דאַן וועט דער אַלמעכטיגער זיין מיט אונז און פערטיליגען די פיינד, וועלכע ווילען אונז פערניכטען!

— מיר זעהן איין — האָט רבן-גמליאל ווייטער גערעדט — אַז דער בלוטדורשטיגער שונא האָט אַרויסגעגעבען זיין טיראַנישען אורטייל, נישט נור אויף די דאָזיגע, וועלכע האַלטען זיך פעסט ביים גלויבען פון זייערע עלטערען און האָבען נישט געפאָלגט זיינע ווילדע שמד-גזירות; נור אויך אויף די פון אונזערע ברידער, וועלכע האָבען פערבלאָנדזשעט און בלינד ערפילט די גריכישע בעפעהלען. מיר דאַרפען זיך אַראָבנעמען אַ מוסר-השכל, אַז זאָגאַר ווען מיר וועלען ערפילען אַלע גריכישע פערלאַנגען ד. ה. אויסצומישען זיך מיט זיי און איבערצונעמען

די גריכישע קולטור און זייערע פרעכע זיטען, וועט יעדאך קיינמאל נישט פערשוואונדען פון אונזערע שכנים דער פערבאר־גענער און נישט פערשטענדליכער האס צו אונז, וואס ברויזט אויף פון צייט צו צייט און ברעכט אויס ביי יעדער געלעגנ־הייט מיט אזא ווילדער, טייוולאנישער קראפט!...

—איך גלויב, אז די געוואלדיגע פערפאלגונגען מצד אונ־זערע בעדריקער, שטארקען נאך אונזער מוטה, מיר זאלען זיך פעסטער האלטען ביי די מאראלישע געזעצען פון אונזער תורה, אום דאדורך ווייטער צו קאנען שפינען דעם פאדעם פון אונזער אייביגער עקזיסטענץ. זאלען מיר יודען אויך ווייטער טראגען מיט שטאלץ דעם פאהן פון יושר און גערעכטיגקייט, אז יעדער מענש זאל ווערען גלייך געאכטעט! די דאזיגע הויכע געזעצען וועלען אין דער צוקונפט ווארפען זייער געטליכען שיין אויף די פינסטערע וועגען פון דער זינדיגער מענשהייט און ביסלעכ־ווייז וועט זיך דער דאזיגער שיין צופלאקערן אין אלע פער־בארגענע ווינקעלעך פון דער וועלט... אזוי ווי דער געטליכער נביא ישעיהו האט פאראויסגעזאגט:

„...און פעלקער וועלען געהן ביי דיין ליכט,
„און קעניגען, ביים אבגלאנץ פון דיין שיין!”

רבן-גמליאל׳ס פנים האט אויפגעשטראהלט, אין זיינע אוי־גען האט זיך אנגעצונדען א געטליך פייער. אלע פערזאמעלטע זענען געבליבען שטעהן ווי פערהיפנאטיזירט דורך די ווערטער פון זייער געעהרטען רבי. רבן-גמליאל האט ווייטער גערעדט:

—נישט קיין בעזונדער בעלוינונג דארפען מיר פאדערן פאר אונזער אייגענארטיג, בעשיידען לעבען, אויך נישט קיין קערפערליכע פערגעניגענס דורך פייניגען און אונטערדריקען אנ־דערע. נייך! ווארום אזעלכע פערגעניגענס ווערען גיך פער־שוואונדען ווי די נעפלען פון די בערג און לאזען איבער נאך זיך א פערצווייפלונג אין הארצען. מיין זעליגער רבי אנטיגנוס פון סוכו, פלעגט זאגען: „איהר זאלט זיך אויפפיהרען אין בעצוג צו גאט, ווי קנעכט, וואס בעדיענען זייער בעל־הבית נישט נור פאר׳ן געהאלט!” דער שכר פאר די גוטע מעשים וועט

זעלבסט קומען דורך אַ רוהיג לעבען און העלדיש, גייסטיגע פערגעניגענס.

—אָבער איצט,—האָט רבן-גמליאל אויסגעלאָזט מיט היץ—אַז דער בלוטדורשטיגער שונא וויל אונז אַלעמען פערטיליגען, מוזען מיר אויך אַרויסטרעטען מיט דער ברוטאַלער קראַפט, אָפּפערן דאָס אייגענע לעבען און קעמפען ביז צום לעצטען פאַר אונזער עקזיסטענץ! צום קאַמף, גאָטס קינדער, צום קאַמף! ווער עס קען נור האַלטען אַ שווערד אין דער האַנד זאָל זיך פעראייניגען צו קעמפען ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט, אונטער אונזער פאָהן פון יושר און גערעכטיגקייט...!

רבן-גמליאל׳ס ווערטער האָבען שטאַרק געווירקט אויף די פערזאַמעלטע, אַלעמענס אויגען האָבען זיך אָנגעצינדען מיט אַ פייער פון העלדענמוטה און מסירת-נפש.

נאָכדעם איז ערשינען אויף דער בימה יהודה המכבי. זיין הויכע ריזיגע פיגור האָט זיך מאַיעסטעטיש אויסגעצייכענט איבער דעם טויזענד־קעפּיגען המון, זיינע אויגען האָבען געוואָרפען פייערדיגע בליקען און דאָס שענע ענערגישע פּנים האָט אַרויסגעשיינט פון צווישען די שוואַרצע, געקרייזעלטע לאָקען, ווי די פריהלינגס-זון פון צווישען די וואָלקען. יהודה האָט אויסגעזעהען מוטיג, שטאָלץ, ווי אַ געבוירענער קעניג אָן דער שפּיץ פון זיינע חיילות. פון טויזענדער ברוסטען האָבען זיך אַרויסגעריסען בעגייסטערטע אויסרופען לכבוד דעם בעליעבטען פאָלקס-העלד און אַ שטורמדיגער עכאָ האָט אָבגעקלינגען ווייט, ווייט אין די אַרומיגע בערג.

יהודה האָט זיך געווענדעט מיט זיין שטאַרקער לייבען-שטימע צו דער פערזאַמעלטער מענשען־מאַסע:

ברידער! דער שונא דערנעהנטערט זיך צום לאַנד יהודה מיט׳ן בעגעהר אונז אַלעמען אומצובריינגען און אונזערע פרויען מיט קינדער צו פערקויפען אין שענדלעכע קנעכטשאַפט! איך קום איצט נישט וועגען אייערע פאַטריאָטישע געפיהלען, וואָרום דאָס האָט שוין אַרויסגעזאָגט מיט פייערדיגע ווערטער אונזער בעעהרטער קלוגער רבי; נור טרייסטען קום איך אייך, אַ טרייסט

ברענגען אין דער נויט, אַז איהר זאָלט זיך נישט שרעקען פאַר די גרויסע מחנות פון שונא מיט זייערע העלפאַנטען. איהר זאָלט וויסען, אַז די גרעסטע טייל פון זייער אַרמעע בעשטעהט פון בעדונגענע סאָלדאַטען, וועלכע אַנטלויפען ביי דער קלענסטער געפאַהר! ווען מיין זעליגער פאָטער איז מיט צוויי יאָהר צוריק, דער ערשטער מיט דער שווערד אין דער האַנד געגאַנגען קעמפען געגען די טיראַנישע בעדריקער, זענען מיר געוועזען נאָר אַ קליין הייפעל מענשען און שוואַך בעוואָפענט. און טראָץ דעם אַלעמען האָט גאָט בעוויזען זיין נס, מיר זענען אונזערע שונאים בייגעקומען. טויזענדער יונים זענען געפאַלען פון אונזערע הענד, דאָס מלחמה־רויב איז אונז אַריינגעפאַלען פאַר די נייע קעמפער, וואָס זענען טאָג־טעגליך צוגעקומען אין אונזערע רייהען. זאָל מען זיך דערמאָנען וואָס איז געוואָרען מיט׳ן אכזר אַפּאָלאָניוס? וואָס איז געוואָרען מיט העראָנ׳ען? מיט די אַלע, וועלכע זענען געקומען אונז פערניכטען?..

— געליבטע ברידער! — האָט יהודה ווייטער גערעדט מיט בעגייסטערונג. — זאָל אונז דער טויט נישט אָבשרעקען. וואָרום סיי ווי האָט דער טיראַנישער שונא בעשלאָסען אונז אַלעמען אומצוברענגען, זאָלען מיר פעראַכטען דעם טויט! ס׳איז פיעל בעסער צגלען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד מיטן געוועהר אין דער האַנד, איידער צו ווערען געטויט דורכ׳ן שונא אין שאַנד און שפאָט, דורך עִנויים-קשים!... איצט האָבען מיר שוין צעשטעלט אין די בערג יהודה זעקס טויזענד געאיבטע און בעוואָפענטע קעמפער, וועלכע זענען גרייט צו יעדער צייט צו בעגעגנען דעם שונא און מוטיג זיך איהם אַנטקעגענשטעלען. נור די איינציגע זאַך פערלאַנג איך פון אייך טרייע זיהן, פון בעליבטען פאָטערלאַנד, אַז אידר זאָלט איצט פערגעסען די אינערליכע רייבונגען און מייגונג פערשידענהייטען. די מערדערישע פלענער פון בלוטדורשטיגען שונא זאָלען אייך פעראייניגען אין איין בונד, אין איין פאָלק, נור אין איינאונאיינציגען שטאַם פון ישראל! און יעדער איינער פון אייך מיט וואָס ער קאָן, זאָל קומען צו הילף די געטרייע קעמפער פאַר דער פרייהייט, מ׳זאָל קענען

בעזיגען אונזערע טיראַנישע שונאים!

צווישען די פערזאַמעלטע האָבען זיך דערהערט אויסגעשריהען:

— יחי המצביא! יחי משיח-המלחמה! (עס לעבע דער פעלדהערר!

אין דעם זעלבען טאָג האָט יהודה צושיקט שליחים פון גליל ביז'ן לאַנד פלשתים, זיי זאָלען נאָכשפּיאָנירען דעם גאַנג פון דער יוני'שער אַרמעע און גלייך געבען צו וויסען אין דער הויפּט-קוואַטיר צווישען די בערג יהודה. אויף צומאָרגענס פריה איז זיך דאָס פאָלק פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ גרינגער האַרץ און מיט אַ שטאַרקען בטחון, אַז מיט דער הילף פון אַלמעכטיגען וועלען זיי בעזיגען די בלטודורשטיגע שונאים!

יהודה מיט אַלע זיינע ברידער און די אָנפיהרער פון די אָבטיילונגען, צווישען וועלכע ס'האָט זיך אויך געפינען יהודה'ס נייער פריינד יוסף בן זכריה, זענען צוריקגעריטען אויף זייערע פערד אין לאַגער אַריין. ס'איז אויך מיט זיי מיטגעגאַנגען אַ פרישע מחנה פרייוויליגע מיטנעמענדיג מיט זיך קעמלען און אייזלען אָנגעלאָדענט פראָוויאַנט פאַר די פרייהייטס-קעמפער און דער גאַנצער קאַראַוואַן האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין דורך דעם פרוכטבאַרען טהאָל נעבען ענתות, טיעף אַריין אין די פּוסטע, נאַקעטע בערג יהודה. דאָרט אַהין האָט יהודה לעצטענס איבערגעפיהרט זיינע העלדישע אָבטיילונגען פון די בערג אפרים, צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך גערעכט, אַז דער שונא וועט קומען פון דרום, זאָל מען איהם קענען שטערען צו פאַראייניגען זיך מיט די פערבליבענע גריכען און ירושלים, וועלכע האָבען זיך בעפעסטיגט צוזאַמען מיט די פעררעטערישע העלעניסטען און די שטאַרקע מויערן פון דער הייליגער שטאָדט.

דאָ אין די וויסטע בערג פון יהודה זענען געוועזען צושטעלט אַלע אָבטיילונגען פון דער העברעאישער אַרמעע. און איצט האָט מען שוין ווירקליך געקאָנט אָנרופען די העלדישע פאַרטיזענער מיט'ן נאָמען אַרמעע, וואָרום די חשמונאים האָבען איינגעאָרדענט זייערע אָבטיילונגען מיט אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג.

זיי האָבען שוין מאַנעווירט לויט בעשטימטע סיגנאַלען און יעדע אָבטיילונג בעזונדער איז געוועזען–בעוואָפּענט מיט אַ ספּעציעל געוועהר לויט'ן מוסטער פון די רוימישע לעגיאָנען. יעדע הונדערט קעמפער האָבען געהאַט זייער אָנפיהרער, „שר-מאה" וועלכער האָט געהאַט אונטער זיך צוויי עלטסטע, „שרי-חמשים". יעדער טויזענד האָט זיך גערופען „גדוד" און האָט געהאַט אַ הויפּטמאַן „שר-אלף". אויך יעדער גדוד האָט געהאַט זיינעם אַן אייגענאַרטיגען פאָהן פון אַ בעזונדערען קאָליר אויסגעהאָפטען מיט גרויסע אותיות, גדוד א', גדוד ב' א. א, וו.

די ערשטע דריי „גדודים" פוסגעהער זענען געוועזען בעוואָפּענט מיט לאַנגע שפּיזען, קורצע שווערדען ביי די זייטען מיט דרייעקיגע שילדען אויף דער לינקער האַנד, אויף וועלכער ס'איז געוועזען אויסגעצייכענט אַ זעקסשפּיציגער מגן-דוד. דער פיערטער גדוד איז געוועזען געקליידט אין פּאַנצערס און העלמען, מיט דיקע קורצע שפּיזען, לאַנגע שווערדען און שווערע שילדען. זיי האָבען זיך גערופען „גדוד-הברזל" (אייזערנער לעגיאָן). דער דאָזיגער גדוד האָט זיך שווער בעוואויגען און זיי האָט יהודה געהאַלטען אין רעזערוו צו שיצען פאַר די פיינדליכע רייטער, אָדער אָנצוגרייפען אין אַ דעצידירענדען מאָמענט אין דער שלאַכט. מיט דעם „גדוד-הברזל" האָט אָנגעפיהרט דער איבערגערעכענטער אַנטיגנוס המודעי. דער פינפטער גדוד האָט זיך גערופען „גדוד-הרובים" (שיסער-לעגיאָן), זיי זענען געוועזען בעוואָפּענט מיט בויגענס, ביי דער זייט לעדערנע טאַשען מיט פיילען, אויסער דעם האָבען זיי געטראָגען ביי די גאַרטלען קורצע צוויישאַרפיגע שווערדלעך און די אויפגאַבע פון די „רובים" אין אַ שלאַכט איז געוועזען, צוצושפּרייטען זיך צווישען קשאַקעס, הינטער שטיינער און אַנדערע בעהעלטענישען, צו ציעלען פון דאָרט די פיילען אויפ'ן אַטאַקירענדען שונא.

אין יהודה-המכבי'ס אַרמעע איז געוועזען וועניג רייטער, ווייל נאָך אין די ערשטע מלחמות האָבען די יונים צוגערויבט און אַוועקגעפיהרט אַלע פערד פון לאַנד. יהודה האָט צוזאַמענגעשטעלט צוויי „פּלוגות" לייכטע רייטער, צו הונדערט רייטער

אין אַ פּלוגה, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון יוסף־המרומי, וועלכע האָבען געדינט אין מעהרערע פֿאַלען אַלס שטאַפּעטען, אָדער צו פֿערפֿאָלגען דעם שונא ביים אָבטרעטען. צווישען די מכבים־פּלוגה האָבען זיך געפֿינען די גרעסטע גבורים. זיי זענען געוועזען געקליידט אין אייזערנע פּאַנצערס מיט מעשענע העלמען אויף די קעפּ, אויף די לינקע הענד האָבען זיי געטראָגען שמאָלע שילדען און בעוואָפֿענט מיט לאַנגע שווערע שווערדען פֿון בעסטען שטאָהל, מיט וועלכע זיי האָבען געקאָנט אַדורכהאַקען די פֿיינדלעכע מעטאַל־פּאַנצערס און העלמען.

די דאָזיגע „מכבים" האָט נור יהודה בענוצט אין אַ גרויסער נויט, אָנצוגרייפֿען אויף די גריכישע העלפֿאַנטען אין דער מלחמה, אָדער אָנצופֿאַלען אויפ'ן שונא אויסשליסליך אין די דעצידירענדע שלאַכטען.

אויסער דעם האָט זיך געפֿינען אַ בעזונדערע אָבטיילונג „שומרי הכלים", ד. ה. ווירטשאַפֿטליכע היטער. זייער אויפֿגאַבע איז געוועזען צו היטען די שווערע וועגען, אָקסען, קעמלען און די אייזלען, אויף וועלכע ס'איז געוועזען אָנגעלאָדענט דער פּראָוויאַנט און פֿערשידענע קריגס־מכשירים. זיי האָבען אויך אויפֿגעשטעלט די געצעלטען, צוגעגרייט עסען פֿאַר די קעמפֿער, געבאַנדאַזשירט און אומגעגאַנגען מיט די פֿערוואונדעטע. די אָנפֿיהרונג איבער די „שומרי הכלים" האָט יהודה איבערגעגעבען דעם נאָך נישט ערפֿאַהרענעם אין רי שלאַכטען, יוסף בן זכריה. אָבער די אַלע ווירטשאַפֿטליכע אַנגעלעגענהייטען זענען געוואָרען לויט זיין בעפֿעהל אויסגעפֿיהרט שנעל, און אין דער בעסטער אָרדנונג.

יהודה האָט אָבגעוואַרט דעם מעכטיגען שונא, וואָס האָט געזאָלט אָנקומען מיט אַ שטורם אויפ'ן לאַנד, אַלעס אומצוברענגען און פֿערניכטען, ווי אַ פֿייערדיגע לאַווע פֿון אַ וואולקאַן!

V

שמעון הפרסי מיט שרק׳ן האָבען בעקומען פון יהודה׳ן בעפעהל, אַז זיי זאָלען זיך אַרומדרעהען אין דער געגענד פון דער שטאָדט יבנה ביי דער גרעניץ פון לאַנד פלשתים, ביים ברעג ים, הונטער יפו און זיי זאָלען בעאָבאַכטען אויב די גריכען לאַנדען נישט קיין מיליטערישע קרעפטען. און אויך אויב די פלשתים פון דער געגענד אשדוד זאַמלען נישט זייערע אָבטיילונגען צו פעראייניגען זיך מיט דער גריכישער אַרמעע. און וואָס זיי זאָלען ניט בעמערקען, מוזען זיי גלייך געבען צו ווייסען אין דער הויפט קוואַטיר.

אונזער בעקאַנטער שפּיאָן שמעון הפרסי געהט מיט זיין לירע איבער די שכנות׳דיגע דערפער, שפּילט און זינגט און אויף אַזאַ אופן בעקומט ער די נויטיגע אינפאָרמאַציעס וועגען דער בעוועגונג און צושטאַנד פונ׳ם גריכישען מיליטער. שרק איז אויך אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער אַלס פעניציאַנישער סוחר, מיט אַ פעקעל סחורות און געלויבט זיי אין טאָג אַריין, מען זאָל ביי איהם קויפען. אָבער איצט האָט ער גראַדע ווינציג געלייזט, ווייל די איינוואוינער פון דער געגענד זענען אַרומגעגאַנגען פערטרויערט, אומעטום האָט מען שוין געוואוסט פון אַנטיוכוס׳עס ווילדען בעפעהל צו פערטיליגען דאָס פאָלק ישראל. די רייכערע העברעער פון דער געגענד האָבען פערלאָזט זייער האָב און גוטס און זענען אַנטלאָפען מיט׳ן לעבען צו די פלשתים קיין אשדוד און אשקלון. נור די אָרימערע זענען איבערגעבליבען אין די היימען און געוואַרט אויף זייער גורל. מאַנכע מאָל פלעגט שרק אונטערהערען ווי די אַלטע פויערען האָבען

זיך געסוד׳עט, אַז די פלשתים קלייבען זיך אויך אין בעוואָפענטע אָבטיילונגען צו בעפאַלען דאָס לאַנד יהודה, נור איצט האָבען זיי מורא פאַר יהודה המכבי אָפען אַרויסצוטרעטען, זיי וואַרטען נור, אַז אַנטיוכוס׳עס אַרמעע זאָל אַריינדרינגען אין לאַנד אַריין, דאַן וועלען זיי שוין בעקומען פרייע הענד...

אַז שרק פלעגט אַוועקגעהען פון אַ דאָרף, וואו מ׳האָט ביי איהם נישט געקויפט קיין סחורה, האָט ער זיך געבייזערט, מיט כעס געשפיגען און געזידעלט די „פערווילדעוועטע" העברעער, אַז זיי זענען גאָר קיין מבינים נישט אויף זיינע „קעניגליכע" סחורות, וועלכע זענען געבראַנגט גלייך פון צור. טיילמאָל פלעגט שרק אויך פערקריכען מיט זיין פעקעל סחורות אין אַ דאָרף פון די פלשתים. דאָרט האָט ער אויסגערעדט אויף די העבּרעער אַלדאָס-בייז, אַז ער האָפט שוין דאָט די גריכען זאָלען אַריינקומען, אומברענגען די אָבגעזונדערטע „באַרבאַרישע" העברעער און בעזעצען דאָס לאַנד מיט מעהר קולטורעלע פעלקער. פאַר אַזעלכע דבורים איז ער געוועזען בעליעבט ביי די פלשתים, ער פלעגט לייזען פאַר זיינע סחורות און האָט נאָך בעקומען עסען און טרינקען אויך.

יעדען אויפדערנאַכט, זענען זיך שרק מיט׳ן אַלטען בעטלער צונויפגעקומען אויף אַ בעשטימט אָרט און פלעגען זיך אָבגעבען בעריכטען פון אַלעם, וואָס זיי האָבען געזעהען אָדער געהערט. איינמאָל האָבען זיי זיך געטראָפען אויפן זאַמדיגען ברעג, נישט ווייט פון יבנה. ס׳איז שוין געוועזען שפעט אין זומער אַריין, די תבואות פון פרעכטיגען טהאל „השפלה" זענען שוין געוועזען אָראָבגענומען, נור די פרדסים מיט די וויינגערטנער זענען נאָך געשטאַנען בעלאָדענט מיט זייערע צייטיגע, זאַפטיגע פרוכטען, פון וועלכע דער מחיה׳דוגער אַראָמאַט האָט זיך טיילמאָל דערטראָגען ביז אויפ׳ן לעדיגען זאַמדיגען ברעג פון ים. דער טיפער הייטערער ארץ־ישראל־הימעל מיט די טויזענדער פינקעלדיגע שטערען, איז געוועזען אויסגעשפרייט מיק זיין גאַנצער פראַכט. און דער שטילקייט פון דער נאַכט דערטראָגען זיך נור פון ים אונדייטליכע סודות׳דיגע ברומען, ווי דאָס ווייטע שווערע אָטעמען פון אַ שרעקלעכען ריעז אין האַרטען שלאָף.

די נאַכט איז געווען אַ קיהלע, שרק האָט זיך איינגעקאָרטשעט און זאַמד און געציטערט; זיי האָבען גערעכענט צו געהן ערגעץ אין דאָרף אַריין איבערנעכטיגען, נור זיי האָבען דערזעהען פון דערווייטענס ביים ברעג ים אַ פייערל און האָבען זיך גלייך דאָרט אַהין געלאָזט. דער בעדואינער איז געגאַנגען שטילערהייט ווי אַ קאַץ, דער אַלטער שמעון האָט נאָכגעהינקט אויף זיין קולע און שווער געסאַפּעט. שרק האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעדרעהט און געדראָהט מיט דער האַנד דעם אַלטען, אַז ער זאָל געהן שטיל. ענדליך, ווען זיי זענען צוגעקומען צום פייער, האָבען זיי זיך זעהר דערפרעהט אָנטרעפענדיג אויף צוויי העברעאישע פישערס אַ פאָטער און אַ זוהן, וועלכע האָבען גענעכטיגט אויפן ברעג ביים פייער מיט זייערע שיפלעך און נעצען און בעגינען האָבען זיי געזאָלט טראָגען זייער פיש-פאַנג אין שטאָדט אריין קיין יבנה צו פערקויפען. די פישערס האָבען זיי פריינדלעך אויפגענומען, נור אויף דעם יונגען פעניציאנישען סוחר האָבען זיי געקוקט מיט אונצוטרוי. נאָכהער אָבער, אַז שמעון הפרסי האָט זיי בערוהיגט, דאָס דער פעניציאַנער איז זיינס שוין אַן'אַלטער בעקאַנטער און אַז ער איז צו די העברעער פריינדליך געשטימט, האָט זיך ערשט צווישען זיי פערבונדען אַ וואַרעם געשפרעך. דער עלטערער פישער האָט געפרעגט שמעונען:

— איהר געהט אַרום אויף דער וועלט, זאָגט מיר זיידעשי. כ'בעט אייך, וואָס קען ווערען מיט אונז העברעער, אַז די גריכען וועלען אַריינקומען? צי וועט קענען יהודה המכבי בייקומען אַזאַ מעכטיגען שונא?

— געוויס — האָט איהם דער אַלטער געטרייסט. — איך בין אַמאָל פערקראָכען אין העברעאישען לאַגער אריין, איז אַ פערגניגען צו זעהען, ווי יהודה האָט אויסגעפאָרמירט אַ היבשע אַרמעע, גוט בעוואָפענט. און דערצו נאָך אַזאַ העלד ווי יהודה...

— אָבער דאָס העלדישקייט מוז דאָך אויך האָבען אַ גרענץ! אַנטקעגען אַזאַ מעכטיגען שונא, מיט געפאַנצערטע רייטער און העלפאַנטען! — האָט דער פישער אויסגערופען פערצווייפעלט; און אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין פערהאַר־

עוועטער ברוסט.

— זאָרגט נישט מיין ליעבער פריינד! — האָט שמעון הפרסי איהם געטרייסט.

דער פישער האָט ווייטער דערצעהלט פאַר׳ן בעטלער, אַז מאַנכּע מאָל זעהט ער, ווי עס שווימען צו צום ברעג גריכישע שיפלעך! און אָנגעזעהענע פלשתים קומען אַרויס פון שטאָדט און ס׳ווערען געפיהרט געהיימע אונטערהאַנדלונגען, נאָכדעם ווערען די שיפלעך צוריק פערשוואונדען. פלוצלינג האָט זיך דער בעדזאינער אויפגעכאַפּט און איינגעהאָרכט. שפּעטער האָבען שוין אַלע דערהערט, ווי נישט ווייט פון זיי האָט אַ שיפעל צוגעשלאָגען צום ברעג און אַ קליינע גרופּע מענשען געהען האַסטיג אין דער ריכטונג צו זיי. צום ערשטען האָט דער עלטערער פישער בעפוילען דעם יונגערען:

— זכריה, ברענג שנעל די „כלים" פון שיפעל!

דער יונג איז אויפגעשפרונגען, צוגעלאָפען צום שיפעל און האָט צוגעטראָגען צום פייער צוויי לאַנגע שפּיזען, מיט צוויי אייזערנע אַנקערס אָנגעבונדען ביים שטריק און דאָס אַלץ האָט ער אַנידערגעלייגט ביים פייער. די טריט האָבען זיך יעדעס מאָל דערנעהנטערט, שרק האָט זיך אויך אויפגעהויבען, אַרויסגענומען פון בוזעם צוויי מעסערס פערשטעקט אין די גאַרטעל און איז שטילישקע אַנטקעגענגעגאַנגען די איילענדע מענשען. ביים מאַטען שיין פון די שטערען האָט ער מיט זיינע קעצישע אויגען דערזעהען סילועטען פון פיער מענשען, וואָס געהען גלייך אויף איהם. פאָראויס איז געגאַנגען אַ הויכער מאַן, נאָך איהם דריי פרויען. און ווי דער מאַן האָט דערזעהן שרק׳ן, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ שווערד און האָט זיך אויף איהם געוואָרפען. שרק האָט זיך, מיט זיינע ווילדע אויגען, גוט איינגעקוקט, די פיגור האָט איהם אויסגעוויזען צו זיין באַקאַנט און באַלד איז ער געבליבען שטעהען ווי פערשטיינערט. איבער דער צייט, האָט זיך דער הויכער מאַן שוין געהאַט פערמאָסטען אויף שרק׳ן מיט דער שווערד, נור דער לעצטער איז אין אויגענבליק אָבגעשפרונגען און האָט קוים בעוויזען אַ געשריי צו טהון:

שטעה אַלטער! ביזט שוין בלינד געוואָרען אויף דער עלטער און דערקענסט מיך נישט?...

ס'האָט זיך דערהערט אין דער פינסטער אַ פרעהליכער אויסגעשריי פון תמר'ן:

— אָ שרק!... ס'איז נאָך דאָ עמיצער פון אונזערע?

— „אָבער ווי אַזוי קומט איהר אַהער אין מיטען דער נאַכט"? האָט שרק געפרעגט פערוואונדערט.

— פרעג דיך איצט נישט קיין שאלות! — האָט זיך אָנגערופען דער אַלטער פישער אלעזר אין איין אָטהעם. — זאָל מען פערבעהאַלטען ערגעץ די פרויען, וואָרום אַ באַנדע גריכען יאָגען אונז נאָך אויף אַ שיף!...

באַלד איז צוגעקומען שמעון־הפרס! אויף זיין קוליע, אויךביידע פישערס מיט שפּיזען אין די הענד און די אייזערנע אַנקערס פערוואָרפען אויף די אקסלען! זיי זענען געשטאַנען פערגאַפט און האָבען גאָרנישט פערשטאַנען ווער די אָנגעקומענע זענען, וואָס דער פעניציאנער האָט זיך מיט זיי בעקאַנט און רעדט צו זיי ריין העברעאיש...

אָבער ווי נור שמעון-הפרסי האָט דערקענט תמר'ן, האָט ער זיך אינגאַנצען פערגעסען און אויסגעשריהען מיט פרייד:

— אָ, אונזער געשעצטען מכבי'ס כלה!... וואָס מאַכסטו, געליבט טייבעלע?

דער עלטערע פישער, אַז ער האָט דערהערט דאָס צויבערוואָרט „מכבי" איז ער באַלד געוואָרען אויפגעמונטערט, ס'איז אין איהם אַריין גאָר אַ נייער מוטה און ער האָט קורץ אַרויסגערעדט:

— צו בעהאַלטען זיך אויפ'ן ברעג, איז נישטאָ קיין צייט, די שאַקאַלען האָבען שוין געוויס דערזעהען אונזער פייער, זאָל מען זיך צואיילען!

און באַלד האָט ער ווייטער פעראָרדענט: ווער ס'האָט נישט קיין געוועהר זאָל נעמען אונזערע שפּיזען, מיר האָבען אַ געוועהר די אַנקערס און זאָל מען זיך וועהרען ביז צום לעצטען... איצט, אַלע מיט מיר צו מיין שיפעל!

מ'האָט שוין דערהערט דייטליך ווי ־ גרופּע מענשען ליפען

האַסטיג ביים ברעג.ביידע פישערס, שמעון-הפרסי, שרק, אלעזר, תמר, קציעה מיט דער אַלטער חנה, זענען צוגעלאָפען אין איילעניש צום פישער־שיפעל, וועלכעס איז געוועזען אַרויסגעצויגען אויפ'ן זאַמד און האָבען עס אָבגעשטופּט צוריק. דער אַלטער אלעזר האָט פריהער אַריינגעזועצט אין שיפעל די פרויען און אַלע מענער האָבען ווייטער אַראָבגעשטופּט דאָס שיפעל אין טיעפען וואַסער אַריין.

שפּעטער ווען דאָס שיפעל האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו וויעגען אויפ'ן וואַסער, זענען אַלע דערין אַריינגעשפּרונגען און דער עלטערער פישער מיט'ן זוהן האָבען אָנגעהויבען מיט'ן גאַנצען כח צו שאַרען מיט די וויאָסלעס. אין דער זעלבער צייט זענען צוויי צעהיצטע יונים מיט די שווערדען אין די הענד אַריין אין וואַסער. דאָס וואַסער אויף דעם אָרט איז שוין געוועזען טיעפער, האָבען זיי זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענד ביים ראַנד פון שיפעל און געשריהען צו זייערע חברים נאָך הילף. שרק איז צוגעפאַלען צו איין יון, איהם אַדורכגעשטאָכען מיט'ן שפּיעז דעם האַלז און דער יון האָט זיך מאָמענטאַל אונטערגעטוקט אונטער'ן וואַסער. אויך מיט דעם צווייטען האָט זיך דער אַלטער אלעזר שנעל ערלעדיגט.

די איבערגעבליבענע גריכען אויפ'ן ברעג האָבען אומבעהאָלפען געליאַרמט און געפילדערט, נור איינִיגע פון זיי האָבען אָנגעצויגען די בויגענס און אָנגעהויבען צו שיסען. דאָס שיפעל האָט זיך אָבער יעדעס מאָל דערווייטערט פון ברעג. עטליכע פיילען זענען געפאַלען מיט אַ פּליעסק אין וואַסער צַריין נעבען שיפעל. אַס ענדע האָבען זיך די איבערגעבליבענע גריכען מיט'ן זעלבען געפילדער געלאָזט לויפען צו זייער שיף, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ בעדייטענדע שטרעקע פון דערווייטענס, נאָכצויאָגען די אַנטלאָפענע.

ביידע פישערס, דער פאָטער מיט'ן זוהן האָבען מיט זייערע שטאַרקע הענד לעבעדיג געאַרבייט מיט די וויאָסלעס, דער אַלטער אלעזר האָט פערנומען אַנ'אָרט ביים רודער און דאָס לייכטע שיפעל האָט זיך געגליטשט איבער די טונקעלע

שפּירענע פלעכע פון שטילען ים, ווי אַ פייל פון בויגען.

דער טיפער הימעל מיט די לויכטענדע שטערען האָבען זיך אָבגעשפיגעלט אין שטילען וואַסער און ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס שיפעל מיט די מענשען שוועבען אין דער לופטען צווישען צוויי הימלען מיט שטערען; נור צוויי לאַנגע שנירען, ווי צוויי פיאָלעט-פינקעלדיגע שטעגעלעך, האָבען זיך נאָכגעצויגען נאָכ'ן שיפעל אויף אַ ווייטע שטרעקע...

די אַלטע חנה איז געזעסען אין שיפעל א האַלב-טויטע פאַר שרעק, איהרע ליפען האָבען שטילערהייט געפליסטערט אָהן אויפהער שטילע תּפילות. תּמר און קציעה האָבען זיך צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער, ווי די איבערגעשראָקענע גאַזעלן אין די בערג.

דער יונגערער פישער זכריה, וועלכערהאָט געאַרבייט מיט זיין וויאָסלע, אַז דער שווייס האָט גערינען מיט דיקע טראָפּען פון שטערען, האָט זיך ראַפּטום אָן עפּעס דערמאָנט און אויסגערופען צום פאָטער מיט אַ טרויעריגען, פערצווייפעלטען אויסגעשריי:

— אוי טאַטע, מיר האָבען פערגעסען די פיש אויפ'ן ברעג! אַזעלכע שענע פיש...

שרק האָט זיך צעלאַכט אויפ'ן קול און האָט נאָכגעמאַכט דעם יונג אויך מיט אַ וויינענדיגער שטימע:

— אוי, און איך האָב פערגעסען מיין פעקעל סחורה!...

און דער בעדואינער האָט אַ פרעהליכען ווילדען פייף געטהון אַז דער עכאָ האָט אָבגעהילכט או'פ'ן שטילען ים, נאָכהער האָט זיך שרק געווענדעט צום אַלטען אלעזר:

נו, איצט זענען מיר שוין פריי פון די גריכען, זיי וועלען שוין אונזער שיפעל נישט דעריאָגען; דערצעהלט אונז אַלטיטשקער וואָס איז מיט אייך געשעהען! ווי אַזוי קומט איהר אַהער? איך שטאַרב פאַר נייגעריגקייט.....

דער אַלטער אלעזר האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען מיט די לאַנגע ברעמען צום הימעל, ער האָט שווער אָבגעזיפצט און אַרויסגעמואַמעלט אין דער שטיל אַ לויב צו גאָט.

— דערצעהלט שוין אָבער פאָרט ווי אַזוי-זשע קומט איהר

אהער אין מיטען דער נאַכט? — איז שרק בישט אָבגעשטאַנען פון אַלטען.

— נו דערצעהל שוין, דערצעהל חבר! ס'איז זעהר אינטערעסאַנט — האָט שמעון הפרסי אויך צוגעגעבען.

דער אַלטער אלעזר האָט אָבגעהוסט, אָבגעווישט דעם שווייס פון שטערן און אָנגעהויבען דערצעהלען:

יהודה האָט מיך אַרויסגעשיקט קיין אַלעקסאַנדריען, איך זאָל ברענגען תמר'ן און קציעה'ן. אין אלעקסאַנדריען האָט מיר דער כהן-גדול חוניו איבערגעגעבען, אַז דעם דאָרטיגען קעניג'ס אַ ברודער, פיסקאַן, וועלכער איז נור וואָס צוריקגעקומען פון זיינע רייזעס פון רוים און אַנטיוכיען, האָט געוואָרפען אַן'אויג אויף אונזער תמר'ן. ער האָט ספעציעל אונטערגעקויפט זיינע לייב-מענשען, וועלכע האָבען געלאָקערט תמר'ן אַוועקצורויבען. חוניו האָט זיך פון דעם דערוואוסט און האָט אונז אַלעמען אויפגעזעצט אויף אַ העבּראַאישע שיף, וועלכער איז געשווימען קיין יפו מיט סחורה. דער קאַפּיטאַן האָט בעקומען אַ ספּעציעלע פּעראָרדנונג אונז צו היטען ווי אַן'אויג אין קאָפּ. באַלד ווי מיר זענען נור אַרויסגעפאָהרען פון אַלעקסאַנדריען, האָט געבלאָזען אַ לייכט דרום-ווינדעל, די שיף מיט פולע זעגלען איז שנעל געשווימען. נור מיר האָבען בעמערקט, אַז אַ גרויסע שיף פאָהרט אונז נאָך כמעט טריט ביי טריט; אונזער שיפּס-קאַפּיטאַן האָט גלייך דערקענט, דאָס די שיף איז אַ קעניגליכע. ס'האָט אונז באַלד אויסגעוויזען פּערדעכטיג, וואָרום ווען דער קאַפּיטאַן האָט פּרובּירט אָבנאַרען די פּערפאָלגערס און פאָהרען אין אַן'אַנדער ריכטונג, האָט צו אונזער ערשטוינונג, די קעניגליכע שיף אויך געענדערט איהר ריכטונג און אַ גאַנצען טאָג אונז געהאַלטען אויפ'ן אויג...

דער אַלטער אלעזר האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם, אָבגעדרעהט דאָס שיפעל, עס זאָל שווימען לענג-אויס פון ברעג און דאָס לייכטע פישער-שיפעל איז געפלויגען ווי אַ פויגעל צו דער זייט פון צפון און ער האָט ווייטער דערצעהלט:

— ווי מיר האָבען איינגעזעהען, אַז די שיף יאָגט אונז

נאָך און וויסענדיג דאָס דער פּאָרט אין יפו איז נאָך בעזעצט מיט גריכען האָבען מיר זיך מיט'ן שיפס־קאַפּיטאַן לאַנג בעראַטען און ס'איז ביי אונז געבליבען, אַז ביי נאַכט זאָל מען אונז אַראָבלאָזען אויפ'ן ברעג נאָך פאַר יפו און מיר האָבען גערעכענט, אַז אין דער פינסטערניש וועט אונז געלונגען זיך צוצוקריגען ערגיץ אין אַ דאָרף אַריין און אַזוי אַרום ניצול ווערען פון די גריכישע הענד. אָבער עס ווייזט אויס, אַז די שאַקאַלען האָבען דערזעהען, צו דערהערט, ווי אונזער שיף לאָזט אַראָב אַ שיפעל פון אויבערדעק, האָבען זיי זיך געלאָזט יאָגען נאָך אונז צום ברעג. ווען כ'האָב דערזעהען פון ים אייער פייעריל, האָב איך גערעכענט, אַז דאָס לויכט זיך אין אַ דערפעל ביים ברעג און מיר זענען אַהין געלאָפען... אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע.

דער אַלטער אלעזר האָט שטיל אָבגעזיפצט, אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און אַ דרעה געטהון מיט'ן רודער. דאָס שיפעל האָט אָבגעדרעהט עטוואָס אויף רעכטס. ס'איז געוואָרען צווישען אַלע שטיל, ס'האָט זיך נור געהערט דאָס שווערע אָטהעמען פון די שיפערס און דער פליעסק פון די וויאָסלעס אין וואַסער. דער ערשטער האָט שמעון הפרסי אויסגערופען:

— נו, אונזער פעלדהער וועט זיך דאָס אַביסעל דערפרעהען!

תמר האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון די אומעטיגע געדאַנקען, איהר בעחנ'ט פנים האָט אויפגעשטראַהלט און זי האָט זיך אָנגערופען מיט אַ מאָדנער קול, וואָס דערין האָט געקלונגען, אי בענקשאַפט, אי ליעבע און פערצווייפלונג:

— אייער פעלדהערר איז אָבער פערשכורט פון די נצחונות, האָט ער שוין זיכער אָן מיר פערגעסען!...

— יאָ, פערגעסען, — האָט שמעון־הפרסי ווידערהאָלט, גוט פערגעסען, ס'געהט נישט אַדורך דער טאָג, ער זאָל נישט דערמאָנען זיין שעהן געליעבט טייבעלע!... און מיר אַלע פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער האָבען ווניג געבענקט?...

דער בעדואינער ווידער, האָט געווענדעט זיינע ווילדע אויגען צו קציעה'ן און ער האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— און איך וואָלט געוועזן אַ בעלן צו זעהען, ווי אַזוי דן וועט בעגעגענען קציעה׳ן...

— וואָס איז? — האָט קציעה געפרעגט

— נו אַ שעהנער „וואָז איז״ — האָט דער בעדואינער אויסגערופען — איהר, אלעזר, זאָלט זיך בעצייטענס אָבטראָגען, וואָרים אייערע אַלטע ביינער וועלען אונברחמנות׳דיג קנאַקען, אַז דן וועט אייך אַרויסווייזען זיין דאַנקבאַרקייט...

ביים שיין פון די שטערען האָבען אַ בלישטש געטהון קציעה׳ס ווייסע ציין פון צווישען די רויטע זאַפטיגע ליפען און ס׳האָט אָבגעקלינגען אין דער שטילער נאַכט אַ געזונד, הילכיג געלעכטער...

VI

אין דער געגענד, וואו ס'הויבען זיך אָן די נאַקעטע בערג פון יהודה, לאַגערט די העברעאישע אַרמעע. דאָרט אַהין זענען זיך צוזאַמענגעקומען די אַלע צושיקטע שפּיאָנען איבער'ן לאַנד און האָבען געבראַכט יהודח'ן די שרעקליכע ידיעה, אַז דער סירישער הויפּטמאַן גאָרגיאַש איז אָנגעקומען מיט אַ געוואַלדיגער אַרמעע, פון דער נידריגער ים־פלעכע „השפלה" און ער האָט איינגעאָרדענט זיין הויפּט-לאַגער נעבען עמאַאוס, עטליכע שעה גאַנג פון מצפה. ביי זיך אין לאַגער האָט גאָרגיאַש איבערגעלאָזט פון בעסטען מיליטער פינף טויזענד פוסגעהער, טויזענד געפּאַנצערטע רייטער און העלפאַנטען מיט שליידערמאַשינען. אָבער די גרעסערע טהייל פון זיין אַרמעע העכער דרייסיג טויזענד מאַן, מיט וועלכע ס'האָבען זיך אויך פעראייניגט די אַלטע העברעאישע פערביסענע שונאים, די שומרונים און די פלשתים, וואָס האָבען געהאָפט אויף דער מינוט, אַז עס זאָל פערווירקליכט ווערען אַנטיוכוס'עס פּלאַן צו פערטיליגען דאָס יודישע פאָלק, — די אַלע גרויסע מחנות האָט ער צושיקט אין עטליכע בעזונדערע אָבטיילונגען צו דער זייט פון ים־המלח און לאַנד אדום, אַרומצונעמען די בערג יהודה פון אַלע זייטען. ווייל גאָרגיאַש האָט געהאַט בעשטימט, אַז פריהער זאָל ער בעזיעגען יהודה המכבי מיט זיין אַרמעע, נאַכהער וועט איהם שוין לייכט אָנקומען דאָס פריעדליכע פאָלק צו בעהערשען.

גאָרגיאַש איז געווען אַזוי זיכער אין זיין נצחון, אַז ער האָט זאָגאַר איינגעלאַדען אין זיין אַרמעע שקלאַפען-הענדלער, וועלכע האָבען מיטגענומען קייטען צו שמידען די געפאַנגענע

און גאָלד מיט זילבער אָבצוקויפען די העברעאישע איינוואוינער פאַר קנעכט, וואָרום גאָרגיאַש האָט איינגעזעהן, אַז אַנשטאַט אומצוברענגען אַלע העברעער אָהן שום נוצען, וועט זיין פיעל גלייכער צו פערקויפען זיי אַלס קנעכט און מיט דעם געלד דערפולען דעם אויסגעלעדיגטען מלוכה־אוצר.

אויך האָט גאָרגיאַש בעשלאָסען, אַז ביינאַכט אין דער פינסטערניש זאָל ער פלוצלינג בעפאַלען יהודה'ס לאַגער אומגעריכטערהייד און אַזוי אַרום וועט ער איהם קענען לייכט צושלאָגען און די אַנטרינענע וועלען פאַלען אין די הענד פון די אַנדערע זיינע אָבטיילונגען.

אָבער נאָך אין דעם זעלבען טאָג פאַרנאַכט האָט יהודה אויסגעשטעלט אין קריעגס-אָרדנונג זיינע העלדישע אָבטיילונגען; יעדען „גדוד" בעזונדער מיט זיין פאָהן. די גאַנצע אַרמעע האָט יהודה איינגעטיילט אין פיער אָבטיילונגען: די אָנפיהרונג פון דעם ערשטען גדוד מיט די פינפהונדערט שיסער האָט ער איבערגעגעבען זיין עלטערן ברודער יוחנן, ער זאָל אָפערירען אויפ'ן רעכטע פליגעל, דעם צווייטען גדוד מיט די איבערגעבלינע פינפהונדערט שיסער, האָט ער איבערגעגעבען זיין צווייטען ברודער שמעון'ען ער זאָל פאַרנעמען דעם לינקען פליגעל; די אָנפיהרונג איבער עזריה'ס „מכבים" מיט יוסף־המרומי'ס לייכטע רייטער, — זיין יונגערען ברודער אלעזר-החורני און מיט דעם דריטען גדוד פוסגעהער און מיט'ן „גדוד-הברזל" האָט יהודה זעלבסט געזאָלט אָנפיהרען און פאַרנעמען אין שלאַכט דעם צענטר.

נאָכדעם איז לויט יהודה'ס בעפעהל אַרויסגעטרעטען איינער פון די כהנים און לויט דעם דין פון דער תורה האָט ער הויך אויפ'ן קול אויסגערופען:

— „ווער ס'האָט אַ נייע הויז אויפגעבויט, אַ וויינגאָרטען געפלאַנצט, אַ פרוי פערקנס'ט און האָט נאָכנישט גענומען עס אין בעזיץ אָדער ווער עס פערמאָגט נישט אין זיך גענוג מוטה מיט גבורה צו געהן אין דער מלחמה אַריין — זאָל זיך צוריק אומקעהרען אַהיים!"

דעם זעלבען אָוועגד, איידער גאָרגיאַש האָט נאָ

עפּעס וואָס פאָרגעקומען, האָט זיך די גאַנצע העברעאישע אַרמעע בע- לאָזט אין וועג אַריין, אויף אַ גאַנצע נאַכט, דורך זייטיגע ווע- גען און אַ שטיק פאַרטאָג זענען זיי שוין געשטאַנען פון הוטען גאָרגיאַש'עס לאַגער.

אויך גאָרגיאַש האָט זיך געלאָזט שטילערהייט ביינאַכט מיט זיין גאַנצען מיליטער אין די בערג אַריין, צו בעפאַלען יהודה'ס לאַגער. אָבער ווי איבערראַשט זענען געוואָרען די גריבען, ווען זיי האָבען געטראָפען דעם העברעאישען לאַגער לעדיג. נאָך אַ קורצער איבערלעגונג האָט גאָרגיאַש גערעכענט, אַז נישט אַנדערש, נור די העברעער האָבען זיך פאַר זיי דערשראָקען און זענען אָבגעטרעטען מיט שרעק טיעפער אין די בערג אַריין; דעריבער האָט ער גלייך אַרויסגעשיקט די לייכטערע אָבטיילונגען זיינע מיט די געפאַנצערטע רייטער, צו פערפאָלגען די העברעער. נור ווען די זון איז אויפגעגאַנגען האָט זיך ערשט גאָרגיאַש איבערציינגט, אַז דער פיינד, וועלכען ער זוכט פאַר זיך, געפינט זיך גאָר הינטער איהם...

יהודה האָט אויסגעפאָרמירט זיין אַרמעע צום שלאַכט. באַלד נאָך אַ קליינעם צוזאַמענשטויס מיט די גריכישע וואַכען, האָבען די העברעער פאַרנומען דעם סירישען לאַגער, אונטערגעצינדען די געצעלטען מיט די וועגען, אויך אַלע שליידערמאַשינען און אַנדערע קריעגס-מכשירים האָבען זיי בעגאָסען מיט פעך און אונטערגעצינדען און אין דער גאַנצער אַרמעע האָבען זיך דערהערט סיגנאַלען צום שלאַכט.

יהודה מיט זיינע אָבטיילונגען האָבען אָנגעהויבען האַסטיג צו אַטאַקירען דעם שונא.

גאָרגיאַש איז נאָך גאָרנישט געוועזען צוגעגרייט צום קאַמף און ווי די גריכען האָבען פּלוצלינג דערזעהען, אַז די העברעאישע קריעגס-רייהען מאַרשירען אויף זיי און איבער דער גאַנצער בריים פון זייער לאַגער דערהויבט זיך אַ שוואַרצער מורא־דיגער וואָלקען רויך פון דער שרפה, — זענען זיי געוואָרען איבערגעשראָקען און האָבען גענצליך פערלוירען דעם מוטה.

דאָך האָט גאָרגיאַש אויף דער גיך אָנגעהויבן צו פאַרמירען זיינע אָבטיילונגען און גלײַכצייטיג האָט ער צושיקט רייטער צוריקצוציהען זיינע גרויסע מחנות, וועלכע האָבן זיך ארומגעבלאָנקעט אויף פערשידענע וועגען, ווייט אין די בערג, אויפצוזוכען די העברעער.

צו ענטוויקלען די קריעגס- טעטיגקייט פאַר זיין אַרמעע, האָט גאָרגיאַש געהאַט וועניג פלאַץ, וויל פון רעכטס האָט איהם געשטערט דער זומפּיגער טהאָל און פון לינקס דער הויכער באַרג, דעריבער האָט ער געמוזט קאָנצענטרירען זיין מיליטער אויף אַ אונבעדייטענדע, קליינע שטרעקע.

צו דער ערשטער שלאַכט אָבצוהאַלטען דעם אימפּעט פון די אַטאַקירענדע העברעער, האָט גאָרגיאַש אַרויסגעשיקט אַנ׳אָבטיילונג געפּאַנצערטע פוסגעהער און אַ גרופּע העלפאַנטען, אויף וועלכע ס׳זענען געזעסען בויגען־שיסער און נאָך זיי האָט ער ווייטער געשיקט פרישע און פרישע אָבטיילונגען פון פערשידענע געוועהר. די העברעאישע מאַרשירענדע רייהען האָבען זיך אָבער אין אָנהויב שט אַריינגעלאָזט מיט זיי אין קאַמף, נור מאָמענטאַל זיך צוטיילט אויף צוויי גרופּעס און אַדורכגעלאָזט די ערשטע צעהיצטע גריכישע אָבטיילונגען מיט די העלפאַנטען. מאַנכע רייטער פון דער העברעאישער אַרמעע, האָבען שוין געהאַט ספּעציעלע איינריכטונגען אָבצושרעקען די קעמפּענדע העלפאַנטען, דאָס איז בעשטאַנע פון צוויי לייכטע דרענגלעך אָנגעהאָנגען אויף שנורען גרויסע רויטע טיכער און אין מיטען זענען געווען אָנגעבונדען גלעקלעך מיט פערשידענע בלעכלעך. די אויפגאַבע פון רייטער איז געווען, דאָס ער האָט צושפּרייט די דרענגלעך מיט די רויטע טיכער, אַז ס׳האָט אויסגעזעהען, ווי אַ שרעקליך רויט געשפּענסט, וואָס האָט משונה׳דיג הויך געקלונגען. און מיט דעם איז דער רייטער צוגעריטען פאַר׳ן העלפאַנט, געפאָכעט איהם פאַר די אויגען מיט די רויטע טיכער און געקלונגען מיט די גלעקלעך. פון דעם איז דער העלפאַנט געוואָרען איבערגעשראָען און צוטומעלט. מעהרסטענטייל אָבער איז דער העלפאַנט געייאָרען אַזוי צומישט, אַז ער האָט זיך גאָר אויסגעדרעהט אַ צעווילדעוועטער אויף די די גריכישע רייהען, און אָנגעמאַכט צווישען

זיי חורבנות.

צו דעם קאַמף, האָט מען אָבער בעדאַרפט האָבען אַ אונגעהויערע געשיקטקייט און קאַלטבלוטיגקייט, צו קירעווען מיט'ן פערד און נישט אונטערצוקומען דעם העלפאַנט אונטער'ן שנאָבעל, ווי אויך גלייכצייטיג זיך צו פערשטעלען מיט'ן שילד פאַר די פיילען פון די בויגען-שיסער. ווען עס האָט שוין דעם רייטער געדראָהט זעהר אַ גרויסע געפאַהר, האָט ער געמוזט די צושפרייטע טיכער פלינק אַרויפוואַרפען דעם העלפאַנט אויפ'ן קאָפּ, בכדי איהם צופערדעקען די אויגען און אַליין ווי אַמשנעלסטען זיך אַוועקצודרעהען מיט'ן פערד, וואָרום ביי דעם ערשטען נישט געלונגענעם מאַנעוור, איז דער רייטער מיט'ן פערד געפאַלען אונטער די ריזיגע פיס פון צורייצטען העלפאַנט און ס'איז נור געוואָרען פון ביידע אַ הויפען פלייש מיט ביינער... טיילמאָל פלעגט טאַקי פּאַסירען, אַז דער דרייסטער רייטער האָט בעצאָהלט פאַר דעם מיט'ן לעבען, ווייל אָדער ער איז אַראָבגעפאַלען פון פערד פערוואונדעט דורך אַ פייל, ענטוועדער ער צוזאַמען מיט'ן פערד האָבען זיך אַרונטערגעקריגען אונטער די שווערע פיס פון צעווילדעוועטען העלפאַנט.

אין דעם קאַמף האָט זיך אויסגעצייכענט מעהר פון אַלע, דער בעדואינער שרק. אויף זיין פלינק פערד איז ער אַרומגעפלויגען צווישען די העלפאַנטען, ווי אַ ביהן צווישען די פעלדבלומען. ער פלעגט אַזוי אָנשרעקען און צוטומלען די העלפאַנטען, אַז זיי זענען אַרומגעלאָפען ווי משוגע איבער'ן שלאַכט-פעלד און אנטלויפענדיג האָבען זיי געטויט און געטראַטעוועט די גריכישע קעמפער.

אויף אַ בעשטימטען צייכען, האָבען די שיסער פון זייער בעהעלטעניש אָנגעהויבען צו האָגלען מיט פיילען אויף די אַטאַקירענדע געדיכטע רייהען פון די גריכען און גלייכצייטיג האָבען זיך ביידע גדודים געלאָזט פון די זייטען מיט אַ הויכען אויסגעשריי „מות ליונים”!

יהודה מיט זיין אָבטיילונג, צווישען וועלכע ס'האָט זיך געפינען דער „גדוד-הברזל”, האָבען ווייטער אַטאַקירט פון פאָ-

רענט אויפ'ן צענטער מיט אַ געוואַלדיגען אימפעט. עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ שרעקליכער קאַמף, וועלכער האָט נישט לאַנג געדויערט, וואָרום דאָס געדינגענע גריכישע מיליטער, ווי זיי האָבען נור דערזעהען, אַז די העברעער האָבען אַרומגענומען דאָס שלאַכט-פעלד פון דריי זייטען און עס פאַלען פון זיי הרוגים און פערוואונדעטע, — האָבען זיך זייערע אָבטיילונגען באַלד אויסגעמישט און האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז זיך צוריקצוציהען אָהן אָרדנונג. אין דער זעלבער צייט אָבער, האָבען זיך בעוויזען פון דערווייטענס אויף די בערג אַ גרויסע מחנה גריכען, פון די חילות, וואָס גאָרגיאַש האָט אַרויסגעשילט אַרומצורינגלען די בערג יהודה; אויך האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין איילעניש אַ טייל פון גאָרגיאַש'עס געפאַנצערטע רייטער אויף די אָנגעמאַטערטע פערשוויצטע פערד, וועלכע האָבען צוערשט געזוכט יהודה'ס אַרמעע צווישען די בערג און ס'האָט זיך ערשט נאָכדעם ענטוויקעלט אַ מורא'דיגע שלאַכט.

גריכען איז געוועזען אין אַ פיעל גרעסערער צאָהל פאַר די העברעער. אויסער דעם האָט יהודה גלייך דערקענט ביים אויספאָרמירען און צושטעלען די גריכישע אָבטיילונגען צום שלאַכט, גאָרגיאַש'עס געניאַלע קריעגס-פעהיגקייטען. באַלד אין ערשטען אויגענבליק האָט ער איינגעזעהען, אַז ער האָט צוטהון מיט אַ געניטען, טאַלאַנטפולער אָנפיהרער. נור דאָס גאַנצע גליק פון די העברעער איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס גארגיאש איז נישט געוועזען צוגעגרייט צום שלאַכט, און אויך דאָס, וואָס די העברעער האָבען געהאַט פערנומען אַ גוטע סטראַטעגישע פּאָזיציע, צוליעב וועלכע, מ'האָט זיי פוןביידע זייטען נישט געקאָנט אַרומנעמען: פון איין זייט איז געוועזען דער הויכער פערוואַקסענער באַרג, פון וואַנען די שיסער האָבען אָהן אויפהער געהאָגעלט מיט פיילען; און פון דער צווייטער זייט דער זומפּיגע טהאָל, וואו ס'איז געוועזען שווער אַדורכצומאַרשירען מיט גרויסע אָבטיילונגען מיליטער, נור דער גאַנצער קאַמף האָט זיך קאָנצענטרירט אויף נישט קיין גרויסער שטרעקע.

נאָכדעם ווי די גריכען האָבען בעקומען די פריש אָנגעקו־

קומענע קרעפטען, האָט זיך ערשט די שלאַכט ענטוויקעלט מיט מעהר אימפעט און גרויזאַמקייט. פון ביידע זייטען זענען געפאַלען הרוגים און פאַרוואונדעטע. גאָרגיאַש אָבער האָט אַלץ ווייטער מיט פערביסענהייט אַרויפגעשיקט אויף די בעוועגליכע זידענדע מענשען־מאַסע, נאָך זיינע אָבטיילונגען צום שלאַכט.

די העברעער האָבען געקעמפט מיט מוטה און ענטשלאָסענהייט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גלייכען אין אַנדערע מלחמות. ווי צערייצטע לייבען האָבען זיי זיך געוואָרפען אויפ׳ן שונא און קיין שום געפאַהר האָט זיי נישט צוריקגעהאַלטען. ווייל זיי האָבען גוט געוואוסט, אז דאָ געהט נישט נור אין זייער לעבען, נור אויך אין לעבען פון זייערע פרויען און קינדער און אויך אין עקזיסטענץ פון גאַנצען פאָלק.

ווען יהודה האָט דערזעהן, אַז די העברעאישע קעמפער זענען שוין געוואָרען אָנגעמאַטערט און הויבען אָן מיעד ווערען פון קאַמף, האָט ער געגעבען אַ סיגנאַל און עס זענען אַרויסגעריטען פון שונא׳ס ברענענדיגען לאַגער, אלעזר החורני מיט זיינע געפאַנצערטע מכבים און מיט זייער רויטען פאָהן, אַלע האָבען זיך געלאָזט אויפ׳ן שלאַכט־פעלד אין דריי געדיכטע רייהען, וועלכע זענען אַריינגעפאַלען ווי אַ שטורם־ווינד אין די געדיכטע קעמפענדע מאַסע.

דאָ איז פאָרגעקומען אויף דעם פערהעלטניס־מעסיגן קלייגעם שלאַכט־פעלד אַזעלכעס, וואָס מען קען נישט איבערגעבען מיט ווערטער. ס׳האָבען זיך אויסגעמישט מענשען מיט פערד, העלפאַנטען מיט רייטערס, געפאַנצערטע מיט געוועהנליכע קעמפערס, ס׳האָבען געבליצט פאַר די אויגען אין אַ טייוולאָנישען מיש־מאַש: פליהענדע פיילען, גלאַנצענדיגע שאַרפען פון שפיזען פאַנצערס מיט שילדען, שווערדען און העלמען און ס׳האָט געקלונגען אין דער לופט און אַ שוידערליכען טראַסק, אייזען, בראָנז שטאָהל מיט אַנדערע מעטאַלען. עס זענען געליגען אויף דער ערד גאַנצע קופעס הרוגים, צווישען וועלכע ס׳האָבען זיך געוואַלגערט פערוואונדעטע און האָבען אָהן אויפהער צווישענאיינאַנדער געקעמפט. אויף דעם אַלעמען האָבען.

אַרומגעטרעטען קעמפּענדע מענשען מיט צעהאַקטע פערד און האָבען אונבּרחמנות׳דיג געטראַטעוועט.

די געדיכטע רייהען „מכבּים" האָבּען זיך אַריינגעשניטען אין דער ריהרעוודיגער מענשען-מאַסע, ווי שטראָמען פייערדיגע לאַווע פון אַ וואולקאַן און האָבען ווי אַדורכגעהאַקט דריי ברייטע וועגען דורך אַ פעלד רוישענדע תּבואה. ס׳האָבּען אָבּגעגלאַנצט אין די ברענענדיגע שטראַהלען פון דער זון זייערע גלאַנצענדיגע פאַנצערס מיט די מעשענע העלמען און די בלאַנקע שווערדען מיט די שאַרפען פון די שפּיזען האָבּען ווי געבּליצט אין דעם געדיכטען וואָלקען-שטויבּ. אלעזר החורני׳ס לאַנגע שווערד האָט יעדעס מאָל אויפגעבּליצט אַנטקעגען די זונען-שטראַהלען, ווי אַ שוועבּענדער, פייערדיגער שלאַנג מיט בּליצענדע זיגזאַגען; דן׳ס מורא׳דיגע „פיילעכעל" האָט זיך יעדעס מאָל אויפגעהויבּען מיט אַ גלאַנץ פון צווישען די בּעוועגליכע מאַסע און האָט אַדורכגעהאַקט קערפּערס און פאַנצערס מיט אַ שרעקליכען סווישטש.

אין דער גאַנצער לופט האָט זיך אויסגעמישט אַ כאַאָס פון קלאַנגען און קולות, ווי דאָס רוישען פון לויפענדע מיהלשטיינער, אָדער ווי דאָס בּרויזען פון די שטורמדיגע כוואַליעס פון ים. ס׳האָבּען זיך דערהערט טומעלדיגע געשרייהען פון מענשען, דאָס הירזשען פון פייערד, גרינצעלדיגע קלאַנגען פון מעטאַל, דאָס קנאַקען פון צובּראָכענע שווערדען און שפּיזען, פערשידענע סיגנאַלען פון טראָמפּייטען, הויכע וועהגעשרייהען פון פערוואונדעטע, זשומען פון די פליהענדע פיילען, צוזאַמען מיט די משונה׳דיגע קולות פון די פערוואונדעטע העלפאַנטען. דאָס אַלעס האָט זיך אויסגעמישט אין איין כאָאָטישען רעש....

אין דער לופט האָט זיך געשפּירט דער גערוך פון מענשען-שווייס, מיט דעם אָבשייליכען הויך פון הייס פערגאָסען בּלוט און אַ געדיכטער שטויבּ האָט פערדעקט דעם שטורמדיגען ערדישען גהינום !...

די לעצטע אַטאַקע פון די מכבּים האָבען די גריכען נישט אויסגעהאַלטען און אונגעהויבּען צו אַנטלויפען אין טויט-שרעק אויף אַלע זייטען, ווי אַ סטאַדע צעפלאָשעטע שעפּסען געיאָגט

דורך וועלף. אַ טייל האָבן זיך געלאָזט לויפן אויפ׳ן באַרג אַרויף, וואו די „רובים״ האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ האָגעל פיילן, אַ טייל האָבן זיך צעשפּרייט איבער׳ן זומפּיגן טהאָל, אָדער זיך צוריקגעקעהרט אויף די נייע מאַרשירענדע אָפּטיילונגען און האָבן זיך צווישענאייננאַנדער געשטופּט און געשטויסן. די העברעאישע קעמפער האָבן זיי נאָכגעיאָגט און וואָס נור מעגליך געוועין, געהאַקט און געשטאָכן. ס׳האָט נישט געהאָלפן, וואָס גאָר־גיאַש זעלבסט איז אַרומגעריטען איבער׳ן מלחמה־פּ.אַץ אויף זיין ווייסן פערשוויצטען פערד, מיט דער בלאַנקער שווערד אין דער האַנד און האָט געוואָלט איינהאַלטען דאָס איבערגעשראָקענע מיליטער, ער האָט געשריהען און געפלוכט ביז צום הייזעריג ווערען, אָבער דאָס מיליטער איז אַלץ ווייטער געלאָפן אָהן אָרדנונג צו דער זייט פון דרום און האָט זיך געראַטעוועט פון טויט און די העברעאישע רייטער האָבן זיי פערפאָלגט אין לאַנד אדום און ווייט אין מדבר.

אויפ׳ן שלאַכט־פעלד זענען געבליבען ליגען טויזענדער הרוגים און פערוואונדעטע. דער העלד דן האָט פערלוירען אין דער שלאַכט זיין געליבט פערד, — דאָס שוואַרצע פערד מיט׳ן ווייסען צייכען אויפ׳ן שטערן. דן האָט זיך נוקם געווען פאַר זיין געטויטען חבר אויף אַ גרויזאַמען אויפן: אויף אַ בעדייטענדע שטרעקע אַרום דעם געפאַלענעם פערד, האָט ער אָנגעמאַכט אַ שרעקליכען חורבן צווישען די גריכען, זאָגאַר די פערוואונדעטע און די הרוגים האָט ער צעהאַקט מיט זיין מורא׳דיגען „פיילעכעל״, אַז ס׳איז נור געבליבען ליגען אויף דעם אָרט אַ גרייסער הויפען מענשען־פלייש...

דער בעדואינער שרק איז געוואָרען שווער פערוואונדעט, אַ שיסער פון אַ העלפאַנט האָט איהם געטראָפען אַ פייל אין דער זייט און ער איז אַראָבגעפאַלען פון זיין בולאַנע פערדעל, ווי אַ צייטיגער עפּעל פון בוים, אונטער די פיס פון די צוהיצטע קעמפער. נאָכדעם, אַז מ׳האָט איהם אַפּערגענומען אַ פערבלוטיגטען פון אונטער אַ קופּע הרוגים, איז ער געווען בעוואוסטלאָז. די וואונד איז נישט געווען אַזוי ווייט געפעהרליך.

אַז דן האָט זיך דערוואוסט וועגען זיין חבר שרק, איז ער געקומען צולויפען פערשוויצט, פערסאַפּעט, דאָס פערבלוטיגטע „פּיילכעל” האָט ער נאָך געהאַלטען אין דער האַנד און פון קאָפּ ביז צו די פיס איז ער געוועזען אין גאַנצען בעשפּריצט מיט בלוט. דן האָט זיך אָנגעבויגען איבער דעם פערוואונדעטען, דאָס ברייטע פּנים זיינס האָט זיך אויסגעקרומט פון צער. ער האָט דעם שוין פערבאַנדאַזשירטען שרק׳ן געכאַפּט לייכטיטשקע אויף דער האַנד, צוגעטוליעט צו זיין אייזערנער ברוסט ווי אַ מוטער איהר ציטעריג קינד און האָט איהם אַוועקגעטראָגען אין טהאָל בעבען אַ טייכעל, אַנידערגעלעגט אין שאָטען אונטער אַ בוים און טרויעריג אויסגערופען מיט זיין באַסאָווע שטימע, וועלכע האָט געציטערט פון אויפרעגונג:

— אָ! כ׳האָב היינט פערלוירען מיינע צוויי בעסטע חברים!...

ס׳איז אויך געפאַלען אין דער שלאַכט מיט דער שווערד אין דער האַנד דער בעקאַנטער אָנפיהרער פון „גדוד הברזל”, אַנטיגנוס המודעי — יהודה האָט לאַנג געטרויערט נאָך זיין בעליבטען לעהרער און פריינד, ביי וועלכען ער האָט נאָך פון אָנהויב אָן איבערגענומען זיין ניכטערנעם פערשטאַנד, מיט דער אויסגערעכענטער קאַלטבלוטיגקייט אין דער גרעסטער געפאַהר. שפּעטער נאָך דער קבורה האָבען אַלע חברים אָנגעשיט אויף זיין קבר אַ גרויסען באַרג ערד און יהודה זעלבסט האָט אַרויפגעלעגט אַ שווערען שטיין אויפ׳ן שפּיץ, מיט דער קורצער אויפשריפט:

„אנטיגנוס בן עזאי האָט זיך געאָפּפערט אַלס קרבן פאַר זיין פאָלק” ביים אַרויפלעגען דעם שטיין אויפ׳ן קבר האָבען זיך אין יהודה׳ס אויגען בעוויזען טרערען — ס׳קען זיין, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען...

באַלד ווי די גריכען זענען אַנטלאָפען פון שלאַכט-פעלד, האָבען זיך די העברעאישע קעמפער געוואָלט וואַרפען אויף גאָרניאַש׳עס רייכען לאַגער צו בערויבען, אָבער פאָרלויפיג האָט זיי יהודה דאָס שטרענג פערבאָטען, ריכטענדיג זיך נאָך אויף אַ נייע מלחמה מיט דער רעשט גריכישע אָבטיילונגען, וואָס קענען נאָך אָנקומען פון די בערג. ער האָט אָרום דעם לאַגער אַנידערגע-

שטעלט אַ וואַך, אונטער דער אָנפיהרונג פון יוסף בן זכריה און די „שומרי־הכלים“ האָט ער בעפוילען צו פערבאַנדזשירען אַלע פער־וואונדעטע, אויך פון שונא'ס אַרמעע און די טויטע צו בעגראָבען.

יהודה האָט צוריק אויסגעשטעלט אַלע זיינע אָבטיילונגען אין קריעגס־אָרדנונג, יעדע יאָבטיילונג אויף אַ געהעריגער פּאָזיציע און האָט מיט ענטשלאָסענהייט געוואַרט אויפ'ן אָנקומענדען שונא. און ווירקליך, נאָך מיטאָג האָט מען דערזעהען אויף די ווייטע שפּיצען בערג, ווי עס קומען אָן גרויסע מחנות גריכען; די העב־רעאישע אָבטיילונגען זענען שוין געשטאַנען גרייט צום שלאַכט, אָבער קיין שלאַכט איז שוין מעהר נישט פאָרגעקומען. וואָרים, אַז די גריכען האָבען פון דערווייטענס דערזעהען דעם רויך פון גאָרגיאַש'עס פערברענטען לאַגער און ווי די העברעאישע רייטער פליהען אַרום אין דער געגענד מיט טריאומפירענדע אויסגעשריי־הען, — איז געפאַלען אויף זיי אַזאַ אימה, אַז זיי האָבען זיך געלאָזט גלייך לויפען אין שרעק און איילעניש אויף דרום זייט אין לאַנד פלשתים.

נאָך יהודה'ס איצטיגען נצחון ביי עמאאוס איבער גאָרגיאַש'עס אַרמעע, צוזאַמען מיט זיינע ערשטע נצחונות איבער אַפּאָלָניוס'ען, ווי אויך איבער העראָנ'ען, וואָס זענען אַלע פאָרגעקומען אין איין יאָהר, — האָבען ערשט די גריכען איינגעזעהען, אַז זיי האָבען נישט צו טהון מיט אַ שוואַך, שרעקוועדיג פאָלק, וואָס מען קען מיט זיי מאַכען, וואָס מען וויל. נור זיי האָבען פאַר זיך דערזעהען אַ שטאַרקע מוטיגע נאַציע, מיט אַ געוואַלדיגער ענערגיע און מיט אַנ'אייזערנער ווילענס־קראַפט און דערצו נאָך מיט אַ העלדישען געניאַלען אָנפיהרער, יהודה המכבי.

די גריכען האָבען זיך ערשט איצט איבערצייגט, אַז אַזאַ מוטיג פאָלק איז אונמעגליך צו אַסימילירען און פערניכטען!...

VII

אָך דער זיגערישער שלאַכט בײַ עמאַאוס האָבען אַלע העברעער פון לאַנד יהודה בעקומען גאָר אַ נייעם מוטה, זיי האָבען ערשט דערשפירט אין זיך דעם גייסט פון גבורה, נישט צו שרעקען זיך פאַר׳ן שונא׳ס גרויסע מחנות מיט זייערע נייעסטע קריעגס־מכשירים; זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז ביים שטאַרקען בטחון אָן זייער גאָט, קאָנען זיי בייקומען די גריכען מיט זייערע מעטאַלענע פאַנצער־ און העלמען, רייטער און העלפאַנטען.

אין דער שלאַכט ביי עמאַאוס האָבען די העברעער צוגענומען ביי די גריכען אַ גרויס רייכטום: געפאַנגענע, פיעל פערד מיט געוועהר, פּראָוויאַנט, סטאַדעס בהמות, געצעלטען און אַנדערע קריעגס־מכשירים. אויסער דעם האָבען די העברעער געפונען אין גאָריאַש׳עס לאַגער ביי די שקלאַפען־הענדלער, וואָס זענען מיטגעקומען אויפצוקויפען העברעאישע קנעכט, גרויסע סומעס געלד, גאָלד, זילבער און פורפור־שטאָפען, וואָס יהודה האָט אוועקגעשענקט אויף צוריקצושטעלען די אָרדנונג אין בית־המקדש און אויף צו פיהרען די ווייטערדיגע קאַמפען מיט די בעדריקער.

אויף צו מאָרגענס האָט יהודה אויסגעשטעלט די גאַנצע אַרמעע אין געהעריגער אָרדנונג, גרייט אין וועג אַריין. אַזוי האָט זיך געלאָזט דאָס העברעאישע זיגערישע מיליטער מאַרשירען אין פולען פּאַראַד צו דער היים פון די העלדישע חשמונאים — אין שטעדטעל מודעים.

פאַראויס איז געריטען יהודה אויף זיין שוואַרצען „עורב“ מיט אַלע זיינע ברידער: יוחנן, שמעון, אלעזר און יונתן. אלעזר׳ס קאָפּ איז געווען פערבאַנדאַזשירטמיט אַ ווייס טוך.

זיין בעחנ׳ט פנים האָט געשיינט מיט אַ קינדישען שמייכעל אויף די קאָראַלענע ליפען און ער האָט פרעהליך געפלאַפּעלט מיט די חברים. דער „מוזעניק״ יונתן איז געריטען אויף אַ שעהן, שלאַנק, גניאדע פערדעל, מיט ווייסע פלעקען ביי די קנעכלען, וואָס האָט יעדעס מאָהל אונטערגעטאַנצט און זיך געריסען צום לויפען. יונתן איז געזעסען אין זאָטעל גראַציעז, ברייט צוזעצט, ווי אַ שענער יונגער פרינץ און מיט מיה איינגעהאַלטען די ציעגעל פון לייכטען פערדעל. צוזאַמען מיט די ברידער חשמ„ונאים זענען געריטען די גרעסערע אָנפיהרער, עזריה מיט די „שרי־גדודים״, נאָך זיי האָט מען געטראָגען די קריעגס־טראפעען, שיאַניגע צוגענומענע ביים שונא פעהנער און ס׳זענען נאָכגעגאַנגען עטליכע גריכישע געפאַנגענע הויפטלייט, געשמידט אין קייטע — אין די זעלבע קייטען, וואָס די שקלאַפען־הענדלער האָבען מיטגעבראַכט צו שמידען די העבּרעאישע געפאַנגענע. — נאָך זיי זענען געריטען די געפאַנצערטע „מכּבּים״ צו פינף רייטער אין אַ שורה, איין פלוגה נאָך דער צווייטער, פאָראויס פאַר יעדע פלוגה, דער „שר־מאה״ מיט צוויי „שרי־חמישים״ און דער רויטער פאָהן טיט די גרויסע אותיות מ. כ. ב. י. האָט מאַיעסטעטיש געפלאַטערט אין דער לופט. נאָך די „מכּבּים״ האָבען עסדער מאַרשירט די פוסגעהער, די שווערדען מיט די שילדען אָנגעהאָנגען ביי די זייטען, די שפּיעזען פערלעגט אויף די אַקסלען, יעדער „גדוד״ באַזונדער מיט זיין פאָהן, איין „מאה״ נאָך דער צווייטער און די „שרים״ פאָראויס. אַלס אריערגארד אָבגעטיילט גאָר פון הונטען, וועלכעס די העבּרעער האָבען גערופען „מאסף״, האָבען מאַרשירט עטליכע הונדערט „רובים״, די בויגענס מיט די פיילען אָנגעהאָנגען אויף די פּלייצעס און קורצע שווערדלעך ביי די זייטען.

דער גאַנצער צוג האָט זיך וואונדערליך געדרעהט צווישען די בערג, די מעשענע העלמען מיט די אָבגערייניגטע פאַנצערס און די שאַרפען פון די שפּיעזען האָבען מאַיעסטעטיש אָבגעבלאַנצט אין די גליהענדע שטראַהלען פון דער הערבסט־זון און די קאָלירטע פעהנער האָבען געפלאַטערט ווי ברייטע אָדלער-

פליגלען איבער די שטאָלצע קעפּ פון די טאַפּפערע קעמפּער.

אומעטום, וואו די זיעגער האָבען אַדורכמאַרשירט, האָבען די איינוואוינער פון די דערפער אויפגענומען די בעפרייער פון לאַנד מיט שטורמישע אָוואַציעס; מ'האָט זיי אַנטקעגענגעטראָגען די בעסטע שפּייזען, האָניג, פרוכטען און גאַנצע עמערס וויין. די דאָרפישע מיידלעך זענען אַרויסגעקומען מיט געפלאָכטענע קרענץ פון פעלד־געוואוקסען, מיט וועלכע זיי האָבען בעציערט די שטאָלצע קעפּ פון די קעמפער און האָבען בעשיט די טאַפּפערע פרייהייטס־העלדען מיט גאַנצע קוישען שמעקענדיגע בלומען. ווי נור מ'האָט געזעהען די אַדורכמאַרשירענדע העברעאישע אָבטיילונגען מיליטער מיט'ן פולען גלאַנץ, האָבען זיך דערהערט לכבוד זיי הויכע פרעהליכע אויסגעשרייהען און ביי מאַנכע פון די צושויער האָבען זיך פון פרייד געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. אין איין דאָרף איז אַרויסגעלאָפען אַ גרייז־גרויער פויער, זיין אַלט, צעאַקערט־מיט קנייטשען פּנים האָט אויפגעפלאַמט, די גרויע האָר מיט די באָרד צעשויבערט, ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אויפן וועג פאַר די פיס פון די חשמונאים'ס פערד, די טרערען האָבען איהם געשטיקט אין האַלז און ער האָט אויסגערופען מיט אַ ציטערדיגע שטימע:

— זאָל מען צעטרעטען מיינע אַלטע ביינער, זאָל מען מיך גלייך טויטען אויפ'ן אָרט, כ'וועל נישט אָבטרעטען, ביז וואַנען כ'וועל נישט קושען די פיס פון דעם ערלעזער פון אָבגעראַטעוועטען פאָלק!...

יהודה איז אַזוי געוואָרען גערירט פון דער נאַאיווער סצענע, ער איז אַראָבגעשפּרונגען פון פערד, אויפגעהויבען דעם אַלטען גרייז פון דער ערד, ער האָט איהם מיט ליבשאַפט אַרומגענומען און זיי האָבען זיך הייס צעקושט.

יהודה איז געריטען פערשכורט פון גליק, זיין שעהן ענערגיש פּנים האָט געלויכטען פון אינערליכען גענוס, זיין האַרץ איז געוועזען איבערפולט פון פרייד. פאָרלויפיג איז דאָס לאַנד שוין בעפרייט פון די פערהאַסטע גריכען, דער געפעהרליכער פלאַן פון משוגע'נעם אנטיוכוס צו פערטיליגען דאָס יודישע

פאָלק איז פאַראיבערגעגאַנגען ווי אַבייזער קאָשמאַר, איצט קאָן מען שוין טרוימען אויך איינצונעמען ירושלים און צוריקצושטעלן די עבודה אין בית־המקדש.

פאַר יהודה׳ס אויגען שוועבן איצט אַדורך די אַלע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָבגעשפּיעלט נאָך פון אָנהויב אויפשטאַנד אָן, אין די אַלע שלעכטע צייטען. ער דערמאָנט זיך אָן זיין לעהרער און פריינד אַנטיגנוס המודעי, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען אַרומגעפאָהרען איבער׳ן לאַנר צו וועקן דאָס פאָלק צום אויפשטאַדנ; ווי זיי האָבן צוזאַמען מיטגעמאַכט די ערשטע פאַרטיזאַנער־קאַמפען אין די בערג פון בשן ביים נהר־הצפוני. אבער איצט? ליגט דער קלוגער געלעהרטער קאָפּ אונטער דעם גרויסען באַרג ערד, וואָס זיינע חברים האָבן איהם אָנגעשיט! — נור פערפאַלען, די וועלט איז אַזוי געשטעלט, ס׳איז גאָרנישט פערהאַן אויף דער וועלט קיין פולקאָמע שמחה. יעדע מלחמה מוז אויך האָבן איהרע קרבנות!...

ס׳קומט יהודה׳ן אויפ׳ן געדאַנק יענע שרעקליכע נאַכט נאָך דער מפלה פון אפּעלעס׳ן אין מודעים, ווען זיין פאָטער מיט׳ן גאַנצען הויז־געזונד האָבען געמוזט אַנטלויפען פון דער היים אין די בערג אפרים. ס׳איז דעמאָלט געוועזען אַ פינסטערע נאַכט, אַ קאַלטער ווינד האָט געבלאָזען, אַ געדיכטער רעגען האָט געשמיסען אין פנים אַריין און זיי האָבען זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער, אין נאָרעס און אין היילען, ווי ווילדע מענשען. פיעל מאָל האָבען זיי געליטען קעלט און הונגער און די בלוטדורשטיגע גריכען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און געלויערט אויף זיי, ווי אויף ווילדע חיות. יהודה געדענקט נאָך גוט דאָס שטאַרבען פון זיין העלדישען פאָטער, די בעגייסטערטע צוואה זיינע, ווען ער איז געלעגען אויפ׳ן טויטען בעט אין דער הייל „מערת־אליהו", ווייט און פערגעסען פון מענשען און אין דער דאָזיגער וויכטער נאַסער הייל, האָט ער אויסגעהויכט זיין גרויסע, הייליגע נשמה!... אָ, אַמוועניגסטענס, ווען דער פאָטער וואָלט נאָך איצט געלעבט און געזעהען מיט זיינע אויגען, ווי זיין הויכע שטרעבונג און דער הייליגער טרוים צו בעפרייען

דאָס אומגליקליכע פאָלק, איז פערווירקליכט געוואָרען!.

יהודה ווייסט אָבער אויך, אַז ס'איז נאָך נישט דער סוף פון די בלוטיגע מלחמות. די סעלעווקידישע טיראַנען וועלען נישט אַזוי לייכט אַרויסלאָזען דאָס לאַנד יהודה פון זייערע רויבערישע נעגעל. און ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך ווערען מיט איהם זעלבסט? וואָס עס קאָן ווערען מיט זיינע ברידער, וואָס רייטען דאָ נעבען איהם? נור יהודה דערמאָנט זיך די ווערטער, וואָס ער זעלבסט האָט געזאָגט אויף דער פאָלקס-פערזאַמלונג אין מצפה: „ס'איז פיעל בעסער צו פאַלען מיט אַ העלדישען טויט מיט דער שווערד אין דער האַנד, איידער אַריינצופאַלען צום שונא און צו שטאַרבען אין שאַנד און שפאָט!" ער פערטרייבט מיט געוואַלד די אומעטיגע געדאַנקען פון קאָפ. — מען מוז ווייטער קעמפען ביז צום לעצטען און האָפען אויף אַ גלענצענדען נצחון!

יהודה שטעלט זיך ווידער פאָר אין די געדאַנקען דאָס גליק זייערס, ווי זיי וועלען איצט אַריינקומען מיט טריאומף קיין מודעים, זייער געליבטע מוטער וועט מיט טרערען אין די אויגען עמפפאַנגען איהרע העלדישע זיהן. ער ווייסט שוין אויך, אַז זיין תמר געפינט זיך ביי דער מוטער אין מודעים. יהודה שטעלט זיך פאָר אין געדאַנק, ווי תמר וועט איהם ענטקעגענ-געהן מיט איהר שעהן שטראַהלענדיג פנים, זי וועט איהם פער-בשופ'ען מיט איהר רייצענדען בליק און מיט דעם זיסען, צניעות'-דיגען שמייכעל אויף די קאָראַלען ליפען. אַך! וויפיעל וואהנזי-ניגען תענוג וועט ער געפינען אין דעם זיסען שמייכעל?... שוין צוויי יאָהר זענען אַריבער ווי יהודה האָט תמר'ן נישט געזעהען, און דערצו האָט ער אַדורגעלעבט אַזויפיעל שלאָפלאָזע נעכט און פערשידע-נע איבערקלערונגען, אַזויפיעל געטרוימט אין אַזעלכע שוואַרצע, מורא'דיגע אילוזיעס!... דער אַלטער אלעזר האָט איהם דערצעהלט, אַז תמר איז נאָך שעהנער געוואָרען איבער דער צייט, מאַיעסטעטישער און איבערענט ווייטער מיט אַ פייערדיגער נישט-פערלאָשע-נער ליבע צו איהם...

ווען יהודה וואָלט זיך נישט געשעהמט, וואָלט ער אי-

בערגעלאָזט זיינע ברידער מיט'ן מיליטער, ער וואָלט אויף פליגלען גערן געפלויגען און זיך צוזעהען מיט זיין געליבטען מלאך. יעדער מינוט איז איהם צו לאַנג צו וואַרטען... נור די מיליטערישע דיסציפלין פון דעם איצטיגען מאָמענט, ערלויבט איהם נישט אוועקצורייטען פון זיינע חברים, ער, אַלס אָנפיהרער דאַרף אַריינקומען מיט'ן פאַראַד אָן דער שפּיץ פון זיין זיגערישען מיליטער.

דן איז געריטען צווישען די „מכבים" האַנד ביי האַנד מיט'ן אַלטען אבטליון און ביידע לאַנדסלייט האָבען פריינדליך גערעדט.

דן'ס פּני סהאָט אויפגעשטראַהלט, געוויס האָט ער זיך דערמאָנט אָן עפּיס פרעהליכעס, אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ ליידענשאַפטליך פייערל און ער האָט אונגעדולדיג אויסגערופען צו אבטליונ'ען:

— דער וועג דויערט אַזוי לאַנג!... כ'וואָלט שוין געוואָלט זיין אין מודעים, זעהען זיך מיט מיין זיס פויגעלע. שוין אַזא לאַנגע צייט, ווי כ'האָב נישט געזעהען דאָס געליבטע טייבעלע!...

— איבער דיין פויגעלע האָט מען זיך גענוג אָנגעליטען — האָט זיך אבטליון פרעהליך צעלאַכט, — אַז איך דערמאָן זיך, געהט מיר נאָך איצט אַ שוידער דורך די ביינער, געדענקסט?

— אָבער דעמעטעאוס'עס קאָפּ האָב איך געמוזט ברענגען אין לאַגער אַריין! — האָט דן אַרויסגעכוואַרמעלט מיט זיין באַסשטימע און ס'האָט זיך צעקויקעלט אין דער לופט דן'ס געזונטער, דונערענדער געלעכטער.

ערשט אויפ'ן צווייטע טאָג זענען זיי אַלע אָנגעקומען אונטער מודעים, דער גאַנצער טריאומפּ'ס-צוג האָט זיך אויפסניי אויסמאַרשירט אין אָרדנונג. די זיגערישע אַרמעע האָט אַריינמאַרשירט מיט'ן פולען פאַראַד קיין מודעים און פון טויזענטער געזונטע ברוסטען האָבען אָבגעהילכט פרעהליכע אויסגעשרייען לכבוד דעם בעפרייען פונ'ם גאַנצען פאָלק!...

VIII

דער יום-טוב סוכּות פון דעם זעלבען יאָהר, וואָס די חשמונאים האָבען אָבּגעהאַלטען זייער רוהמפולען נצחון איבּער די גריכען, איז געווען אין מודעים אַ פרעהליכער. עולה-רגל זיין אין בּית-המקדש האָט מען נישט געקאָנט, ווייל גאָט׳ס היכל איז נאָך געווען פעראומרייניגט מיט געצען-בּילדער און אין ירושלים האָבען געבּעל הבּית׳עוועט די פערבּליבּענע גריכען און די איבּערגעגעבּענע העלעניסטען מיט זייער כּהן-גדול מענעלעאוס בּראש. אָבּער אין דעם שטעדטעל מודעים, וואו אַלע בּרידער חשמונאים האָבּען געוויילט איבּער יום-טוב, איז געוועזען היימליך. ס׳זענען זיך צונויפגעקומען די איינוואוינער פון דער געגענד און אַלע אָנגעזעהענע מענשען פון לאַנד, מיט די געלעהרטע פּרושים, צו בּעראַטען זיך וועגען פאָרטצוזעצען דעם קאַמף מיט די גריכען. עס פלעגען אויך אַלע מאָל אָנקומען פרישע מחנות פרייוויליגע אין די רייהען פון די העבּרעאישע קעמפער, וועלכע יהודה המכבּי האָט צוגעטיילט צו פערשידענע אָבּטיילונגען און מ׳האָט זיי גלייך אַוועקגעשיקט אין די בּערג יהודה׳ וואו ס׳איז געוועזען קאָנצענטרירט דער הויפּט-לאַגער פון דער העבּרעאישער אַרמעע.

צוזאַמען מיט אַנדערע געסט האָבּען זיך געפינען אין מודעים שמעי-הכּרמלי מיט זיין איינציגער טאָכטער אביגיל. אויך זענען געקומען זעהען זיך מיט זייער געליעבּטער טאָכטער, נאָך אַזאַ לאַנגער אָבּוועזענהייט, תמר׳ס פאָטער ינאי פון גפנים און איהר מוטער שלומית און די פרייד בּיי אַלע איז געוועזען אונבּעשרייבּליך.

יהודה האט נישט געלאזט תמר'ן אהיימפאהרען קיין פנים, צוליעב דעם מעגליכען צוזאמענשטויס מיט דער סירי-שער ארמעע, און אויך האט ער בעשלאסען איינמאל פאר אלע מאל, נישט אוועקצולאזען זיין געליבטען שאץ פון זיך.

דער פערוואונדעטער שרק איז געלעגען ביי שושנה אין הויז ; תמר און קציעה זענען זיך מיט איהם אומגעגאנגען, ווי מיט א ציטעריג קינד, זיי האבען איהם געשפייזט מיט אלעם בעסטען און געהיטען ווי אן'אויג אין קאפ. תמר און קציעה געדענקען נאך יענע נאכט, ווען זיי זענען אנטלאפען אין שי-פעל פאר די גריכען, וועלכע האבען זיי פערפאלגט און וואס נאר א דאנק שרק'ן זענען זיי געראטעט געווארען. איצט איז ער שוין געזונטער, די וואונדען היילען זיך, אבער ער נעהמט נאך ארום פערבאנדאזשירט און ביי יעדער געלעגענהייט האט ער דאס פערגעניגען צו „דאקטשען דן'ס קציעה'ן, ער רופט זי שטענדיג מיט שפאס : „דאס געליעבטע פויגעלע”. קציעה בעוויזט איהרע ווייסע ציין, צעלאכט זיך מיט א הילכיג געלעכ-טער און דראהט שרק'ן, אז זי וועט איהם פער'מסר'ן פאר דן'ען. שרק צעלאכט זיך פרעהליך און טהוט נור אויף זיין שטייגער א הויכען פייף.

אין דעם זעלבען גרויסען איינפאכען הויז, וואו דער אל-טער מתתיהו האט געוואוינט איז איצט לעבעדיג און פרעהליך, פון פריה ביז שפעט אין אוונד איז א גערידער און א געפילדער, יעדעס מאל קומען אן נייע געסט.. די מוטער פון די העלדישע זיהן, די אלטע שושנה החשמונאית איז גאנצע טעג פערפארעט, מיט א ליבליכען שמייכעל נעמט זי אויף די אנגעקומענע געסט. אויסער דעם קאן זי זיך גארנישט אנפרעהען מיט איהרע זיהן, וועלכע זענען איהר געבליבען די איינציגע טרייסט נאך דעם גע-ליבטען פערשטארבענעם מאן. איהר מוטער־הארץ קוועלט אן פון נחת, וואס די אויגען פון גאנצען פאלק זענען איצט געווענדעט צו איהרע זיהן, — די איינציגע בעשיצער און רעטער פון לאנד.

פיעל מאל פלעגט איהר תמר זיין בייהילפיג ביי דיווירט-שאפטליכער אנגעלעגענהייטען און די גוטע שושנה האט זעהר

ליעב בעקומען איהר צוקונפטיגע שנור פאַר איהר חכמה און צניעות.

אויפ'ן הויף פאַר'ן הויז און אין גרויסען גאָרטען זענען אויפגעשטעלט געוואָרען ביידלעך בעדעקט מיט צווייגען פון וויינשטאָקען און פון אַנדערע בוימער. מ'האָט זיי בעצירט מיט פאַלמען-בלעטער, צווייגען פון איילבירטען, מיט פערשידענע שמעקענדיגע בלומען און אינוועניג האָט מען אויפגעהאָנגען פערשידענע פאַרביגע דיוואַנען מיט כל'ערליי פרוכטען, יונגע טייטעלפאַלמעס, צוזאַמענגעבונדען מיט מירטען און צווייגעלעך פון וואַסער־ווײדען, וועלכעס האָט זיך גערופען „לולב", ווי אויך שמעקענדיגע אתרוגים און די געסט האָבען זיך געוויילט אין די פרעכטיגע „סכות", מ'האָט געגעסען, געטרונקען און געזונגען ליעב-לידער.

יהודה האָט זיך פערקליבען מיט תמר'ין ווייט פון דעם גאַנצען טומעל אין דער גרויסער שטוב אַריין, פון וואַנען די פענסטער געהען אַרויס אויף דער גאַס און זיי האָבען צווישענאײנאַנדער ליבליך געפלוידערט. יהודה האָט איצט פערגעסען די גאַנצע וועלט אַרום זיך, ער האָט זיך גאָרנישט געקענט זאַט אָבקוקען און תמר'ס רייצענדע פערחלומ'טע אויגען, וואָס זענען טיעף ווי דער ים און לויכטען ווי די שטערען.

תמר איז איצטער ווירקליך געוואָרען נאָך מעהר רייצענד ווי פריהער. איבער די צוויי יאָהר וואָס יהודה האָט זי נישט געזעהען, האָט זי זיך צעבליהט ווי אַ צעוויקעלטע רויז אין שרון און פון דעם ווײלען אַ לענגערע צייט אין דעם אַריסטאָקראַטישען הויז פון חוניון אין דער איידעלער, פערפיינערטער סביבה,— האָט זי בעקומען מאַניערען. פון אַ געבוירענער פרינצעסין. אין איהר גאַנג און אין אַלע איהרע בעוועגונגען האָט געשטעקט אַ רייצענדע גראַציע, עפעס הויכעס, מאַיעסטעטישעס פון אַ קעניגין. פון איהר גאַנץ וועזען און פון אַלע איהרע געטאָקטע גלידער, האָט פאַר יהודה'ן ווי אַרויסגעזינגען אַ הייליג, הימליש ליעד...

אין דעם דאָזיגען פערשפור'טען ליעבעס-עקסטאַז, האָט זיך

יהודה פלוצלינג אויפגעשטעלט און ווי בערוישט פון צופרידענהיינט, האָט ער אויסגערופען צו תּמר'ן:

– זינג מיר מיין טייערע אַ ליעד, זאָל שוין דער בעכער פון מיין גליק זיין איבערפולט איבער די ראַנדען!...

תּמר איז גראַציעס אויפגעשפרונגען פון אָרט, מיט לייכטע טריט איז זי צוגעגאַנגען, אַראָבגענומען פון דער וואַנד אַ גרויסע האַרפע און מיט איהר זילבער'ן געלעכטערל האָט זי זיך געשטעלט מיט דער האַרפע אין דער האַנד, אויסגעצויגען גלייך, פיליטעריש און מיט שפּאַס אויסגערופען:

— לויט'ן בעפעהל הערר פעלדמאַרשאַל!

יהודה האָט נישט אויסגעהאַלטען, ער איז צוגעלאָפען מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און אין דעם גרויסען צימער האָבען אָבגעקלינגען הויכע, הייסע קושען...

תּמר האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים אָפענעם פענסטער, מיט איהרע ראָזע פינגער איז זי אַדורכגעלאָפען איבער די סטרונעס פון דער האַרפע, וועלכע האָבען אַ שיט געטהון מיט איינגעהאַלטענע, מעלאַנכאָלישע טענער און מיט אַ זיס קול האָט זי אָנגעהויבען זינגען אַ פראַגמענט פון „שיר-השירים"; די נאַאיווע, שולמית'נס, ריינע, גלייך פון האַרצען ליעבעס-געפיהלען:

„...איך שלאָף, אָבער מיין האַרץ איז וואַך...
„פלוצלינג — מיין געליבטער קלאַפּט ביי דער טהיר:
„עפען מיר מיין שוועסטער, מיין פריינדין,
„מיין שען, געליבט טייבעלע,
„דען מיין קאָפּ איז שוין פול מיט טוי,
„מיינע לאָקען נאַס פון די נאַכט-טראָפּען!...

- - - - - - - - - - - - - - - - - -

„כ'האָב געעפענט מיין געליבטען,
„האָט ער זיך ערגעץ פערבעהאַלטען, פערשוואונדען!
„— מיין נשמה האָט געצאַפּעלט ווען ער האָט גערעדט.—
„כ'האָב איהם אַרומגעזוכט, אָבער מעהר נישט געפונען,
„כ'האָב איהם גערופען, ער האָט נישט געענטפערט;
„ס'האָבען מיך געטראָפען די וועכטער,

„וואָס שלייכען אַרום אין שטאָדט
„האָבען זיי מיך געשלאָגען, צעביילט,
„אַראָבגעצויגען פון מיר דעם מאַנטעל,
„די וועכטער אויף די מויערן!
„איך בעשווער אייך, טעכטער פון ירושלים,
„ווען איר וועט בעגעגנען מיין געליבטען —
„זאָגט איהם, אַז כ׳בין קראַנק פון ליעבע!"
ביי דעם לעצטען פערז האָט תמר׳ס קול געציטערט, ס׳האָט זיך געשפּירט אי שטורם מיט עקסטאַז, אי הייסע שטילע ליבע און די אַקאָרדען פון דער האַרפּע האָבען געקלונגען מיט אַ זיסער, בענקענדיגער מעלאַנכאָליע.

תמר האָט ווייטער געזינגען, ווי די טעכטער פון ירושלים פרעגען זיך אויס ביי שולמית:

„וואָס איז דיין געליבטער אויסגענומען פון אַנדערע?
— זאָג, דו שענסטע צווישען די יונגפרויען. —
וואָס איז דיין געליבטער מעהר פון אַנדערע,
וואָס דו האָסט אונז אַזוי הייס בעשאוירען?"
— מיין געליבטער איז ווי בלוט און מילך
אויסגענומען פון צעהנטויזענט.
זיין קאָפּ איז ווי גינגאָלד,
זיינע לאָקען געקרויזט, שוואַרץ ווי די קראה..."

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט תמר געווענדעט איהר פּיי-ערדיגען בליק אין דער זייט פון יהודה׳ן...

ווייטער רעכענט שולמית אויס אין דעם ליעד אויף׳ן פרימיטיווען אַרט, אַלע שענע קערפּער-פאָרמען פון איהר געליעבטען, ביז צו די פאָלגענדע פערזען:

„—— זיינע פיס — ווי מאַרמאָר-זיילען,
איינגעפאַסט אין שוועלען פון גינגאָלד.
זיין געשטאַלט איז ווי דער לבנון,
שלאַנק ווי די צעדער-בוימער,
זיין גומען איז פול מיט זיסקייטען
און אין גאַנצען איז ער רייצענד.

אָט, דאָס איז מיין געליבטער און פריינד,
איהר טעכטער פון ירושלים!...

יהודה האָט געשלונגען יעדען פּסוק. יעדער אַקאָרד פון דער זיסער מעלאָדיע האָט אַריינגעדרינגען טיעף אין דער נשמה...

אין דער זעלבער מינוט, האָט עמיצער לייכט אָנגעקלאַפּט ביי דער טהיר און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען יוסף המרומי בעוואָפנט אין פולען קריגס-אוניפאָרם, פערשטויבט פון וועג. יוסף איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, זיך פאַר יהודה'ן מיליטעריש פאַרנויגט, אָבער יהודה און תמר זענען באַלד מיט ליבשאַפט אַנטקעגענגעלאָפען און האָבען זיך מיט איהם פריינדליך בעגריסט. יוסף המרומי האָט געמאָלדען יהודה'ן, אַז ער מיט אַן'אָבטיילונג רייטער האָבען פערנומען אַ גרופּע גריכען פון ירושלים מיט אַ יונגען אָפיציר אָן דער שפּיץ. די גריכען האָבען געראַבירט ביי די פויערן פעלד-פּראָדוקטען אין טהאָל „עמק-רפאים" נישט ווייט פון ביתר. די דאָזיגע פּראָדוקטען, לויט ווי די געפאַנגענע ערקלערען, קלויבען זיי צונויף און זאַמלען אין דער פעסטונג „אַקראַ" אין ירושלים, וואו דער כהן-גדול מענעלאַוס האָט בדעה זיך צו בעפעסטיגען אויף אַ לענגערע צייט. אויך איז יוסף המרומי געוואויר געוואָרען ביי די געפאַנגענע, אַז ליזיאַס זעלבס קלויבט זיך צו קומען מיט אַ גרויסער אַרמעע צוריק צו פערנעמען דאָס לאַנד יהודה.

תמר האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער. אַ גרופּע גריכען פון אַ מאַן דרייסיג, געבונדען די הענד, שטעהען אַרומגערינגעלט דורך אַן'עסקאָרטע העברעאישע רייטער. ווען תמר האָט זיך גוט איינגעקוקט, איז איהר שיינענדיג פנים געוואָרען פּלוצלינג פערענדערט, זי האָט זיך פערדרויטעלט און שיעור נישט אויסגעשריען פון איבעררַאַשונג. אין דעם גריכישען אָפיציר האָט זי דערקענט יוחנן הגלילי פון טבריה. יוחנן איז געשטאַנען מיט אַן'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, די ליפּען פערביסען, בלייך פון אויפרעגונג און פערצווייפלונג.

אין דער צייט, וואָס תמר האָט יוחנן נישט געזעהען, האָט ער זיך פיעל געענדערט, ער איז געוואָרען דיקער און מענישער;

זיין קינדיש פנים האָט בעקומען אַ מיליטערישען אויסדרוק. תמר האָט זיך באַלד אָװעקגעדרעהט פון פענסטער, אַז יוחנן זאָל זי נישט דערזעהען. זי זעלבסט האָט זיך נישט געקאָנט אויפקלערן איהר איבעררעשונג און פאַרוואָס עס שלאָגט אַזוי האַסטיג איהר האַרץ!...

אַ פילאָזאָף האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס האַרץ פון אַ פרוי איז געגליכען צו וואַקס: עס נעמט אויף יעדען ליבעס-איינדרוק און ס'פערבלייבט דערויף אַ צייכען. און איך וואָלט פון מיין זייט צוגעגעבען, אַז דאָס האַרץ פון אַ יונג מיידל איז ווי טריוואַקס: פון יעדען שטאַרקען ליעבעס-איינדרוק בלייבט אַ פערהאַרטעװעטע לאַנגדויערענדע חתימה, װעלכע װערט פערשוואונדען נור דעמאָלט, ווען דאָס האַרץ װערט גענצליך צערבראָכען...

יהודה איז געװעזען פערנומען מיט יוסף המרומי און דעריבער האָט ער נישט בעמערקט די ענדערונג אויף תמר'ס פנים. תמר איז אומגעריכט צוגעלאָפען צו יהודה'ן, פערלעגט איהם די הענד אויפ'ן האַלז, איהרע רייצענדע אויגען זענען פערלאָפען מיט אַ פייכטקייט און האָבען פיעל, זעהר פיעל גערעדט און געבעטען. זי האָט נישט דרייסט אויסגערופען מיט אַ ציטערדיגער שטימע:

— יהודה, דעם געפאַנגענעם אָפיציר זאָלסטו באַלד בעפרייען. כ'בעט דיך זעהר...

— פאַרוואָס? — האָט יהודה געפרעגט פערוואונדערט.

— דאָס איז דער זעלבער יוחנן הגלילי, װעלכער האָט מיר אָבגעראַטעוועט דאָס לעבען, ווי אויך דעם אַלטען אלעזר פון אַ זיכערען טויט.

יהודה האָט לייכט פערצויגען די ברעמען, אַדורכגעגעבערט תמר'ן מיט זיין פייערדיגען בליק און קורץ געענטפערט:

— כוועל זעהען...

ער איז איז צוזאַמען מיט יוסף המרומי אַרויס צו די געפאַנגענע. תמר האָט איהם נאָכגעשריהען:

— געדענק-זשע יהודה, וואָס כהאָב דיך געבעטען!...

יוחנן הגלילי, דערזעהענדיג פאַר זיך יהודה'ן, האָט זיך מיט שטאָלץ אויסגעגלייכט, זיינע מילדע אויגען האָבען אַ בליץ

געטהון מיט אַ פייער פון האַס און דאָס בלייכע פּנים האָט זיך אויסגעקרומט פון טיפען צער. יהודה האָט איהם אַדורכגענומען מיט זיין דורכדרינגענדען בליק און שטרענג געפרעגט אויף גריכיש:

— ווער האָט אייך ערלויבט צו ראַבירען די פרידליכע בעפעלקערונג?

יוחנן הגלילי האָט נאָך שטאָלצער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דרייסט געענטפערט:

— מיר האָבען נישט געראַבירט, נאָר גענומען געזעצליכע שטייערען צו קריעגס-צוועקען, לויט'ן בעפעהל פון קעניגס פערטרעטער, מענעלאַאוס.

— דאָס לאַנד יהודה איז איצט פריי! עס אַנערקענט שוין נישט מעהר די רעכט פון אַ פרעמדער מאַכט! — האָט יהודה אויסגערופען מיט אַ דונערענדער שטים.

נאָך די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך אויף יוחנן'ס פּנים בעוויזען אַ איראָניש שמייכעלע און ער האָט קורץ געענטפערט:

— דאָס איז נאָך צו פריה...

יהודה האָט ווייטער מיט זיין בליק אַדורכגענומען יוחנן הגלילי. אין הארצען האָט ער בעוואונדערט זיין מוטה און אָפענהערציגקייט. ער האָט בעפוילען אויפצובונדען איהם די הענד און זיך אָנגערופען אין העברעאישען מיט אַ ווייכער שטימע:

— אומזיסט איז דיין פערמאַסקירען זיך, וואָרום כ'ווייס ווער דו ביזט. איך זעה, אַז דו פערמאָגסט גענוג מוטה און טאַפּפערקייט, ראַט איך דיר, פערלאָז דעם פאָלקס-פעררעטער מענעלאַאוס, קעהר זיך צוריק צו דיינע ברידער! פיעל פון אייערע האָבען זיך צוריקגעקעהרט...

— פעררעטער פון פאָלק זייט איהר! — האָט יוחנן אויסגעשריהען מיט כעס. — מיט אייער היציגען אויפשטאַנד וועט איהר ברענגען אַן'אומגליק אויפ'ן גאַנצען יודישען פאָלק.

אָבער צי ווייסטו, דו נידערטרעכטיגער קנעכט, ביי די שונאים פון דיין פאָלק, — האָט יהודה געפרעגט, — אַז אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט אַרויסגעגעבען זיין שרעקליכען דעקרעט צו

פערטיליגען דאָס גאַנצע פאָלק צוזאַמען מיט אייך העלעניסטען?

יוחנן׳ס בלייך פנים האָט אויפגעפלאַמט, זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצינדען און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען מיט זיין קוויטשעדיג קול:

— ס׳איז אַ ליגען!... דאָס האָבען די שונאים אויסגעטראַכט צו קאָמפּראָמיטירען דעם איידעלעם הערשער אַנטיוכוס. ער וועט זיך נוקם זיין אן אייך, איהר היציגע פאַנאַטישע אוואַנטוריסטען, און אייער גאָט וועט אויך נישט אומשטאַנד זיין אייך צו העלפען!

יהודה איז געבליבען שטעהן אַ ווײלע צעטומעלט, זיין ענערגיש פנים האָט בעקומען אַ שרעקליך אויסזעהען. די שוואַרצע ברעמען האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען און אין די אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַ מוראדיג פייער. מ׳האָט דערקענט אויף זיין פנים, אַז ער פיהרט מיט זיך זעלבסט אַן אינערליכען קאַמף. אבער יהודה האָט זיך שנעל בעהערשט און אָנגערופען צו יוחנ׳ען ווי מיט אַ געבעט:

— דו ביזט פערבלאָנדזשעט יונגערמאַן, דער גלאַנץ פון דער גריכישער ציוויליזאַציע האָט דיר פערבלענדט די אויגען. פאָלג מיך, קעהר זיך אום צו דיין פאָלק!

— כ׳האָב געשוואוירען טרייהייט מיין קעניג, וועל איך איהם נישט פערראַטען!

— הער אויס, — האָט יהודה געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן. — איך וואָלט דיך בעדאַרפט איבערגעבען צום „בית-דין-הגדול״. דיר קומט טויט-שטראָף פאַר דיין פערראַט. דו האָסט אָבער ארויסגעראַטעוועט מיין כלה מיט מיין אַלטען פריינד פון די גריכען, שענק איך דיר דאָס לעבען. דו ביזט פריי, קענסט זיך גלייך אומקעהרען קיין ירושלים.

— דו האָסט ביי מיר צוגענומען מיין געליבטע, נעם ביי מיר צו מיין לעבען אויך! ס׳איז מיר צלך איינס!... — האָט יוחנן אויסגעשריהען פערצווייפעלט.

אין אַ ווײלע אַרום האָט מען צוגעפיהרט פאר יוחנן-הגלילי אַן׳אָנגעזאָטעלט פערד. ער איז מיט אַפּאַטיע אויפגעזעסען

און געלאָסען אַוועקגעריטען מיט אַנ׳אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דורך דעם שטילען געסעל.

יהודה איז געשטאַנען און נאָכגעקוקט, ביז יוחנן האָט אָבגעקירעוועט אין עק געסעל, נאָכהער האָט ער זיך אָנגע־רופען צו יוסף המרומי:

— ס׳איז אַ שאָד דעם יונגענמאַן. ער איז געוואָרען בע־איינפלוסט פון די פּעררעטער. מיר געפעלט זיין אָפענהערציגקייט... מיט זיין דרייסטקייט און העלדענמוטה וואָלט ער געקאָנט זיין פיעל נוצליך פאַרן פאָטערלאַנד.

IX

עס זענען ווידער אָנגעקומען די טריבע רעגען־טעג, דער „יורה" אין ארץ ישראל. נישט ס'האָט גערעגנט, נור פּשוט ווי עפּעס אַ הימלישער ים וואָלט זיך אַדורכגעריסען דורך די געדיכטע גרויע וואָלקענס און וויל פערפלייצען די גאַנצע וועלט מיט די מענשען צוזאַמען, אָדער די שווערע בלייענע וואָלקענס גלייך זיי וואָלטען זיך צווישענאיינאַנדער אָנגערעדט צו מאַכען מיט דער פאַרשמאַכטער ערד אַ לוסטיגען שפּאַס, אָנצוזעטען זי מיט אַמאָל: „דו האָסט וועניג זולל וסובא'ניצע? נאַ דיר נאָך! נאַ דיר נאָך!" די פערוועלקטע געלע גרעזער אָבער מיט די געוויקסען, האָבען זיך נור איינגעבויגען אונטער דער משא פון דער הימלישער שפע, שלינגען און שלינגען, עס רינט זיי איבער'ן מויל און קאָנען זיך גאָרנישט אָנזעטען...

אין שטעדטיל מודעים איז ווידער געוואָרען איינזאַם, שטיל. יהודה מיט זיינע ברידער די חשמונאים, ווי אויך אַלע מיליטערישע אָנפיהרער זענען אַוועק אין לאַגער אריין, זאָגאַר אַלע יונגערע איינוואוינער פון שטעדטיל זענען אויך מיט אין די בערג יהודה, וואו מ'האָט זיך צוגעגרייט מיט אַלע מעגליכקייטען צו אַ נייער שווערער מלחמה. וואָרום עס פלעגען אַלץ ווייטער אָנקומען די שרעקליכע ידיעות, אַז דער פּרינץ ליזיאַס זעלבסט קומט אָן מיט גרויסע חיילות אויסצופיהרען אַנטיוכוס'עס ווילדען פּלאַן צו פערטיליגען דאָס יודישע פאָלק. יהודה המכבי האָט איבערגעלאָזט אין מודעים נאָר יוסף המרומי'ן מיט אַ טייל פון זיינע רייטער אָבצוהיטען די נאָהענטע געגענט, אָבער זיי זענען

אויך ווינציג וואָס געזעסען אין דערהיים, נור יעדעס מאָל פלעגען זיי אַרויסרייטען צום ים צו, אין דער געגענד פון „שרון" און „השפלה" צו בעאָבאַכטען, אויב ס'קומט נישט אָן פריש מיליטער פון דער זייט ים.

תמר איז בעת דער גאַנצער רעגען-צייט געזעסען אין שטוב און פון בענקשאַפט האָט זי נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. מיט די געדאַנקען האָט זי נאָכגעיאָגט איהר געליבטען יהודה'ן, אין פעלד, אין לאַגער, וואו ער געפינט זיך יעצט צווישען זיינע העלדישע אָבטיילונגען, וועלכע שאַרפען דאָרט די שווערדען, אַרויסצוטרעטען אַנטקעגען דעם מעכטיגען שונא. תמר'ן בעאונרוהיגען שרעקליכע פינסטערע געדאַנקען, זי ציטערט פאַר'ן לעבען פון איהר יהודה'ן און ווען זי דערמאָהנט זיך נור, שלאָגט יעדעס מאָל איהר פיהלענדעס האַרץ אַזוי האַסטיג ווי אַ האַמער אין קוזשניע, — ווער ווייסט? ס'איז דאָך אַ מלחמה מיט אַלע איהרע גרויזאַמקייטען און איהר טייערסטער וואַרפט זיך שטענדיג אין גרעסטען געפאַהר... אַ שוידער לויפט דורך איהרע ביינער!

תמר זעלבסט איבערלעגט זיך אין די געדאַנקען: די מלחמה איז דאָך אַ נויטווענדיגע זאַך, ס'איז אונמעגליך אַנדערש, עס געהט אין לעבען און עקזיסטענץ פון גאַנצען פאָלק! פיעל מענשען דראָהט אַ געפאַהר צו ווערען אויסגעראטען פון דער וועלט. אין אַזאַ צייט דאַרף יעדער איינער צו אָפּפערן זיין אייגען לעבען! — אַך! דאָס האַרץ אָבער איז אַזוי נאַריש, אונבערעכענט, עס וויל נישט וויסען, וואָס ס'איז יאָ נויטיג, וואָס נישט; נור עס שרעקט, קלעמט, צוויקט, און ס'צאַפּעלט עפּעס אַזוי אונ'ברחמנות'דיג גלייך ס'וואָלט געוואָלט אַרויסשפרונגען פון דער ברוסט!

און תמר'ן פאַלט איין אַ ווילדער געדאַנק אין איהר צוהיצטע פאַנטאַזיע. זי וועט אויך נעמען אַ שווערד אין דער האַנד אַריין, מיטגעהן אין דער מלחמה און זי וועט נישט אָבטרעטען פון איהר געליבטען אויף איין טריט, נור שיצען איהם פאַר יעדער געפאַר. באַלד אָבער צולאַכט זי זיך זעלבסט פון די נאַרישע אילוזיעס, וואָס שוועבען אין איהר צוהיצטען

פערליבטען קאָפּ; זי, אַ שוואַכע פרוי, וואָס פאַר אַ בעדייטונג וועט האָבען די שווערד אין איהר איידעלער האַנד צווישען אַזעלכע געאיבטע גבורים!... תמר'ן פאַלט ווידער איין אַ נייער געדאַנק. אויב זי וועט נישט קאָנען געבען איהם קעמפען, וועט זי איהם אַמוועניגסטען פערשטעלען, פערשטעלען מיט איהר אייגענעם קערפּער; אַז דער שונא וועט אויפהויבען די שווערד אָדער דעם שפּיז אויף איהר יהודה'ן, וועט זי אונטערשטעלען איהר אייגענעם קאָפּ, איהר ברוסט, און איהר געליבטער וועט בלייבען אונבעריהרט... אַזעלכע ווילדע געדאַנקען ווירבלען אין תמר'ס צוהיצטען מח און זי קען זיי נישט אויף קיין פאַל פון זיך אַוועקטרייבען!

אין אַזעלכע מינוטען כאַפּט תמר די האַרפע אין דער האַנד און די סטרונעס פון אינסטרומענט אונטער איהרע פינגער דערצעהלען דייטליך דעם ווילדען שטורם, וואָס ברויזט אין איהר הארצען, גלייך ווי די רוישיגע טענער פון דער האַרפע וואָלטען אַרויסגערעדט דאָס געוואַלדיגע צאַפּלען פון איהר פיהלענדער נשמה. עס הערט זיך אין די שטורמישע אַקאָרדען דאָס סטיכי־שע אונבעצוימטע ברויזען פון די שטראָמען צווישען די פעלזען אָדער דער גערויש פון די צעקאָכטע כוואַליעס אויפ'ן שטור־מישען ים. טיילמאָל רייסט זיך ארויס פון די סטרונעס, ווי דאָס וואָיען פון אַנ'אויסגעהונגערטען שאַקאַל אין די בערג, און ציימען־וויז ווי אַ מורא'דיג געבריל פון אַ פערוואונדעטען לייב אין דער וויסטע. ביסלכווייז ווידער ווערען פערוואַנדעלט די טענער פון דער האַרפע אין אַ טרויעריגע מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע, די סטרונעס אונטער איהרע פינגער וויינען, שלאָכצען, קרעכצען, און זיפצען. ס'הערען זיך אין די טענער אַ האַרציג געבעט, אַ יאָמער פון אַ פיצעלע קינד, אָדער אַ האַרצרייסענד פישטשען פון אַ יונגענטשיקע פערלאָזט פויגעלע אין אַ נעסט. אַזעלכע אַקאָרדען פון דער האַרפע בערוהיגען עטוואָס תמר'ס אויפגע־רעגטען געמיט.

טיילמאָל פלעגט קציעה בלייבען שטעהען נעבען תמר'ן און זיך איינהערען אין די וואונדערליכע טענער פון דער

האַרפע. פון בעגייסטערונג עפענט זי אַ פּאָר נאַאיווע קינדערישע אויגען, צושפּרייט די רויטע דיקליכע ליפּען, פון צווישען וועלכע ס'ווייסען זיך אַרויס איהרע אלבאסטער-ווייסע ציין און זי קאָן אַזוי אָבשטעהען אַ לאַנגע צייט ווי פערשטיינערט און הערען. די איינפאַכע נאַאיווע קציעה שפּירט אויך עפּעס אינסטיקטיוו אין דער מוזיק אַ היילונג צו איהר צאַפּעלדיגער נשמה און די מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע גלעט און לאַשטשעט איהר בענקענ-דיג האַרץ ווי אַ קיהל פריהלינגס-ווינדטעל.

מיטאָג צייט האָט דער רעגען אויפגעהערט, אַ ריינע אויס-געבאָדענע זון האָט זיך בעוויזען פון צווישען די וואָלקענס, און צוזאַמען מיט'ן ווינדטעל האָט זי מיט אַ מוטערליכער ליב-שאַפט אַרומגעלעקט די נאַסע אויסגעצוואָגענע ערד, וועלכע האָט זיך אויסגעצויגען בהרחבה'דיג מיט אַלע גלידער, מיט די גע-וויקסען, אַנטקעגען דער צערטעלדיגער זון. די ערד אָטעמט פריי פון זאַטקייט און תענוג, נור אויף די בוימער און גרעזער הענגען נאָך גרויסע פינקעלדיגע טרעהרען,—טרעהרען פון פרייד און גליק...

געניסענדיג פון שענעם וועטער זענען תמר מיט קציעה'ן אַוועק הינטער דער שטאָדט אויף אַ שפּאַציר. זיי האָבען אויך מיטגענומען שמעי'ס טאָכטער אביגיל און אַלע דריי רייצענדע גראַציעס האָבען זיך געלאָזט מיט'ן וועג, וואָס פיהרט דורך די בערג קיין בית-הורון. אויף דעם דאָזיגען וועג האָט תמר שטענדיג ליעב געהאַט צו שפּאַצירען, ווייל דאָ פלעגען טייל-מאָל אָנקומען פון לאַגער יהודה אָדער דן און אַנדערע בעקאַנטע קעמפּער. תמר האָט זיך יעדעס מאָל פערשטעלט איהר פנים מיט דער האַנד, אַנטקעגען די שאַרפע שטראַהלען פון דער זון, און געקוקט, ווייט, ווייט, אויפ'ן וועג. יעדער שטיין, יעדער קשאַק, האָט איהר אויסגעוויזען פון דערווייטענס, אַז יהודה רייט אויף זיין שוואַרצען „עורב". דעמאָלט טהוט ראַפּטום אַ אַ פּליס צו אַ הייסער שטראָם בלוט צו איהר צאַפּעלדיג האַרץ און ס'הויבט אָן האַסטיג צו שלאָגען. קציעה איז אויך געגאַנגען פאַרקלעהרט, עפּעס אַ טרוימערישער ליבעס-אומעט צוזאַמען מיט

אַ שרעק איז געווען אויסגעגאָסן אויף איהר נאַאיווען פּנים. זי האָט עפּעס מעלאַנכאָלִיש שטיל אונטערגעזונגען און האָט געשפּאַנט מיט האַסטיגע טריט. נור די איינציגע אביגיל האָט פרעהליך געפּלאַפּלט און געשפּאַסט פון די מעלאַנכאָלישע חבר'טעס, יעדעס מאָל האָט זי גערייצט קציעה'ן און אויסגעשריהען:

— זעה נור קציעה, דיין דן רייט דאָרט אויפ'ן שפּיץ באַרג!

קציעה האָט אויפגעהויבען איהרע שוואַרצע פייכטע אויגען, איינגעקוקט זיך אין דער ווייטקייט, איהר פּנים איז געוואָרען פערפלאַמט, זי האָט זיך כלומרשט צולאכט מיט איהר הילכיג געלעכטער, אָבער אַ שטילער איינגעהאַלטענער שווערער זיפץ האָט אויפגעהויבען איהר הויכע ברוסט...

אומגעריכט זענען אַרויסגעלאָפען פון וואַלד אַרויס עטליכע גריכישע סאָלדאַטען מיט אַ יונגען אָפיציר און האָבען, ווי אויסגעהונגערטע טיגער'ס זיך גענומען יאָגען נאָך די שפּאַצירענדע מיידלעך, וועלכע זענען שנעל אַנטלאָפען מיט פערצווייפעלטע געשרייען אויף הילף. קציעה מיט איהר געזונדטער שטימע האָט געמאַכט אַזעלכע הויכע געוואַלדען, אַז די קולות האָבען זיך צוטראָגען איבער דער גאַנצער געגענד און דער עכאָ האָט אָבגעקלונגען ווייט אין די בערג. תמר האָט זיך אויסגעדרעהט געוואָלט כאַפּען אַ קוק אויף די אָנפאַלער, אָבער ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען, ווען זי האָט דערקענט יוחנן-הגלילי לויפענדיג פאָראויס ווי אַ וואַהנזיניגער שוין נישט ווייט פון איהר. איינזעהענדיג, אַז ס'וועט איהר נישט געלונגען צו אַנטלויפען פון דעם צוהיצטען יוחנן, האָט זי זיך גלייך אָבגעשטעלט, אַרויסגעכאַפּט פון בוזעם אַ שטילעט און געוואַרט מיט ענטשלאָסענהייט. יוחנן הגלילי איז צוגעפאַלען צו תמר'ן, האָט זי ליידענשאַפטליך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד, פּונקט ווי אַ בעטלער געפינט ערגיץ אַ אוצר פון גאָלד מיט איידעלשטיינער און האָט מורא מ'זאָל איהם דעם אוצר נישט צונעמען. ער האָט נור מיט אַ אַנ'אָבגעהאַקטען אָטעם אויסגערופען:

— איך האָב דיך קוים צוריקגעפונען, מיין אוצר, מיין הימלישע געטין!...

תמר איז געבליבן שטעהן איבעראַשט, בלייך. דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען אַזוי פלוצלינג אומגעריכט ווי אַ דונער פון הימעל. באַלד אָבער האָט זי זיך בעהערשט, אַ רויטקייט האָט בעדעקט איר רייצענד פּנים, זי האָט זיך אָנגערופען צו יוחנן מיט אַ בעפוילענדען טאָן:

— יוחנן בעהערש זיך! רעכען איבער אין אַ וואָסערער געפאַהר דו לאָזט זיך אַריין... זאָלסט וויסען, אַז דיין בעשערטע וועל איך סיי ווי סיי נישט זיין, לאָז מיך צורוה!

— כ'וועל דיך אויף קיין פאַל נישט אָבלאָזען, מיין הימלישער שטערען, מיין גאַנץ לעבען! — האָט יוחנן געפליסטערט מיט אַ ציטערדיגער שטימע. — שוין דריי טעג דורכאַנאַנד אַדורכגענומען פון רעגען און קעלט, לאָקער איך אויף דיר...

— לאָז מיך צורוה! — האָט תמר אויסגעשריהען שוין מיט כּעס. — קיין לעבעדיגע וועסטו מיך פון דאַנען נישט אַוועקפיהרען!...

ס'זענען דערווייל נאָך אַרויסגעריטען פון וואַלד אייניגע גריכען מיט ליידיגע אָנגעזאָטעלטע פערד, צוזאַמען מיט די ערשטע האָבען זיי זיך מיט רעספּעקט אָבגעשטעלט אין אַ זייט און געוואַרט אויף זייער הויפּטמאַנס בעפעהל. יוחנן האָט אָנגענומען תמר'ן פעסטער אונטער די האַנד און געוואָלט זי מיט געוואַלד אַוועקפיהרען; דערזעהענדיג אָבער, אַז תמר וויל זיך פערמעסטען אויף איהם מיט'ן שטילעט, האָט ער מיט מיליטערישער געשיקטקייט אַרויסגעריסען איהר פון האַנד דעם שטילעט, אַוועקגעשליידערט ווייט פון זיך און געגעבען אַ דרינגענדען בעפעהל צו די סאָלדאַטען. תמר האָט זיך פלוצלונג אַ ריס געטהון פון יוחנן'ס הענד, אין איין אויגענבליק האָט זי אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד פון דער שייד און האָט איהם דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער שווערד איבער'ן קאָפּ. די וואונד, וואָס יוחנן הגלילי האָט בעקומען פון תמר'ס לייכטע האַנד איז זאָגאַר

ביסאַ געווען געפעהרליך, דאָך האָט די שווערד אַדורכגעהאַקט טיף די הויט הינטערן אויער, ער האָט זיך פערגאָסען מיט בלוט און איז צונידערגעפאַלען אַ פער'חלש'טער אויף דער ערד.

די איבעררשטע גריכען זענען צוגעלאָפען צום פערוואונדעטען יוחנן און האָבען איהם אָנגעהויבען צו מונטערען. תמר ווידער איז אָבגעשפרונגען אין אַ זייט נעבען אַ הויכען שטיין און איז געבליבען שטעהען אין אַנ'ארויסרופענדער פּאָזע, ווי אַ לעגענדאַרישע העלדין; איהר בע'חנ'ט פּנים האָט אויפגעפלאַמט, די גאָלדענע לאָקען זענען געווען צושויבערט, די גרויסע בלויע אויגען האָבען געוואָרפען מיט פייער, און זי איז אַזוי געשטאַנען דרייסט אָנגעשפאַרט אָן שטיין מיט דער שווערד אין דער האַנד ווי אַ פערצווייפעלטער העלד אין שלאַכט, וועלכער איז אַרומגענומען פון שונא פון אַלע זייטען.

יוסף המרומי איז צוריקגעריטען מיט זיין „פלוגה" פון „שרון" דורך די בערג אפרים. ווען זיי זענען אַרויסגעריטען אויפ'ן באַרג הינטער מודעים, האָבען זיי דערהערט פון דערווייטענס אויפ'ן בית-חורון'ער וועג די פערצווייפעלטע געשרייען פון קציעה'ן. יוסף המרומי האָט נישט לאַנג געקלערט, צוגעדרוקט זיין פערד מיט די שפּאָרען און האָט זיך געלאָזט מיט דער גאַנצער „פלוגה" ווי אַ שטורם-ווינד באַרג אָב דורך די פעלדער, אין דער ריכטונג פון וואַנען די געשרייען האָבען זיך דערטראָגען.

די גריכען ווידער דערזעהענדיג נאָך פונדערווייטענס, ווי די העברעאישע רייטער פליהען אויף זיי אין פולען גאַלאָפּ, האָבען זיי איבערגעלאָזט די העלדישע שווערד-פעכטערין תמר, האָבען אויף דערגיך געכאַפּט זייער יונגען פערוואונדעטען הויפּטמאַן, אַרויפגעשפרונגען אויף די פערד און זענען פערשווינדען אין שאָטען פון וואַלד ווי אַ סטאַדע צעפלאָשעטע קראָהען.

X

לעצטענס איז דער פרינץ ליזיאַס אָנגעקומען אין לאַנד
יהודה מיט אַ גרויסע אַרמעע פוסגעהער, רייטער מיט העל-
פאַנטען און האָט זיך אָבגעשטעלט אין אַ טהאָל נעבען בית-
צור, נישט ווייט פון חברון, פינף שעה גאַנג פון ירושלים.
ביז אס איז נישט אָנגעקומען גלייך פון דער ים-פלעכע, נור
ער האָט ארום ערינגעלט ארץ-ישראל פוז דרום דורך דעם לאַנד
אדום און האָט בעשלאָסען אומגעריכט אַריינצוקומען קיין ירושלים,
צו פעראייניגען זיך מיט דעם אָרטיגען גאַרניזאָן.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט. אַ דינער רעגען איז געגאַנ-
גען אָהן אויפהער, האָט פערנעצט די קליידער און איז אַריינ-
געדרינגען טיף אין די ביינער. די טהאָלען זענען געווען פער-
גאָסען מיט וואַסער, דאָס מיליטער איז געווען מיעד, אַדורכ-
געווייקט פון רעגען און דעריבער האָט ליזיאַס בעשלאָסען אין דעם
טאָל איבערצונעכטיגע און לאָזען אויסצורוהען די מיעדע סאָלדאַטען.
מיט אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג האָט מען גלייך אויסגעפאָרמירט
דעם לאַגער, וועלכער האָט זיך געצויגען א ווייטע שטרעקע.
מ'האָט צעשטעלט אין אַ'ע זייטען וואַכען, אויפגעשטעלט געצעל-
טען און אָנגעלייגט פייערן ביי וועלכע דאָס אַדורכגענעצטע מי-
ליטער האָט זיך געוואַרעמט און געטריקענט. באַלד איז אויך
געוואָרען אויפגעשטעלט אַ רייך געצעלט פאַר'ן פעלדהערר ליזיאַס,
וועלכער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ מידער איי טהיר פון

געצעלט אַנטקעגען דעם פייער ...און האָט זיך געוואַרימט. פון ליזיאַס'עס שענעם אַריסטאָקראַטישען פּנים איז איצט געוואָרען פערשוואונדען זיין שטענדיגער קלוגער שמייכעל. דער ברייטער ווייסער שטערען האָט זיך פערקנייטשט, די גרויסע לויכטענדע אויגען האָבען געקוקט גלייך פאַר זיך אויף דעם ברענענדען פייער, אָבער די געדאַנקען זיינע האָבען ערגיץ ווייט געשוועבט איבער גאר דער וועלט.

אין ליזיאַס'עס קאָפּ האָבען געווירבעלט [illegible] געדאַנקען איבער דער אַלגעמיינע טרויעריגער לאַגע פון זיין פאָטערלאַנד, וועלכעס ער וואָלט גערן דערהויבען צו דער פריהערדיגער מאַכט. ערשטענס בעקלערט ער אַ פּלאַן ווי אַזוי אַמשנעלסטען צו מאַכען אַ סוף צו דעם אויפשטאַנד אין יהודה; וואָרום ס'איז איהם שוין אַ שאַנדע פאַר'ן קעניג אַנטיוכוס, אַז מ'זאָל אַזאַ קליין שוואַך פאָלק נישט קאָנען באַהערשען! — ס'איז אַ גרויס וואונדער, טראַכט ליזיאַס: גאָרגיאַס האָט געהאַט אַזאַ געוואַלדיגע אַרמעע, מיט געפּאַנצערטע רייטער און העלפאַנטען, און איז אַזוי שענדליך אַנטלאָפען פון שלאַכטפעלד ווי אַ שרעקענדיגער האָז און די גאַנצע אַרמעע זיינע איז געוואָרען פערניכטעט דורך איניגע באַנדעס „באַרבאַרישע" העברעער! ס'איז ווירקליך אַ שאַנדע!... אָבער, דעם זעלבען גאָרגיאַס האָט דער פעלדהערר פּטאָלאָמעאוס רעקאָמענדירט אַלס אַ בראַווען קליגען אַנפיהרער און צום סוף האָט ער זיך אַזוי שענדליך קאָמפּראָמיטירט!

— אָבער וואָס איז געווען מיט אַפּאָלאָניוס'ן?... אַפּאָלאָניוס'ן האָט ליזיאַס זעלבסט געקאָנט, ער איז געוועזען אַ גענִיאַלער פעלדהערר, אַנטיוכוס איז געווען ענטציקט פון זיינע נצחונות אין דער עגיפּטישער קאַמפּאַניע. — צי זאָל טאַקי זיין דער אָנפיהרער פון די העברעער, דער „מכבי", ווי זיי רופען איהם, אַ בעסערער סטראַטעג פאַר אונזערע?... נור ווי איך דענק זענען אונזערע אָנפיה־ער נישט געוועזען אַזוי פיל שולדיג, שולדיג איז דאָס מיליטער. געדינגען מיליטער איז ווייניג מוטיג, נישט איבערגעגעבען. ביי דעם ערשטען געפאהר, אַז זיי דערזעהען

כּלוט אַנטלויפן זיי, די העברעער אָבער קעמפן פאַר זייער רעליגיע מיט מסירת-נפש!

— עט! — האָט ליזיאַס ווייטער געטראַכט. — ס'איז אין גאַנצן נישט געווען לאָגיש אַנטיוכוס'עס פּלאַן צו העלעני-זירן מיט געוואַלד דאָס לאַנד יהודה. דאָס איז אַ פאַלשע פּאָליטיק צו אַסימילירן אַ גאַנץ פאָלק. יעדעס פאָלק האָט זיין רעליגיע מיט זיינע אייגענאַרטיגע טראַדיציעס, פאַר וועלכע עס אָפּפערט זיין לעבן. ס'איז גענוג צו הערשן איבער אַ לאַנד צוליעב מאַטעריעלע נוצן, צו נעמען שטייערן מיט מיליטער, זאָל זיך דאָס פאָלק גייסטיג פריי ענטוויקלען און די הער-שענדע קולטור וועט מיט דער צייט פון זיך זעלבסט אַריינ-דרינגען... כ'האָב דאָס נישט איינמאָל געראַטן אַנטיוכוס'ן, אָבער ער לאָזט זיך נישט איבערצייגן!

אין אַלגעמיין בעדויערט ליזיאַס אין האַרצן זיין קרוב, דעם קעניג אַנטיוכוס. פון רוים האָט ער נישט איבערגענומען דעם פעסטן כאַראַקטער, נור די פערוויילונגען מיט די אויס-געלאַסענע אָרגיעס. ענדליך זענען זיינע הוצאות געוואָרען גרויס, דער מלוכה-אוצר לעדיג. אויסער דעם, איז אַנטיוכוס פון צובאַלעוועטען אויסגעלאַסענעם לעבן, שוין גייסטיג קראַנק גע-וואָרען, ער פיהרט שלעכט די רעגירונג, נור דער פאַלשער חונף פיליפּאַס איז זיין גאַנצער וועג-ווייזער! מען זעהט שוין, אַז פון יענער זייט עאופראַט קומען אויך נישט אָן קיין פרעהליכע ידיעות. און פּאַרטיען געהען די נצחונות שוואַך, דאָס געדינ-גענע מיליטער, ווייזט אויס, האָט דאָרט אויך נישט קיין ער-פאָלג. צום בעדויערן, האָבען די גריכען פערלוירען זייער אַמאָליגע ריטערליכקייט מיט'ן העלדענגייסט, זיי האָבען זיך איבערגעגעבען צו קערפּערליכע תענוגים מיט פערוויילונגען און מלחמות פיהרען זיי מיט געדינגען מיליטער. דעריבער האָבן זיי נישט קיין ערפאָלג. מאַקעדאָניען קרעכצט שוין אונטער'ן יאָך פון די רוימער!... אָ, דאָס אַלטע העלדישע מאַקעדאָניען, דער צענטער פון דער וועלט-ציוויליזאַציע, דאָס מוסטער פאַר אַלע פעלקער, איז געפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון אַ ברוטאַל,

האַלב-ווילד פאָלק, די רוימער! — ווער ווייסט וואָס עס קען נאָך ווערען מיט אונזער אנטיוכיען? ווי אויך מיט אַלעקסאַנדריען?...

— אַך, שטאַרקע געטער! — קלאָגט ליזיאַס ווייטער אין הארצען:

— דאָס בעריהמטע ריטערליכע פאָלק, די גריכען, זענען אַזוי נידריג געפאַלען!... וואו זענען די גריכישע העלדען פון האָמער'ס אָדיסעאַ? וואו זענען אַהינגעקומען די טאַפּפערע מאַקעדאָנישע חיילות פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסען? אָדער די בעריהמטע קריעגס-אָבטיילונגען פון סעלעאוקוס? — אָ, איהר זייט נידריג געפאַלען, מיין געליבט פאָלק העלענער!...

אַזוי ווירבלען אין ליזיאַסיעס קאָפּ פערשידענע אומעטיגע געדאַנקען, אָבער ענדליך טרייסט ער זיך, אַז ווען ער וועט האָבען אַ גרעסערען איינפלוס אויפ'ן טראָהן, וועט ער אַלעס מאַכען אַנדערש, ער וועט פיהרען אַ גאַנץ אַנדערע פּאָליטיק, אינגאַנצען רעפאָרמירען די אַרמעע, אָבער דאָך צוערשט מוז ער אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד אין לאַנד יהודה. גאָרגיאַס איז בעגאַנגען דעם דאָזיגען פעהלער, וואָס ער האָט מיט זיין פערהעלטניסמעסיג גרויסער אַרמעע נישט געפיהרט די שלאַכט אויף איין אָרט, נור געקעמפט אין פיעל פונקטען פון פראָנט. דעריבער האָבען די העברעער איהם געקאָנט לייכט בעזיגען. אָבער ער, ליזיאַס, וועט פיהרען גאָר אַנ'אַנדערע סטראַטעגיק — קאָנצענטרירען אַלע כחות אויף איין אָרט. פארלויפיג וועט ער זיך איצט נישט נאָכיאָגען נאָך די רעוואָלוציענערען, נור באַלד מאָרגען וועט ער אריין קיין ירושלים. קודם-כל זאָל ער האָבען אַ זיכערען צענטראַל-שטיץ-פונקט פאַר זיין אַרמעע און ביסלעכווייז וועט ער שוין בעהערשען דעם בעריהמטען „מכבי” אויך.

ליזיאַס איז געוועזען אַזוי פערקלערט, אַז ער האָט אָנגעפאַנגס נישט בעמערקט, ווי ס'איז צוגעריטען פאַר'ן געצעלט אַ רייטער-אָפיציר אין גאַנצען איינגענעצט פון רעגען, אַז דאָס וואַסער איז געריגען פון זיינע קליידער. ער איז גראַציעז אַראָבגעשפּרונגען פון פערד, מיט הכנעה זיך פערנויגט, אַוועקגעשטעלט זיך פאַר ליזיאַס'ן גלייך, מיליטעריש און האָט אויסגערופען:

— זיי בעגריסט, געטליכער פעלדהערר!

ליזיאַס'עס פערקנייטשטער שטערן האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט, אויף זיינע ליפּען האָט זיך ווידער בעוויזען דאָס געמאַכטע שמייכעלע און האָט מיט נייגעריקייט געפרעגט:

— וואָס ביזטו עפּעס געוואויר געוואָרען פון די העברעישע באַנדעס, טאַפּפערער אַנדראָניקוס? זעץ דיך ביים פייער, ביזט זעהר אַדורכגענעצט.

ליזיאַס האָט איהם אָנגעוויזען אַן אָרט געבען זיך, אַנדראָניקוס האָט אָבגעטרייסעלט פון זיך דאָס וואַסער, האָט זיך אַנידערגעזעצט און געמאָלדען:

— כ'בין אַרומגעריטען מיט מיינע רייטער ביז הינטער בית-לחם און האָב קיינעם נישט געטראָפען, כ'האָב נור בעמערקט, אַז די איינוואוינער פון לאַנד זענען זעהר איבערגעשראָקען. די העברעישע העלעניסטען האָבען מיר דערצעהלט, אַז „מכבי" מיט זיינע אָבטיילונגען געפינען זיך ווייט אין די בערג יהודה נעבען ים-המלח, נור ווען מיר זענען צוריקגעריטען האָבען מיר בעמערקט, אַז קליינע גרופּעס העבראַישע רייטער בלאָנקען זיך אַרום נאָהנט אונזער לאַגער.

— ביזטו נישט געוואויר געוואָרען, ליבער אַנדראָניקוס, פון וויפיעל מענשען בעשטעהן זייערע באַנדעס?

— לויט ווי מאַנכע העלעניסטען האָבען מיך אינפאָרמירט זאָלען זיי שוין האָבען צעהן טויזענד מאַן גוט בעוואָפענטע סאָלדאַטען.

ליזיאַס'עס ברייטער שטערן האָט זיך ווידער פערקנייטש און אַ טריבער וואָלקען האָט בעדעקט זיין אַריסטאָקראַטיש פנים. אַנדראָניקוס האָט זיך אויפגעשטעלט פון פייער צום אַוועגעהן, ס'האָט זיך געטראָגען אַ געדיכטע פאַרע פון זיינע נאַסע מלבושים און אַם ענדע האָט ער נאָך צוגעגעבען:

— און יאָ... כ'האָב פערגעסען צו מעלדען אייער האָהייט, די רייטער מיינע האָבען נישט ווייט פון דאַנען געכאַפּט עפּעס אַנ'אַלטען הינקענדיגען בעטלער, די העלעניסטען

זאָגען אויף איהם, דאָס ער איז אַ שפּיאָן פון די העברעער. וואָס זאָל מען מיט איהם טהון?

— ברענגט איהם שוין אַהער! גיי איהם וועל איך אַלעס געוואויר ווערען — האָט ליזיאַס אויסגערופען אַנ'אויפגעקאָכטער.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, אַנדראָניקוס איז צוריקגעקומען. צוויי סאָלדאַטען פון די רייטער האָבען געפיהרט דעם אַלטען שמעון-הפרסי, די הענד אַרינטערגעבונדען און אָהן זיין קוליע האָט ער נאָך שטאַרקער געהינקט. ווען ער האָט נישט געקאָנט נאָכפאָלגען נאָך די האַסטיגע טריט פון די סאָלדאַטען, האָט איהם איין סאָלדאַט אַ שטויס געטהון מיט דער שטוהל פון שפּיעז, אַז דער אַלטער האָט זיך אינגאנצן פערוויגט אין גאַנג און האָט נור אַרויסגעגעבען אַ משונה'דיגען קרעכץ. ער איז געבליבען ליגען פאַר ליזיאַס'ן צוזאַמענגעקאָרטשעט, געפרוירען, געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. ליזיאַס האָט איהם שטרענג אַ פרעג געטהון:

— וואָס שלעפּסטו זיך אַרום, דו אַלטער הונד, נעבען מיין אַרמעע?

— כ'בין אַ־אַלטער בעטלער... — האָט שמעון-הפרסי קוים אַרויסגעשטאַמעלט.

— מען זאָגט אויף דיר, אַז די ביזט „מכבי'ס" אַ שפּיאָן?

— גלויב נישט, הויכער פעלדהער, כ'בין אַן אָרימער קאַליקע, כ'פערדיען אַ שטיקעל ברויט שפּילענדיג אויף דער לירע...

— זאָג-זשע מיר, וואו געפינט זיך אייער „מכבי" מיט זיינע באַנדעס? — האָט ליזיאַס פּלוצלונג אַ פרעג געטהון.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען? איך זוך נור אַ שטיקעל ברויט צו שטילען דעם הונגער, — האָט שמעון קוים אַרויסגערעדט מיט אַ וויינענדיג קול.

ליזיאַס האָט זיך גוט איינגעקוקט אין בעטלערס פערריסטען פנים און אין זיינע גרויסע קלוגע אויגען האָט זיך אָנ-

געצינדען אַ פייערל פון פרייד. ער האָט מיט טריאומף אויס־ געראָפען:

— איך דערקאָן דיך, אַלטער פוקס... געדענקסט, דו האָסט געזינגען קריעגס־ראַפּסאָדיעס אין קעניגליכען הויף אין אַנטיאָכיען?...

— ווער?... ווען?...

— מאַך דיך נישט תמ׳עוואַטע, דו אַלטער פוקס! איך דער־ קאָן דיך אָן דיין רויטען פנים, אָן דער בליזנע אויף דער באַק. אָ, דו ביזט אַ געפעהרליכער פויגעל!

און ליזיאַס האָט זיך גלייך געווענדעט צום אָפיציר פון די רייטער:

— נעם דעם כיטרען פוקס אונטער דיינע פליגעל, נור זאָלסט איהם גוט אָבהיטען!... היינט בין איך זעהר מיעד פון וועג, מאָרגען וועט ער מיר שוין אַלעס דערצעהלען... איך וועל איהם אָנלערנען! די הויט וועל איך אָבשינדען פון זיינע אַלטע ביינער!...

שמעון־הפרסי האָט אַ ציטער געטהון מיט׳ן גאַנצען קער־ פער, זיין פנים האָט זיך נאָך מעהר אויסגעקרומט פון צער; איהם איז נישט געגאַנגען אין זיין אַלטען לעבען, ער האָט עס שוין מיאש געווען, ער האָט גוט געוואוסט, אַז זיין לעבען איז שוין פערפאַלען און האָט זיך יעדע מינוט גערעכט אויפ׳ן טויט. דער אַלטער האָט נאָר בעדויערט אין הארצען, וואָס ער קאָן נישט איבערגעבען יהודה׳ן די וויכטיגע ידיעות, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט פון שונא׳ס אַרמעע.

די צוויי גריכען האָבען אָנגענומען שמעון הפרסי, איהם אַוועקגעפיהרט אין זייער לאַגער און זיי זענען געוואָרען ווי פערלוירען אין דעם גרויליכען רעגען־נעפעל פון טונקעלען בין־השמשות.

אַרום האַלבער נאַכט איז געוואָרען אין ליזיאַס׳עס לאַגער אַ מהומה און אַ גערודער, די סיגנאַלען פון טראַמפייטען האָבען געשאַלט, די עלטסטע האָבען געשריהען. ביים שיין פון פאַקעלן האָט מען געזאָטעלט פערד, געשפּאַנט וועגען, געשנו־ רעוועט די פאַנצערס און אויסגעשטעלט אויף דערגיך די קריגס־

רייהען; ווארים די צושטעלטע וואַכען זענען געקומען צו לויפען מיט אַ בהלה, אַז די העברעער האָבען זיך בעוויזען אין אַלע זייטען פון לאַגער. ליזיאס זעלבסט האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז אַרומגעריטען אויף זיין ווייסען פערד ווי צוטומעלט, ווייל ער האָט נישט געוואוסט פון וועלכער זייט די העברעער גרייפען אָן. אין דער פינסטערניש האָט זיך אין לאַגער אַלץ אויסגעמישט אָהן אָרדנונג; מענשען מיט פערד, געפּאַנצערטע רייטער מיט געשפּאַנטע וועגען, אָקסען מיט העלפאַנטען. אין לאַגער האָט געהערשט אַ כאַאָס פון פערשידענע קולות, סאָלדאַטען האָבען געשריהען, די עלטסטע האָבען געזידעלט, די פערד האָבען געהירזשעט, די העלפאַנטען האָבען מורא'דיג געברומט און די אַלאַרם-סיגנאַלען פון די טראָמפּייטען האָבען געהילכט אין אַלע עקען לאַגער.

עזריה מיט איינעגע „פלוגות" געפּאַנצערטע „מכבים" האָבען זיך אומגעריכט אַריינגעריסען פון הינטען אין לאַגער פון די גריכן און האָבען דאָרט פערדאָפּעלט די בהלה. מיט זייער בעקאַנטען דעוויז: „מות-ליונים!" זענען זיי אַריינגעדרינגען צווישען די איבערגעשראָקענע מחנות ווי בייזע רוחות, זיי האָבען געהאַקט, געטרעטען, געבראָכען און פערניכטעט אַלעס אויפ'ן וועג. אלעזר-החורני מיט דן'ען, אבטליון מיט זיינע צוויי זיהן און נאָך אַנדערע „מכבים" האָבען אָנגעטראָפען אויף אַ רייהע געצעלטען, ביי וועלכע אַ גרופּע גריכישע רייטער האָבען געזאָטעלט די פערד און זיך אָנגעהויבען אויסשטעלען אין קריעגס-אָרדנונג. עמיצער פון די העברעער האָט אונטערגעצינדען איינעגע געצעלטען און וועגען. אַ רויטער פלאַם האָט בעגאָסען מיט אַ מורא'דיגען שיין אַ שטיק פון לאַגער און אונזערע בעקאַנטע העלדען זענען אַרויפגעפאַלען אויף די גרופּע איבערגעשראָקענע גריכען ווי אָדלערס אויף אַ סטאַדע פויגעל. אלעזר'ס לאַנגע שווערד האָט געבליצט מיט פייערדיגע זיגזאַגען אַנטקעגען דעם רויטען פלאַם און דן'ס שרעקליכע „פיילעכל" האָט נור משונה'דיק געסווישטשעט אין דער לופט. אַבטליון מיט די זיהן האָבן אויך גאַר וואונדער בעוויזען מיט

זייערע שווערדען, אַז אין פערלויף פון אַ קליינע ווײַלע איז נור געבליבען ליגען אויף דעם אָרט אַ קופּע מענשליכע און פערדישע קערפּערס און די איבערגעבליבענע רייטער זענען זיך צולאָפען אין אַלע זייטען איבער'ן לאַגער.

אין מיטען דעם טומעל איז פון איין געצעלט אַרויסגעלאָפען שמעון-הפרסי, די הענד אַרונטערגעבונדען און מיט אַן אויפגעפלאַמט פּנים האָט ער הויך געשריהען:

— האַקט זיי גוט די מערדער, פאַר מײַנע פּיין און יסורים!... חברים, נעמט אייך לינקס, ס'שטעהט דאָרט אַ רייך געצעלט אויף וועלכען עס פלאַטערט אַ גרויסער פאָהן, דאָרטען קאָנט איהר אָנטרעפען ליזיאס'ן זעלבסט!

דער אַלטער אבטליון איז דער ערשטער צוגעריטען צו שמעון-הפרסי און מיט דער שווערד איבערגעשניטען די שטריק אויף די הענד, מ'האָט איהם גלייך אויפגעזעצט אויף אַ פערד און אַ גאַנצע אָבטיילונג „מכבים" מיט אבטליון'ען און דן'ען אונטער דער אָנפירונג פון אליעזר החורני, האָבען זיך געלאָזט מיט שמעון-הפרסי אויפצוזוכען ליזיאס'ן. אָבער זיי האָבען איהם נישט געפינען, ליזיאס איז שוין לאַנג אַרומגעריטען איבער'ן לאַגער און געפאַרמירט די צעמישטע אָבטיילונגען צום שלאַכט.

פון דער צווייטער זייט לאַגער איז ווידער אָנגעקומען יהודה זעלבסט מיט'ן „גדוד הברזל", וועלכע האָבען זיך אויך אין דער פינסטערניש אַריינגעשניטען מיט געדיכטע רייהען צווישען די גריכישע איבערגעשראָקענע מחנות, ווי אַ כוואַליע פון שטורעמדיגען ים, וואָס פערפלייצט אַלעס אויפ'ן וועג. די צעמישונג צווישען די גריכען איז פון צייט צו צייט געשטיגען, זיי האָבען נישט געוואוסט פון וועלכער זייט צו קעמפען. מאַנכע אָבטיילונגען, וועלכע ליזיאס האָט אַרויסגעשיקט אַנטקעגען דעם שונא, האָבען אין דער פינסטערניש אָנגעטראָפען אויף זייערע אַ צווייטע אָבטיילונג און מיינענדיג, אַז דאָס זענען העברעער, האָבען זיי געפיהרט צווישענאַנאַנדער אַ רעגעלמעסיגע מלחמה. ס'איז געפאַלען הרוגים מיט פערוואונדעטע און יעדעס מאָל איז געוואָרען צווישען זיי די מהומה גרעסער.

ווען ס'איז געוואָרען טאָג האָט שוין יהודה געהאַט אַרויסגעצויגען זיינע אָבטיילונגען פון ליזיאַס'עס לאַגער אַרויס און די גאַנצע אַרמעע זיינע איז געשטאַנען גרייט צום שלאַכט. ליזיאַס האָט אויך ווי ווייט מעגליך ס'איז געווען, אויסגעפאָרמירט זיינע צעשעדיגטע אָבטיילונגען, וועלכע האָבען פיעל געליטען פון דעם אָנפאַל ביינאַכט. פיעל סאָלדאַטען זענען געוואָרען דער'הרג'ט, פיעל זענען זיך צולאָפען מיט שרעק אין די נאָענטע בערג, אָבער פון די איבערגעבליבענע וועלכע זענען נאָך אויך געווען אין אַ פיעל גרעסערער צאָהל פאַר די העברעער, האָט ליזיאַס אויסגעשטעלט צום קריעג און ס'האָט זיך ערשט ענטוויקעלט צווישען ביידע אַרמעען אַ גוואַלדיגע שלאַכט. דער קאַמף איז געווען אַ שרעקליכער, ווייל ליזיאַס האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כחות דורכאויס צו בעזיגען, ווי ער האָט גערופען די „באַרבאַרישע באַנדעס" העברעער. די מלחמה האָט געדויערט ביז מיטאָג, פון ביידע זייטען זענען געפאַלען גאַנצע קופּעס הרוגים און פערוואונדעטע, דאָס בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענווייז. ענדליך האָבען זיך אָבער די שטאַרקע גריכישע רייהען אָנגעהויבען צו ברעכען, דאָס געדינגענע מיליטער האָט דאָס מאָל אויך נישט געקאָנט אויסהאַלטען דעם געוואַלדיגען שטורם פון די העברעאישע צוקאָכטע אָבטיילונגען, וועלכע האָבען געקעמפט מיט פערצווייפלונג ווי צערייצטע לייבען און די גרויסע גריכישע מחנות מיליטער האָבען אָנגעהויבען אין טויט-שרעק צו אַנטלויפען.

ליזיאַס, זעהענדיג ווי די העברעער קעמפען ווי גרויסע העלדען פעראַכטענדיג דעם טויט, האָט ער נישט געוואַרט ביז זיין אַרמעע וועט האָבען אַ פולקאָמע מפּלה, נור ער האָט ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צוריקציהען זיינע צעשעדיגטע אָבטיילונגען, און ווי אַ געניאַלער אָנפיהרער איז ער סיסטעמאַטיש אָבגעטרעטען מיט דעם אַרויסגעראַטעוועטען, בעזיעגטען מיליטער. ליזיאַס האָט זיך געטרייסט אין האַרצען, אַז ס'וועט קומען אַ מעהר גינסטיגע צייט, ער וועט קאָנען צוזאַמענשטעלן אַ גרויסע גוט

אויסגערוהטע אַרמעע, וועט איהם שפּעטער געוויס זיך איינגעבען צוריק איינצונעמען דאָס לאַנד יהודה.

די העברעער האָבען פערנומען דאָס שלאַכטפעלד און פיעל רויב; בהמות, געוועהר, קליידער, געצעלטען, מיט אַ גרויס רייכטום אין גאָלד און זילבער. דער שטאָלצער ליזיאַס מיט זיינע מעכטיגע קריגס-אָבטיילונגען זענען אָבגעטראָטען מיט שאַנד און שפּאָט, צעשעדיגטע, נידערגעשלאָגענע, פאַר די „באַרבאַ-רישע באַנדעס" ווי זיי האָבען אָנגערופען די העברעער, און די לעצטע האָבען זיי נאָכגעיאָגט מיט טריאומפס-אויסגעשרייען. עזריה מיט די געפּאַנצערטע „מכבים" האָבען זיי נאָך פאַרפאָלגט ביז צו דער גרענעץ פון לאַנד פלשתים.

XI

די צוויי גלענצענדע נצחונות נעבען עמאַוס און בית-צור האָבען נאָכמעהר דערהויבען דעם נאָמען פון יהודה-המכבי אין די אויגען פון גאַנצען יודישען פאָלק, ווי אויך צווישען אַלע אַרומיגע פעלקער און גלייכצייטיג מעהר פערשטאַרקט דעם מוטה ביי די-טאַפּפערע פרייהייטס-קעמפּפער. ווייל אָנפאַנגס האָט קיינער נישט געגלויבט, אַז דאָס שוואַכע אויסגעמאַטערטע פאָלק, וועלכעס איז געוועזען פעראורטיילט דורך אַנטיוכוס'ן צו ווערען פערטיליגט פון דער וועלט, — זאָל זיך קענען דערהויבען צו אַ פרייער אונאָבהענגיגקייט.

איצט נאָך דער לעצטער מפלה פון ליזיאַס'עס אַרמעע, איז שוין יהודה-המכבי געוועזען זיכער אויף אַ לענגערע צייט, אַז די סעלעוקידער וועלען זיך נישט אומקעהרען איינצונעמען דאָס לאַנד יהודה. וואָרום ער האָט בעקומען ידיעות פון די העברעאישע איינוואוינער אין אַנטיוכיען, אַז אויך אין די מזרח-לענדער אויף יענער זייט עאופראַט, האָבען אַנטיוכוס'עס מלחמות נישט קיין ערפאָ/ג. זאָגאַר אין דער שטאָדט אַנטיוכיען איז אויך נישט רוהיג. דעם קעניגס פערטרעטער אין לאַנד, ליזיאַס, האָט אויף זיך געגנער פון פּולופאַסעס אָנהענגער. אויסער דעם איז דער קעניגליכער אוצר לעדיג, עס פעהלט אויס פאַר'ן קעניגליכען הויף, פאַר די בעאַמטע, דאָס מיליטער בעקומט נישט אויסבעצאָהלט קיין געהאַלט. דעריבער האָט איצט יהודה בעשלאָסען צו פאַרווירקליכען זיין לענגסטיגען טרוים, אָבצורייניגען דעם בית-המקדש פון די גריכישע געצען.

נאָכ'ן לעצטען נצחון נעבען בית-צור, איז יהודה מיט זיין אַרמעע אין פולען פּאַראַד אַריינגעקומען קיין ירושלים, וואו די אָרטיגע איינוואוינער האָבען גלייך געעפענט די טויערן פון שטאָדט און אויפגענומען איהם מיט בעגייסטערטע טריאומפס-אויסגעשרייהען און מיט טרערען פון פרייד אין די אויגען. נור פאַר די איבערגעגעבענע פרייהייסט-קעמפער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דער הייליגער שטאָדט אַ שרעקליך טרויעריג בילד; ירושלים איז געוועזען פערוויסט, כמעט אין גאַנצען לעער. וואָרום די פרומע רייכערע איינוואוינער זענען שוין פון לאַנג געהאַט אַנטלאָפען, וואו איינער האָט געקאָנט. דער כהן-גדול מענעלאַאוס מימ די העלעניסטען און די רעשט פערבליבענע גריכען, האָבען זיך פאַר יהודה'ס אַריינקומען איבערגעקליבען אין דער פעסטונג „אַקראָ" און זיך בעפעסטיגט אין איהרע ריזיגע מויערן. ס'איז נור פערבליבען די אָרימע בעפעלקערונג, וועלכע האָט אַרומגעשלייכט ווי שאָטענס, נידערגעשלאָגען, אויסגעהונגערט, אין די וויסטע גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט. ענדליך ווען זיי האָבען דערזעהן די העלדישע חשמונאים מיט'ן זיגערישען מיליטער און פולען גלאַנץ פון נצחון, איז צו זייער פרייד נישט געוועזען קיין גרעניץ. ס'האָבען זיך געפינען צווישען זיי אַזעלכע, וואָס זענען געפאַלען מיט די פנימ'ער אויף דער ערד און געשריהען פון גרויס התפעלות, מאַנכע האָבען זיך אַזש ביטערלעך צעוויינט...

נאָך מעהר שודערליך האָט זיך פאָרגעשטעלט דער אַלגעמיינער אָנבליק פון „הר-הבית", דעם באַרג פון בית-המקדש. די טויערן זענען געוועזען פערברענט, די האַלעס אַרום די „תאים" צערשטערט און צובראָכען...

פון דעם דאָזיגען פיינליך-טרויעריגען בילד האָבען אַלע העלדען מיט-פערביטערונג אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליך געוויין.

יהודה האָט זיך אָבער נישט געלאָזט לאַנג בעהערשען פון דעם טרויער-געפיהל און האָט זיך גענומען גלייך צו ברענגען אין אָרדנונג דעם בית-המקדש. באַלד צום ערשטען האָט מען צערשטערט און פערניכטעט די אַלע אומווירדיגע בילדער און מזבחות, וואָס די גריכן האָבען אויפגעשטעלט. פון דעם פער-

צונעמען גאָלד נאָך דער שלאַכט ביי עמאאוס האָט יהודה געלאָזט מאַכען נייע כלים אין בית-המקדש אַריין, אויפן אָרט פון די גאָלדענע, וואָס דער פּערדעטער פון פאָלק, דער פאַלשער כהן-גדול מענעלאאוס האָט געהאַט אַרויסגעגעבען אנטיוכוס'ן פאַר זיין בעשטעטיגען איהם אַלס כהן-גדול אין ירושלים. דריי וואָכען דורכאַנאַנד האָט געדויערט די אַרבייט אָבצורייניגען און צוריק איינאָרדנען איינסטנייט דעם בית-המקדש.

נאָך דער אַרבייט האָט מען אין גאַנץ יהודה געפייערט דעם יום-טוב „חנוכה", דאָס בעניייען פון בית-המקדש.

פאָרלויפיג איז איצט דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרען אָב-גערייניגט פון די גריכען, אויסער אין מאַנכע בעפעסטיגטע שטעדט האָבען זיך נאָך געפינען זייערע קליינע אבטיילונגען. אויך אין ירושלים זענען נאָך פערבליבען מענעלאאוס מיט זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבען געפונען אַ שוץ אין די ריזיגע מויערן פון דער שטאַרקער פעסטונג „אקרא", וואו מ'האָט זיי נישט געקאָנט בעזיעגען. אין ירושלים איז נאָך געבליבען די איינ-ציגע כנופיא פון די פאָלקס-פערדעטער אין די הויכע מויערן פון דער פעסטונג, וועלכע האָבען מורא'דיג אַראָבגעקוקט און געוואָרפען אַנ'אימה אויף די הייליגע אויפגעלעבטע שטאָדט.

די דאָזיגע פעסטונג איז געוואָרען אויסגעבויט נאָך אין די צייטען פון נחמיה, וועלכער איז געקומען פון בבל. ער האָט אויסגעבויט די פעסטונג אויף אַ באַרג אין צפון-מעריב זייט פון „הר-הבית", צו שוצען דעם בית-המקדש פון אַנ'אָנפאַל. דער כהן-גדול שמעון-הצדיק האָט די פעסטונג איבערגעבויט און אין די שפעטערע צייטען פאַרן'ן כהן-גדול שמעון דעם צווייטען, ווען אנטיוכוס דער גרויסער האָט איינגענומען ירושלים, האָבען די גריכען צוגעבויט נאָך שטאַרקערע מויערן מיט הויכע ריזיגע טורעמס און זיי האָבען איהר אַנאָמען געגעבען „אקראָפּאָליס", וואָס איז מיט דער צייט געוואָרען פערקירצט אויף „אקרא". דאָרט פלעגען האָבען די גריכען זייער דעספאָ-טישען נעסט, פון וואַנען זיי האָבען געוואָרפען אַנ'אימה אויף די שטאָט ירושלים, ווי אויך אויפן גאַנצען לאַנד יהודה.

במשך דער גאַנצער צייט פון אָברייניגען און פייערען דעם „חנוכת-הבית", האָט יהודה אָוועקגעשטעלט אַ מיליטערישע וואַך אַרום דעם בית-המקדש און שפּעטער האָט מען אויסגעבויט פעסטע מויערן מיט טורעמס אַרום דעם גאַנצען „הר-הבית".

צו דעם אילומינאַציאָנס יום-טוב „חנוכה", זענען זיך צונויפגעקומען קיין ירושלים פּ"על איינוואוינער פון גאַנץ ארץ-ישראל און מ'האָט געפייערט דעם יום-טוב פון בעזיגען דעם שונא מיט גרויס בעגייסטערונג און פרייד. אין אַלע הייזער פון דער שטאָדט, ווי אויך אויף די דעכער האָט מען אָנגעצינדען ליכט, אַז גאַנץ ירושלים האָט אויסגעזעהען, ווי פערפלייצט מיט אַ ים פון ליכטיגקייט.

אין די קרייזען פון די כהנים מיט די פרושים, האָט מען דערצעהלט פון גאָר אַ בעזונדערן נס, וואָס איז געשעהען ביים צוריקשטעלען די עבודה אין בית-המקדש. און נעמליך: יעדעס מאָל ווען מ'האָט בעדאַרפט בוימאייל אָנצוצינדען ליכט אין דער מנורה, — האָט מען דאָס געמוזט ספּעציעל צוגרייטען און עס האָט געדויערט אַמוועניגסטענס אַכט טעג. און יעצט נאָכ'ן בענייען דעם בית-המקדש, האָט מען געפינען נור איין קריגעלע בוימאייל, וואָס איז געוועזען פערזיגעלט מיט דער חתימה פון דעם פריהערדיגען כהן-גדול, ישוע, און עס האָט געקענט קלעקען אויף צו בעלויכטען די מנורה איין נאַכט. אָבער דאָ איז געשעהען אַ נס: דאָס איינע קריגעלע בוימאייל האָט געקלעקט אויף גאַנצע אַכט טעג כסדר צו בעלויכטן, ביז וואַנען מ'האָט צוגעגרייט פרישען ריינעם בוימאייל.

גאַנצע אַכט טעג דורכאַנאַנד האָבען די פערזאַמעלטע העברעער געפייערט דעם „חנוכה". די ברידער-השמונאָים און די סנהדרין, וועלכע מ'האָט אויך גערופען „בית דין הגדול" האָבען בעשלאָסען, אַז אויך אין דער צוקונפט זאָל מען יעדעם יאָהר פון פינפאונצוואַנציגסטען כסלו, אַכט טעג כסדר פייערען דעם נס חנוכה אין אָנצינדען ליכט אין אַלע יודישע הייזער, צוליב דעם האָט מען דעם יום-טוב גערופען אויך „חג-האורים" — דער יום-טוב פון ליכט.

דער ענטוזיאַזם פון די העברעער, ווען זיי האָבען דער־שפירט די אין זיך פרייהייט אין ווען ס'איז געוואָרען בעגייט זייער בעליעבטער בית־המקדש, איז גאָרנישט צו בעשרייבען. דאָס איז נישט געוועזען בלויז אַ געוועגליכער אַקט פון פרומקייש און אַנ'אויסדרוק פון רעליגיעזען עקסטאַז, נור עס איז געוועזען אַ נאַטירליכע לעבענסלוסטיגע פרייד פון אַ לעבעדיג פאָלק, וועלכעס האָט אין זיך דערשפירט דעם מוטה און די קראַפט פון אַ געזונד פריי פאָלק!

דעם אַכטען טאָג חנוכּה פאַרנאַכט האָט זיך פאַרזאַמעלט אויפן באַרג ציון אַ גרויסער המון מענשען, אַלטע לייט, פרויען און קינדער. אויך זענען געוועזען די סנהדרין מיט די כּהנים און געלעהרטע פּרושים, אַלע יום־טוב'דיג געקליידט, מיט פרעה־ליכע, שטראַהלענדע פּנים'ער. די גאַס וואָס פיהרט צום „הר־הבית" איז פערפלייצט מיט אַ גרויסע מענגע מענשען. פיעל פון זיי האָבען אַרויפגעקלעטערט אויף די הייזער, אויף די מויערן און מיט אַ שפּאַנענדער נייגיריגקייט האָט מען געוואַרט אויף דעם חתונה־צוג, וואָס דאַרף דאָ דורכגעהן, ווארום דער באַליבטער פאָלקס־העלד יהודה המכּבּי געהט איצט צו דער חופּה מיט זיין געליבטער תּמר.

ענדליך איז דער חתונה־צוג אָנגעקומען. צוערשט איז גע־ריטען אַ מיליטערישע עהרען־וואַך — עזריה מיט איינגע גרעסע־רע אָנפירער אין דער שפּיץ פון אַ קליינער אָבטיילונג בערימ־טע „מכּבּים", געקליידט אין פולען קריגס־אָררנונג. די גלאַנציגע אייזערנע פאַנצערס מיט קרענץ פעשידענפאַרביגע בלומען אויף די מעשענע העלמען, ווי אויך די בלאַנקע שווערדען אין די הענד, האָבען געשימערירט אַנטקעגען דער נידריגער זון.

די פאָהן מיט די גרויסע אותיות מ. כּ. ב. י. האָט מאַ־יעסטעטיש געפלאַטערט איבער זייערע קעפּ. נאָך זיי איז גע־גאַנגען אַן אָרקעסטער פון פלייטן, פייפערלעך, צימבלען, פויקען מיט מעשענע טאַצען, וועלכע האָבען הילכיג צוגעקלאַפּט צום טאַקס.

יהודה איז געגאַנגען שטאָלץ, מיט לייכטע טריט. זיין הויכע פּרעכטיגע פיגור האָט אַרויסגעשיינט פון צווישען די בע־

גלייטער, ווי אַ הויכע טייטעל־פּאַלמע אין גאָרטען. דאָס אַריס־טאָקראַטיש שעהן פּנים האָט געלויכטען און איבער זיינע ברייטע אַקסלען זענען געווען צעשפּרייט די שוואַרצע, ווי אָניקס, לאָקען, וועלכע האָבען זיך וואונדערליך געשלענגעלט אויף דעם לייכטען פּורפּור מאַנטעל, וואָס ער האָט געטראָגען.

נעבען יהודה׳ן זענען געגאַנגען זיינע בעשיידענע פריינד, וועלכע האָבען פון אָנהויב אָן מיטגעמאַכט מיט איהם אַלע געפעהרליכע מלחמות אין די בלוטיגע צייטען. צווישען די אַלע פריינד האָבען זיך געפינען אויך דער אַלטער פישער אלעזר, וועלכער האָט תּמר׳ן אַזוי פיל מאָל אַרויסגעראַטעוועט אין געפעהרליכע מאָמענטען, און יוסף־המרומי מיט וועמען יהודה האָט זיך צוזאַמען אַרומגעוואַלגערט נאָך אין די ערשטע צייטען אין די וועלדער, היילען און זיי האָבען געפאָרמירט אָבטיילונגען פּאַרטיזאַנער צו פיהרען דעם הייליגען קאַמף מיט די גריכען.

די כּלה האָבען געפירט אַלע אָנגעזעהענע פרויען און מיידלעך פון ירושלים. תּמר האָט געטראָגען אויף זיך אַ לאַנג ווייס זיידען קלייד, מיט אַ ברייטען בלויען שאַרף אַריבערגעוואָרפען איבער׳ן אָרעם, פערשלייפט פון הונטען מיט צוויי לאַנגע עקען, מיט וועלכע דער ווינד האָט געפאָכעט און ס׳האָט אויסגעזעהען, ווי צוויי בלויע פליגלען בעוועגען זיך. לויט דעם טראַדיציאָנעלען מנהג פון יענער צייט, זענען איהר בלאָנדע לאָקען געווען אויפגעדעקט און האָבען זיך צעשפּרייט איבער איהר מאַרמאָר־האַלז און איבער די געטאָקטע אַקסלען, ווי גאָלדענע שלאַנגען. נור אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ לייכטען שלייער פון פערשידענפאַרביגע בענדער בעפּוצט מיט איהרע געליעבטע ווייסע בלומלען. אַזאַ שלייער האָט זיך גערופען ביי די העברעער „הינומה.”

תּמר׳ס שען פּנים האָט געשטראַהלט און געלויכטען פון גליק. ס׳איז דערויף געווען אויסגעגאָסען אַ שעמעוודיג־צניעות׳דיגער חן. זי האָט אַרויסגעשיינט פון צווישען איהרע הבר׳טעס, ווי אַ ווייסע שלאַנקע ליליע פון אַ שטרויס בלומען און איהר גאַנץ וועזען האָט אויסגעזעהען ווי נישט ערדישעס, גליין ווי

ס׳וואָלט אַראָבגעפלויגען פון פאַר׳ן כסא-הכבוד איינער פון די כרובים, צו בעטייליגען זיך אין דער אימפּאָזאַנטער פייערונג פון בעפרייטען פאָלק.

אויפ׳ן „הר-הבית“ איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי לאַנגע שורות דער „גדודי-הברזל“, געקליידט אין פולען פּאַראַד, וועלכער האָט געהאַלטען א וואַך און געמאַכט א וועג פאַר דעם חתונה-צוג.

פאַר׳ן בית-המקדש זענען געוועזען אויסגעשטעלט אין א האַלב-ראָד די סנהדרין מיט די כהנים, וועלכע האָבען אונטער-געהאַלטען צוויי פּראַכטפולע חופות, בעפוצט מיט בלומען און קרענץ. אונטער איינער פון די חופות האָט מען אַרונטערגעפיהרט דעם חתן מיט דער כלה און דער גרייז-גרויער רבן-גמליאל איז אַרויסגעטרעטען אַלס מסדר-קידושין. אין די לעצטע צייטען האָט זיך דער אַלטער תלמיד-חכם שטאַרק געענדערט. פון די שווערע איבערלעבענישען פונ׳ם יודישען פאָלק, האָט זיין געזונד פיעל געליטען; זיינע ווייסע הענד האָבען שוין שטאַרק געציטערט, דער הויכער, ווייסער שטערען איז געוואָרען נאָך מעהר גערינצעלט.

אָבער איצט ביי דער ערהאַבענער פייערונג, האָט זיין אַלט בלייך פנים אויפגעלויכטען מיט א געטליך פייער און זיינע מאַטע אויגען פון אונטער די גרויע ברעמען האָבען זיך יעדעס מאָל געהויבען צום הימעל מיט א פרומען בעגייסטערטען בליק.

בעת דער צערעמאָניע איז תמר געשטאַנען אונטער דער חופה אין א שטילער, בעגייסטערטער שטימונג. זי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען שעמעוודיגע בליקען, — בליקען פון ליבשאַפט און עהרע צו איהר פערגעטערטען חתן...

אָבער פלוצלינג איז איבער תמר׳ס שיינענדען פנים א דורכגעפלויגען א טריבער אומעט און ס׳איז געוואָרען אויף א קליינע ווילע פערכמארעט, גלייך ווי אין א הייטערען פרילונגס-מאָרגען, ווען דער ווינד טראָגט א דורך איבערן אויסגעלייטערטען בלויען הימעל אַן׳אָבגעריסענעם שטיק וואָלקען פון א פערגאַנגענער כמאַרע און דאַן ווערט די לויטערע זון אויף א מינוט פער-טונקעלט...

תמר האָט נישט ווילענדיג אויפגעהויבען די אויגען און איהר בליק איז געפאַלען אויף די מויערן פון דער פעסטונג „אַקראַ". צווישען די אַלע נייגיעריגע פּנימער, וואָס האָבען אַראָבגעקוקט פון ריזיגען טורם אויף דער פרעהליכער פייערונג פון די העברעער, האָט תמר אויך דערקענט דאָס בלייכע פּנים פון יוחנן־הגלילי...

באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ צווייטער התונה־צוג, מ'האָט געפיהרט צו דער חופה אויף דעם בעליבטען ביים גאַנצען מיליטער, גבור, אונזער בעקאַנטען דן'ען מיט זיין כלה קציעה. דן איז געשטאַנען אונטער דער חופה יום־טוב'דיג. זיינע ריזיגע אַקסלען זענען געוועזען אויסגעגלייכט און דער הויך, דער קאָפּ מיט דעם ברייטען שמייכעלדיגען פּנים האָט זיך ערהויבען פון צווישען דעם ים מענשען־קעפּ, ווי אַ שפּיץ פעלז פון צווישען די כוואַליעס אויפ'ן ים. מיט זיינע נאַאיווע אויגען האָט ער זיך איינגעגעסען און קציעה'ס קלאַסישען פּנים, וואָס האָט אַרויס־געשיינט פון אונטער דעם פערשידענפאַרביגען שלייער. קציעה האָט זיך שטילשווייגענד צו איהם צוגעטוליעט, ווי אַ הויכע שלאַנקע סאָסנע צו אַ ריזיגען צעדער, וועלכע וואַקסען זיך צו־זאַמען אויפ'ן באַרג לבנון.

צוריקוועגס פון דער חופה האָט דער אָרקעסטער ווידער געשפּילט, אָבער די פרעהליכע מוזיק איז געוואָרען פערטויבט דורך אַ הילכיגען טריאומפס אויסגעשריי פון דעם טויזענט־קעפּיגען המון, וואָס האָט זיך ברייט צוטראָגען, ווי אַ דונער איבער די גאַסען און מערק־פּלעצער פון ירושלים און האָט זיך אויך אָבגעשלאָגען אן די הויכע אימה'דיגע מויערן פון דער פעסטונג „אַקראַ"...

---

* * *

נאָך אַלע אור־אַלטע פעלקער האָבען געשטעלט מצבות אויף די קברים פון זייערע גבורים, אז זייער אנדענקען זאָל אויף לאַנג נישט פערגעסען ווערען. די אסיריער (אשור) און די כאַלדעער (כשדים) האָבען אויסגעהאַקט אין די פעלזען קאַטאַקאָמבען פאַר זייערע העלדען, די אַלטע עגיפטער האָבען געשטעלט גיגאַנטישע פיראַמידען און קאָלאָסאַל׳ע ספינקסען אויף די קברים פון זייערע גרויסע קעניגען. די גריכען ווידער האָבען אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר אָדער געגאָסען פון בראָנז מעכטיגע סטאַטועןָ, די רוימער האָבען געמויערט אָבעליסקען מיט ריזיגע טריאומפטויערן פאַר זייערע זיגערישע אימפעראַטאָרען. נור דער צאָהן פון דער צייט האָט כמעט אַלץ פערניכטעט און מעהרסטענטייל פון די מאנומענטען זענען שוין געוואָרען פערזינקען אין דעם תהום פון דער אונענדליכער אייביגקייט. זאָגאַר אויף די איבערגעבליבענע וואַרט אויך דער זעלבער גורל, ביסלעכווייז צו ווערען אָבגעמעקט פון דער וועלט.

אָבער די העבראַאישע קינסטלער, — די חכמים, האָבען איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון זייער פאָלק לאַנגדויערענדע דענקמאָלען צום אַנדענקען פון אונזערע איידעלע גבורים — די קליינע חנוכה־ליכטלעך. אָט די דאָזיגע בעשיידענע, צאַנקענדיגע פלעמעלעך, ווערען נאָך לאַנג, לאַנג, דערצעהלען פאַר די קומענדע דורות, די גבורות און דעם הייליגען מסירת־נפש פון די העלדישע חשמונאים, וועלכע האָבען אויפגעשיינט ווי גרויסע שטערען און בעלויכטען אויף אַ לאַנגע צייט מיט אַ העלען שיין דעם פינסטערן האָריזאָנט פון לאַנד יהודה.

נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג שטאָלצירען מיר מיט די דאָזיגע גרויסע העלדען, וואָס האָבען מקריב געווען זייער אייגען לעבען פאַר דער פרייהייט פון פאָלק, און צום בעדויערען, זענען זיי איינציגווייז אויסגעלאָשען געוואָרען מיט גאָלדענע פייערדיגע שפריצען, ווי די לויכטענדע מעטעאָרען אין אַ הייטערער זומער־נאַכט!